STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06613

# MAYNE UNIVERSITETN

Maksim Gorky

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ווילנער פאַרלאַג
ב. קלעצקין.

מאַקסים גאָרקי

# מיינע אוניווערסיטעטן

יידיש א. און מ. זילבורג

ווילנע — 1928
ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין

PRINTED IN POLAND

M. Gorki — „Majne Uniwersitetn"

Drukarnia „Wyd. Wileńskie" B. Kleckina, Wilno

# מײַנע אוניווערסיטעטן

הכּלל איך פֿאַר זיך לערנען אין קאַזאַנער אוניווערסיטעט, — איין קלייניקייט.

דעם געדאַנק וועגן אוניווערסיטעט האָט מיר אַרייַנגעגעבן דער גימנאַזיסט נ. יעווראַינאָוו, אַ ליבער בחור, אַ שיינער פּאַרשוין, מיט ווייך־גלעטנדיקע אויגן פֿון אַ פֿרוי. געוווינט האָט ער אין אַ בוידעם־שטיבל, אין דעם זעלביקן הויז מיט מיר, ער האָט מיך אָפֿט געזען מיט אַ בוך אין האַנט, דאָס האָט אים פֿאַראינטערעסירט. מיר האָבן זיך באַקענט און אינגיכן האָט מיר יעווראַינאָוו אָנגעהויבן איינרעדן, אַז איך פֿאַרמאָג „גאַנץ באַזונדערע פֿעאיקייטן צום לערנען".

— איר זענט, ווי געבוירן צו דינען דער וויסנשאַפֿט, — האָט ער גערעדט, אויפֿטרייסלענדיק פֿיין זיין גריוועַ לאַנגע האָר.

דאַמאָלסט האָב איך נאָך נישט געוווּסט, אַז מ'קאָן דינען דער וויסנשאַפֿט אַפילו אין דער ראָלע פֿון אַ קראָליק, און יעווראַינאָוו האָט מיר אַזוי פֿיין דערוויזן, אַז די אוניווערסיטעטן נויטיקן זיך נאָר אין אַזוינע יונגע־לייט, ווי איך בין. ס'פֿאַרשטייט זיך, אַז מ'האָט דערביי מטריח געווען פֿון קבר מיכאַאיל לאָמאָנאָסאָוו, יעווראַינאָוו האָט געזאָגט, אַז אין קאַזאַן וועל איך וווינען ביי אים, אין משך פֿון הערבסט און ווינטער וועל איך דורכגיין דעם קורס פֿון גימנאַזיע, וועל דאָרט אָפּגעבן „וועלכע נישט איז עקזאַמענעס", — אַזוי האָט ער גערעדט: „וועלכע נישט איז" — אין אוניווערסיטעט וועט מען מיר באַשטימען אַ מלוכהשע סטיפּענדיע, און אין אַ יאָר פֿינף אַרום וועל איך זיין „אַ געלערנטער". אַלץ — גאַנץ פּשוט, ווייל יעווראַינאָוו איז אַלט געווען 19 יאָר און האָט געהאַט אַ גוט האַרץ.

נאָך די עקזאַמענס איז ער אַוועקגעפאָרן אַהיים, און אין אַ וואָך צוויי אַרום האָב איך זיך געלאָזט אין וועג אַריין נאָך אים.

באַגלייטנדיק האָט מיר די באָבע געזעגנט:

— הערסט — זאָלסט נישט ביי זיין אויף מענטשן, ביסט כסדר אָנגעשטויסן, געוואָרן שטרענג און גאַוותדיק! ביסט אין דיין זיידן געראָטן, — און דער זיידע, — וואָס האָט ער אויסגעפירט? געלעבט, געלעבט און געשטאָרבן, ווי אַ נאַר, דער פאַרביטערטער אַלטער. איינס זאָלסטו געדענקען: גאָט משפט נישט די מענטשן, דאָס — איז נאָר פאַרן שטן אַ נחת! נו, זיי געזונט...

און ווישנדיק פון די צעקנייטשטע באַקן די קאַרגע טרערן, האָט זי געזאָגט:

— מיר וועלן זיך שוין מער נישט זען, ווייט וועסטו, אומרו דו, פאַרפאָרן, און איך — וועל דערווייל שטאַרבן...

אין דער לעצטער צייט בין איך אַוועק פון דער ליבער אַלטיטשקער און אַפילו זעלטן געזען זי, און דאָ האָב איך פּלוצלונג מיט צער דערפילט, אַז כ׳וועל שוין מער קיינמאָל נישט באַגעגענען קיין מענטשן, וואָס זאָל מיר זיין אַזוי האַרציק נאָענט און טייער, ווי זי.

כ׳בין געשטאַנען אויפן דעק פון דאַמפער און געקוקט, ווי זי שטייט זיך דאָרט ביים ברעג פון האַפן און צלמט זיך מיט איין האַנט, און מיט דער צווייטער — ווישט זי מיט אַ ברעג פון אָפּגעניצטן שאַל איר פנים, אירע טונקעלע אויגן, וואָס לייכטן מיט אומפאַרגענגלעכער ליבע צו מענטשן.

און אָט געפין איך זיך אין אַ האַלב-טאָטערישער שטאָט. אין אַן ענג דירהלע פון אַן איינשטאָקיק הויז. איינזאַם איז געשטאַנען דאָס הויז אויף אַ בערגל, אין עק פון אַ שמאָלער אָרעמער גאַס, איין וואַנט איז אַרויס אויף אַ פּוסטן ליידיקן אָפּגעברענטן פּלאַץ, וואָס איז געוועזן פאַרוואַקסן מיט טרוקן גראָז. צווישן מיסטיקע גרעזער, ביטערע קרייטעכצער, פערדישן שטשאַוו און קוסטעס, האָט זיך דערהויבן אַן אַלטע ציגלענע חורבה, אונטער די חורבות — אַ גרויסער קעלער: דאָרט האָבן געלעבט און אויסגעגאַנגען היימלאָזע הינט. שטאַרק איינגעקריצט אין זכרון האָט

זיך מיר דער דאָזיקער קעלער—איינער פון מיינע אוניווערסיטעטן.

די יעווראַינאָווס — אַ מוטער מיט צוויי זין — האָבן גע־צויגן זייער חיונה פון אַן אָרעמער פּענסיע. שוין אין די ערשטע טעג האָב איך באַמערקט, מיט וואָס פאַר אַ טראַגישן צער די קליינע גראָע אַלמנה פלעגט, קומענדיק פון מאַרק, פאַנאַנדערלייגן אויפן קיכן־טיש אירע קניות און בלייבן איבער דעם שטיין מיט אַ פאַרקנייטשטן שטערן און ברעכן זיך דעם קאָפּ: ווי אַזוי פון די דאָזיקע קליינע שטיקלעך מאָגערן פלייש צוצוגרייטן אַ זאַטן גוטן עסן פאַר די דריי געזונטע יונגען, נישט אַרייַנרעכנענדיק זיך?

געווען איז זי אַ שווייגנדיקע; אין אירע גראָע אויגן איז פאַרגליווערט געוואָרן אַ האָפענונגסלאָזע, עניוותדיקע עקשנות פון אַ פערד, וואָס האָט שוין אינגאַנצן אויסגעצוצט זיינע כחות; — עס שלעפּט דאָס פערדל דעם וועגל באַרג אַרויף און פילט — ס׳וועט נישט דערשלעפּן, — און שלעפּט פאָרט!

אין אַ טאָג דריי אַרום נאָך מיין קומען האָט זי איינמאָל אין דער פרי, ווען די קינדער זענען נאָך געשלאָפן, און איך האָב איר געהאָלפן אין קיך רייניקן גרינס, האָט זי מיך שטיל, און פאַרזיכטיק אַ פרעג געטון:

— נאָך וואָס זייט איר געקומען צו פאָרן?

— לערנען זיך אין אוניווערסיטעט.

אירע ברעמען האָבן זיך אַ רוק געטון אַרויף צוזאַמען מיט דער געלער הויט פון שטערן, דערביי האָט זי זיך מיטן מעסער איינגעשניטן אַ פינגער אין, זויגנדיק דאָס בלוט, אַראָפּגעלאָזט זיך אויפן שטול נאָר, תיכף איז זי אויפגעשפּרונגען און געזאָגט:

— אָ, צום טייוול...

נאָכדעם ווי זי האָט אַרומגעוויקלט מיט אַ נאָז־טיכל דעם איינגעשניטענעם פינגער, האָט זי מיך געלויבט:

— איר קאָנט פיין שיילן קאַרטאָפל.

— נו, כ׳זאָל נאָך דאָס נישט קאָנען!—און כ׳האָב איר דער־ציילט וועגן מיין דינסט אויפן דאַמפער. זי האָט מיך אַ פרעג געטון:

— איר מיינט, דאָס איז גענוג, כדי אָנצוקומען אין אוני־ווערסיטעט?

כ׳האָב נאָך דעמאָלט ווייניק פאַרשטאַנען אין הומאָר. איך האָב אָנגענומען איר פראַגע פאַר ערנסט און דערציילט איר דעם סדר, ווי אַזוי כ׳וועל דערגיין צו דעם, עס זאָלן זיך פאַר מיר עפענען די טירן פון דעם טעמפל פון וויסנשאַפט.

זי האָט א זיפץ געטאָן:

— אוי, ניקאָלאַי, ניקאָלאַי...

אין דער רגע איז ער, אַ פאַרשלאָפענער, אַ צעשויבערטער און ווי תמיד אַ פרייליכער, אריין אין קיך זיך וואַשן.

— מאַמע, ס׳וואָלט גוט געווען, ווען דו מאַכסט געפילטע פיראָגן מיט פלייש!

— יאָ, גוט, — האָט מסכים געווען די מאַמע.

וועלנדיק ארויסווייזן מיינע קענטעניש אין קוכעריי, האָב איך אַריינגעזאָגט, אַז אויף געפילטע פיראָגן איז דאָס פלייש צו מאָגער און אגב צו קנאַפּ.

דאָ איז וואַרוואַרא איוואַנאָווגאַ אין כעס געוואָרן און אַ זאָג געטון אויף מיין חשבון עטלעכע שאַרפע ווערטער, וואָס האָבן מיך אָנגעצונדן ביז איבער די אויערן. זי איז אַרויס פון קיך, אַ וואָרף טוענדיק אויפן טיש דאָס בינטל מערן, און ניקאָלאַי האָט צו מיר א ווונק געטון און דערקלערט:

— זי איז שלעכט געשטימט...

ער האָט זיך צוגעזעצט אויפן באַנק און האָט מיר מודיע געווען, אַז די פרויען זענען בכלל נערוועזער, ווי די מענער, אַזוי זיינען זיי פון נאַטור, — דאָס איז שוין קלאָר דערוויזן געוואָרן דורך איינעם אַ חשובן געלערנטן, אַ שווייצער — דוכט זיך. דער ענג־לענדער דזשאָן סטיוארט מיל האָט אויך עפעס גערעדט וועגן דעם ענין.

ניקאָלאַי האָט שטאַרק הנאה געהאַט מיך צו לערנען. און ער האָט אויסגענוצט יעדע געלעגנהייט, כדי אַריינצושטאָפּן מיר אין קאָפּ עפּעס וואָס נויטיקס, אָן וואָס א מענטש קאָן נישט לעבן. כ׳האָב מיך גיריק צוגעהערט צו זיינע רייד, דערנאָך פלעגן זיך פוקאָ

לאַראָש-פּוקאָ און ליאַראָשזשאַקלען צונויפגיסן ביי מיר אין איין
פערזאָן, און כ׳פלעג מיך נישט קאָנען דערמאָנען, ווער וועמען
ס׳האָט אַראָפּגעהאַקט דעם קאָפּ: לאַוואַזיע — דיומוריען — אָדער
פאַרקערט? ער איז געווען א ווילער בחור און האָט פון האַרצן
געוואָלט „מאַכן מיך פאַר אַ מענטשן”, ער האָט דאָס מיר אויף
זיכער צוגעזאָגט, אָבער—ס׳האָט אים געפעלט אי צייט, אי די אי-
בעריקע באַדינגונגען, כדי צו פאַרנעמען זיך ערנסט מיט מיר. זיין
עגאָיזם און די יוגנטלעכע לייכטזיניקייט האָבן אים נישט געלאָזט
באַמערקן, מיט וואָס פאַר אַ גוואַלטיקער אָנשטרענגונג און כיט-
רעקייט די מוטער האָט געפירט איר באַלעבאַטעשקייט, נאָך ווי-
ניקער האָט עס געפילט זיין ברודער, אַ שווערער און שווייגנדי-
קער גימנאַזיסט. כ׳האָב שוין פון לאַנג זייער גוט געקענט די פאַר-
וויקלטע קונצן פון דער כעמיע און פון דער קיכן-עקאָנאָמיק, כ׳האָב
גוט באַמערקט די געשיקטקייט פון דער פרוי, וואָס איז געצוווּנגען
טעגלעך אָפּצונאַרן די מאָגנס פון אירע קינדער און שפּייזן אַ צו-
געקומענעם מיאוסן בחור מיט שלעכטע מאַניערן. נאַטירלעך, אַז
יעדעס פיצל ברויט האָט זיך אַזוי געלייגט, ווי אַ שטיין אויפן
האַרצן. כ׳האָב אָנגעהויבן זוכן וועלכע נישט איז אַרבעט. פלעג איינ-
דערפרי אַוועקגיין פון שטוב, כדי נישט צו עסן מיטאָג, און אין א
שלעכט וועטער אָפּזיצן אויפן פוסטן פלאַץ אין קעלער. דאָרטן,
צוהערנדיק זיך צום גוס רעגן און צו דער קרעכצעריי פון ווינט
און שמעקנדיק דעם געשטאַנק פון די געפגרטע קעץ און הינט,
האָב איך גיך פאַרשטאַנען, אַז דער אוניווערסיטעט—איז אַ פאַנ-
טאַזיע, און אַז כ׳וואָלט געטון קליגער, ווען כ׳זאָל אַוועקפאָרן קיין
פערסיע. כ׳האָב זיך שוין פאָרגעשטעלט אַלס כשופמאַכער מיט אַ
גראָער באָרד, וואָס האָט געפונען אַ מיטל צו לאָזן אויסוואַקסן
ברויט-קערנער אין דער גרויס פון אַן עפּל, קאַרטאָפל, וואָס וועגן
צו פוד און בכלל באַווייזן אויפצוטון נישט ווייניק ישועות פאַר
דער וועלט, איבער וועלכער נישט בלויז מיר אַליין איז אַזוי
טיי.ולאָנישדיק שווער צו גיין.

כ׳האָב שוין אָנגעהויבן חלומען וועגן אויסערגעוויינלעכע גע-
שעענישן און וועגן גרויסע מעשים. דאָס האָט מיר שטאַרק גע-

האַלפּן אין די שווערע טעג פון לעבן. און אַזוי ווי אַזעלכע טעג האָב איך געהאַט אַ סך,—האָבן זיך מיינע חלומות אַלץ מער צעשפּילט. כ'האָב נישט געוואַרט אויף קיין הילף פון אויסן און נישט געוואַרט אויף קיין גליקלעכן צופאַל. נאָר ביי מיר האָט זיך ביסלעכווייז אַנטוויקלט אַן עקשנותדיקער ווילן, און וואָס שווערער ס'זענען געווען די באַדינגונגען פון לעבן — אַלץ שטאַרקער און קליגער האָב איך מיך געפילט. כ'האָב גאַנץ פרי אָנגעהויבן צו פאַרשטיין, אַז דעם מענטשן מאַכט זיין ווידערשטאַנד צו דער אַרומיקער סביבה.

כדי נישט צו הונגערן, בין איך געגאַנגען צו די האַפּנס ביי דער וואָלגע, וווּ מ'האָט לייכט געקאָנט פאַרדינען אַ פּוּפּצן צוואַנציק קאָפּיקעס. דאָרטן, צווישן די אָנלאָדער, לומפּן, גנבים האָב איך זיך געפילט, ווי אַ שטיק אייזן, וואָס מ'וואַרפט אַריין אין גליענדיקע קוילן. יעדער טאָג האָט מיך אָנגעזעטיקט מיט אַ סך שאַרפע ברענענדיקע איינדרוקן. דאָ האָבן זיך פאַר מיינע אויגן, ווי אַ וויכער, געדרייט נאַקעט-גיריקע מענטשן, מענטשן מיט פאַרגרעבטע אינסטינקטן,—מיר איז געפעלן געווען זייער שנאה צום לעבן, זייער ליצנות, זייער פיינטלעכע באַציִונג צו אַלץ אין דער וועלט און זייער זאָרגלאָזע באַציִונג צו זיך אַליין. אַלץ, וואָס כ'האָב אומגעמיטלבאַר איבערגעלעבט, האָט מיך געצויגן צו די דאָזיקע מענטשן, אַרויסרופנדיק אַ פאַרלאַנג אייַנצוזינקען אין זייער בייסיקער סביבה.

דער פּראָפעסיאָנעלער גנב באַשקין, אַ געוועזענער שילער פון לערער-אינסטיטוט, אַן אַכזריותדיק געשלאָגענער, שווינדזוכטיקער מענטש, האָט מיט אַ גלאַטן צונג כסדר אין מיר אַריינגערעדט:

— וואָס שעמסטו זיך, ווי אַ מיידל, האָסט אפשר מורא צו פאַרלירן דיין אומשולד? פאַר אַ מיידל איז די אָרנטלעכקייט — איר גאַנצער אוצר, און פאַר דיר נאָר אַ משא. אָרנטלעך איז אַ בוהיי—פרעסט ער טאַקע היי!

אַ געלינקער, ראַזירטער ווי אַן אַקטיאָר, האָט באַשקין, מיט זיינע פלינקע, ווייכע באַוועגונגען פון זיין קליינעם קערפּער, אויסגעזען, ווי אַ קעצל. ער האָט זיך באַצויגן צו מיר מעשה-לערער,

באשיצנדיק, און כ'האָב געזען, אז ער ווינטשט מיר פון הארצן ערפאָלג און גליק. ער איז געווען אַ גאַנץ קלוגער. האָט דורכגע־לייענט נישט ווייניק גוטע ביכער. מער פון אַלץ איז אים געפעלן געווען „גראַף מאָנטאָ־קריסטאָ":

— דאָס דאָזיקע בוך האָט אין זיך אי ציל אי הארץ,— האָט ער געזאָגט.

ער האָט ליב געהאַט פרויען און דערציילט וועגן זיי באַלע־קנדיק זיך, מיט התפעלות, מיט עפּעס אַ מין צוקן אין זיין חרובן קערפּער, און אין דעם דאָזיקן צוקן איז געלעגן עטוואָס קרענק־לעכס, וואָס האָט ביי מיר אַרויסגערופן אַ געפיל פון עקל, אָבער צו זיינע רייד האָב איך מיך צוגעהערט אויפמערקזאַם, געפילט זייער שיינקייט.

— די פרוי, די פרוי—פלעגט ער אויסזינגען, און די געלע הויט פון זיין פּנים האָט זיך רויטלעך צעפלאַמט. די טונקעלע אויגן האָבן געלויכטן פון אַנטציקונג.—פאַר אַ פרוי בין איך גרייט אויף אַלץ. פאַר איר, ווי פאַרן שטן, איז נישטאָ קיין זינד! לעבן אַ פאַרליבטער, נישטאָ קיין בעסערס אויף דער וועלט!

ער איז געווען אַ טאַלאַנטפולער דערציילער און פלעגט לייכט פאַרפאַסן פאַר די פּראָסטיטוטקעס הארץ־רירנדיקע לידלעך וועגן צער פון אומגליקלעכער ליבע, זיינע לידער האָט מען געזונגען אין אַלע שטעט ביי דער וואָלגע און—אגב—איך געהערט אויך דאָס שטאַרק פאַרשפּרייט לידל:

אָרעם בין איך און נישט שיין,
אָן אַ קלייד ביים לייב.
קיינער וויל נישט אַזאַ מיידל
נעמען פאַר אַ ווייב...

גוט האָט זיך צו מיר באַצויגן דער טונקעלער פאַרשוין טרוסאָוו, אַן אָנגעזעענע געשטאַלט, אָנגעטון ווי אַ פראַנט, מיט פינגער פון אַ מוזיקאַנט. ער האָט געהאַט אין דער אַדמיראַלטייאי־שער פאַרשטאָט אַ קרעמל מיט אַ שילד פון „אַ זייגערמאַכער", אָבער פאַרנומען האָט ער זיך מיט פאַסעריי.

— דו, מאַקסים, געווין זיך אָקאָרשט נישט צו צו די

גנבישע געשעפטלעך! — פלעגט ער מיר זאָגן, גלעטנדיק מיט חשיבות זיין גראָלעכע באָרד, פאַרזשמורנדיק די כיטרע פרעכע אויגן. — איך זע: דיין וועג איז אַן אַנדערער, דו ביסט אַ גייסטיקער מענטש.

— וואָס הייסט אַ גייסטיקער?

— ווער ס'האָט אין זיך צו קיין זאַך קיין קנאה נישט, בלויז נייגעריקייט...

דאָס איז געווען נישט ריכטיק בנוגע מיר. כ'האָב דווקא אַ סך מקנא געווען. אגב, פלעג איך מקנא זיין באַשקינען פאַר זיין פעיקייט צו רעדן אויף אַ באַזונדערן אופן אין גראַמען און מליצהדיקע אויסדרוקן. איך דערמאַן מיך דעם אָנהויב פון זיינער אַ מעשה וועגן אַ ליבעס-פּאַסירונג.

אין אַ נאַכט אַ כמורנער זיץ איך — ווי אַ סאָווע אין לאָך פון בוים, — אין אַ מעבלירטן צימער פון אַ קבצניש שטעטל סוויאַזשסקע, און — ס'איז האַרבסט, אָקטאָבער, עס זיפּט אַ פּויל רעגנדל, דער ווינט אָטעמט, ווי עס ציט זיין לידל אַ באַליידיקטער טאָטער, אַ לידל אָן אַ סוף: אַ—אַ—אַ—אַי—אַי—אַי...

...„און אָט קומט זי, אַ לייכטע, אַ ראָזע, ווי אַ וואָלקן ביים זון-אויפגאַנג, און אין די אויגן — פאַלשע תמימות פון דער נשמה-„ליבער“, — רעדט זי מיט אַן אָרנטלעכער שטים — „איך בין נישט שולדיק קעגן דיר“. איך ווייס — זי ליגט, און כ'גלויב — ס'איז אמת! מיטן שכל פאַרגעם איך אויף זיכער, מיטן האַרצן — גלויב איך נישט, בשום אופן נישט!“

דערציילנדיק, האָט ער זיך ריטמיש צעשאָקלט, צומאַכנדיק דערביי די אויגן און אָפט, מיט אַ וויכער האַנט-באַוועגונג באַרירט זיין ברוסט ביים האַרצן.

אַ שטים האָט ער געהאַט אַ דומפּע און אַ געשלאָסענע, אָבער די ווערטער זענען ליטערע און עפּעס איז אין זיי געווען פונם קלאַנג פון אַ נאַכטיגאַל.

איך האָב מקנא געווען טרוסאָוון, — דער מענטש האָט ווונדערלעך אינטערעסאַנט דערציילט וועגן סיביר, כיווע, בוכאַרע, קאָמיש און זייער בייסנדיק וועגן לעבן פון די אַרכירייען און

איינמאָל האָט ער געהיימניספול געזאָגט וועגן קייסער אַלעק־סאַנדער דעם דריטן:

— דער דאָזיקער קייסער איז אַ בריה אין זיין זאַך!

טרוסאָוו איז אין מיינע אויגן געווען, ווי איינער פון יענעם מין „באַנדיטן", וואָס ווייזן זיך אַרויס צום סוף פון ראָמאַן — אומדערוואַרט פאַרן לעזער—פאַר גרויסמוטיקע העלדן.

אָפטמאָל אין די שטיקנדיקע זומער־נעכט פלעגן זיך די דאָזיקע מענטשן אַריבערשיפן איבער דער קאַזאַנקע, און דאָרט אויף די לאָנקעס, אין די קוסטעס, געטרונקען, געגעסן, שמועסנדיק וועגן זייערע עסקים, אָבער עפטערס — וועגן דעם קאָמפּליצירטן מענטשלעכן לעבן, וועגן מאָדנעם פּלאָנטער פון מענטשלעכע באַציונגען, באַזונדערס־פיל וועגן פרויען. וועגן זיי האָט מען גערעדט מיט פאַרביטערונג, מיט צער, אמאָל—מיט האַרץ און כמעט שטענדיק מיט אַזאַ געפיל, ווי מען וואָלט אַריינגעקוקט אין אַ פינסטערניש, וואָס איז פול מיט שוידערלעכע איבערראַשונגען. כ'האָב דורכגעלעבט מיט זיי צוויי־דריי נעכט אונטער אַ פינסטערן הימל מיט טונקעלע שטערן, אין אַ שטיקנדיק וואַרעמען טאָל, וואָס איז געדיכט באַוואַקסן מיט קוסטעס פון זאַמד־ווערבעס. אין דער פינסטערניש, וואָס איז אָנגעזאַפּט מיט פייכטקייט פון דער נאָענטער וואָלגע, זענען אין אַלע זייטן, ווי גאָלדענע שפּינען, געקראָכן די פייערלעך פון די מאַסטבוים־לאַמטערנעס, אין דער פינסטערער מאַסע פון דעם בערגיקן ברעג טריפן אַריין פייערדיקע שטיקער און אָדערן. — דאָס לייכטן די פענסטער פון די טראַקטירן און הייזער אין דעם רייכן דאָרף אוסלאָן. דומפּ קלאַפּן איבערן וואַסער די רעדער־שפּיצן פון די דאַמפּערס, שווער, ווי וועלף, וואָיען די מאַטראָסן אויף די שלעפּ־שיפלעך, פון ערגעץ הילכט־אָפּ אַ קלאַפּע־ריי פון אַ האַמער איבער אייזן, ס'ציט זיך טרויעריק אַ ליד, — שטיל טליעט עמעצנס אַ נשמה, — פונם ליד לייגט זיך אַן אומעט, ווי אַש אויפן האַרצן.

און נאָך טרויעריקער איז צו הערן די שטיל־פּליסנדיקע רייד פון די מענטשן, — מענטשן האָבן זיך פאַרטראַכט וועגן לעבן און רעדן איטלעכער דאָס זייניקע, כמעט נישט הערנדיק איינער

דעם צווייטן. זיצנדיק אָדער ליגנדיק אונטער די קוסטעס, רויכערן זיי פּאַפּיראָסן, זעלטן — נישט גיריק — טרינקען זיי בראָנפן, ביר, און גייען ערגעץ-ווו אויף צוריק, צום וועג פון זכרונות.

— און מיט מיר האָט אַזאַ מעשה געטראָפן, — זאָגט איינער אַ צוגעדריקטער פון דער נאַכט-פינסטערניש צו דער ערד.

אויסהערנדיק די מעשה, זענען אַלע מסכּים: — ס'טרעפט אַזוינס אויך... — אַלץ פּאַסירט אויף דער וועלט...

— „ס'האָט פּאַסירט", „עס טרעפט", „איינמאָל איז געשען" — פאַרנעם איך, און מיר דוכט זיך, אַז אין דער דאָזיקער נאַכט זענען די מענטשן דערגאַנגען צו די לעצטע שעהן פון זייער לעבן, — אַלץ איז שוין געווען, מער וועט שוין גאָרנישט זיין!

דאָס האָט מיך אָפּגעווענדט אַן אַ זייט פון באַשקינען און טרוסאָוון, פונדעסטוועגן זענען זיי מיר געפעלן געווען און לויט דער לאָגיק פון מיינע איבערלעבונגען, וואָלט געווען גאַנץ נאַטירלעך, ווען איך וואָלט אַוועק מיט זיי. די צעטראָטענע האָפענונג אויפצוהויבן זיך העכער, אָנהויבן זיך לערנען — האָט מיך אויך געשטויסן צו זיי. אין שעהן פון הונגער, בייזקייט און צער, האָב איך מיך געפילט גענוג פעיק צו באַגיין אַ פאַרברעך נישט בלויז קעגן די „הייליקע יסודות פון אייגנטום". נאָר, מיין יוגנט-ראָמאַנטיזם האָט מיר געשטערט אַראָפּצוגיין פון דעם וועג, אויף וועלכן ס'איז מיר באַשערט געווען צו גיין. אויסער דעם הומאַנעם ברעט-האַרטן און אַ חוץ די שונד-ראָמאַנען, האָב איך שוין דורכגעלייענט נישט ווייניק ערנסטע ביכער, — זיי האָבן דערוועקט אין מיר אַ שטרעבן צו עפּעס אַזוינס אומקלאָרס, וואָס איז אָבער געווען פיל וויכטיקער פאַר אַלץ, וואָס איך האָב געזען.

און אין דער זעלבער צייט האָב איך געמאַכט נייע באַקאַנט-שאַפטן, און באַקומען נייע איינדריקן. אויפן פוסטן פּלאַץ, וואָס איז געווען אין שכנות מיט יעווּרעאינאָווס דירה, פּלעגן זיך צונויפקו-מען גימנאַזיסטן שפּילן אין „שטעט", און איינער פון זיי האָט מיך באַצויבערט — גורי פּלעטנעוו. ער איז געווען אַ געברוינטער מיט בלוילעכע האָר, ווי אַ יאַפּאַנער, זיין פּנים איז געווען באַדעקט מיט קליינע שוואַרצע פּינטעלעך ווי איינגעריבענע מיט פּולווער. כּסדר

פריילעך, פלינק אין שפיל, שאַרפזיניק אין שמועס, — איז ער געווען אָנגעלאָדן מיט אַ סך „אָנהויבן" פון פאַרשיידענע טאַלאַנטן. און, ווי כמעט אַלע טאַלאַנטפולע רוסישע מענטשן, האָט ער געלעבט אויפן חשבון פון דעם, וואָס די נאַטור האָט אים געשאָנקען, נישט שטרעבנדיק עס צו פאַרפולקאָמען און צו אַנטוויקלען. האָבנדיק אַ פיין געהער און אַ פרעכטיקן חוש פאַר מוזיק, האָט ער אַרטיסטיש געשפילט אויף אַ צימבל, אויף אַ באַלאַלייקע, האַרמאָניק, נישט פרווונדיק גאָר צו פאַרשאַפן זיך אַן איידעלערן און שווערערן אינסטרומענט. געווען איז ער אָרעם, אָפּגעריסן, נאָר צו זיין צעהוליעטן אויסזען, צו די פלינקע באַוועגונגען פון זיין אָדערדיקן קערפּער, צו זיינע ברייטע זשעסטן, האָבן זיך גוט געפּאַסט די צעקנייטשטע צעפליקטע רובאַשקע, די הויזן מיט לעכער און לאַטעס, די אָפּגעטראָגענע שיך.

ער האָט אויסגעזען, ווי אַ מענטש, וואָס האָט זיך ערשט געשטעלט אויף די פיס נאָך אַ לאַנגער און שווערער קראַנקייט, אָדער ווי אַן אַרעסטאַנט, וואָס איז נעכטן באַפרייט געוואָרן פון טורמע. — אַלץ אין לעבן איז געווען פאַר אים ניי, אָנגענעם, אַלץ האָט אַרויסגערופן ביי אים אַ געוואַלטיקע שמחה — ער איז געשפּרונגען איבער דער וועלט, ווי אַ שפּיל-ראַקעטע.

ווען ער האָט זיך דערוווּסט, ווי געפערלעך שווער מיר איז צו לעבן, האָט ער מיר פאָרגעלייגט אַריינצוקלייבן זיך צו אים און צוגרייטן זיך פאַר אַ דאָרפישן לערער. און אָט לעב איך אין אַ מאָדנער פריילעכער הייל — „מאַרוסאָווקע", וואָס איז מסתמא באַקאַנט נישט איין דור פון די קאַזאַנער סטודענטן. דאָס איז געווען אַ גרויסער, האַלב-חרובער מויער אויף דער פישמאַרק-גאַס, וועלכן הונגעריקע סטודענטן, פּראָסטיטוטקעס און אָפּגעלעבטע מענטשן-שאָטנס האָבן ווי פאַרכאַפּט ביי די באַלעבאַטים. פּלעטנעוו האָט געוווינט אין קאָרידאָר אונטערן בוידעם-טרעפּ, דאָ איז געשטאַנען זיין בעטל און אין עק קאָרידאָר, ביים פענסטער: אַ טיש, אַ שטול און — נישט מער. דריי טירן זענען אַרויס אין קאָרידאָר, אין צוויי דירות האָבן געוווינט פּראָסטיטוטקעס, אין דער דריטער — אַ שווינדזיכטיקער מאַטעמאַטיקער פון די סעמינאַריסטן, אַ̈ לאַנגער, אַ דאַ-

רער, כמעט אַ שרעקלעכער מענטש, וואָס איז געווען באַוואַקסן מיט האַרטע געלבלעכע האָר, קוים באַדעקט דאָס לייב מיט שמוציקע שמאַטעס; דורך די לעכער פון די שמאַטעס האָט שרעקיק אַרויס־געקוקט אַ בלאָלעכע הויט און די זשעברעס פון אַ סקעלעט.

גענערט האָט ער זיך, דוכט מיר, בלויז מיט זיינע אייגענע נעגל, אַרומבייסנדיק זיי ביז בלוט, טאָג און נאַכט האָט ער געצייכנט און גערעכנט און אָן אויפהער דומפּ־שטויסנדיק געהוסט. די פּראָסטיטוטקעס האָבן אים געהאַלטן פאַר משוגע און מורא געהאַט פאַר אים, נאָר פון רחמנות־וועגן פלעגן זיי אונטערוואַרפן ביי זיין טיר ברויט, טיי, צוקער; ער פלעגט אויפהויבן פון דער ערד די פּעקלעך, פלעגט עס אַוועקטראָגן צו זיך, כראָפּעענדיק, ווי אַ מידער פערד. ווען זיי האָבן אָבער פאַרגעסן, אָדער צוליב וואָסער עס איז סיבה נישט געקאָנט ברענגען אים זייער גאָב, פלעגט ער, עפנענ־דיק די טיר, הייזעריק רעווען איבערן קאָרידאָר:

— ברויט!

אין זיינע טיף־איינגעפאַלענע אויגן האָט געפינקלט די גאָו'ה פון אַ מאַניאַק, וואָס איז גליקלעך מיטן באַוווסטזיין פון זיין גרויס־קייט. זעלטן־ווען פלעגט אַריינקומען צו אים אַ קליינער הויקער, אַ פאַרזעעניש מיט אַן אויסגעקרימטן פוס, מיט בלויע ברילן אויף דער אָנגעדראָלטער נאָז, אַ גראָער מיט אַ כיטרעצ! שמייכל אויף זיין געלן סקאָפּטישן פּנים. זיי פלעגן פעסט צו־האַקן די טיר און שעהן־לאַנג זיצן שווייגעדיקע, אין אַ מאָדנער שטילקייט. נאָר איינ־מאָל, שפּעט אין דער נאַכט, האָט מיך אויפגעוועקט אַ הייזעריקער צאָרנדיקער געשריי פון דעם מאַטעמאַטיקער:

— און איך זאָג — אַ טורמע! געאָמעטריע — איז אַ שטייג, יאָ! אַ מויזן־שטייג, יאָ! אַ טורמע!

דאָס הויקערדיקע פאַרזעעניש האָט כיכיקעט מיט אַ קוויטש, איבערחזרנדיק פיל מאָל עפּעס אַ משונהדיק וואָרט, און דער מאַ־טעמאַטיקער האָט זיך פלוצלינג צערעוועט:

— צום טייוול! אַרויס!

ווען דער גאַסט זיינער האָט זיך צישענדיק און קוויטשענדיק אַרויסגעקאָלערט אין קאָרידאָר, טוליענדיק זיך אין אַ ברייטן

וויבערשן יצק, — איז דער מאַטעמאַטיקער געשטאַנען ביים שוועל פון טיר. אַ לאַנגער, אַ שרעקלעכער, האָט ער אַריינגערוקט די פינגער אין זיינע צעפּאַטלטע האָר און געכריפּעט:

— עקווליד—אַ שוטה! אַ טי—פּש... כ׳וועל דיר דערווייזן, אַז גאָט איז קליגער פאַר אַ גריך!

און ער האָט אַזוי שטאַרק אַ זעץ געטון מיט דער טיר, אַז אין זיין צימער איז עפּעס אַרונטערגעפאַלן מיט גערודער...

אינגיכן האָב איך זיך דערוווּסט, אַז דער דאָזיקער מענטש וויל — שטיצנדיק זיך אויף דער מאַטעמאַטיק — דערקלערן די עקסיסטענץ פון גאָט, ער איז אָבער געשטאָרבן איידער דאָס האָט זיך אים איינגעגעבן צו טון.

פלעטנעוו האָט געאַרבעט אין אַ דרוקעריי אַלס נאַכט־קאָרעקטאָר פון אַ צייטונג, פאַרדינענדיק עלף קאָפּיקעס אַ נאַכט. און אויב איך פלעג נישט פאַרדינען, פלעגן מיר דורכלעבן מיט פיר פונט ברויט אַ טאָג, דערצו פאַר צוויי קאָפּיקעס טיי און פאַר דריי—צוקער. ביי מיר פלעגט קיין צייט נישט קלעקן צום אַרבעטן, — מ׳האָט זיך געמוזט לערנען. כ׳האָב די וויסנשאַפט בייגעקומען מיט דער גרעסטער אָנשטרענגונג, באַזונדערס איז מיר דערגאַנגען דאָס לעבן די גראַמאַטיק מיט אירע אומגעלומפּערטע, שמאָלע, פאַרשטיינערטע פאָרמען. כ׳האָב לחלוטין נישט געקאָנט אַריינפּרעסן אין זיי די לעבעדיקע און שווערע, קאַפּריז־בויגעוודיקע רוסישע שפּראַך. נאָר באַלד האָט זיך, צו מיין פרייד, אַרויסגעוויזן, אַז איך האָב מיך אָנגעהויבן „צו פרי״ לערנען און ווען איך וואָלט אַפילו אָפּגעגעבן דעם עקזאַמען אויף אַ דאָרפישן לערער, וואָלט איך — צוליב מיין יונגן עלטער — קיין שטעלע נישט באַקומען.

איך און פלעטנעוו זענען געשלאָפן אויף דעם זעלבן בעט. איך — ביינאַכט, ער — בייטאָג. אַ צעבראָכענער פון דער שלאָפלאָזער נאַכט פלעגט ער קומען גאַנץ פרי מיט אַ פּנים נאָך מער פאַרפינסטערט, ווי אַלע מאָל, און מיט אָנגעצונדענע אויגן. איך פלעג תיכף לויפן אין שענק נאָך געקאָכט וואַסער; קיין סאַמאָוואַר, געוויינלעך, האָבן מיר נישט געהאַט.

דערנאָך פלעגן מיר, זיצנדיקביים פענסטער, טרינקען טיי מיט ברויט. גורי פלעגט מיר דערציילן נייעס פון די צייטונגען, פאָרלייענען די פריילעכע לידער פון דעם אלקאָהאָליק־פעליע־טאָניסט „רויטער דאָמינא״, באַוואונדערנדיק מיך מיט זיין ליצנותדיקער באַציונג צום לעבן. — מיר איז אויסגעקומען, אַז ער באַציט זיך צום לעבן פונקט, ווי ער האָט זיך באַצויגן צו דער דיקער טענדלערקע און שדכנטע גאַלקינאַ.

ביי דער דאָזיקער פרוי האָט ער געדונגען דעם ווינקל אונטערן טרעפ, אָבער קיין געלט צאָלן פאַר דער „דירה״ האָט ער נישט געהאַט, האָט ער געצאָלט מיט פריילעכע גלייכווערט־לעך, מיט שפּילן אויף הארמאָניק, מיט סענטימענטאַלע לידער; ווען ער האָט זיי געזונגען מיט אַ דינעם טענאָר, האָט אין זיינע אויגן געפינקלט אַ איראָניש שמייכעלע. גאלקינא איז געווען אין דער יוגנט אַ כאָריסטין אין דער אָפּערע, זי איז געווען אַ מבין אויף לידער, און נישט זעלטן פלעגן פון אירע חוצפּהדיקע אויגן אַראָפּרינען אין שפּע קליינע טרערעלעך אי־בער אירע בלויע באַקן פון אַ שכּורטע און אַ פרעסערין, זי האָט זיי צוזאַמענגענומען מיט די פעטע פינגער פון די באַקן און נאָכדעם גוט אָפּגעווישט די פינגער מיט אַ שמוציק טיכל.

— אָ, גוראָטשקע, — האָט זי געזאָגט זיפצנדיק, — איר זענט אַ קינסטלער! ווען איר וואָלט געווען אַ האָרעלע שענער — וואָלט איך אייך איינגעאָרדנט אַ לעבן! וויפיל יונגע לייט האָב איך שוין איינגעאָרדנט ביי פרויען, וואָס זייער האַרץ בענקט פון איינזאַמקייט!

איינער פון די דאָזיקע „בחורים״ האָט געוווינט דאָ איבער אונז. דאָס איז געווען אַ סטודענט, אַ קירזשנערס אַ זון, א יונגערמאַן פון מיטעלן וווקס, מיט אַ ברייטער ברוסט און העסלעך שמאָלע זייטן, וואָס האָט אויסגעזען, ווי אַ דרייעק מיטן שאַרפן ווינקל אַרונטער; דער שפּיץ איז אַביסל אָפּגע־בראָכן — די זוילן קליינע, ווי ביי אַ פרוי און דער קאָפּ זיי־נער, וואָס איז טיף אַריינגערוקט אין די אַקסלען, איז אויך קליין, באַוואָקסן מיט קורצע געלע האָר און פון וויסן בלוט־

אָרעמען פּנים האָבן אַרויסגעשטאַרט אַ פּאָר אַרויסגעקאָלערטע גרינלעכע אויגן.

מיט גרויס מי, הונגערנדיק, ווי אַן עלנטער הונט, האָט זיך אים, קעגן ווילן פון זיין פאָטער, דאָך איינגעגעבן ווי עס איז צו ענדיקן גימנאַזיע אין אָנקומען אין אוניווערסיטעט. נאָר ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער פאַרמאָגט אַ טיפן, ווייכן באַס, ס'האָט זיך אים פאַרגלוסט צו לערנען זינגען.

גאַלקינאַ האָט אים דערביי געפּאַקט און צוזאמענגעפירט מיט אַ רייכער סוחרטע פון אַ יאָר פערציק, אַ זון אירער איז געווען אַ סטודענט פון דריטן קורס, און אַ טאָכטער האָט געהאַלטן ביים ענדיקן גימנאַזיע. די סוחרטע איז געווען אַ מאָגע־רע, פלאַטשיקע פרוי, אַ גלייכע, ווי אַ סאָלדאַט, אַ פּנים האָט זי געהאַט אַ טרוקנס, ווי אַ מנישקע אַן אַסקעטין. אירע גרויסע, גרויע אויגן זענען געלעגן איינגעפאַלן אין פינסטערע לעכער. אָנגעטון איז זי געווען אין אַ שוואַרצן קלייד מיט אַ זיידענער אַלטמאָדישער הויב, אין אירע אויערן האָבן געציטערט אוי־רינגלעך מיט גיפּטיק־גרינלעכע שטיינער.

אָפּטמאל, אין אָוונט, אָדער אין דער פרי, פלעגט זי קומען צו איר סטודענט, און נישט איינמאָל האָב איך באַמערקט, ווי די דאָזיקע פרוי פלעגט, אַריינשפּרינגענדיק אין טויער, גיין איבערן הויף מיט פעסטע טריט. איר פּנים האָט אויסגעזען מוראדיק, די ליפּן אַזוי פעסט פאַרקוועטשט, אַז מ'האָט זיי קוים באַמערקט, די אויגן ברייט פאַנאַנדערגעעפנט, קוקן פאַר־משפּט, מיט בענקשאַפט פאַר זיך, נאָר ס'דוכט זיך, אַז זי איז בלינד. מ'קאָן נישט זאָגן, אַז זי איז העסלעך, נאָר ס'האָט זיך דייטלעך געפילט אין איר אַן אָנשטרענגונג, וואָס האָט זי העסלעך געמאַכט, די אָנשטרענגונג האָט אַזוי ווי אויסגעצויגן איר קערפער און ביז ווייטאָק צוזאַמענגעצויגן איר פּנים.

— קוק זי אָן—האָט פלעטנעוו געזאָגט — פּונקט, ווי אַ משוגענע!

דער סטודענט האָט די סוחרטע נישט געקאָנט פאַרליידן. ער האָט זיך באַהאַלטן פון איר, און זי פלעגט אים פאַרפאָלגן,

ווי אַן אומברחמנותדיקער מלוה אָדער אַ שפּיאָן.

— איך בין אַ פאַרשעמטער מענטש, — פלעגט ער שפּורערהייט זיך מודה זיין פון חרטה — און צו וואָס דאַרף איך דאָס זינגען? מיט אַזאַ פּרצוף און אַזאַ פיגור — וועט מען מיך צו דער סצענע נישט צולאָזן, מ'וועט נישט צולאָזן!

— מאַך אַ סוף צו אָט דעם עיסק — האָט אים פלעטנעוו געעצהט.

— יאָ ס'איז מיר אָבער אַ רחמנות אויף איר! איך פאַר־טראַג זי נישט, נאָר — אַ רחמנות! ווען דו וואָלסט וויסן, ווי זי — עך...

מיר האָבן געוווסט, ווייל מיר האָבן געהערט, ווי די דאָזיקע פרוי האָט ביינאַכט, שטייענדיק אויפן טרעפּ, זיך גע־בעטן מיט אַ פאַרשטיקטן, ציטערדיקן קול:

— ווי גאָט איז דיר ליב... ליבענקער, נו —ווי גאָט איז דיר ליב!

זי איז געווען אַן אייגנטימערין פון אַ גרויסער פאַבריק, האָט פאַרמאָגט הייזער, פערד, פלעגט טויזנטער מנדב זיין אויף אַקושער־קורסן און ווי אַ בעטלערין פלעגט זי אויסבעט־לען אַ נדבה אַ ביסל צערטלעכקייט...

נאָכן טיי פלעגט זיך פלעטנעוו לייגן שלאָפן און איך פלעג אַוועקגיין זוכן אַרבעט און שפּעט ביינאַכט זיך אומקערן אַהיים, בשעת גורי פלעגט דאַרפן אַוועקגיין אין דרוקעריי. אויב איך פלעג ברענגען ברויט, וווּרשט אָדער געקאָכטע „קישקעס”, האָבן מיר עס געטיילט אויף דער העלפט, און ער פלעגט זיין חלק מיטנעמען מיט זיך. איבערבלייבנדיק אַליין, פלעג איך בלאָנדזשען איבער די קאָרידאָרן אין די פאַרוואָרפענע געסלעך פון „מאַרוסאָווקע” און פלעג זיך צוקוקן, ווי עס לעבן דאָ די מענטשן, וואָס זענען געווען אין מיינע אויגן אַזוי ניי. דאָס הויז איז געווען אָנגעפּאַקט מיט זיי. עס האָט דאָ געשמעקט מיט זויערע און שאַרפע ריחות און אין די ווינקלען האָבן זיך באַהאַלטן גערדיכטע, מענטשן־פיינטלעכע שאָטנס. פון אינדערפרי ביז שפּעט אין דער נאַכט, האָט אין דעם הויז געקאָכט, אָן

אויפהער האָבן געקלאַפּט די מאַשינען פון שניידערינס, כאָריסטינס פון אָפּערעטע פּרובירן זייערע שטימען, אַ סטודענט ברומט פאַר זיך אויף אַ באַס זיינע גאַמען, אַ שכורער האַלב־צעדרייטער אַקטיאָר דעקלאַמירט אויפן קול. פאַרשיכורטע פּראָסטיטוטקעס שרייען היסטעריש און — דערוועקט האָט זיך ביי מיר די נאַטירלעכע אומלעזבאַרע פראַגע:

— צו וואָס טויג דאָס אַלץ?

צווישן דער הונגעריקער יוגנט האָט זיך אָן טאָלק אַרומגעבלאָנקעט אַ געלער, פליכעוואַטער, קנאָכנבאַקיקער מאַן מיט אַ גרויסן בויך, אויף דינע פיס, מיט אַ גרויסן מויל און פערדישע ציין. — צוליב די ציין האָט מען אים אַ נאָמען געגעבן „געלער פערד". ער האָט זיך שוין דעם דריטן יאָר געמשפּט מיט זיינע ווייטע קרובים, סיבירער סוחרים און איטלעכן מודיע געווען וועגן דעם:

— עס מעג מיך קאָסטן דאָס לעבן, אָבער — פון זיי מוז איך אַ תל מאַכן! מיט אַ טאָרבע וועלן זיי ביי מיר אוועקגיין, פון נדבות וועלן זיי דריי יאָר לעבן, — דערנאָך וועל איך זיי אַלץ אַוועקגעבן, וואָס איך וועל פון זיי אַרויסקריגן, אַלץ אַוועקגעבן און פרעגן: — נו, שדים? אָט האָט איר!

— פערד איינער, — אָט דאָס איז דער ציל פון דיין לעבן?

— אינגאַנצן, מיט דער גאַנצער נשמה האָב איך זיך דערצו אָפּגעגעבן — און מער קאָן איך גאָר נישט טון.

גאַנצענע טעג פלעגט ער פאַרברענגען אין קרייז־געריכט, אין פּאַלאַטע ביי זיין אַדוואָקאַט, אָפּט אין די אָוונטן פלעגט ער קומען אַהיים אויף אַ דראָזשקע, האָט געבראַכט מיט זיך פּעקעלעך, ראָלקעס, פלעשלעך, און ביי זיך אין זיין שמוציקן צימערל מיט דעם נידעריקן באַלקן און דער צעקרימטער פּאָדלאָגע, פלעגט ער פּראַווען טומלדיקע הולאַנקעס. דערביי פלעגט ער איינלאַדן די סטודענטן, שניידערינס — די אַלע, וואָס האָבן חשק אָנצועסן זיך זאַט און כאַפּן אַ כּוסה, און ער, דער „געלער פערד" אַליין, האָט געטרונקען נאָר ראָם, אַ משקה, פון

וועלכער עס פלעגן אויף דעם טישטוך, אויף די בגדים און אויף דער פּאָדלאָגע בלייבן טונקל־געלע פלעקן, וואָס האָבן זיך קיינמאָל נישט אָפּגעוואַשן, — אַן אָנגעשפּורטער פלעגט ער וואָיען:

— פויגעלעך מיינע ליבינקע! איך האָב אייך ליב — אָרנטלעכע לייט! אָבער איך — בין אַ מיאוסער אויסוואורף און אַ קראָקאָדיל, — איך וויל אַ תל מאַכן פון מיינע קרובים און — כ׳וועל דאָס טון!.. אויף מיין ערן וואָרט. עס מעג מיר קאָסטן דאָס לעבן, אָבער...

דעם „פּערדס" אויגן האָבן תחנונים׳דיק געפינטלט און דאָס נארישע קנאָכיקע פּנים פלעגט פייכט ווערן פון שכורע טרערן, וועלכע ער פלעגט פאַנאַנדערווישן מיט די הענט איבער דער באַק, פאַנאַנדערשמירן איבער די קני, — אויף זיינע הויזן זיינען תמיד געווען פעטע פלעקן.

— ווי לעבט איר? — האָט ער געשריען,—הונגעריקע, דערפרוירענע, אָפּגעריסענע, — אָט דאָס — איז יושר? וואָס קען מען זיך אין אַזאַ לעבן אויסלערנען: אוי, ווען דער קייסער וואָלט וויסן, ווי איר לעבט...

און אַרויסכאַפּנדיק פון טאַש אַ פּעקל מיט פּאַפּיר־געלט פון פאַרשיידענע פאַרבן, פלעגט ער אָנבאָטן:

— ווער דאַרף געלט? נעמט, ברידער!

גיריק פלעגן די כאָריסטינס און די שניידערינס אַרויס־כאַפּן פון זיין האָריקער האַנט דאָס געלט, ער פלעגט כיכיקען און זאָגן:

— יאָ, דאָס — איז נישט פאַר אייך! דאָס — איז פאַר די סטודענטן.

די סטודענטן פלעגן אָבער דאָס געלט נישט נעמען.

— צו אַלדי רוחות מיטן געלט!—האָט מיט כעס געשריען דעם קירזשנערס זון.

ער האָט אַליין אַמאָל שכּורערהייט געבראַכט פלעטנעוון אַ פּעקל צעקנייטשטע צען־רובלדיקע, אַ וואָרף געטון אויפן טיש און געזאָגט:

— אַט האָסטו — דאַרפסטו? איך — דאַרף נישט!..

ער האָט זיך אַריינגעלייגט אין אונזער בעטל און אָנגעהויבן קלאָגן און שרייען, אַז מ'האָט אים געמוזט באַגיסן מיט קאַלט וואַסער. ווען ער איז איינגעשלאָפֿן, האָט פלעטנעוו געוואָלט אויסגלייכן דאָס געלט, ס'איז אָבער אוממעגלעך געווען. — די באַנקנאָטן זענען געווען אַזוי פעסט צונויפגעקלעפּט, אַז מ'האָט זיי געמוזט מיט וואַסער פייכט מאַכן, כדי אָפּצורייסן איינס פונם אַנדערן.

אין רויקן, שמוציקן צימער, וואָס זיינע פענסטער קומען אַרויס צו דער געמויערטער וואַנט פון שכנותדיקן הויז, איז ענג, פאַרשטיקט, טומלדיק און דריקנד, דער „פערד" שרייט העכער פאַר אַלעמען. איך פרעג אים:

— פאַר וואָס ווינסטו דאָ און נישט אין אַ האָטעל?

— ליבער, מיר איז דאָ צום האַרצן! מיט אייך איז וואַרעמער אויף דער נשמה..

דעם קירזשנערס זון איז מסכּים:

— ריכטיק, פערד! מיט מיר — אויך אַזוי, אַנדערשווּ וואָלט איך פאַרפאַלן געוואָרן...

דער „פערד" בעט זיך ביי פלעטנעוון:

— שפּיל! זינג!

גורי לייגט אַוועק די האַרף אויף זיינע קני און זינגט:

— „גיי אויף, גיי אויף. זון דו ליכטיקע".

זיין שטים איז ווייך און ציט ביי דער נשמה. —

אין צימער ווערט שטיל, אַלע הערן זיך צו פאַרטראַכט צו די טרויעריקע ווערטער און צו דעם שטילן קלאַנג פון די האַרף־סטרונעס.

— גוט, צו אַלדי רוחות! — מורמלט דער אומגליקלעכער טרייסטער פון דער סוחרטע.

צווישן די משונהדיקע איינוווינער פון אַלטן הויז האָט גורי פלעטנעוו אַליין פאַרמאָגט די חכמה, וואָס רופט זיך פריילעכקייט, ער האָט דעריבער דאָ געשפּילט די ראָלע פון דעם גוטן מלאך, וואָס מיר געפינען אין די פאַרכשופטע מעשיות, זיין נשמה האָט

געמיניעט מיט אַלע העלע פאַרבן פון דער יוגנט און האָט באַלויכטן דאָס לעבן מיט ראַקעטן פון לוסטיקע גלייכווערטלעך, מיט שיינע לידער, מיט שאַרפן שפּאָט אויף די מענטשלעכע מנהגים און רגילותן, מיט אָפענע דבורים וועגן דעם גראָבן שקר פון לעבן. ער איז ערשט אַלט געוואָרן צוואָנציק יאָר, האָט אויסערלעך אויסגעזען נאָך גאָר אַ יונגל, אָבער אין דעם הויז האָבן אַלע געקוקט אויף אים, ווי אויף אַ מענטשן, וואָס קען אין אַ שווערער מינוט אַרויסהעלפן מיט אַ גוטער עצה און איז שטענדיק גרייט עפּעס צו טון. בעסערע מענטשן האָבן אים ליב געהאַט, ערגערע — האָבן פאַר אים מורא געהאַט און אַפילו דער אַלטער וועכטער ניקיפאָריטש האָט שטענדיק באַגריסט גוריען מיט אַ פוקסן שמייכעלען:

דער הויף פון „מאַרוסאָווסקע“ איז געווען אַ דורכגאַנגסהויף און, גייענדיק באַרג אַרויף, האָט ער פאַראייניקט צוויי גאַסן: די פישמאַרק-גאַס מיט די אַלט-גאַרשאָטשנע. אויף דער דאָזיקער גאַס האָט זיך נישט ווייט פון אונזער טויער אין אַ ווינקל צוגעטוליעט דאָסביידל פון ניקיפאָריטש.

ער איז געווען דער עלטערע גאַראָדאַוואָי פון אונזער פערטל; אַ הויכער, אַ טרוקענער אַלטער, וואָס איז געווען באַהאָנגען מיט מעדאַלן, ער האָט געהאַט אַ קלוג פּנים, אַ פריינטלעכן שמייכל און — כיטרע אויגן.

ער האָט זיך באַצויגן זייער אויפמערקזאַם צו דער טומלדיקער קאָלאָניע פון געוועזענע און קינפטיקע מענטשן; עטלעכע מאָל אין טאָג פלעגט זיין גלאַט געפורמטע פיגור זיך באַווייזן אויפן הויף, גיין פלעגט ער נישט געאיילט, אַריינקוקנדיק אין די פענסטער פון די הייזער מיט אַ קוק פון אַ משגיח פון אַ טירגאָרטן אויף די שטייגן פון די חיות. ווינטער האָט ער אין איינער פון די דירות אַרעסטירט דעם אָפיציר סמירנאָוו, אַ קאַליקע אויף איין האַנט און דעם סאָלדאַט מוראַטאָוון, געאָרגיעווע קאַוואַלערן, די אָנטיילנעמער אין דער סקאָבעלעווס אַכאַל-טעקינער עקספּעדיציע; אַרעסטירט האָט מען זיי — און דאָבניען, אָווסיאַנקינען, גריגאָריעוון, קרילאָוון און נאָך וועמען פאַר וועלן גרינדן אַ געהיימע דרוקעריי. צוליב דעם זענען מוראַטאָוו און סמירנאָוו

זונטאָג בייטאָג אָוועק אין קליוטשניקאָווס דרוקעריי, וואָס געפינט זיך אויף אַ קאָכיקער גאַס פון שטאָט, אַרויסגנבענען שריפט. דאָ האָט מען זיי געפּאַקט. און איינמאָל ביינאַכט האָבן זשאַנדאַרמען אין מאַרוסאָווסקע געכאַפּט דעם לאַנגן מרה־שחורהדיקן איינוווינער, וועלכן כ'האָב אַ נאָמען געגעבן „בלאָנדזשענדיקער גלאָק־טורם". אינדערפרי, ווען גורי האָט זיך דערוווּסט וועגן דעם, האָט ער אַן אויפגערעגטער צעשויבערט זיינע שוואַרצע האָר און געזאָגט:

— אָט וואָס, מאַקסימיטש, צו אַלדי רוחות, לויף, ברודער גיכער...

דערקלערנדיק מיר, וווהין איך זאָל לויפן, האָט ער צוגעגעבן:

— זע — נאָר, זיי פאָרזיכטיק! היט זיך פאַר שפּיצלען.

די געהיימע שליחות האָט מיך שטאַרק דערפרייט, און ווי אַ פייל פון בויגן בין איך אַוועקגעלאָפן אין דער אַדמיראַליטעט־פאָרשטאָט דאָרטן, האָב איך אין אַ טונקעלן מעש־וואַרשטאַט דערזען אַ געקרייזלטן יונגנמאַן מיט אויסערגעוויינלעך בלאָע אויגן. ער האָט געווייסט אַ פאַן, נאָר ער האָט נישט אויסגעזען, ווי אַן אַרבעטער. און אין אַ ווינקל ביים פרעס האָט זיך אַ קליינער אַלטיטשקער, מיט אַ רימענטל אויף די גרייז־גראָע האָר, געפּאָרעט ביים פאַרליטעווען אַ קראַן.

כ'האָב געפרעגט דעם אַלטיטשקן מעש־אַרבעטער:

— איז ביי אייך אפשר פאַראַן אַרבעט?

דער אַלטער האָט בייז געענטפערט:

— פאַר אונז — איז דאָ, אָבער פאַר דיר — איז נישטאָ!

דער יונגערמאַן האָט קורץ אַ בליק געטון אויף מיר און ווידער אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ איבער דער פאַן. איך האָב אים שטילערהייט אַ שטויס געטון אין פוס, — ער האָט מיך פאַר־חידושט און בייז אָנגעקוקט מיט זיינע בלאָע אויגן, האַלטנדיק, בשעת מעשה, דאָס פענדל פאַרן הענטל, ווי ער וואָלט בדעה געהאַט צו וואַרפן עס מיר אין קאָפּ. אָבער באַמערקנדיק, ווי איך ווינק צו אים צו, האָט ער רויק געזאָגט:

— טראָג זיך אָפּ, טראָג זיך...

איך האָב אים נאָך אַ מאָל צוגעווונקען, בין אַרויס און האָב

אים אָפּגעוואַרט אין דרויסן. דער יונגערמאַן מיט די קודלעס האָט אויסגעגלייכט די ביינער און איז אויך אַרויסגעגאַנגען, ער האָט מיך שווייגנדיק אָנגעקוקט, פאַררויכערנדיק אַ פּאַפּיראָס:

— איר זענט טיכאָן?

— נו, יאָ!

— מ'האָט אַרעסטירט פּיאָטרן.

ער האָט זיך בייז אָנגעכמורעט, דורכנעמענדיק מיך מיט זיינע אויגן.

— וועלכן פּיאָטר.

— דעם לאַנגן, וואָס זעט אויס, ווי אַ קלויסטער-שמש.

— נו ?

— מער גאָרנישט.

— וואָס גייט מיך אָן פּיאָטר, דער קלויסטער-שמש, און אַלע אַנדערע דאָרט? — האָט אַ פרעג געטון דער מעש-אַרבעטער, און דער אופן ווי אַזוי ער האָט געפרעגט, האָט מיך שוין אינגאַנצן איבערצייגט: ער איז נישט קיין אַרבעטער. איך בין אַוועקגעלאָפן אַהיים אַ שטאָלצער דערמיט, וואָס מיר האָט זיך איינגעגעבן אויסצופירן די שליחות. אָט אַזוי האָט אויסגעזען מיין ערשטע באַטייליקונג אין „קאָנספּיראַטיווע" ענינים.

גורי פּלעטנעוו איז געווען נאָענט צו די דאָזיקע ענינים, אָבער אויף מיין בקשה, אַז ער זאָל מיך אויך אַריינפירן אין דעם קאָנספּיראַטיוון קרייז, פלעגט ער ענטפערן:

— פאַר דיר, ברודער, איז נאָך צו-פרי! דו — לערן!...

יעווריעאינאָוו האָט מיך באַקאַנט געמאַכט מיט עפּעס אַ געהיימניספולן מענטשן. די דאָזיקע באַקאַנטשאַפט איז געווען פאַרוויקלט מיט פאַרשיידענע אָפּהיטונגען, וואָס האָבן איבערגעלאָזט אין מיר אַ פאָרגעפיל פון עפּעס-אַזוינס זייער ערנסטעס...

יעווריעאינאָוו האָט מיך אַוועקגעפירט הינטערן שטאָט, אויפן אַרסק-פעלד, וואָרנענדיק אונטערוועגס, אַז דאָס באַקאַנטשאַפט פאָדערט פון מיר די גרעסטע פאָרזיכט, און מ'מוז עס האַלטן בסוד. נאָכדעם, אָנווייזנדיק פון ווייטן אויף אַ קליינער גרויער געשטאַלט, וואָס האָט פּאַוואָליע געשפּרייזט איבערן פּוסטן פעלד, האָט זיך

יעווּדאַיבאָוו אַרומגעקוקט און שטיל געזאָגט:

— אָט איז ער! גייט אים נאָך, און, ווען ער וועט זיך אָפּשטעלן, זאָלט איר צוגיין און זאָגן: איך בין אַן אורח...

דאָס סודותדיקע — איז שטענדיק אָנגענעם, אָבער דאָ גראָד איז מיר דאָס פּאַרגעקומען לעכערלעך: ס׳איז אַ הייסער, העלער טאָג, אויפן פעלד וויגט זיך, ווי אַן אָרעם גרעזל, אַן איינזאַם מענטשל, אָט דאָס גאָר. איך האָב אים אָנגעיאָגט ביים טויער פון בית־עולם, און האָב דערזען פאַר זיך אַ בחורל מיט אַ קליין, טרוקן פּנימל און מיט אַ שטרענגן בליק פון קיילעכדיקע פויגלשע אויגן, ער האט געטראָגן אַ גראָען מאַנטל פון אַ גימנאַזיסט, נאָר די העלע קנעפּ זענען געווען אָפּגעטרענט און פאַרביטן מיט שוואַרצע ביינערנע, אויף דעם אָפּגענוצטן היטל איז געווען קענטיק די שפּור פון גערב און בכלל האָט ער אויסגעזען עפּעס פאַר דער צייט אַרומגעפליקט — פּונקט ווי ער וואָלט זיך צוגעאײַלט אַרויסצווייזן פאַר זיך אַליין, אַז ער איז שוין אַ גאַנצער מענטש.

מיר זענען געזעסן צווישן קברים, אין שאָטן פון געדיכטע קוסטעס. דער מענטש האָט גערעדט, טרוקן, געשעפטלעך, און איז מיר דורך און דורך נישט געפעלן געוואָרן. נאָכדעם, ווי ער האָט מיך שטרענג אויסגעפרעגט, וואָס איך האָב געלייענט, האָט ער מיר פאָרגעלייגט אַרייננגיין לערנען זיך אין אַ קרייזל, וואָס ער האָט אַליין אָרגאַניזירט, איך האָב מסכים געווען, און מיר האָבן זיך צעשיידט, ער איז אַוועק דער ערשטער אַרומקוקנדיק פאָרזיכטיק דאָס פּוסטע פעלד.

אין קרייזל, ווו ס׳זענען געווען נאָך אַ דריי פיר יונגעלייט, בין איך געווען דער יונגסטער און לחלוטין נישט צוגעגרייט צום שטודירן אַדאַם סמיטס בוך מיט טשערנישעווסקיס באַמערקונגען. מיר פלעגן זיך צוזאַמענקומען אין מילסוואַסקעס וווינונג — אַ שילער פונם לערער־אינסטיטוט. שפּעטער האָט ער געשריבן דערציילונגען אונטערן פּסעוודאָנים, עלעאָנסקי און, נאָכדעם ווי ער האָט אָנגעשריבן אַרום פינף בענדער, האָט ער זיך גענומען דאָס לעבן. — וויפיל מענטשן, פון די וואָס איך האָב באַגעגנט, זענען מיטן אייגענעם רצון אַוועק פון דער וועלט!

ער איז געווען אַ מענטש אַ שווייגנדיקער, אַ ביישן אין דענקען, אַ פאַרזיכטיקער אין ווערטער. ער האָט געווינט אין אַ קעלער פון אַ שמוציקן הויף און צוליבן „גלייכגעוויכט פון גוף און נשמה" זיך פאַרנומען מיט סטאָליאַר-אַרבעט. ס'איז געווען מיט אים לאַנגווייליק. דאָס לעזן פון סמיטס בוך האָט מיך נישט צוגעצויגן, די הויפט-גרונדן פון דער עקאָנאָמיק זענען מיר גאָר אינגיכן פאַרגעקומען זייער באַקאַנט, איך האָב זיי געלערנט אומ-מיטלבאַר פון לעבן, זיי זענען געווען אָנגעשריבן אויף מיין הויט און מיר האָט זיך געדוכט, אַז ס'איז גאָרנישט נויטיק געווען אָנ-צושרייבן אַזאַ דיק בוך מיט שווערע ווערטער וועגן זאַכן, וואָט זענען קלאָר פאַר יעדן, וואָס פטרט זיינע כּחות פאַרן גליק און ווילשטאַנד פון „אַ פרעמדן פעטער". — מיט גרויס אָנשטרענגונג פלעג איך אויסזיצן צוויי-דריי שעה אין דער גרוב, וואָס איז גע-ווען אָנגעזאַפּט מיטן ריח פון קליי, ציקיקנדיק, ווי אויף דער ברודיקער וואַנט קריכן אַרום פרייסן...

איינמאָל האָט אונזער גלויבנס-לערער פאַרשפּעטיקט צו קו-מען צו דער געוויינלעכער צייט און מיר, מיינענדיק, אַז ער וועט שוין נישט קומען, האָבן איינגעאָרדנט אַ שטיקל שמחהלע, געקויפט אַ פלעשל בראָנפן און ברויט מיט אוגערקעס. פלוצלונג זענען פאַרביי פענסטער אַדורכגעלאָפן די גראָע פיס פון אונזער לערער, מיר האָבן קוים באַוויזן צו באַהאַלטן אונטערן טיש דעם בראָנפן, און גלייך האָט זיך אָנגעהויבן דער פּלפּול איבער טשערנישעווסקיס קלוגע אויספירונגען. מיר זענען אַלע געזעסן אומבאַוועגלעך, ווי גולמס, וואַרטנדיק מיט שרעק, אַז איינער פון אונז וועט איבער-קערן מיטן פוס דאָס פלעשל. און איבערגעקערט האָט עס גראָד אונזער לערער—און אַ קוק טוענדיק אונטערן טיש, קיין וואָרט נישט געזאָגט. אַך, וואָלט ער אונז בעסער שוין גוט אויסגעזידלט!

זיין שווייגן, זיין האַרב פּנים און די באַליידיקט - פאַרזשמו-רעטע אויגן, האָבן מיך שרעקלעך צעטומלט. כאַפּנדיק אַ קרומען בליק אויף די רויט-געוואָרענע פּנימער פון מיינע חברים, האָב איך זיך געפילט, ווי אַ פאַרברעכער קעגן דעם לערער און האָב אים פון טיפן האַרצן מיטגעפילט, הגם דאָס בראָנפן האָט מען געקויפט

ניִשט מיט מײַן איניציאַטיוו.

אויף די פֿאָרלעזונגען איז געווען אומעטיק, עס האָט זיך געגלוסט אוועקגײן אין דער טאַטערשער פֿאָרשטאָט, ווו עס לעבן אַ זיבער לעבן, אויף זייער אייגענעם שטייגער, גוטהאַרציקע פֿרײַנטלעכע מענטשן; זיי רעדן אויף אַ לעכערלעך-צעמזיקטן רוסיש. מיט מאָדנע קולות רופֿן יעדן אָוונט די שמשים פֿון די הויכע מינאַרעטן אין די מעטשעטן אַרײַן. מיר האָט זיך געדוכט, אַז בײַ די טאָטערן איז דאָס גאַנצע לעבן עפּעס אַנדערש אײַנגעאָרדנט, אומבאַקאַנט פֿאַר מיר, ניִשט ענלעך צו דעם, וואָס איך ווייס און וואָס עס פֿרייט מיך קנאַפּ.

מיך האָט געצויגן צו דער וואָלגע, צו דער מוזיק פֿון הײַרעפּאַשנעם לעבן. די דאָזיקע מוזיק פֿאַרשיכּורט עד-היום מחיהדיק מײַן נשמה; איך געדענק זייער גוט דעם טאָג, ווען איך האָב צוערשט דערפֿילט די העלדישע פּאָעזיע פֿון האָרעוואַניע.

אין אַ דאָרף הינטער קאַזאַן, איז אַ לאַסט-שיף אָנגעלאָפֿן אויף אַ שטיין און צעשמעטערט דעם דעק; אַ חבֿרה טרעגער האָבן מיך מיטגענומען איבערצולאָדעווען דאָס לאַסט-שיף. ס׳איז געווען סעפּטעמבער, עס האָט געבלאָזן אַ יבשה-ווינט, איבער דעם גראָען טײַך האָבן זיך בייז געוואָרפֿן די כוואַליעס, דער ווינט האָט מיט רציחה אַראָפּגעריסן פֿון זיי די קאַמען, און באַשפּריצט דעם טײַך מיט אַ קאַלטן רעגן. די קאָמפּאַניע, אַ מאַן פֿופֿציק, האָט זיך אָנגעברוגזט צעלייגט אויפֿן אויבערדעק פֿונם לאַסט-שיף, איינקוטענדיק זיך אין ראָגאָזשעס און ברעזענטן. דאָס לאַסט-שיף האָט געשלעפּט אַ קליינער שלעפּ-דאַמפּער, סאָפּנדיק שווער, און אַרויסוואַרפֿנדיק פֿון זיך אין רעגן רויטע פֿונקען-גאַרבן.

ס׳איז געוואָרן אָוונט. אַ בלײַענער נאַסער הימל האָט זיך פֿינסטערנדיק אַראָפּגעלאָזט איבערן טײַך. די אויסלאָדער האָבן געמורמלט און זיך געזידלט, פֿאַרשילטנדיק דעם רעגן, דעם ווינט, דאָס לעבן, אַרומגעקראָכן פֿויל איבערן אויבערדעק, זוכנדיק אַ באַהעלטעניש פֿון קעלט און פֿון נעץ. מיר האָט זיך געדוכט, אַז די האַלב-פֿאַרשלאָפֿענע מענטשן זענען ניִשט פֿעיִק צו אַרבעט, וועלן ניִשט אַרויסראַטעווען די אונטערגײענדיקע סחורה-לאַסט.

אַרום האַלבע נאַכט האָבן מיר זיך צוגעשיפּט מיטן באָרט פון אונזער לאַסט־שיף פּונקט צום באָרט פונם לאַסט־שיף, וואָס איז געלעגן אויף די שטיינער. דער אויפזעער פון דעם אַרטעל איז געווען אַ גיפטיק אַלט מענטשל, אַ געשטופּטער רמאי און נבול־פּהניק, מיט אויגן און מיט אַ נאָז פון אַ גייער. אַראָפּרייסנדיק פון זיין פּליכעוואַטן שאַרבן דעם נאַסן דאַשעק, האָט ער אַ געשריי געטון מיט אַ הויכער ווייבערשער שטים:

— יאַטן, זייט מתפּלל!

אין דער פינסטערניש, אויפן דעק פונם לאַסט־שיף, האָבן די אויסלאָדער זיך צונויפגערוקט אין איין טונקעלער קופּע און, ווי בערן, אָנגעהויבן ברומען. און דער אויפזעער, וואָס האָט פריער פאַר אַלעמען פאַרענדיקט די תּפילה, האָט אָנגעהויבן קוויטשען:

— לאַמטערנעס! נו, חברה, ווייזט וואָס איר קאָנט! ערלעך, קינדער! העלף גאָט—הויבט אָן!

און די שווערע, פוילע, נאַסע מענטשן האָבן אָנגעהויבן „ווייזן וואָס זיי קאָנען”. פּונקט ווי אין שלאַכט האָבן זיי זיך אַ וואָרף געטון אויפן אויבערדעק און אין די קעלערן פון דער פאַרטרונקענער לאַסט־שיף,—מיט אַ הו־האַ, מיט ווילדע געשרייען און גלייכווערטלעך. אַרום מיר זענען לייכט, ווי פּוכענע קישנס, געפלויגן זעק מיט רייז, פּעק מיט ראָזינקעס, פעל, קאַראַקול, עס זענען אַרומגעלאָפן פעסט־געבויטע געשטאַלטן, אויפמונטערנדיק איינער דעם אַנדערן מיט געשרייען, פייפעריי און שאַרפע זידל־ווערטער. עס איז שווער געווען צו גלויבן, אַז אָט די אייגענע, שווערע ברוגזע מענטשן, וואָס האָבן זיך אָקאָרשט באַקלאָגט אויפן לעבן, אויפן רעגן און אויף דער קעלט, אַרבעטן אַזוי פריילעך און מיט הצלחה. דער רעגן איז געוואָרן געדיכטער און קעלטער, דער ווינט האָט זיך געשטאַרקט, געריסן די העמדלעך, פאַרקאַטשערדיק זיי איבערן קאָפּ און אָפּדעקנדיק די בייכער. אין דער נאַסער פינסטערקייט,ביים שוואַכן שיין פון זעקס לאַמטערנעס, האָבן זיך אַרומגעדרייט שוואַרצע מענטשן, טופּענדיק דומפּ מיט די פיס איבער די אויבערדעקן פון די לאַסט־שיפן. מ'האָט געאַרבעט אַזוי, גלייך זיי וואָלטן געווען אויסגעהונגערט נאָך אַרבעט, גלייך זיי

וואלטן שוין לאנג געגארט נאכן תענוג צוווארפן פון האנט צו האנט פיר-פודיקע זעק און ארומלויפן מיט פעק אויף די פלייצעס. מ׳האט געארבעט שפילנדיק, מיט א פריילעכן חשק פון קינדער, מיט יענער פארשיכורטער שמחה צו מעשים, וואס זיסער פון איר איז בלויז די אומארמונג פון א פרוי.

א גרויסער, בערדיקער מענטש, אין א קורצן יאק און ארבל, א נאסער, א גליטשיקער—מסתמא דער באלעבאס פון דער סחורה, אדער זיינער א נאמן—האט פלוצלונג אנגעהויבן צו גוואלדעווען און אויפגערעגטער:

— יאטן,—איך שטעל אן עמער! גזלנים ליבע -- עס גייט צוויי! געארבעט זאל ווערן!

עטלעכע קולות מיטאמאל, פון אלע עקן פון דער פינס-טערגיש, האבן הויך אויסגעשריען׳

— דריי עמער!

— איר קריגט דריי! געארבעט זאל ווערן, זייט וויסן און די ארבעט האט זיך צעברענט.

איך האב אויך געכאפט זעק, געשלעפט, געווארפן, ווידער געלאפן און ווידער געכאפט און ס׳האט זיך מיר געדוכט, אז איך אליין און אלץ ארום מיר איז אוועק אין א ווילדן טאנץ, אז די די דאזיקע מענטשן קענען אזוי מוראדיק און פריילעך ארבעטן אן אויפהער, חדשים, יארן, נישט שאנעווענדיק זיך, אז זיי זענען בכוח אנצוכאפן די טורעמס און די מינארעטן פון שטאט און אוועקשלעפן זיי, וווהין זייער הארץ גלוסט.

איך האב נאך קיינמאל נישט דורכגעלעבט אזא נאכט פון פרייד, אין מיין נשמה האט זיך אנגעצונדן א פארלאנג, דאס גאנצע לעבן צו פארברענגען אין דער דאזיקער האלב-שגעונדיקער שמחה פון מעשים. הינטער די ראנדן פון שיף האבן געטאנצט די כוואליעס, דער רעגן האט געפאטשט איבער דעם דעק פון שיף, איבערן טייך האט געפייפט דער ווינט, און דער גראער טונקלקייט פון באגינען זענען אן אויפהער שנעל ארומגעלאפן האלב-נאקעטע נאסע מענטשן און האבן געשריען, געלאכט, אנקוועלנדיק פון זייער כח, פון זייער מי. און דא האט נאך דערצו דער ווינט

פונאַנדערגעריסן די שווערע משא פון די וואָלקנס, און אויפן העל בלאָען פלעק פון הימל האָט אַ בליץ געטון אַ ראָזלעכער זון־שטראַל, וועלכן די פריילעכע חיות האָבן אַלע מיטאַמאָל אויפגענומען מיט אַ ברום, אָפּטרייסלענדיק די נאַסע האָר פון זייערע פּרצופים. אַרומנעמען, צעקושן האָט זיך געוואָלט אָט די דאָזיקע צווײ־פיסיקע חיות, וואָס זענען אַזוי קלוג און פלינק אין דער אַרבעט, אַזוי איבערגעגעבן מיט לייב און לעבן צו איר.

ס'האָט זיך געדוכט, אַז קען אַזאַ אָנשטרענגונג פון פריילעך־צעבושעוועטער קראַפט איז קיין זאַך נישט בכח זיך אַנטקעגנצושטעלן, זי קאָן אויפטון וווּנדער אויף דער וועלט, זי קאָן אין איין נאַכט באַדעקן די וועלט מיט פּרעכטיקע שלעסער און שטעט, ווי עס שטייט געשריבן אין אונזערע וואָרזאַגערישע מעשיות. דער זון־שטראַל, וואָס האָט איין אָדער צוויי מינוט אָנגעקוקט די אַרבעט פון די מענטשן און איז נישט בכח געווען בייצוקומען די שווערע געדיכטעניש פון די וואָלקנס, איז דערטרונקען געוואָרן צווישן זיי, ווי אַ קינד אין ים—און דער רעגן—איז אַריבער אין אַ שלאַקס־רעגן.

— געזונט זאָל זיין!—האָט עמעצער אויסגעשריען, נאָר מ'האָט אים מלא־חמה אָפּגעענטפערט:

— מיר וועלן דיר ווייזן געזונט!

און ביז צוויי אַ זייגער בייטאָג, ביז וואַנען מען האָט נישט איבערגעלאָדעוועט די גאַנצע סחורה, האָבן די דאָזיקע האַלב־נאַקעטע מענטשן אָן אויפהער געאַרבעט אונטער אַ גוס־רעגן און אַ שניידנדיקן ווינט, צווינגענדיק מיך מיט יראת הכבוד צו פאַרשטיין, וואָס פאַר אַ מעכטיקע כחות די מענטשלעכע ערד פאַרמאָגט.

דערנאָך איז מען אַריבער אויפן דאַמפער און דאָרט זענען אַלע, ווי שכּורע איינגעשלאָפן, און, קומענדיק אין קאַזאַן, האָבן זיי זיך צעוויסגעלאָזט, ווי אַ גראָער שטראָם פון שמוץ אויפן זאַמד פון ברעג און זענען אַוועק אין שענק טרינקען דריי עמער בראָנפן.

דאָרט איז צו מיר צוגעגאַנגען דער גנב באַשקין, האָט מיך אַרומגעקוקט און געפרעגט:

— וואָס טוט זיך מיט דיר?

איך האָב אים מיט התפעלות דערציילט וועגן דער אַרבעט, ער האָט מיך אויסגעהערט, אַ זיפץ געטון און מיט פאַראַכטונג געזאָגט:

— ביסט אַ נאַר. און — אפשר נאָך ערגער — אַ אידיאָט!

צופייפנדיק און בויגנדיק מיט זיין קערפּער ווי אַ פיש, האָט ער זיך אַוועקגעלאָזט צווישן די ענג-אָנגעשטעלטע טישלעך, — ביי וועלכע עס האָבן פריילעך געהוליעט די אויסלאָדער, און אַ ווינקל האָט אויף אַ טענאָר איינער געזונגען אַן אויסגעלאַסן לידל:

— עך, פּאַסירט האָט די מעשה גאַנץ שפּעט אין דער נאַכט
אַרויס אַ מאַדאַם איז אין גאָרטן שפּאַצירן — חע!

אַ צענדליק קולות האָבן זיך הילכיק צערעוועט, צוקלאַפּנדיק מיט די הענט איבערן טיש:

היט דער וועכטער, היט און בליקט
זעט ער — די מאַדאַם זי ליגט..

אַ געלעכטער, אַ פייפעריי. עס דונערן די ערגסטע, מיאוסטע ווערטער, וואָס האָבן, מסתמא, לויט זייער אויסגעלאַסענעם ציניזם קיין גלייכן צו זיך נישט אויף דער וועלט.

---

איינער האָט מיך באַקאַנט געמאַכט מיט אַנדריי דערענקאָוו, וואָס האָט געהאַלטן אַ קליין שפּייז-געוועלבל, פאַררוקט אין עק פון אַן אָרעמען, שמאָלן געסל, אַ טאָל, וואָס איז געווען פאַרלייגט מיט מיסט.

דערענקאָוו איז געווען אַן אויסגעטריקנט מענטשל מיט אַ גוט פּנים אין דער ראַם פון אַ העל בערדל און מיט קלוגע אויגן. ער האָט געהאַט די גרעסטע ביבליאָטעק אין שטאָט פון אומלעגאַלע זעלטענע ביכער, — מיט די דאָזיקע ביכער האָבן זיך באַנוצט די סטודענטן פון די פיל לעראַנשטאַלטן אין קאַזאַן, ווי אויך אַלערליי רעוואָלוציאָנער-געשטימטע מענטשן.

דערענקאָווס געוועלב האָט זיך געפונען אין אַ נידעריק צוגעבויט הייזל ביים הויז פון אַ סקאָפּעץ — אַ חלפן. פון קראָם האָט געפירט אַ טיר אין אַ גרויס צימער, וואָס איז קאַרג געווען באַלויכטן דורך אַ העל-פענסטער. הינטער דעם דאָזיקן צימער אין דער לענג, האָט זיך געפונען אַ ענגע קיך, און הינטער דער קיך

צווישן דעם הויז און דעם צובוי, האָט זיך אין אַ ווינקל פון אַ פינסטערן פירהויז, באַהאַלטן אַ קעמערל און אָט אין דעם קעמערל איז געווען די ביבליאָטעק מיט די בייזע כוונות. אַ טייל פון די ביכער זענען געווען איבערגעשריבן אין דיקע העפטן מיט אַ פעדער, — אַזוי, למשל „די היסטאָרישע בריוו" פון לאַווראָוו, „וואָס טוט מען" פון טשערנישעווסקי, אייניקע אַרטיקלען פון פּיסאַרעוון, „דער מלך־הונגער", „די כיטרע מעכאַניק", — די דאָזיקע אַלע מאַנוסקריפּטן זענען געווען שטאַרק אָפּגענוצט און צעקנייטשט.

ווען איך בין צום ערשטן מאָל געקומען אין געוועלב צו דערענקאָוון, האָט ער, זייענדיק פאַרנומען מיט די קונים, מיר אָנגעוויזן אויף דער טיר, וואָס פירט אין צימער; אַריינקומענדיק אַהין האָב איך דערזען: אין דער טונקלקייט, אין אַ ווינקל, שטייט אויף די קני אַ קליינער אַלטיטשקער, וואָס איז ענלעך געווען צו סעראַפים סאַראָווסקעס אַ בילד, און איז מתפלל אין שטילער דבקות. קוקנדיק אויף דעם אַלטן, האָב איך דערפילט, אַז דאָ איז עפּעס נישט גלאַט און מאָדנע סתירותדיק. —

וועגן דערענקאָוון האָט מען מיר דערציילט, ווי וועגן „אַ נאַראָדניק"; אין מיין פאָרשטעלונג איז אַ נאַראָדניק געווען אַ רעוואָלוציאָנער, און אַ רעוואָלוציאָנער דאַרף נישט גלויבן אין גאָט, דער גאָטספאָרכטיקער אַלטער איז מיר פאָרגעקומען, ווי אַן איבעריקער אין דער דאָזיקער שטוב.

ווען ער האָט געענדיק מתפלל צו זיין, האָט ער פּינקטלעך פאַרגלעט די ווייסע האָר אויפן קאָפּ און פון דער באָרד, האָט זיך איינגעקוקט אין מיר און געזאָגט:

— איך בין אַנדרייס פאָטער, און ווער זענט איר? אַזוי גאָר? און איך האָב געמיינט — אַ פאַרשטעלטער סטודענט.

— צוליב וואָס זאָל זיך אַ סטודענט פאַרשטעלן? — האָב איך אַ פרעג געטון.

— אוודאי אַזוי — האָט זיך אָנגערופן דער אַלטער — ווי מען זאָל זיך נישט אָנטון, דער אייבערשטער דערקענט!

ער איז אוועק אין קיך, און איך, זיצנדיק ביים פענסטער,

האָב זיך פאַרטראַכט און פּלוצלינג דערהערט אַן אויסרוף:

— אַט אַזעלכער איז ער גאָר!

בײַ דער קיך־טיר איז געשטאַנען אַ מיידל, אָנגעטון אין ווייסן, די בלאָנדע האָר אירע זענען געווען קורץ געשוירן. פון בלאַסן, פולן פּנימל האָבן שמייכלדיק געשטראַלט אַ פּאָר בלויע אויגן. זי איז זייער ענלעך געווען צו אַ מלאך, ווי עס צייכע־נען די בילקע אייל־פאַרב־מאָלער.

— פאַרוואָס האָט איר זיך דערשראָקן? צי דען בין איך אַזאַ שרעקלעכער? — האָט זי גערעדט מיט אַ דינע ציטעריקע שטים, און האָט זיך פּאַוואָליע און פאָרזיכטיק גערוקט צו מיר, אָנהאַלטנדיק זיך בײַ דער וואַנט, ווי זי וואָלט גיין נישט אי־בער אַ האַרטער דיל, נור אין דער לופט איבער אַן אָנגעצוי־גענער שטריק. איר וואַקלענדיקע הויך האָט זי נאָך ענלעכער געמאַכט צו אַ באַשעפעניש פון אַן אַנדער וועלט. זי האָט אינ־גאַנצן געציטערט, ווי זי וואָלט געטראָטן איבער נאָדלען און די וואַנט וואָלט געברענט אירע קינדערשע פולע הענט. די פינגער פון אירע הענט זענען געווען עפּעס מאָדנע שטייף.

איך בין געשטאַנען פאַר איר אַ שווייגעדיקער מיט אַ גע־פיל פון אַ מאָדנע צעמישטקייט און ביטערן רחמנות. אַלץ איז אַזוי אויסטערליש אין דעם דאָזיקן טונקעלן צימער!

דאָס מיידל האָט זיך געזעצט אויף אַ שטול אַזוי אָפּגעגע־היט, גלייך זי וואָלט מורא געהאַט, אַז דער שטול זאָל נישט אַנטלויפן פון אונטער איר. פּשוט, ווי דאָס טוט קיין מענטש נישט, האָט זי מיר דערציילט, אַז עס איז ערשט דער פינפטער טאָג, ווי זי האָט אָנגעהויבן אַרומגיין, און ביז דאַן איז זי דריי חדשים געלעגן אין בעט — אָפּגענומען די הענט און די פיס.

— דאָס איז אַזאַ מין נערוון־קראַנקהייט, — האָט זי גע־זאָגט שמייכלענדיק.

איך געדענק, אַז מיר האָט זיך געוואָלט — איר צושטאַנד זאָל מיט עפּעס אַנדערש קאָנען דערקלערט ווערן; אַ נערוון־קראַנ־קייט — דאָס איז צו פּשוט פאַר אַזאַ מיידל און אין נאָך

אין אַזאַ מאָדנעם צימער, ווו אַלץ האָט זיך אַזוי שעמעוודיק צוגעטוליעט צו די ווענט, און ווו אין ווינקל, פאַר די איקאָ־נעס, ברענט אַזוי העל דער נר־תּמיד, און איבערן ווייסן טיש־טוך פון גרויסן עס־טיש, קריכן אַרום די שאָטנס פון זיינע מעשענע קייטלעך.

— מען האָט מיר פיל דערציילט וועגן אייך, האָט זיך מיר פאַרוואָלט אַ קוק טון, ווי איר זעט אויס,—האָב איך געהערט אַ דין קינדערישע שטים.

דאָס מיידל האָט מיך באַקוקט מיט עפּעס אַן אומדער־טרעגלעכן גליק, מיר האָט זיך געדאַכט, אַז אירע בלויע אויגן לייענען דורכדרינגלעך אין מיר.

מיט אַזאַ מיידל האָב איך נישט געקאָנט, כ׳האָב נישט פאַרשטאַנען, ווי צו רעדן. און איך האָב געשוויגן, אָנקוקנדיק נערצענס, דאַרווינס און גאַריבאַלדיס פּאָרטרעטן.

פון געוועלב איז אַרויסגעשפּרונגען אַ יונגל אין איין עלטער מיט מיר, מיט ווייסע ברעמען און פרעכע אויגן, ער איז פאַרשווונדן אין קוק, אויסשרייענדיק מיט אַן אָפּגעהאַקטן קול:

— וואָס ביסטו אַרויסגעקראָכן, מאַריאַ?

— דאָס איז מיין יונגער ברודער, אַלעקסיי, — האָט גע־זאָגט דאָס מיידל. — און איך לערן זיך אויף די אַקושער־קורסן, נור — גראָד בין איך קראַנק געוואָרן. פאַרוואָס שווייגט איר? איר — זענט אַ שעמעוודיקער?

עס איז געקומען אַנדריי דערענקאָוו, אַריינגערוקט אין בוזעם זיין אויסגעטריקנטע האַנט; שווייגעדיק האָט ער אַ גלעט געטון די שוועסטער איבער די ווייכע האָר, זיי צעשויבערט און מיך אָנגעהויבן פאַנאַנדערפרעגן, וואָס פאַר אַן אַרבעט איך זוך?

דערנאָך איז אַריין אַ שלאַנק מיידל מיט געלע לאָקן און גרינלעכע אויגן, האָט מיך שטרענג אָנגעקוקט און, אָנעמענדיק דאָס ווייסע מיידל אונטערן אָרעם, האָט זי עס אוועקגעפירט, זאָגנדיק:

— גענוג, מאַריאַ!

דער נאָמען האָט זיך נישט געפּאַסט פאַרן מיידל, עפּעס

געווען צו גראָב פאַר איר.

איך בין אויך אַוועק מאָדנע אויפגערעגט. אָבער אין אַ טאָג אַרום, בין איך, אין אַווגט, ווידער געזעסן אין דעם דאָזיקן צימער, מאַטערנדיק זיך צו פאַרשטיין — ווי אַזוי און מיט וואָס מען לעבט דאָרט? מ׳האָט דאָ עפּעס משונהדיק געלעבט.

דער ליבער, גוטער אַלטער סטעפּאַן איוואַנאָוויטש, אַ ווייסיני־קער, דוכט זיך אַ דורכזיכטיקער, איז געזעסן אין אַ ווינקל און אַרויסגעקוקט פון דאָרטן, שעפּטשענדיק מיט די טונקעלע ליפּן, שטיל שמייכלענדיק, ווי ער וואָלט בעטן:

— טשעפּעט מיך נישט!

מיר איז געווען קלאָר, אַז אים האָט געלעבט דער פּחד פון אַ האָז און אַן אומרויִק פאַרגעפיל פון אומגליק.

דער קאַליקער אַנדריי, אַנגעטון אין אַ גראָער קורטקע, וואָס איז געווען פון פאַרנט אויסגעשמירט אין מעל און פעטס און איז געווען האַרט, ווי אַ קאָרע, איז אַרומגעגאַנגען איבערן צימער עפּעס געבייגט אויף אַ זייט, שמייכלדיק שולדיק. פּונקט ווי אַ קינד, וועלכן מען האָט ערשט מוחל געווען אַ באַגאַנגענע שקאָצעריי. אין זיין האַנדל האָט אים געהאָלפן אַלעקסיי — אַ פּוילער, גראָבער בחור. דער דריטער ברודער — איוואַן, האָט זיך געלערנט אין לערער־אינסטיטוט, האָט געוווינט דאָרט אין אינטערנאַט און פלעגט קומען אַהיים נאָר אויף יום טוב: ער איז געווען אַ קליין מענטשל, ריין געקליידט און גלאַט צוגעקעמט, ער איז ענלעך געווען צו אַן אַלטן באַאַמטן. די קראַנקע מאַריאַ האָט געוווינט ערגעץ אויפן בוידעם און פלעגט זעלטן אַרונטערגיין, און ווען זי פלעגט קומען, האָב איך מיר געפילט נישט גוט, ווי געפּענטעט.

דערענקאָווס באַלעבאַטעשקייט האָט געפירט דעם סקאָ־פּעצס, דעם הויזווירטס אַ שכנה, אַ הויכע, אַ מאָגערע פרוי מיט אַ פּנים פון אַ הילצערנער ליאַלקע און מיט שטרענגע אויגן פון אַ בייזער מנישקע. דאָ האָט זיך אויך אַרומגעדרייט איר גע־לע טאָכטער נאַסטיאַ; ווען זי פלעגט מיט אירע גרינע אויגן קוקן אויף מענער, פלעגן ביי איר ציטערן די נאָזלעכער פון

איר שאַרפער נאָז.

אָבער די אמתע באַלעבאַטים אין דערענקאָווס דירה זע־נען געווען די סטודענטן פון אוניווערסיטעט, פון דער גייסט־לעכער אַקאַדעמיע, פון וועטערינאַרן־אינסטיטוט,—אַ טומלדיקער ערב־רב, וואָס האָט געטראָגן אויפן קאָפּ די זאָרג פאַרן רוסישן פאָלק און אַ שטענדיקן אומרו אין זיך פאַרן גורל פון רוסלאַנדס צוקונפט... זייענדיק שטענדיק אויפגערעגט פון די צייטונגס־אַרטיקלען, פון די אויספירן פון די ערשט־דורכגעלייענטע בי־כער, פון די לעבנס־געשעעענישן אין שטאָט און אוניווערסיטעט, פלעגן זיי אין די אָוונטן צוזאַמענלויפן פון אַלע קאַזאַנער גאַסן אין דערענקאָווס געוועלב, ווו זיי האָבן געפירט הייסע ויכוחים, אָדער שטיל געסודעט זיך אין די ווינקלען. זיי פלעגן מיט־ברענגען מיט זיך דיקע ביכער און, טייטלענדיק מיט די פינ־גער אויף זייערע בלעטער, האָט מען געשריִען איינער אויפן אַנדערן, אונטערהאַלטנדיק פעסטע יעדער זיין אמת.

עס פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב ווייניק וואָס פאַרשטאַנען די דאָזיקע ויכוחים, די אמתן פלעגן פאַר מיר פאַרלוירן גיין אין דעם ים ווערטער, פונקט ווי די פעטע אויגעלעך אין דער שיטערער זופּ פון אָרעמע לייט. אַנדערע סטודענטן האָבן מיר דערמאָנט די אַלטע זאָגער פון דער סעקטאַנטישער פּאָוואָלזשיע. איך האָב אָבער פאַרשטאַנען, אַז איך זע דאָ פאַר זיך מענטשן, וואָס גרייטן זיך צו פאַרבעסערן דאָס לעבן, און נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס זייער אויפריכטיקייט איז געשווומען אין אַ ים רייד,—איז זי אָבער דאָרט פאָרט נישט דערטרונקען געוואָרן. די אויפגאַבן, וועלכע זיי האָבן בדעה געהאַט צו לעזן, זענען פאַר מיר קלאָר געווען, און איך האָב זיך געפילט פּערזענלעך פאַראינטערעסירט, אַז זיי זאָלן מיט הצלחה פאַרענטפערט ווערן. אָפט האָט זיך מיר געדוכט, אַז אין די רייד פון די סטודענטן הער איך מיינע שטומע געדאַנקען, און איך האָב זיך באַצויגן צו די דאָזיקע מענטשן כמעט מיט התלהבות, ווי אַ געפאַנגע־נער, וועמען מען זאָגט־צו פרייהייט.

זיי האָבן געקוקט אויף מיר, ווי סטאָלאַרעס אויף אַ שטיק האָלץ, פון וועלכן מען קען מאַכן טשעקאַווע זאַכן.

— אַ נאַטור־געוויקס! ־ האָבן זיי מיך איינער פאַר דעם אַנדערן פאָרגעשטעלט, מיט דערזעלבער גאווה, ווי קליינע גאַסן־חברה ווייזן איינער דעם צווייטן אַ געפונענע מעשענע מטבע. מיר זענען נישט געפעלן געווען די נעמען—„נאַטור־געוויקס" און „פאָלקס־קינד", איך האָב זיך געפילט, ווי אַ שטיף־קינד פון לעבן און צייטנווייז שטאַרק געפילט די משא פון דער קראַפט, וואָס פירט אָן מיט דער אַנטוויקלונג פון מיין מח. אַזוי, למשל, ווען איך האָב איינמאָל דערזען אין פענסטער פון אַ בוך־געשעפט אַ בוך, וואָס איז געווען באַטיטלט מיט די אומבאַקאַנטע ווערטער: „אַפאָריזמען און מאַקסימען", האָב איך באַקומען אַ געוואַלדיקן חשק עס דורכצולעזן און געבעטן ביי אַ סטודענט פון דער גייסטלעכער אַקאַדעמיע מיר צו געבן דאָס בוך.

— גוט מאָרגן! — האָט איראָניש אויסגעשריגן דער קינפּטיקער אַרכיריי, אַ מאַן מיט אַ נעגער־קאָפּ, — אַ געקרייזל־טער, מיט גראָבע ליפּן און אויסגעשטעלטע ציין. — דאָס איז, ברודער, שטותעריי! דו לייען דאָס, וואָס מען גיט דיר, און רוק נישט די נאָז — ווהין עס פּאַסט פאַר דיר נישט!

דער גראָבער טאָן פון דעם לערער האָט מיך זייער באַ־ליידיקט. דאָס בוך האָב איך, פאַרשטייט זיך, געקויפט, פאַר־דינענדיק אַ טייל פון דעם געלט ביי די האָפּנס און דאָס איבעריקע אויסגעבאָרגט ביי אַנדריי דערענקאָוו. דאָס איז גע־ווען דאָס ערשטע ערנסטע בוך, וואָס איך האָב מיר געקויפט. עס ליגט נאָר ביי מיר ביזן היינטיקן טאָג.

בכלל — איז מען זיך מיט מיר באַגאַנגען גאַנץ שטרענג: ווען איך האָב דורכגעלייענט „דעם אלף־בית פון די סאָציאַלע וויסנשאַפטן" איז מיר פאָרגעקומען, אַז דער מחבר איז מגזם די ראָלע פון די פּאַסטוכער־שבטים אין דער אָרגאַניזירונג פון קולטורעלן לעבן און פאַרקערט, די פלינקע, קלוגע וואַנדערער־יעגער,—זענען געקריוודעט פון אים. די דאָזיקע ספקות מיינע האָב איך אויסגעדריקט איינעם אַ פילאָלאָג, און ער האָט אין מיר אַ גאַנצע שעה אַריינגערעדט וועגן דאָס „רעכט פון דער

קריטיק", דערביי האָט ער זיך באַמיט צו צוגעבן זיין ווייבע־ריש פּנים אַ ווירקנדיקן אויסדרוק.

— כּדי צו האָבן רעכט אויף קריטיקירן — מוז מען האָבן עפּעס אַזויגס, אין וואָס מ׳גלויבט, — אין וואָס גלויבט איר? — האָט ער מיך געפרעגט.

ער האָט געלייענט ביכער, אַפילו גייענדיק איבערן גאַס, — גייט ער איבערן טראָטואַר, דאָס פּנים אַריינגעטון אין בוך אַריין און שטויסט די דורכגייער. בשעת ער האָט זיך געוואָלגערט ביי זיך אין בוידעם־שטיבל אין אַ הונגער טיפוס, האָט ער געשריען:

– די מאָראַל דאַרף האַרמאָניש אַנטהאַלטן אין זיך די עלע־מענטן פון פרייהייט און צוואַנג,—האַרמאָניש, האַר־האַר־האַר־האַרם...

דער דאָזיקער צאַרטער מענטש, אַ קרענקלעכער פון שטענ־דיקן נישט דערעסן, אַן אויסגעמאַטערטער פון אייביקער זוכעניש נאָך אַ פעסטן אמת, האָט נישט געהאַט קיין אַנדערע תּענוגים, אויסער ביכער לייענען, און בשעת ס׳האָט זיך אים געדוכט, אַז אים איז געלונגען שלום צו מאַכן צווישן די סתירות פון צוויי גרויסע מוחות, פלעגן זיינע ליבע, טונקעלע אויגן שמייכלען גליק־לעך, ווי ביי אַ קינד. אין אַ יאָר צען אַרום, נאָך דער קאַזאַנער צייט האָב איך אים אַ צווייטן מאָל געטראָפן אין כאַרקאָוו. ער איז געווען פאַרשיקט אויף פינף יאָר אין קעם און, צוריקקומענדיק, זיך ווידער געלערנט אין אוניווערסיטעט. מיר איז פאָרגעקומען, אַז ער לעבט אין זיינע סתירותדיקע געדאַנקען, ווי אין אַ קופּע פון מרוואַקעס; אומקומענדיק פון שווינדזוכט, האָט ער זיך געמאַטערט שלום צו מאַכן צווישן ניצטשען און מאַרקסן, געשפּיגן מיט בלוט, געכריפּעט, כאַפּנדיק מיינע הענט מיט זיינע קאַלטע קלעפּיקע פינגער.

— אָן אַ סינטעז — איז אוממעגלעך צו לעבן!

ער איז געשטאָרבן אין טראַמוואַי, פאָרנדיק אויפן וועג צום אוניווערסיטעט.

איך האָב נישט ווייניק באַגעגנט אין לעבן אַזעלכע מאַרטי־רער צוליב וויסן, — דער אָנדענק וועגן זיי איז פאַר מיר הייליק.

אַ פּאָר צענדליג פון דעם מין מענטשן פלעגן זיך צוזאַמענ־קומען אין דערענקאָווס דירה, — צווישן זיי איז אַפילו געווען אַ

יאַפּאַנער, אַ סטודענט פֿון דער גייסטלעכער אַקאַדעמיע — פּאַנטע־
לייִמאָן סאַטאַ. צייטנווייז פֿלעגט אַהין אַריינקומען אַ גרויסער,
ברייט־ברוסטיקער מאַן, מיט אַ געדיכטער ברייטער באָרד און מיט
אַ טאָטערישן געגאָלטן קאָפּ. ער האָט אויסגעזען, ווי פֿעסט איינגע־
נייט אין אַ גראָען קאָזאַקן־ראָק, וואָס איז ביז צום האַלדז געווען
צוגעקנעפּלט אויף העקעלעך. געוויינלעך איז ער געזעסן ערגעץ
אין אַ ווינקל, רויכערנדיק אַ קורצע פּיפּקע און געקוקט אויף אַלע־
מען מיט גראָע, רויק־לייענענדיקע אויגן. זיין בליק פֿלעגט זיך
אָפּט אָפּשטעלן אויף מיר, איך האָב געפֿילט, ווי דער דאָזיקער
ערנסטער מענטש וועגט מיך אָפּ אין זיינע געדאַנקען, און איך
האָב עפּעס מורא געהאַט פֿאַר אים. זיין שווייגעדיקייט האָט מיך
געחידושט, אַלע אַרום האָבן גערעדט הויך, אַ סך, מיט תּקיפֿות,
און וואָס שאַרפֿער עס האָבן געקלונגען די רייד, אַלץ מער זענען
זיי, פֿאַרשטייט זיך, מיר געפֿעלן געווען; אַ לאַנגע צייט האָב איך
נישט תּופֿס געווען, ווי אָפֿט אונטער שאַרפֿע ווערטער באַהאַלטן
זיך אָרעמע, חונפֿדיקע געדאַנקען. וואָס באַדייט דאָס שווייגן פֿון
דעם דאָזיקן בערדיקן גבור?

גערופֿן האָט מען אים „כאָכאָל”, און אויסער אַנדריייען האָט,
דוכט זיך, קיינער נישט געוווסט זיין נאָמען. אינגיכן האָב איך
זיך דערוווסט, אַז ער איז נישט לאַנג געקומען פֿון יאַקוטער גו־
בערניע, ווו ער איז געווען פֿאַרשיקט און אָפּגעלעבט צען יאָר.
דערמיט איז ער אין מיינע אויגן נאָך אינטערעסאַנטער געוואָרן,
האָט מיר אָבער נישט צוגעגעבן קיין מוט זיך צו באַקענען מיט
אים, כאָטש איך בין נישט געווען פֿון די שעמעוודיקע און שרע־
קעדיקע, נאָר פֿאַרקערט, איך האָב געליטן פֿון אַן אומרויִקער
נייגעריקייט אַלץ צו דערוויסן זיך און וואָס גיכער. אָט די מידה
האָט מיר אַ גאַנץ לעבן געשטערט צו פֿאַרנעמען זיך ערנסט כאָטש
מיט עפּעס עס איז איין זאַך.

בשעת עס האָט זיך גערעדט וועגן פֿאָלק, האָב איך מיט
ערשטוינונג און אומצוטרוי צו זיך אַליין געפֿילט, אַז אויף דער
דאָזיקער טעמע בין איך נישט בכּוח צו דענקען אַזוי, ווי עס דענ־
קען וועגן דעם די דאָזיקע מענטשן. פֿאַר זיי איז פֿאָלק געווען די

פאַרקעפּערונג פון חכמה, פון גייסטיקער שיינקייט און גוטהאַרציקייט, אַ בריאה אין גאָטס פאָרם און געשטאַלט, דער טרעגער פון אַלץ וואָס שיין איז, יושרדיק און דערהויבן. אַזאַ פאָלק האָב איך נישט געקענט. איך האָב געזען פאַר זיך טישלער, אויסלאָדער, ברוקירער, איך האָב געקענט יאַקאָוון, אָסיפּן, גריגאָריען, און דאָ האָט מען אויסדריקלעך גערעדט וועגן אַ פאָלק אין גאָטס צלם און זיך האָט מען געשטעלט ניִדעריקער, אָפּהענגיק פון זיין ווילן. און מיר האָט זיך אָבער גראָד געדוכט, אַז דווקא די דאָזיקע מענטשן פאַרקערפּערן אין זיך די שיינקייט און קראַפט פון געדאַנק, אַז אין זיי קאָנצענטרירט זיך און פלאַקערט דער גוטער מענטשן־ליבנדיקער ווילן צום לעבן, צו דער פרייהייט אויפצובויען עס לויט עפּעס אַזעלכע נייע קאַנאָנען פון מענטשן־ליבע.

און דווקא אָט די מענטשנליבע האָב איך נישט באַמערקט ביי די מענטשלעך, צווישן וועלכע איך האָב ביזאַהער געלעבט, און דאָ האָט זי אַרויסגעקלונגען פון איטלעכס וואָרט, האָט געברענט אין יעדן בליק.

ווי אַן אָפּפּרישנדיקער רעגן זענען געווען פאַר מיין האַרצן די רייד פון די פעלקער־פריינט, און געהאָלפן האָט מיר אויך די נאַיווע ליטעראַטור איבער דעם פינסטערן דאָרפישן לעבן, וועגן דעם פויער — דעם מאַרטירער. איך האָב דערפילט, אַז נאָר שטאַרק און הייס ליבנדיק דעם מענטשן, קאָן מען, אין דער דאָזיקער ליבע, שעפּן די נויטיקע כחות, כדי צו געפינען און פאַרשטיין דעם זין פון לעבן. איך האָב אויפגעהערט צו טראַכטן וועגן זיך און האָב אָנגעהויבן אויפמערקזאַמער זיך באַציען צו מענטשן.

אַנדריי דערענקאָוו האָט מיר פאַרטרויט, אַז די באַשיידענע הכנסה פון זיין געשעפט גייט אינגאַנצן אַוועק אויף העלפן די מענטשן, וואָס גלויבן, אַז „קודם־כל — איז דאָס גליק פון פאָלק". ער האָט זיך געדרייט צווישן זיי, ווי אַן עכט־פרומער קלויסטער־שמש בעת דער תפלה פון אַרכיריי, נישט באַהאַלטנדיק זיין התפעלות פאַר דער שאַרפער שכלדיקייט פון די ביכער־פריינט; מיט אַ גליקלעך שמייכעלע, אַריינרוקנדיק די דאַרע

האַנט אין בוזעם, און מיט דער אַנדערער האַנט ציפּנדיק פון אַלע זייטן זיין ווייך בערדל, פלעגט ער מיך פרעגן:

– גוט? אָט אַזוי־אָ!

און בשעת דער וועטערינאַר לאַווראָוו, וואָס האָט געהאַט אַ שטים ענלעך צום גאָגערן פון אַ גאַנז, פלעגט אַרויסטרעטן מיט זיין אַפּיקורסישער אָפּטפּערונג קעגן די „נאַראָדניקעס“, פלעגט דערענקאָוו אין שרעק צומאַכן די אויגן און שעפּטשען:

— אָט, אַ העצער דאָס איז!

זיין באַציונג צו די „נאַראָדניקעס“ איז געווען ענלעך צו מיינער, די באַציונג אָבער פון די סטודענטן צו דערענקאָוון, האָט מיר אויסגעזען גראָבלעך און ביטולדיק, ווי די באַציונג פון באַלעבאַטים צו אַן אַרבעטער, צו אַ לאָקיי. ער אַליין האָט עס נישט באַמערקט. אָפט פלעג איך, נאָכן באַגלייטן די געסט, בלייבן ביי אים נעכטיקן. מיר פלעגן צורוימען דעם צימער און שפּעטער, ליגנדיק אויף דער פּאָדלאָגע אויף וואָליק, האָבן מיר פריינטשאַפטלעך־שטיל לאַנג געשמועסט אין דער פינסטער־ניש, וואָס איז געווען קוים באַלויכטן פונם נר־תמיד. מיט אַ שטילער פרייד פון אַ מאַמין האָט ער מיר געזאָגט:

— עס וועלן זיך אָנקלייבן הונדערטער, טויזנטער אַזעלכע גוטע מענטשן, וועלן פאַרנעמען אַלע אָנגעזעענע שטעלעס אין רוסלאַנד און וועלן מיטאַמאָל ענדערן דאָס גאַנצע לעבן!

ער איז געווען מיט אַ יאָר צען עלטער פאַר מיר, און איך האָב באַמערקט, אַז די געלע נאַסטיאַ געפעלט אים זייער, ער האָט זיך באַמיט נישט צו קוקן אין אירע עזותדיקע אויגן. פאַר לייטן אין די אויגן האָט ער גערעדט מיט איר טרוקן, באַפעלנדיק, ווי אַ באַלעבאָס, פלעגט זי אָבער באַגלייטן מיט אַ בענקנדיקן בליק און, רעדנדיק מיט איר אונטער פיר אויגן, האָט ער שעמעוודיק געשמייכלט, ציפּנדיק דאָס בערדל.

זיין קליין שוועסטערל פלעגט פון אַ ווינקעלע זיך צוקוקן צום ווערטער־שטרייט. איר קינדיש פנים פלעגט זיך קאָמיש אָנבלאָזן פון אָנגעשטרענגטער אויפמערקזאַמקייט. די אויגן פלעגן זיך ברייט עפענען און, דערהערנדיק צו שאַרפע ווערטער, —

פלעגט זי הויך אָפּזיפּצן, ווי מען וואָלט זי באַשפּריצט מיט אייז־קאַלטן וואַסער. ווי אַ שטאָלנער האָן האָט זיך אַרום איר אַרומגעדרייט דער געלער מעדיקער, ער האָט גערעדט מיט איר שטיל־געהיימניספול, און וויכטיק אָנגעברוגזט די ברעמען. דאָס אַלץ איז געווען מאָדנע אינטערעסאַנט.

נאָר — ס'איז אָנגעקומען דער האַרבסט, און איך האָב נישט געקאָנט אויסהאַלטן אַ לעבן אָן אַ שטענדיקער אַרבעט. איך בין פאַרכאַפּט געוואָרן פון דעם אַלעם, וואָס האָט זיך געטון אַרום מיר, און האָב אַלץ ווייניקער אָנגעהויבן צו אַרבעטן אַזוי, אַז מיר איז אויסגעקומען צו לעבן אויף פרעמדע קעסט, וואָס שטעלט זיך, ווי באַקאַנט, שטענדיק אין האַלז. איך האָב געמוזט אויף ווינטער זוכן „אַ פּלאַץ" און האָב באַקומען אַ שטעלע אין וואַסילי סעמיאָנאָווס בייגל־בעקעריי.

די דאָזיקע תקופה פון מיין לעבן האָב איך געשילדערט אין די דערציילונגען „דער באַלעבאָס", „קאָנאָוואַלאָוו", „זעקס און צוואָנציק און איינע" — ס'איז געווען אַ שווערע צייט! אָבער אַ באַלערנדיקע.

שווער איז געווען פיזיש, נאָך שווערער—מאָראַליש.

ווען איך האָב זיך אַראָפּגעלאָזן אין קעלער פון דער בעקעריי, איז צווישן מיר און יענע מענטשן, צו וועלכע מיך האָט שוין געטריבן, צו זען און צו הערן—אויסגעוואַקסן אַ טויבע וואַנט. קיינער פון זיי פלעגט צו מיר אין דער בעקעריי נישט אַריינקומען, און איך, אַרבעטנדיק פערצן שעה אַ מעת לעת, האָב נישט געקאָנט קומען אינדערוואָכן צו דערענקאָוון און, אין די יום־טובדיקע טעג, פלעג איך אָדער שלאָפן, אָדער בלייבן מיט מיינע אַרבעטער־קאָלעגן. אַ טייל פון זיי האָבן תיכף, פון די ערשטע טעג אָן, אָנגעהויבן קוקן אויף מיר, ווי אויף אַ פריילעכן לץ, און אנדערע—מיט אַ נאַיווער ליבע פון קינדער צו איינעם, וואָס קען דערציילן פיינע מעשות. דער רוח ווייס, וואָס איך פלעג אַריינריידן אין די דאָזיקע מענטשן, נאָר אַ וודאי אַלץ אַזוינס, וואָס האָט אין זיי געוועקט די האָפנונג אויף אַ לייכטער און קלוגער לעבן. אַמאָל פלעגט זיך עס מיר

איינגעבן און, באַמערקנדיק, ווי די אָנגעשוואָלענע פּנימער ווערן באַלויכטן מיט אַ מענטשלעכן טרויער, און די אויגן צינדן זיך אָן מיט צער און צאָרן, — האָב איך זיך געפילט יום־טובדיק און מיט גאווה געטראַכט, אַז „איך אַרבעט אין פאָלק" און בילד אים אויס.

אָבער, עס פאַרשטייט זיך, אַז גאַנץ אָפט פלעגט מיר אויפקומען צו פילן מיין אומבהאָלפנקייט, מיין קנאַפּע לומדות, דאָס נישט קאָנען דערקלערן אַפילו די פּשוטסטע פראַגן פון לעבן און שטייגער. דאַן האָב איך זיך געפילט, ווי איינער, וועמען מ'האָט אַריינגעוואָרפן אין אַ פינסטערער גרוב, ווי די מענטשן ווימלען, ווי בלינדע ווערים, וואָס זייער איינציגע זאָרג איז צו פאַרגעסן די ווירקלעכקייט, זוכנדיק די דאָזיקע פאַרגע־סונג אין די שענקען אָדער אין די קאַלטע אומארמונגען פון די פּראָסטיטוטקעס.

דאָס באַזוכן פון „הייזלעך" איז געווען אַ מוז איינמאָל אין חודש, אין טאָג פון דער שכירות־אויסצאָלונג. וועגן דעם דאָזיגן פאַרגעניגן האָט מען געטרוימט אויפן וואָר מיט אַ וואָך פריער פאַר דעם גליקלעכן טאָג, און נאָכדעם — האָט מען זיך לאַנג דערציילט איינער דעם צווייטן וועגן די איבער־געלעבטע תענוגים. אין די דאָזיקע שמועסן פלעגט מען זיך ציניש איבערנעמען מיט דער געשלעכטלעכער קראַפט, אכזריות־דיק חוזק געמאַכט פון די פרויען, גערעדט וועגן זיי שפייענ־דיק מיט עקל.

אָבער — מאָדנע עפּעס! — הינטער דעם אַלעם — דוכט זיך — האָב איך געהערט אַן אָפּקלאַנג פון צער און בושה. איך האָב געזען, אַז אין די „פריילעכע הייזלעך", ווו פאַר אַ רובל האָט מען געקאָנט קויפן אַ פרוי אויף אַ גאַנצער נאַכט, האָבן זיך מיינע חברים געפירט עפּעס שעמעוודיק און שולדיק — דאָס איז מיר פאָרגעקומען נאַטירלעך. אַנדערע פון זיי האָבן זיך געהאַלטן שוין צו פריי, מיט אַ קוראַזש, אין וועלכן ס'האָט זיך געפילט אָנשטעל און פאַלשקייט. מיך האָט מוראדיק אינ־טערעסירט די באַציונגען פון מאַן און ווייב, און איך האָב זיך

שאַרף צוגעקוקט צו דעם. איך אַליין האָב זיך נאָך נישט באַנוצט מיט דער צערטלעכקייט פון אַ פּרוי, און דאָס האָט מיך אוועקגעשטעלט אין אַן אומאַנגענעמען מצב: עס האָבן פון מיר בייז חוזק געמאַכט אי די פּרויען, אי די חברים. איניציכן האָט מען מיך אויפגעהערט צו פאַרבעטן אין די „פרייַלעכע הייזלעך", אָפּן זאָגנדיק:

— דו, ברודער, גיי נישט מיט אונז.

— פאַרוואָס?

— אָט אַזוי! ס'איז נישט גוט מיט דיר.

איך האָב זיך אָנגעכאַפּט אָן די ווערטער, דערפילנדיק אין זיי עפּעס, וואָס איז זייער וויכטיק פאַר מיר, נאָר קיין קלאָרערע תשובה האָב איך נישט באַקומען.

— אַ מאָדנער דו ביסט! מען זאָגט דיר — גיי נישט! עס איז אומעטיק מיט דיר...

און נאָר אַרטעם האָט שמייכלענדיק געזאָגט:

— פונקט ווי אַ „פּאָפּ" אָדער אַ טאַטע וואָלט דערביי געווען.

די מיידלעך האָבן צוערשט אויסגעלאַכט מיין איינגעהאַלטנקייט, שפּעטער האָבן זיי באַליידיקטע מיך אָנגעהויבן צו פרעגן:

— דו מיאוסט זיך?

דאָס פערציקיעריקע „מיידל", די פולע און שיינע טערעזע באַרוטע, „אַן עקאָנאָמקע", האָט, קוקנדיק אויף מיר מיט קלוגע אויגן פון אַ ראַסן־הונט, געזאָגט:

— לאָמיר אים צו־רו לאָזן, חברטעס — ער האָט אַוודאי אַ כלה — יאָ, אַזאַ העלד האַלט זיך נאָר מיט דער כלה, און מער מיט גאָרנישט!

זי איז געווען אַ שיכורטע, וואָס פלעגט זיך אָפּט אָנזויפן, און שיכורערהייט איז זי געווען עקלדיק, נישט צו קוקן אויף איר, אָבער ניכטערערהייט האָט זי מיך פאַרוווּנדערט מיט איר טיפזיניקער באַציונג צו די מענטשן און מיט איר רויקן פאָרשן דעם זין פון זייערע מעשים.

— אַט די סטודענטן, די אַקאַדעמיקער, אַט דעם עולם, פּאַר־שטיי איך שוין גאָרנישט, — פלעגט זי דערציילן פאַר מײנע חברים, — זיי מאַכן אַט וואָס מיט די מיידלעך: הייסן אָנשמירן די פּאָדלאָגע מיט זייף, שטעלן אַוועק דאָס נאַקעטע מיידל אויף אַלע פיר, מיט די הענט און פיס אויף טעלערס און שטויסן זי אין הינטן—ווי ווייט זי וועט פאָרן איבער דער פּאָדלאָגע. אַזוי — מיט איינע, אַזוי מיט דער צווייטער. אַט ווי. צו וואָס איז דאָס?

— דו זאָגסט ליגן! — האָב איך געזאָגט.

— אוי, ניין! — האָט אויסגעשריען טערעזע גאַנץ רויק און נישט באַליידיקט. אין דער דאָזיקער רויקייט איז געווען עפּעס אַזוינס, וואָס האָט דערדריקט.

— דו האָסט עס אויסגעטראַכט!

— ווי אַזוי קאָן אַ מיידל אַזוינס אויסטראַכטן? צי בין איך חסר־דעה? — האָט זי געפרעגט מיט אויסגעגלאָצטע אויגן.

די לייט האָבן זיך צוגעהערט צו אונזער שטרייט מיט אַ גיריקער אויפמערקזאַמקייט, און טערעזע האָט אַלץ דערציילט אין אַ רויקן טאָן, אָן היציקייט, וועגן דער שפּילערײ פון די געסט, ווי אַ מענטש, וואָס וויל נאָר איינס: פאַרשטיין—צו וואָס דאָס איז?

די צוהערער האָבן מיט עקל געשפּיגן, משונה געזידלט די סטודענטן, און איך, זעענדיק, ווי טערעזע דערוועקט שנאה צו מיינע געליבטע מענטשן, האָב איך דערציילט, אַז די סטודענטן ליבן דאָס פאָלק און ווינשן אים גוטס.

— אַוודאי אַזוי — די סטודענטן פון וואָסקרעסענסקער גאַס, די ציווילע פון אוניווערסיטעט יאָ, און איך רעד גאָר וועגן די גייסטלעכע פון אַרסקן פעלד! זיי, די גייסטלעכע, זענען אַלע יתומים, און אַ יתום מוז אויסוואַקסן אַ גנב אָדער אַן עזות־פּנים, אַ יתום וואַקסט אויס אַ שלעכטער מענטש, ער איז צו קיין זאַך נישט צו־געבונדן, דער יתום.

די רויק־דערציילטע געשיכטעס פון דער „עקאָנאָמקע“ און די בייזע טענות פון די מיידלעך אויף די סטודענטן, באמת און בכלל אויפן „בעסערן עולם“, האָבן אַרויסגערופן ביי מיינע חברים

נישט נאָר עקל און שנאה, נאָר כמעט אַ פרייד, וואָס האָט זיך אויסגעדריקט אין די דאָזיקע ווערטער:

— הייסט עס,—די געבילדעטע זענען נאָך ערגער פאַר אונז.

ס'איז מיר געוועזן שווער און ביטער צוצוהערן די דאָזיקע ווערטער. איך האָב געזען, ווי אין די האַלב־טונקעלע, קליינע צימערלעך פּליסט אַריין, פּונקט ווי אין גריבער, דער גאַנצער שמוץ פון שטאָט, ווערט אויפגעקאָכט אויף אַ רויכיקן פייער און, אָנגע־זאַפּט מיט בייזער שנאה, פליסט ער צוריק אַריין אין שטאָט. איך האָב באַמערקט, ווי אין די דאָזיקע לעכער, וווהין דער יצר הרע און דער אומעט פאַריאָגן די מענטשן, ווערן פון אומגעלומפּערטע ווערטער געשאַפן רירנדיקע לידער וועגן צער און ליידן פון ליבע, ווי עס ווערן געשאַפן מיאוסע מעשיות וועגן דעם לעבן פון „געבילדעטע מענטשן"; עס וואַקסט אויף אַ באַציונג פול שנאה און חוזק צו דעם, וואָס איז פאַר זיי אומפאַרשטענדלעך. און געזען האָב איך, ווי די „פריילעכע הייזלעך" זענען די אוניווערסיטעטן, פון וואַנען מיינע חברים טראָגן אַרויס זייערע גיפטיקע תורות.

איך האָב צוגעקוקט, ווי די „פריילעכע מיידלעך" באַוועגן זיך איבער דער שמוציקער פּאָדלאָגע, שאַרנדיק פויל מיט די פיס, ווי העסלעך עס טרייסלען זיך זייערע אויסגעמאָגערטע קערפּערס צום טאַקט פון דעם זלידנעם האַרמאָניק־גערימפּל, אָדער פון דעם דענערווירנדיקן באַמבלען פון דער צעבראָכענער פּיאַנינאָ. איך האָב זיך צוגעקוקט און עס האָבן זיך דערוועקט ביי מיר עפּעס אומקלאָרע, נאָר אומרויקע רעיונות. פון אַלץ אַרום האָט געווייט מיט לאַנגווייל, פאַרסמענדיק די נשמה מיט אַן אָנמעכטיקן פאַרלאַנג ערגעץ־ווו אַוועקצוגיין, ערגעץ־ווו באַהאַלטן זיך.

בשעת איך פלעג אין דער בעקעריי אָנהויבן דערציילן וועגן דעם, אַז עס זענען פאַראַן מענטשן, וואָס זוכן אַן שום פּניות די וועגן פון פרייהייט און גליק פאַרן פאָלק — פלעגט מען צו מיר טענהן:

— אָבער, די מיידלעך, זעסטו, רעדן גאָר אַנדערש וועגן זיי! און אָן רחמנות, מיט אַ צינישער בייזקייט, האָבן זיי פון מיר

חוזק געמאַכט. בין איך אָבער געווען אַ בייסיק הינטל, וואָס האָט זיך געהאַלטן נישט נאַרישער און דרייסטער פון די דערוואַקסענע הינט,—און האָב זיך אויך געקאָכט. אָנהויבנדיק צו פאַרשטיין, אַז די רעיונות וועגן לעבן זענען נישט ווייניקער שווער, ווי דאָס לעבן אַליין, האָט אָפט ביי מיר זיך דערוועקט אין האַרצן אַ בייזע שנאה צו די געדולדיק-ליידנדיקע מענטשן, מיט וועלכע איך האָב געאַרבעט. דער עיקר טאַקע האָט מיך אויפגעברויזט זייער פעיקייט צו ליידן, זייער הכנעהדיקע האָפנונגסלאָזיקייט, מיט וועלכער זיי פאַרטראָגן די חוזקדיקע שגעונות פון דעם באַלעבאָס.

אָבער — ווי אויף צו להכעיס! — איז מיר גראָד אין די דאָזיקע שווערע טעג אויסגעקומען באַקאַנט צו ווערן מיט אַ גאַנץ נייער אידעע און, כאָטש זי איז מיר אָרגאַניש געווען גאַנץ פיינט-לעך, האָט זי מיך פונדעסטוועגן שטאַרק צעטומלט.

אין איינע פון יענע שניי-זאַווערוכע-נעכט, ווען עס דוכט זיך, אַז דער בייז-וואָיענדיקער ווינט האָט צעריסן דעם גראָען הימל אויף פיצלעך, און זיי שיטן זיך אויף דער ערד; באַגראָבנדיק זי אונטער קופּעס אייזיקן שטויב, און עס דוכט זיך, אַז עס איז גע-קומען אַ סוף צו אַלץ, וואָס לעבט אויף דער ערד: די זון איז אויסגעלאָשן און וועט שוין מער נישט אויפגיין, — אין אַזאַ נאַכט, אין דער וואָך פון מאַסלעניצע, האָב איך זיך צוריקגעקערט פון די דערענקאָווס אין דער בעקעריי. איך האָב געשפּרייזט, פאַר-מאַכנדיק די אויגן, אַנטקעגן ווינט, דורך דעם מוטנעם זידן פון גראָען כאַאָס און פלוצלינג—בין איך אַנידערגעפאַלן, אָנשטויסנדיק זיך אויף אַ מענטשן, וואָס איז געלעגן אין דער קווער אויפן זטראָטואַר. מיר האָבן זיך ביידע דורכגעזידלט, איך — אויף רוסיש ער — אויף פראַנצויזיש:

— אָ, צום טייוול...

דאָס האָט דערוועקט מיין נייגיריקייט, איך האָב אים אויפ-געהויבן, געשטעלט אויף די פיס, — ער איז געווען פון קליינעם וווקס, אַ לייכטער. שטויסנדיק מיך, האָט ער צאָרנדיק געשריען:

— מיין היטל, אַ רוח זאָל אייך נעמען! גיט אַוועק דאָס היטל! איך — וועל פאַרפרוירן.

געפינענדיק אויפן שניי זיין היטל, האָב איך עס אָפּגע־טרייסלט און אָנגעטאָן אויף זיין צעקודלטן קאָפּ, ער האָט עס אָבער אַראָפּגעריסן פון קאָפּ און מאַכנדיק צו מיר מיטן הוט, האָט ער אויף צוויי שפּראַכן מיך געזידלט און געטריבן פון זיך:

— טראָג זיך אָפּ!

פלוצלינג האָט ער זיך אַ שטופּ געטון פאָרויס און דערטרונקען געוואָרן אין דער קאַכעדיקער קאַשע. גייענדיק ווייטער, האָב איך אים ווידער געטראָפן — ווי ער איז געשטאַנען, די אָרעמס פאַר־וואָרפן אַרום אַ הילצערנעם סלופּ פון אַן אויסגעלאָשענעם לאַמטערן און האָט גערעדט מיט הארץ:

— לענאַ, איך גיי צו גרונט... אַ, לענאַ...

אַפּנים, ער איז געווען שיכּור און וואָלט מסתּמא געוויס דערפרוירן געוואָרן, ווען איך לאָז אים איבער אין דרויסן. איך האָב אים געפרעגט, ווו ער וווינט?

— וואָס איז דאָס פאַר אַ גאַס? — האָט ער אויסגעשריען מיט אַ וויינענדיקער שטים. — איך ווייס נישט וווהין צו גיין.

איך האָב אים אַרומגענומען ביי דער טאַליע און אַוועקגע־פירט, אויספרעגנדיק אים, ווו ער וווינט.

— אויף דער בולאַקע, — האָט ער געמורמלט, אויפציטערנ־דיק — אויף דער בולאַקע... דאָרטן זענען — בעדער, — אַ הויז...

געגאַנגען איז ער נישט זיכער, זיך געפּלאָנטערט און גע־שטערט מיר אין גיין; איך האָב געהערט, ווי עס האָבן ביי אים געקלאַפּט די ציין.

— סי טיו סאַווע — האָט ער געמורמלט, שטויסנדיק מיך

— וואָס רעדט איר?

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט, אויפגעהויבן די האנט און גע־זאָגט דייטלעך, — און, ווי מיר האָט זיך אויסגעוויזן, מיט שטאָלץ

— סי טיו סאַווע או זשע טע מען...

וואַקלענדיק, כּמעט פאַלנדיק, האָט ער אַריינגערוקט די פינגער פון האנט זיך אין מויל אַריין. צוזעצנדיק זיך, האָב איך אים אַרויפגענומען צו זיך אויפן רוקן און האָב אים אַוועקגעטראָגן,

און ער האָט, איינשפּאַרנדיק זיך מיט זיין מאָרדע אין מיין שיידל, געברומט:

— סי טיו סאַווע או... אָבער איך ווער דאָך דערפרוירן, אָ, גאָט...

אויף דער בולאַקע האָב איך זיך קוים דערפרעגט ביי אים — אין וועלכן הויז ער וווינט. ענדלעך זענען מיר אַריינגעקראָכן אין אַ פּירהויז פון אַ קליין צוגעבויט הייזל, וואָס איז געלעגן באַהאַלטן טיף אין הויף און אין וויכער פון שניי. ער האָט אָנגעטאַפּט די טיר, האָט פּאָרזיכטיק אָנגעקלאַפּט און געציטערט:

— ש—ש! שטילער...

די טיר האָט געעפנט אַ פרוי אין אַ רויטן קאַפּאָט מיט אַן אָנגעצונדן ליכט אין האַנט. אָפּטרעטנדיק אונז דעם וועג, האָט זי זיך שווייגעדיק אָפּגערוקט אָן אַ זייט און, אַרויסנעמענדיק פון ערגעץ אַ לאָרנעט, האָט זי מיך אָנגעהויבן באַקוקן.

איך האָב איר געזאָגט, אַז ביי דעם מאַן זענען, דוכט זיך, פאַרפרוירן די הענט און מ׳מוז אים אויסטון און אַריינלייגן אין בעט.

— אַזוי? — האָט זי געפרעגט יוגנטלעך און קלינגנדיק.

— די הענט דאַרף מען אַריינלייגן אין קאַלטן וואַסער.

שווייגעדיק האָט זי אָנגעוויזן מיטן לאָרנעט אין ווינקל, — דאָרטן איז אויפן מאָלבערט געשטאַנען אַ בילד — אַ טייך, ביימער. איך האָב פאַרחידושט אָנגעקוקט דעם מאָדנע אומבאַוועגלעכן פּנים פון דער פרוי, און זי איז אַוועק אין אַ ווינקל פון צימער, צום טיש צו, אויף וועלכן עס האָט געברענט אַ לאָמפּ אונטער אַ ראָזן אַבאַזשור, האָט זיך דאָרט צוגעזעצט און, נעמענדיק פון טיש דעם וואַלעט רויטס, האָט זי אים אָנגעהויבן באַקוקן.

— האָט איר נישט קיין בראָנפן? — האָב איך הויך אַ פרעג געטון. זי האָט נישט געענטפערט, פאַנאַנדערלייגנדיק די קאָרטן אויפן טיש. דער מענטש, וועלכן איך האָב געבראַכט צופירן, איז געזעסן אויף אַ שטול, נידעריק אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, מיט אַרונטערגעהאָנגענע רויטע הענט. איך האָב אים אַוועקגע-

ליגט אויף דער סאָפע און גאָרנישט פאַרשטייענדיק, פונקט ווי אין חלום, האָב איך אים אָנגעהויבן אויסצוטון. די וואַנט, פאַר מיינע אויגן, איבער דער זאָפע, איז אינגאַנצן געווען פאַרהאָנגען מיט פאָטאָגראַפיעס, צווישן זיי האָט טונקל געשימערט אַ גאָלדענער קראַנץ מיט ווייסע שלייפן פון אַ באַנד. אויף די עקן פון באַנד איז מיט גאָלדענע אותיות געווען אויסגעדרוקט:

„דער אומפאַרגלייכלעכער דזשילדע"

— צו אַל די רוחות — שטילער! — האָט אַ קרעכץ געטון דער מענטש, ווען איך האָב אים אָנגעהויבן רייבן די הענט.

די פרוי האָט אַריינגעטון און שטום פאַנאַנדערגעלייגט די קאָרטן. זי האָט אַ שאַרפע נאָז, אַ פויגלש פּנים, באַלויכטן דורך אַ פּאָר גרויסע אומבאַוועגלעכע אויגן. אָט האָט זי מיט אירע הענט פון אַ האַלב־דערוואַקסן מיידל אויפגעשלאָגן אירע גראָע אויפגעבלאָזענע האָר, וואָס זעען אויס ווי אַ פּאַרוק, און שטיל, אָבער קלינגענדיק געפרעגט:

— דו האָסט געזען מישען, זשאָרזש?

זשאָרזש האָט מיך אָפּגעשטויסן, האָט זיך שנעל אויפגעזעצט און איילנדיק אַ זאָג געטון:

— ער איז דאָך אַוועקגעפאָרן קיין קיעוו...

— יאָ, אין קיעוו, — האָט די פרוי איבערגעחזרט, נישט אַראָפּנעמענדיק די אויגן פון די קאָרטן. און באַמערקט האָב איך, אַז איר שטים קלינגט איינטאָניק, אָן אויסדרוק.

— ער קומט אינגיכן צופאָרן...

— יאָ?

— א, יאָ! אינגיכן

— יאָ? — האָט איבערגעחזרט די פרוי.

דער האַלב־אויסגעטועטער זשאָרזש איז אַראָפּגעשפּרונגען אויף דער פּאָדלאָגע און אין צוויי שריט האָט ער זיך אַ וואָרף געטון אויף די קני צו די פיס פון דער פרוי, רעדנדיק צו איר עפּעס אויף פראַנצויזיש.

— איך בין רויק. — האָט זי געענטפערט אויף רוסיש.

— איך — האָב פאַרבלאָנדזשעט, דו ווייסט? אַ זאַווערוכע, אַ שרעקלעכער ווינט, איך האָב געמיינט — איך ווער דערפרוירן. מיר האָבן אַביסל געטרונקען, — האָט זשאָרזש איילנדיק דער־ציילט, גלעטנדיק איר האַנט, וואָס איז געלעגן אויפן קני.

ער איז געווען אַ יאָר פערציק, זיין רויט פּנים מיט די גראָבע ליפּן און שוואַרצע וואָנצעס, האָט אויסגעזען דערשראָקן, באַאומרויקט, ער האָט שטאַרק געריבן די גרויע האָר אויף זיין קיי־לעכדיקן שאַרבן און האָט גערעדט וואָס ווייטער אַלץ ניכטערער.

— מיר פאָרן מאָרגן אין קיעוו, — האָט געזאָגט די פרוי האַלב פרעגנדיק, האַלב זיכער.

— יאָ, מאָרגן! און דו מוזט זיך אויסרוען. פאַרוואָס לייגסטו דיך נישט? עס איז שוין זייער שפּעט...

— וועט ער היינט נישט קומען, מישע?

— אָ, ניין! אין זאַוויערוכע... לאָמיר גיין, לייג זיך...

נעמענדיק די לאָמפּ פון טיש, האָט ער די פרוי אַריינגעפירט אין אַ קליינטשיק טירל הינטער דער ביכער־שאַפע. איך בין לאַנג געזעסן אַליין, נישט קלערנדיק וועגן קיין זאַך, הערנדיק זיין שטיל הייזעריקלעך קול. האַריקע לאַפּעס האָבן זיך געשאַרט איבער די שויבן פון די פענסטער. אין אַ לושזע פון צעגאַנגע־נעם שניי האָט ציטעריק אָפּגעשיינט דער פלאַם פונם ליכט. דאָס צימער איז געווען פול אָנגעשטעלט מיט זאַכן און אָנגע־פילט מיט אַ מאָדנעם וואַרעמען ריח, וואָס האָט פאַרשלעפערט דעם געדאַנק.

אָט איז וואַקלענדיק אַריינגעקומען זשאָרזש, האַלטנדיק אין האַנט די לאָמפּ. דער אַבאַזשור האָט זיך, דריבנע גע־קלאַפּט אָנם גלאָז.

— זי האָט זיך געלייגט.

ער האָט אַוועקגעשטעלט די לאָמפּ אויפן טיש, איז שטיין געבליבן אַ פאַרטראַכטער אין מיטן צימער און אָנגעהויבן ריידן, נישט קוקנדיק אויף מיר:

— נו, וואָס? אָן דיר, וואָלט איך, מסתּמא, אומגעקומען... אַ דאַנק! ווער ביסטו?

ער האָט אָנגעבויגן דעם קאָפּ אויף אַ זייט. צוהאָרכנדיק צו איטלעכן שאָרך אין צווייטן צימער און אויפציטערנדיק.

— זי איז אייער פרוי? האָב איך שטיל אַ פרעג געטון.

— מיין ווייב. אַלץ. דאָס גאַנצע לעבן! — האָט געזאָגט דער מענטש אָפּגעהאַקט, נישט הויך, קוקנדיק צו דער פּאָדלאָגע, און ווידער אָנגעהויבן שטארק רייבן דעם קאָפּ מיט די הענט.

— אפשר אַ גלאָז טיי — האַ?

ער איז אַוועק אַ צעשטרייטער צו דער טיר, איז אָבער שטיין געבליבן, דערמאָנענדיק זיך, אַז די דינסט האָט זיך אי־בערגעגעסן מיט טיש און מ'האָט זי אַוועקגעפירט אין שפּיטאָל.

איך האָב אים פאַרגעלייגט אָנצושטעלן דעם סאַמאָוואַר, ער האָט מסכים געווען, צושאָקלענדיק מיטן קאָפּ און, פאַרגעסנ־דיק, קענטיק, אַז ער איז האַלב נאַקעט, און שלענדערנדיק מיט די באָרוועסע פיס איבער דער נאַסער פּאָדלאָגע, האָט ער מיר אַריינגעפירט אין אַ קליין קוכל. דאָרט, אָנשפאַרנ־דיק זיך מיט דער פּלייצע צום אויוון, האָט ער איבערגעחזרט:

— אָן דיר — וואָלט איך דערפרוירן געוואָרן — אַ דאַנק!

און פּלוצלינג, אויפציטערנדיק, האָט ער מיך אָנגעקוקט מיט ברייט פאַנאַנדערגעעפנטע אויגן:

— וואָס וואָלט עס דעמאָלט געוואָרן מיט איר? אָ, גאָט...

קוקנדיק אין דער פינסטערער לאָך פון טיר, האָט ער אויפגיך, שטילערהייט געזאָגט:

— דו זעסט,—זי איז אַ קראַנקע. אַ זון אירער, אַ מוזיקער האָט זיך דערשאָסן אין מאָסקווע, און זי וואַרט אַלץ אויף אים, שוין באַלד צוויי יאָר...

שפּעטער. ביים טיי טרינקען, האָט ער, אָן צוזאַמענהאַנג, מיט נישט קיין געוויינלעכע ווערטער, דערציילט, אַז די פרוי איז אַ גוטבאַזיצערין; ער — אַ לערער פון געשיכטע, איז געווען דער רעפּעטיטאָר פון איר זון, האָט ער זיך פאַרליבט אין איר, און זי איז אַוועק פון איר מאַן — אַ דייטש, אַ באַראָן, — זי איז געווען אַן אָפּערע־זינגערין, זיי האָבן זייער גוט געלעבט,

נישט קוקנדיק דערויף, וואָס איר מאַן האָט אויף אַלערליי אופנים זיך באַמיט צו פאַרביטערן איר דאָס לעבן.

דערציילט האָט ער, פונקט ווי ער וואָלט געלייענט אַ נישט דייטלעכן כתב, פאַרזשמורענדיק די אויגן, צוקוקנדיק זיך אָנגעשטרענגט אויף עפּעס אין דער טונקלקייט פון דער שמוציקער קיך, מיט דער צעפּוילטער פּאָדלאָגע ביים אויוון. זיך בריענדיק און זופּנדיק די טיי, האָט זיין פּנים זיך גערונצלט, די רויטע אויגן האָבן שרעקעדיק געפּינטלט.

— דו — ווער ביסט? — האָט ער נאָכאַמאָל געפרעגט. — יאָ, אַ בייגל־בעקער, אַן אַרבעטער. — מאָדנע, נישט ענלעך. וואָס זאָל דאָס באַדייטן?

זיינע רייד האָבן געקלונגען אומרויק, ער האָט געקוקט אויף מיר מיט אומצוטרוי, מיט אַ בליק פון אַ גערודפטן.

איך האָב אים קורץ דערציילט וועגן זיך.

— אַזוי גאָר? — האָט ער שטיל אויסגעשריען — יאָ, אַזוי גאָר...

און פּלוצלינג איז ער לעבעדיקער געוואָרן און געפרעגט:

— דו קענסט די מעשה וועגן „דעם מאוסן ענטעלע”? האָסט געלייענט?

זיין פּנים האָט זיך צעקרומט, ער האָט אָנגעהויבן רעדן מיט צאָרן, אריינברענגענדיק מיך אין פאַרוואונדערונג מיטן אומנאַטירלעכן קוויטש פון זיין הייזעריקן קול.

— די דאָזיקע מעשה — פאַרכאַפּט! אין דיינע יאָרן האָב איך אויך אַ טראַכט געטון — אפשר בין איך אַ שוואַן? און — אָט... כ'האָב געזאָלט גיין אין דער אַקאַדעמיע—און בין אוועק אין אוניווערסיטעט. דער פאָטער—אַ גלח — האָט זיך אָפּגעזאָגט פון מיר. האָב געשטודירט אין פּאַריז — די געשיכטע פון די אומגליקן פון דער מענטשהייט — די געשיכטע פון פּראָגרעס. איך האָב געשריבן, יאָ. אָ, ווי דאָס איז אַלץ...

ער איז אַרויפגעשפּרונגען אויפן שטול, זיך צוגעהאָרכט און דערנאָך געזאָגט צו מיר:

— דער פּראָגרעס—דאָס איז אַן אויסגעטראַכטע זאַך, צו

טרייסטן זיך אַליין! דאָס לעבן איז נישט קלוג. אָן אַ זין. אָן קנעכטשאַפט — איז נישט מעגלעך קיין פּראָגרעס, אויב די מערהייט גיט זיך נישט אונטער דער מינדערהייט — מוז די מענטשהייט פאַרבלייבן אויפן אַלטן וועג. וועלנדיק פאַרלייכטערן אונזער לעבן, אונזער אַרבעט, פאַרשווערן מיר עס אַלץ מער, פאַרגרעסערן אונזער אַרבעט. די פאַבריקן און מאַשינעס דינען נאָר דערצו, כּדי צו שאַפן נאָך מאַשינעס. דאָס — איז נאַריש. עס ווערן אַלץ מער אַרבעטער, און נויטיק איז בלויז דער פּויער, דער פּראָדוצירער פון ברויט. ברויט — דאָס איז אַלץ, וואָס מען דאַרף נעמען מיט מי ביי דער נאַטור. וואָס ווייניקער דער מענטש דאַרף — אַלץ גליקלעכער איז ער, וואָס מער מיר פאַרלאַנגען — אַלץ ווייני-קער פרייהייט.

עס קאָן זיין — נישט די דאָזיקע ווערטער, נאָר טאַקע אָט די באַטויבנדיקע געדאַנקען האָב איך דאָס ערשטע מאָל געהערט, און באַזונדערס נאָך אין אַזאַ שאַרפער, נאַקעטער פאָרם. אויפ-קוויטשנדיק פון אויפרעגונג, האָט דער מענטש שרעקנדיק געווענדט זיין בליק צו דער טיר, וואָס פירט אין די אינעווייניקסטע צימערן, האָט אַ רגע זיך צוגעהאָרכט צו דער שטילקייט און ווידער, כּמעט מיט רציחה, געשעפּטשעט:

— שטעל זיך פאָר — יעדער מענטש דאַרף נישט פיל האָבן: אַ שטיקל ברויט און אַ פרוי...

ווען ער האָט אָנגעהויבן צו רעדן וועגן דער פרוי מיט אַ סודותדיקער שטילקייט, מיט ווערטער, וועלכע איך האָב נישט גע-קענט, מיט פערזן, וואָס איך האָב נישט געלייענט, — האָט ער מיר פלוצלינג אויסגעוויזן, ווי דער גנב באַשקין.

— בעאַטריטשע, פיאַמעטאַ, לאַאורע, נינאָן, — האָט ער גע-שעפּטשעט אומבאַקאַנטע פאַר מיר נעמען, און דערציילט האָט ער וועגן עפּעס פאַרליבטע מלכים, דיכטער, האָט געלייענט פראַנצויזי-שע גערדיכטן, אָפּקלאַפּנדיק די ריטמען מיט דער דינער, ביזן עלנ-בויגן נאַקעטער האַנט.

— „די ליבע און דער הונגער רעגירן מיט דער וועלט“, האָב איך געהערט, ווי ער שעפּטשעט היציק, און האָב זיך דער-

מאָנט, אַז די דאָזיקע ווערטער זענען געדרוקט אויף דעם טיטל־בלאַט פון דער רעוואָלוציאָנערער בראָשור „דער קיניג הונגער“,—דאָס האָט זיי אין מיינע אויגן צוגעגעבן אַ באַזונדערע חשיבות.

—מענטשן זוכן זיך צו פאַרגעסן, מענטשן זוכן טרייסט, אָבער נישט — קיין תורה!

דער דאָזיקער געדאַנק האָט מיך שוין ענדלעך אינגאַנצן איבערראַשט.

איך בין אַוועק פון קיך אינדערפרי — אויפן קליינעם וואַנט־זייגערל איז געווען עטלעכע מינוט נאָך זעקס—איך האָב געשפּרייזט אין דער גרויער טונקלקייט איבער די קופּעס שניי, צוהערנדיק זיך צו דעם וואָיען פון דער זאַווערוכע און דערמאָנענדיק זיך די צאַרני־קוויטשערייען פון דעם צעבראָכענעם מענטשן און געפילט האָב איך, אַז די ווערטער זיינע זענען מיר עפּעס שטיין געבליבן אין האַלדז און שטיקן מיך. עס האָט זיך נישט געוואָלט אַריינגיין אין דער בעקעריי, אָנקוקן די מענטשן און, טראָגנדיק אויף זיך אַ קופּע מיט שניי, האָב איך זיך געשלעפּט איבער די גאַסן פון דער טאָטערי־שער פאָרשטאָט, ביז ס'איז געוואָרן ליכטיק און צווישן די כוואַ־לעס שניי האָבן זיך אָנגעהויבן אַרויסטוקן די געשטאַלטן פון ד' שטאָט־איינוווינער.

מער האָב איך קיינמאָל נישט געטראָפן דעם לערער און האָב אויך קיין חשק נישט געהאַט צו באַגעגענען אים. שפּעטער אָבער האָב איך נישט איינמאָל געהערט שמועסן וועגן דעם אומזין פון לעבן און דער אומניצלעכקייט פון דער אַרבעט, — גערעדט האָבן עס עם־הארצים וואַנדערער, שלעפּערס אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ, „טאָלסטאָוצעס“ און הויך־קולטורעלע מענטשן. עס האָט גערעדט וועגן דעם אַ קלויסטער־מאָנאַך, אַ מאַגיסטער פון גייסטלעכע למודים, אַ כעמיקער, וואָס אַרבעט ביי אויפרייס־מאַטעריאַלן, אַ ביאָלאָג, אַ נע־אָוויטאַליסט און אַ סך אַנדערע. נאָר די דאָזיקע אידעען האָבן שוין נישט געמאַכט אויף מיר אַזאַ שטאַרקן רושם ווי דאַמאָלסט, ווען איך בין מיט זיי אָקאָרשט באַקאַנט געוואָרן.

און דאָ ערשט, מיט אַ יאָר צוויי צוריק,—דרייסיק יאָר נאָך דעם ערשטן שמועס אויף דער דאָזיקער טעמע,—האָב איך אומ־

געריכט דערהערט די זעלביקע געדאַנקען און מיט די אייגענע ווער־
טער פון מיינעם אַן אַלטן באַקאַנטן אַרבעטער.

איינמאָל האָבן מיר זיך אַזוי אָפּנהאַרציק דורכגערעדט און
דער דאָזיקער מענטש — אַ „פּאָליטישער קאָפּ־לעפּל“, ווי ער האָט, נישט־
פריילעך שמייכלענדיק, זיך אַליין גערופן, האָט מיר, מיט אַ ספּע־
ציפיש רוסישער אומדערשראָקענער אויפריכטיקייט געזאָגט.

— א. מ., — ליבער, איך דאַרף גאָרנישט, — אויף כפרות דאַרף
מען דאָס אַלץ — די אַקאַדעמיעס, די וויסנשאַפטן, עראָפּלאַנען, —
אַלץ איז איבעריק! דאַרפן דאַרף מען בלויז אַ שטילן ווינקל און —
אַ ווייב; קושן זי ווען מען וויל און זי זאָל דיר זיין איבערגעגעבן
ערלעך — מיט לייב און לעבן, — אָט וואָס! איר — דענקט מעשה־אינ־
טעליגענט, איר זענט שוין נישט קיין אונזעריקער, נאָר אַן אָפּגע־
סמטער מענטש, ביי אייך שטייען די אידעען העכער פאַר די מענ־
טשלעך, איר טראַכט אויפן יידישן שטייגער: דער מענטש — איז
באַשאַפן פאַרן שבת?

— די יידן האַלטן נישט אַזוי...

— דער רוח ווייס זיי, ווי זיי האַלטן, — אַ פינסטער פאָלק —
האָט ער געענטפערט, אַריינשליידערנדיק דעם מונדשטיק פון פּאַפּי־
ראָס אין טייך אַריין און נאָכקוקנדיק אים מיט די אויגן.

מיר זענען געזעסן ביי ברעג פון דער נעווא, אויף אַ שטיי־
נערנער באַנק, אין אַ האַרבסטיקער לבנה־נאַכט, ביידע צעבראָכענע
פון אַ טאָג אומנוצלעכע אויפרעגונגען, פון עקשנותדיקן, נישט
הצלחהדיקן פאַרלאַנג אויפצוטון עפּעס גוטס און נוצלעכס.

— איר זענט מיט אונז, אָבער — נישט קיין אונזעריקער, אָט
וואָס איך זאָג, — האָט ער גערעדט ווייטער פאַרטראַכט אין זיך און
שטיל. — די אינטעליגענטן איז אָנגענעם זיך צו באַאומרויקן, נאָך
פון אַלטע צייטן אָן האָבן זיי געהאַט אַ נטיה צו בונטן. פּונקט
ווי קריסטוס איז געווען אַ אידעאַליסט און האָט געהעצט צום אויפ־
שטאַנד צוליב הימלישע צוועקן, — אַזוי העצט די גאַנצע אינטעלי־
גענץ צוליב אַן אוטאָפּיע, העצן העצט — דער אידעאַליסט, און מיט
זיי צוזאַמען גייען אַלע שלימזלס, אויסוואורפן, ליידאַקעס, און אַלע —
פון בייזער רשעות, ווייל זיי זעען, אַז ס׳איז נישטאָ פאַר זיי קיין

אָרט אין לעבן. דער אַרבעטער בונטעוועט פאַר דער רעוואָלוציע, ער מוז אויסקעמפן פאַר זיך די ריכטיקע פאַרטיילונג פון די אַרבעטס־פּראָדוקטן. פאַרכאַפּנדיק, ענדלעך, איינגאַנצן די מאַכט,—מיינט איר, זיי וועלן מסכים זיין אויף אַ מלוכה? בשום אופן נישט! זיי וועלן זיך צעלויפן, און יעדערער פון זיי וועט אויף זיין אייגענער ריזיקע זיך שאַפן אַ רויק ווינקעלע...

— די טעכניק, זאָגט איר? אָט זי טאַקע פאַרציט נאָך ענגער דעם שלייף אויף אונזער האַלז, און בינדט אונז נאָך פעסטער. ניין, באַפרייען מוז מען זיך פון צופיל אַרבעט. דער מענטש וויל רו. די פאַבריקן און די וויסנשאַפטן וועלן קיין רו נישט ברענגען. איין מענטש דאַרף ווייניק האָבן. צו וואָס זאָל איך בויען שטעט, אַז איך דאַרף נאָר האָבן אַ קליין הייזל? דאָרט, וווּ מען ווינט אין קופּעס—דאָרט דאַרף מען שוין וואַסער־לייטונגען, קאַנאַליזאַציע און עלעקטרע. פּרובירט אָבער לעבן אָן דעם, — ווי גרינג עס וועט זיין! ניין, מיר האָבן אַ סך איבעריקע זאַכן, און דאָס קומט אַלץ— פון דער אינטעליגענץ, דעריבער זאָג איך טאַקע: די אינטעליגענץ—איז אַ שעדלעכער קלאַס מענטשן.

איך האָב געזאָגט, אַז קיינער איז נישט אימשטאַנד אַזוי טיף און גרינטלעך צו מאַכן פון לעבן אַן אומזין, ווי מיר רוסן.

— דאָס פרייסטע פאָלק לויט זיין גייסט,—האָט געשמייכלט מיין חבר. — נאָר, — זענט נישט בייז, איך דענק ריכטיק, אַזוי דענקען מיליאָנען פון אונז, זיי קענען נאָר נישט אַרויסריידן... מען דאַרף דאָס לעבן פשוטער איינאָרדנען, דאַן וועט עס זיין באַרמהערציקער צו די מענטשן...

דער דאָזיקער מענטש איז קיינמאָל נישט געווען קיין „טאָלסטאָוועץ”, האָט נישט אַרויסגעוויזן קיין נייגונג צו אַנאַרכיזם, — איך קען גאַנץ גוט די געשיכטע פון זיין גייסטיקער אַנטוויקלונג.

נאָכן שמועס מיט אים, האָב איך נישט ווילנדיק אַ טראַכט געטון: און ווי איז, אויב אין דער אמתן פאַרטראָגן די מיליאָנען רוסישע מענטשן אָט די יסורים פון דער רעוואָלוציע, בלויז צוליב דעם, ווייל טיף אין האַרצן טרייסטן זיי זיך מיט דער האָפנונג אויסגעלייזט צו ווערן פון דער אַרבעט? מינימום פון אַרבעט—און אַ מאַק־

סימום פון הנאה, דאָס פאַרכאַפּט און לאָקט זייער, ווי אַלץ, וואָס קאָן נישט מקוים ווערן, ווי יעדער אוטאָפּיע.

און אויפן זיבעטן זענען מיר אַרויף איבסענס פערזן:

בין איך אַ קאָנסערוואַטיסט? אָ, ניין!
איך בין אַלץ דערזעלבער, ווי איך בין געווען. —
כ'האָב נישט ליב איבערשטעלן פיגורן,
נאָר—אינגאַנצן צעוואַרפן דאָס שפּיל.

איך געדענק נאָר איין רעוואָלוציע, —
די קליגסטע פאַר אַלע פון שפּעטער,
און וואָלט אַלץ פאַרניכטן געקאָנט —
פאַרשטייט זיך, דעם וועלט־מבול, מיין איך.

נאָר — מ'האָט דעם טייוול אויך דאַן אָנגעפּייפּט! —
איר ווייסט—נח איז געוואָרן דיקטאַטאָר.

אָ, אויב מ'קאָן עס נאָר ערלעכער מאַכן,
בין איך גרייט אייך צו קומען צו הילף, —
איר באַמיט זיך נאָר וועגן אַ וועלט־מבול,
און איך—וועל שוין גערן די תיבה אויפרייסן!

---

דערענקאָווס געוועלבל האָט געטראָגן אַ נישטיקע הכנסה, און די צאָל מענטשן און „עסקימלעך”, וואָס האָבן זיך גענויטיקט אין מאַטעריעלער הילף, — זענען אַלץ געוואַקסן.

— מ'דאַרף עפּעס פאַלן אויף אַן המצאה, — פלעגט זאָגן אַנדריי, ציפנדיק פאַרזאָרגט דאָס בערדל און האָט דערביי שולדיק געשמייכלט און שווער געזיפצט.

מיר האָט זיך געדוכט, אַז דער דאָזיקער מענטש האַלט זיך פאַרמשפּט אויף אייביקע קאַטאָרגע לטובת די מענטשן און, כאָטש ער האָט מקבל געווען באַהבה די שטראָף, פונדעסטוועגן דראָט זי אים צייטנווייז.

נישט איינמאָל האָב איך אים, מיט פאַרשיידענע ווערטער, געפרעגט:

— צוליב וואָס טוט איר דאָס?

נישט פאַרשטייענדיק, קענטיק, מיינע פראַגן, פלעגט ער אויף דער פראַגע — צוליב וואָס? — ריידן לאַנג מיט אַ האַרבן בוך־לשון וועגן דעם שווערן לעבן פון פאָלק, וועגן דער נויטיקייט פון בילדונג און וויסן.

— ווילן די מענטשן — זוכן זיי וויסן?

— נו, ווי, דען? געוויס! אַט איר — ווילט דאָך?

יאָ, איך — האָב געוואָלט. נאָר — איך האָב געהאַלטן אין זינען די ווערטער פון דעם לערער פון געשיכטע:

— „מענטשן זוכן זיך צו פאַרגעסן, זוכן טרייסט, אָבער — נישט קיין וויסן".

פאַר אַזעלכע שאַרפע אידעען — איז די באַגעגעניש מיט זיבעצן־יעריקע שעדלעך, פון די דאָזיקע באַגעגענישן ווערן די אידעען אָפּגעטעמפּט, און די מענטשן קומט אויך דערפון נישט צו.

מיר האָט זיך אָנגעהויבן דוכטן, אַז איך פלעג שטענדיק באַמערקן איין און דאָס זעלביקע: מענטשן געפעלן אינטערעסאַנטע דערציילונגען נאָר דערפאַר, וואָס עס גיט זיי די מעגלעכקייט אויף אַ ווײַלע צו פאַרגעסן זייער שווערן, טאָג־טעגלעכן לעבן. וואָס מער די מעשה איז אויסגעטראַכט, אַלץ להוטער הערט מען זי. דאָס אינטערעסאַנטסטע בוך איז יענץ, וווּ עס געפינען זיך אַ סך שיינע אויסגעטראַכטע מעשיות. הקיצור — איך בין געשווימען אין אַ רויכיקן נעפּל.

דערענקאָוו האָט געפּלאַנעוועט צו עפענען אַ בעקערײַ. איך געדענק — ס'איז געווען גענוי אויסגערעכנט, אַז די דאָזיקע אונטערנעמונג דאַרף טראָגן נישט ווייניקער, ווי פינף און דרייסיק פּראָצענט הכנסה פונם רובל. איך האָב געזאָלט זיין דעם בעקערס אַ געהילף און ווי „אַן אייגענער מענטש" אַכטונג געבן, אַז אַט דער בעקער זאָל נישט גנבענען קיין מעל, קיין אייער, פּוטער און אויסגעבאַקטע סחורה.

און אַט האָב איך זיך איבערגעקליבן פון גרויסן שמוציקן קעלער אין אַ קלענערן, אַ ריינערן, — די זאָרג וועגן ריינקייט איז געלעגן אויף מיר. אָנשטאָט אַ קאָמפּאַניע פון פערציק מאַן, האָב איך פאַר זיך געהאַט גאָר איינעם, — מיט גרויע שלייפן, מיט אַ שפּיציק

בערדל ,מיט א טרוקן, פארויכערט פנים, מיט טונקעלע פארחלומ־טע אויגן און א מאָדנעם מויל — אַ קלייניקער, ווי אַן אָקון. די ליפּן ווייכע, גראָבע און אַזוי צוזאַמענגעלייגט, ווי ער וואָלט בדעה געהאַט זיך קושן. און עפּעס לעכערלעכס לייגט זיך אין דער טי־פעניש פון זיינע אויגן.

געוועלעך, האָט ער געגנבעט, — שוין אין דער ערשטער נאַכט פון זיין אַרבעט האָט ער אָפּגעלייגט אין אַ זייט אַ צענדליק אייער, אַ דריי פונט מעל און אַ היפּש שטיקל פּוטער.

— אָ דאָס — צו וואָס דאַרף מען?

— אָ דאָס דאַרף מען פאַר אַ מיידל, — האָט ער פריינטלעך געזאָגט, קנייטשנדיק מיט דער נאָז, און האָט צוגעגעבן: — אַ וווּיל מיידעלע!

איך האָב אים פּרובירט איבערצייגן, אַז גנבענען איז אַ זינד. אָבער — צי איז מיין כח־הדבור געווען צו שוואַך, אָדער איך בין אַליין געווען צו ווייניק זיכער אין דעם, וואָס איך האָב אים געוואָלט דערווייזן — מיינע רייד האָבן קיין פּעולה נישט געהאַט.

ליגנדיק אויף דער דייזשע טייג און קוקנדיק דורכן פענ־סטער אויף די שטערן, האָט דער בעקער פאַרוווּנדערט געמורמלט:

— מיך — לערנט ער! אוודאי דאָס ערשטע מאָל און — פאַר־טיק — ער לערנט שוין! און אַליין איז ער דריי מאָל יונגער פאַר מיר. צום לאַכן, באמת...

ער האָט באַקוקט די שטערן און געפרעגט:

— מיר דוכט, — ווי איך וואָלט דיך שוין איינמאָל ערגעץ געזען, — ווּ האָסטו עמעצן ביי געאַרבעט? ביי סעמאָנאָוון? דאָרט, ווּ מען האָט געבונטעוועט? אַזוי. נו, הייסט עס, איך האָב דיך אין חלום געזען...

אין עטלעכע טעג אַרום האָב איך באַמערקט, אַז דער דאָזי־קער מענטש קאָן מי יודע וויפל שלאָפן און ווי עס לאָזט זיך, אפילו שטייענדיק אָנגעשפּאַרט אָן דער לאָפּאַטע. איינשלאָפנדיק־פלעגט ער אויפהויבן די ברעמען, און זיין פּנים פלעגט זיך דערביי משונהדיק ענדערן, באַקומענדיק אַן איראָניש פאַרוווּנדערטן אויס־דרוק. זיין ליבסטע טעמע צום רעדן, זענען געווען מעשיות וועגן

אוצרות און חלומות. ער פלעגט מיט א זיכערקייט זאָגן:

— די ערד זע איך דורך און דורך, און אינגאַנצן איז זי, ווי אַ פּיראָג, אָנגעפּילט מיט אוצרות; קעסלען מיט געלט, קאַסטנס מיט טעפּ זענען אומעטום איינגעגראָבן. עס האָט שוין נישט איינמאָל פּאַסירט, אַז איך זע אין חלום אַ באַקאַנט אָרט, — למשל, די באָד, און אין אַ ווינקל דערביי איז איינגעגראָבן אַ קאַסטן מיט זילבערנע כּלים. איך האָב זיך אויפגעכאַפּט און בין אין דער נאַכט אַוועק גראָבן, אויסגעגראָבן אויף אַן אַרשין אָנדערטהאַלבן — ערשט — איך זע: קוילן און אַ הינטישער שאַרבן. אָט, וואָס — איך האָב געפונען!... פּלוצלינג — טראַך! — אַ שויב צעשפּרינגט אויף פּיצלעך, און איינע שרייט מיט משונהדיקע קולות: קאַראַול, גנבים! געוויינלעך — בין איך אַנטלאָפן, ווײַ נישט, וואָלט מען מיך צעממיתט. צום לאַכן, באמת...

איך הער אָפּט דאָס וואָרט, צום לאַכן! — אָבער איוואַן קאָזמיטש לוטאָנין לאַכט נישט, נאָר מיט אַ שמייכל. פאַרזשמורנ־דיק די אויגן, קנייטשט ער איין די אויבערשטע טייל פון דער נאָז, צעעפענענדיק ברייט די נאָז־לעכער.

די חלומות זיינע — זענען נישט איבעריק המצאהדיק. זיי זענען פּונקט אַזוינע אומעטיקע און נאַרישע, ווי דיווירקלעכ־קייט, און איך פאַרשטיי נישט, פאַרוואָס ער פלעגט וועגן זיי־נע חלומות דערציילן מיט אַזאַ התפעלות, נאָר וועגן דעם, וואָס טוט זיך אַרום אים — האָט ער נישט ליב געהאַט צו רעדן?

די גאַנצע שטאָט קאָכט: עס האָט זיך דערשאָסן תיכּף נאָך דער חופּה די טאָכטער פון אַ רייכן טיי־סוחר, וועלכע מען האָט איבערגעוואַלד חתונה געמאַכט. נאָך דער לויה איז געגאַנ־גען אַ מחנה יוגנט פון עטלעכע טויזנט מאַן, ביים קבר האָבן סטודענטן געהאַלטן רעדעס, די פּאָליציי האָט זיי פאַנאַנדער־געטריבן. אין דעם קליינעם געוועלב ביי דער בעקעריי שריי־ען אַלע וועגן דער דאָזיקער דראַמע, דאָס צימערל, וואָס הינ־טערן געוועלב, איז אָנגעפּאַקט מיט סטודענטן, צו אונז אין קע־לער — דערגייען אויפגערעגטע קולות, שאַרפע ווערטער.

— צו ווייניק האָט מען דאָס דאָזיקע מיידל געריסן פאַר

די צעפּ, — זאָגט לוטאָנין און תּיכּף נאָכדעם איז ער מיר מודיע:
— חלומט זיך מיר — איך כאַפּ קאָרעסלעך אין טייכל, פּלוצלינג — אַ פּאָליציאַנט, שטיי, ווי האָסט עס די העזה? אַנטלויפן נישטאָ ווּהין, האָב איך זיך אַראָפּגעלאָזן אונטערן וואַסער און זיך אויפגעכאַפּט...

נאָר, הגם ער איז נישט געווען אין די גרענעצן פון דער ווירקלעכקייט, — האָט ער פונדעסטוועגן אינגיכן דערפילט, אַז אין דער בעקעריי קומט פאָר עפּעס אויסערגעוויינלעכס: אין געשעפט אַרבעטן פאַרקויפערינס, וואָס זענען נישט פעיק דער־צו, מיידלעך, וואָס לייענען ביכלעך, — דעם באַלעבאָס אַ שוועס־טער און אַ חברטע אירע — אַ גרויס מיידל מיט ראָזע באַקן און פריינטלעכע אויגן. עס קומען סטודענטן, זיצן לאַנג אין הינ־טערשטן צימער פון געשעפט און שרייען, אָדער סודען זיך וועגן עפּעס. דער באַלעבאָס קומט זעלטן, און איך — „דער גע־הילף" — בין אַזוי צו זאָגן דער אויפזעער אויף דער בעקעריי.

— ביסט אַפּנים דעם באַלעבאָס אַ קרוב? — פרעגט לוטאָ־נין, — אָדער, אפשר, ביסטו זיינס אַ קינפּטיקער איידעם? ניין? צום לאַכן, באמת נאָר — צוליב וואָס שלעפּן זיך אַהער די סטודענטן? צוליב פריילינס... נו, יאָ... דאָס קאָן זיין... הגם די מיידלעך זענען נישט קיין איבעריקע יפה פיות... די סטודענטלעך דאָרט עסן, מסתּמא, מער בולקעס, ווי זיי פאַרנעמען זיך מיט די פריילינס...

כמעט יעדן טאָג, אַ זייגער פינף־זעקס אינדערפרי, קומט צו אויפן גאַס צום פענסטער פון דער בעקעריי אַ קורץ־פיסיק מיידל, וואָס זעט אויס, ווי צונויפגעלייגט פון פאַרשידענע האַלב־קוילן, זי איז ענלעך צו אַ זאַק אַרבוזן. אַראָפּלאָזנדיק די נאַקעטע פיס אין גרוב פאַרן פענסטער, רופט זי גענעצנדיק:
— וואַניאַ!

אויפן קאָפּ טראָגט זי אַ בונט טיכל, פון וואַנען עס קריכן אַרויס געקרויזטע בלאָנדע האָר, באַשיטנדיק מיט קליינע רינגעלעך אירע רויטע, ווי באַלן אָנגעבלאָזענע באַקן, דעם ני־דעריקן שטערן, קיצלענדיק די האַלב־פאַרשלאָפענע אויגן. זי שאַרט פויל אָפּ די האָר מיט אירע קליינע הענט, די פינגער

זענען שפּילעווידיק פאַנאַנדערגעשפּרייט, ווי בײַ אַ קימפּעט־קינד. אינ־טערעסאַנט — וועגן וואָס קען מען רעדן מיט אַזאַ מין מיידל.
איך וועק אויף דעם בעקער, ער פרעגט זי:

— געקומען?
— זעסט דאָך.
— געשלאָפן?
— נו, ווי דען?
— וואָס האָסטו געזען אין חלום?
— איך געדענק נישט...

שטיל איז אין שטאָט.איבעריקנס—ערגעץ־ווו שאַרט אַ סטרוזשס אַ בעזעם, עס צווימשערן די אָקאָרטש ־ אויפגעוואַכטע וואָ־ראַבייטשיקעס. אָן די שויבן פון די פענסטער שפּאַרן זיך אָן די וואַרעמינקע שטראַלן פון דער אויפגייענדיקער זון. איך האָב זייער אַ הנאה פון די דאָזיקע פאַרחלומטע באַגינענס פון טאָג. אַרויסרוקנדיק אין פענסטער די האָריקע האַנט, טאַפּט דער בעקער דעם מיידלס פּיס, זי בלייבט גלייכגילטיק צו דער אונטערזוכונג, אָן אַ שמייכל פינטלנדיק מיט די שעפּסענע אויגן.

— פּעשקאָוו, נעם אַרויס דאָס מילכיקע געבעקס, ס'איז צייט!

איך נעם אַרויס פון אויוון די אייזערנע בלעכן, דער בע־קער כאַפּט פון זיי אַראָפּ אַ צענדליק פּוטער־זעמל, שטרודל, פּלעצלעך, אַריינוואַרפנדיק זיי אין דעם מיידלס שויס, און זי, וואַרפנדיק דעם הייסן פּוטער־זעמל פון איין האַנט אין דער צווייטער, בייסט אים מיט געלע ציין פון אַ שעפּס, בריט זיך, קרעכצט פון ביין און ברומט.

דער בעקער קלייבט פון איר נחת און זאָגט:
— לאָז אַראָפּ דאָס קלייד, דו חצופה איינע...
און ווען זי גייט אַוועק, נעמט ער זיך איבער פאַר מיר:

— האָסט געזען? ווי אַ שעפּסעלע, אינגאַנצן אין גרייזלעך. איך, ברודער, בין אַ זויבערער מענטש, כ'האָב נישט צו טון מיט קיין ווייבער, נאָר מיט מיידלעך. זי איז בײַ מיר — די דרייצנ־טע. ניקיפאָריטשעס אַ טויף־טאָכטער.

הערנדיק זיינע התפעלותדיקע רייד, טראַכט איך ביי זיך:

— זאָל איך — אויך אַזוי לעבן?

נאָכדעם, ווי איך האָב אַרויסגענומען דאָס ווייס ברויט פון אויוון, לייג איך אַרויף אויף אַ לאַנגער ברעט אַ צען־צוועלף לאַבנס און טראָג עס געשווינט אין דערענקאָווס געוועלב אַריין, און קומענדיק צוריק, לייג איך אָן אַ פולן צוויי־פודיקן קויש מיט בולקעס און זעמל און לויף אין דער גייסטלעכער אַקאַדעמיע, כדי צו קומען אין דער צייט צום פרישטיק־טיי ביי די סטו־דענטן. דאָרט, אין אַ גערוימען עס־צימער, שטיי איך ביי דער טיר, באַזאָרגנדיק די סטודענטן מיט בולקעס און זעמל „אויף אַ ביכל" און „פאַר מזומנים", — איך שטיי און הער מיך צו צו די וויכּוחים וועגן טאָלסטאָיען; — איינער פון די פּראָפעסאָרן פון אַקאַדעמיע—גוסעוו—לעוו טאָלסטאָיס אַ דם שונא. אַמאָל ליגן ביי מיר אין קויש אונטער די בולקעס ביכלעך און איך מוז זיי אומבאַ־מערקטערהייט אַריינרוקן דעם אָדער יענעם פון די סטודענטן. אָפטמאָל — באַהאַלטן סטודענטן ביכער און צעטעלעך ביי מיר אין קויש.

איין מאָל אין וואָך לויף איך נאָך ווייטער—אין „משוגעים הויז", ווו דער פסיכיאַטאָר בעכטערעוו האָט געלייענט זיינע לעקציעס, דעמאָנסטרירנדיק דערביי קראַנקע. איינמאָל האָט ער געוויזן פאַר די סטודענטן איינעם אַ קראַנקן, וואָס ליידט אויף דער מאַניע פון גרויסקייט. און בשעת אין טיר פון דער אוידיטאָריע האָט זיך באַוויזן דער לאַנגער מענטש, אָנ־געטון אין ווייסן, אויפן קאָפּ אַ מיץ, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ זאַק, האָב איך נישט ווילנדיק אַ שמייכל געטון, נאָר ער, אָפּשטעלנדיק זיך אַ ווײַלע נעבן מיר, האָט מיר אריינגעקוקט אין פּנים, און איך בין אָפּגעשפּרונגען, אַזוי ווי ער וואָלט מיר אַ זעץ געטון אין הארצן מיטן שוואַרצן, נאָר ברענעדיקן שאַרף פון זיין בליק. און די גאַנצע צייט, וואָס בעכטערעוו האָט מיט דרך־ארץ געשמועסט מיטן קראַנקן, צופנדיק דערביי זיין באָרד, האָב איך שטילערהייט געגלעט מיין פּנים, ווי אָפּגעבריט מיט

הייסן שטויב.

דער קראַנקער האָט גערעדט מיט אַ טעמפּן באַס, ער האָט עפּעס געפּאָדערט, אימהדיק אויסציענדיק דורכן אַרבל פון כאַ־לאַט זיין לאַנגע האנט מיט די לאַנגע פינגער, און מיר האָט זיך געדוכט, אַז דער גאַנצער קערפּער זיינער ציט זיך אומנאַ־טירלעך אויס, וואַקסט אומענדלעך און אָט מיט דער דאָזיקער טונקעלער האַנט, וועט ער, נישט רירנדיק זיך פון אָרט, מיך דערגרייכן און אַ פּאַק טון ביים האַלז. דראָענדיק און הערשע־ריש האָט געפינקלט פון די פינסטערע לעכער פון זיין קנאָ־כיקן פּנים דער דורכדרינגענדיקער בליק פון זיינע שוואַרצע אויגן. — צוויי צענדליק סטודענטן באַקוקן דעם מענטשן אין דעם אומגעלומפּערטן מיץ, אַ קליינע טייל — שמייכלענדיק, די מערהייט — אַריינגעטון אין דער לעקציע און טרויעריק, זיי־ערע אויגן זענען בולט. געוויינלעכע אין פאַרגלייך מיט זיינע בריענדיקע אויגן. ער איז מוראדיק און עפּעס מאַיעסטעטישעס איז פאַראַן אין דעם מענטשן—יאָ...

אין דער פיש־שטומקייט פון די סטודענטן קלינגט דייטלעך אָפּ דעם פּראָפעסאָרס קול, יעדע פראַגע זיינע רופט אַרויס אימהדיקע אויסגעשרייען פון אַ פאַרשטיקטער שטים, און עס דוכט זיך, אַז עס קומט אַרויס פון אונטער דער פּאָדלאָגע, פון די טויטע ווייסע ווענט. דעם קראַנקנס באַוועגונגען זענען אַרכיערעיש־געלאַסענע און חשובע.

ביי נאַכט האָב איך געשריבן לידער וועגן דעם מאַניאַק, אָנ־רופנדיק אים „דער מושל איבער אַלע מושלים, גאָטס פריינט און בעל־יועץ”, און אַ לאַנגע צייט האָט זיין בילד געשוועבט פאַר מיר און געשטערט מיר צו לעבן.

אַרבעטנדיק פון זעקס אין אָוונט ביז כמעט אין האַלבן טאָג אַריין, בין איך בייטאָג געשלאָפן און לייענען האָב איך געקאָנט נאָר צווישן דער אַרבעט, נאָכן פאַרקנעטן דעם טייג, וואַרטנדיק ביז עס וועט זיך איינזייערן, און נאָכן אַריינזעצן דאָס ברויט אין אויוון. וואָס בעסער איך האָב דערלערנט די קונסט פון דער אַרבעט, אַלץ ווייניקער האָט דער בעקער אָנ־

געהויבן אַרבעטן, ער האָט מיך „געלערנט״, זאָגנדיק מיט אַ פריינטלעכער באַוווּנדערונג:

— דו ביסט אַ פעיקער צו דער אַרבעט, אין אַ יאָר, צוויי אַרום — וועסטו שוין זיין אַ בעקער. עס איז צום לאַכן. ביסט יונג, וועט מען דיך נישט פּאָלגן, וועט מען פאַר דיר קיין דרך ארץ נישט האָבן...

מיט מיין חשק צו ביכער איז ער נישט צופרידן געווען:

— דו וואָלסט געדאַרפט בעסער שלאָפן,—איידער לייענען,— האָט ער באַזאָרגט מיך געעצהט, ער האָט אָבער קיינמאָל נישט נאָכגעפרעגט—וואָס פאַר אַ ביכער איך לייען?

די חלומות, די פאַנטאַזיעס וועגן אוצרות און דאָס קיילעכדיקע, קורצע מיידל, האָבן אים אינגאַנצן פאַרשלונגען. נישט זעלטן פלעגט דאָס מיידל קומען ביינאַכט, דאַמאָלסט פלעגט ער זי אַרויסרופן אין פירהויז אויף די זעק מעל אָדער—אויב עס פלעגט זיין קאַלט—פלעגט ער, פאַרקנייטשנדיק די אויבערשטע טייל נאָז, זאָגן צו מיר:

— גיי אַרויס אויף אַ האַלבע שעה!

איך פלעג אַרויסגיין, טראַכטנדיק: ווי גוואַלדיק נישט ענלעך די דאָזיקע ליבע איז צו יענער, וועגן וועלכער מ׳שרייבט אין די ביכער...

אין אַ קליינעם צימערל הינטערן געוועלב האָט געוווינט דעם באַלעבאָס שוועסטער. איך פלעג שטעלן פאַר איר סאַמאָווארן, און האָב זיך באַמיט וואָס זעלטענער זיך צו טרעפן מיט איר—ס׳איז מיר עפּעס נישט־גוט געווען מיט איר. די קינדערשע אויגן אירע האָבן געקוקט אויף מיר אַלץ מיט דעם זעלביקן אומדערטרעגלעכן בליק, ווי ביי אונזערע ערשטע באַגעגענישן. עס האָט זיך מיר אויסגעדוכט, אַז אין דער טיפעניש פון די דאָזיקע אויגן זע איך אַ שמייכל און ער איז — אַ חוזק שמייכל.

פון צופיל שפע אין כחות, בין איך געווען זייער אומגעלומפּערט. צוקוקנדיק, ווי איך קער און שלעפּ פינף פודיקע זעק, האָט דער בעקער באַדויערנדיק געזאָגט:

— כחות האָסטו—פּאַר דריי, אָבער פלינקייט פעלט דיר! און, הגם די ביסט אַ לאַנגער, אָבער פּאַרט — אַן אָקס...

נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס איך האָב שוין געהאַט אי-בערגעלייענט נישט ווייניק ביכער, האָב ליב געהאַט צו לייענען לידער און אַליין שוין אָנגעהויבן שרייבן לידער, — האָב איך נאָך גערעדט „מיט אייגענע ווערטער". איך האָב געפילט, אַז זיי זענען האמעטנע און רייסנדיקע, נאָר מיר האָט זיך געדוכט, אַז נאָר מיט זיי קען איך אויסדרוקן דעם טיפסטן פלאָנטער פון מיינע געדאנקען. און אַמאָל פלעג איך זיך בכיוון גראָב זיך אויס-דרוקן, אַלס פּראָטעסט קעגן עפּעס אַזוינס, וואָס איז מיר פרעמד געווען און וואָס האָט מיך געררייצט.

איינער פון מיינע לערער, אַ סטודענט אַ מאַטעמאַטיקער, האָט מיר פאַרגעוואָרפן:

— דער טייוול ווייס אייך, ווי איר רעדט, נישט ווערטער, נאָר — קלעצער! בכלל — בין איך זיך אַליין נישט געפעלן געווען, ווי די טבע איז אָפט ביי יונגע בחורימלעך, איך האָב זיך געפילט קאָמיש און גראָב. מיין פּנים איז געווען אַ קנאָכיקס, ווי ביי אַ קאַלמיק, די שטים—האָט מיר נישט געדינט...

און דעם באַלעבאָס שוועסטער האָט זיך געררירט שנעל און פלינק, ווי אַ פויגעלע אין דער לופט, און מיר האָט זיך געדוכט, אַז איר רירעוודיקע לייכטקייט פּאַסט זיך נישט צו איר קיילעכדיק ווייך פיגורל. אירע תנועות און איר גאַנג זענען עפּעס נישט עכט, דוכט זיך, ווי געמאַכט. איר שטים קלינגט פריילעך, זי לאַכט אָפט און, הערנדיק דעם דאָזיקן הילכיקן געלעכטער, טראַכט איך מיר: עס ווילט זיך איר, אַז איך זאָל פאַרגעסן וועגן דעם, ווי זי האָט אויסגעזען, בשעת איך האָב זי דערזען דאָס ערשטע מאָל. איך אָבער האָב נישט געוואָלט פאַרגעסן וועגן דעם,— מיר איז געווען טייער דאָס אומגעווייינלעכע, מיר איז נויטיק געווען צו וויסן, אַז דאָס איז מעגלעך, אַז דאָס עקסיסטירט.

אָפטמאָל פלעגט זי מיך פרעגן:

— וואָס לייענט איר?

— איך האָב געענטפערט קורץ, און מיר האָט זיך געוואָלט
זי פרעגן:

— וואָס דאַרפט איר עס וויסן?

איינמאָל האָט דער בעקער, גלעטנדיק זיין קורץ-פּיסיקע, גע-
זאָגט צו מיר מיט אַ שכורלעכן קול:

— גיי אַרויס אויף אַ ווײַלע. עד, דו וואָלסט׳כאָטש אַריין,
אַ ווײַלע צו דעם באַלעבאָס שוועסטער, וואָס געגעצסטו? זעסט דאָך
סטודענטן...

איך האָב אים צוגעזאָגט, אַז איך וועל אים פּלעטן דעם
קאָפּ מיט אַ געוויכט, אויב ער וועט מיר אַ צווייט מאָל זאָגן אַזוינס,
און בין אַרויס אין הויז, אויף די זעק. דורכן שפּאַלט פון טיר,
וואָס איז נישט פעסט צוגעמאַכט, הער איך לוטאָנינס קול:

— פאַרוואָס זאָל איך ברוגז זיין אויף אים? ער האָט זיך
אָנגעזופּט מיט ביכער און—לעבט, ווי אַ חסר דעה..

אין פאַרהויז קוויטשן און פאָרן זיך מייז. אין דער בעקע-
ריי ברומט און קרעכצט דאָס מיידל. איך בין אַרויס אין דרויסן,
פויל כמעט אָן גערויש זיפּט דאָרט אַ קליין רעגעלע, נאָר פונדעסט-
וועגן איז די לופט שטיקנדיק אָנגעזאָפּט מיט אַ ריח פון רויך —
עס ברענען וועלדער, ס׳איז שוין אַ שטיק נאָך האַלבער נאַכט. אינם
הויז, וואָס קעגנאיבער דער בעקעריי, זענען אָפן די פענסטער,
אין די טונקל באַלויכטענע צימערן זינגט מען:

— און וואַרלאַמי אַליין
מיט זיין גאָלדענעם קאָפּ
קוקט און שמייכלט אַראָפּ
צו זיי פונדערהויך...

איך פּרוביר זיך פאָרשטעלן מאַריאַ דערענקאָוו, ווי זי ליגט
ביי מיר אויף די קני,—אַזוי ווי עס ליגט דאָס מיידל ביים בעקער
אויף די קני — און מיט מיין גאַנץ וועזן פיל איך, אַז דאָס איז
אוממעגלעך, אַז דאָס איז אַפילו שרעקלעך.

— און ער זינגט און ער טרינקט
אַ גאַנצע נאַכט, אָן אַ מאָס
און — אָ — נאָך עפּעס-וואָס
טוט ער נאָך אויך...

חוצפהדיק הערט זיך אַרויס פון כאָר דער נידעריקער באַסטאָן — אָ. אָנגעבויגן, די הענט אויף די קני אָנגעשפּאַרט, קוק איך אין פענסטער אַריין; דורך די געשטריקטע פאָרהאַנגלעך זע איך אַ פירקאַנטיקע גרוב, אירע גראָע וועגט באַלייכט אַ קליין לעמפל אונטער אַ העל־בלויען אַבאַזשור, פאַר אים זיצט מיטן פּנים צום פענסטער אַ מיידל און שרייבט. אָט האָט זי אויפגעהויבן דעם קאָפּ און מיטן רויטן האַלטער פון דער פעדער פאַרריכט זי אַ לאָק פון אירע האָר אויפן שלייף. אירע אויגן זענען פאַרזשמורעט, דאָס פּנים שמייכלט. זי לייגט געלאָסן צוזאַמען דעם בריוו, פאַרקלעפּט דעם קאָנווערט, באַלעקנדיק מיטן צונג זיינע קאַנטן און, אַוועקוואַרפנדיק דעם קאָנווערט אויפן טיש, דראָט זי אים מיט איר קליין פינגערל,—וואָס איז קלענער פאַר מיין מוזיניק. אָבער—זי נעמט ווידעראַמאָל דעם בריוו, אַ ברוגזע צערייסט זי דעם קאָנווערט, לייענט, לייגט אים אַריין אין אַ צווייטן קאָנווערט, שרייבט צ̇ו דעם אַדרעס, אָנגעבויגן איבערן טיש און, ווי מיט אַ ווייסער פאָן, פאָכט זי מיטן בריוו אין דער לופט. דרייענדיק זיך, צופּאַטשנדיק מי̇ט די הענט, גייט זי אין ווינקל, וווּ עס שטייט איר בעט. דערנאָך קומט זי אַרויס פון דאָרט אָן אַ בלוזקעלע — די שולטערן אירע זענען קיילעכדיקע, ווי פּאַמפּושקעס — נעמט דעם לאָמפּ פון טיש און ווערט נעלם אין ווינקל. ווען דו קוקסט זיך צו̇, ווי דער מענטש פירט זיך אויף זייענדיק מיט זיך אַליין, — זעט ער דיר אויס, ווי משוגע. איך גיי אַרום איבערן הויף, קלערנדיק וועגן דעם, ווי משונהדיק עס לעבט דאָס מיידל, ווען זי געפינט זיך אַליין אין איר ווינקל.

אָבער, ווען עס פלעגט קומען צו איר דער געלבלעכער סטודענט און פלעגט רעדן צו איר עפּעס, מיט אַ שטילן קול, כמעט שעפּטשענדיק, — פלעגט זי זיך אינגאַנצן צוזאַמענקאָרטשען, ווערנדיק נאָך קלענער, פלעגט קוקן אויף אים, שמייכלענדיק שעמעוודיק און די הענט פלעגט זי באַהאַלטן הינטער דער פלייצע אָדער הינטערן טיש. מיר איז דער געלער פאַרשוין נישט געפעלן געווען.
שטאַרק נישט געפעלן געווען.

וואַקלענדיק, איינהילנדיק זיך אין אַ טוך, גייט די קורצפּי־

סיקע און מורמלט.

— גיי אַריין אין בעקערײַ...

אַרויסוואַרפנדיק דעם טייג פון דייזשע, דערציילט מיר דער בעקער, וויפל טרייסט עס פאַרשאַפט אים אָן אויפהער זיין געליבטע, און איך — טראַכט דערבײַ:

— וואָס וועט מיט מיר ווייטער זיין?

און עס דוכט זיך מיר, אַז ערגעץ דאָ-דערבײַ אין ווינקל לויערט אויף מיר אַן אומגליק.

די געשעפטן אין דער בעקערײַ גייען אַזוי גוט, אַז דערענקאָוו זוכט שוין אַ צווייטע גרעסערע בעקערײַ און האָט באַשלאָסן אָנצונעמען נאָך אַ געהילף. דאָס — איז גוט, איך האָב צופיל אַרבעט, איך בין טויט-מיד.

— אין דער נייער בעקערײַ וועסטו זיין דער עלטערער געהילף,—זאָגט מיר צו דער בעקער.—איך וועל זאָגן, דו זאָלסט באַקומען צען רובל אַ חדש, יאָ.

איך פאַרשטיי, אַז אים לוינט צו האָבן מיך פאַר אַן עלטערן. ער אַליין — האָט נישט ליב צו אַרבעטן, איך אָבער ארבעט גערן. די מידקייט איז פאַר מיר נוצלעך, זי לעשט די אומרו פון דער נשמה, האַלט איין די עקשנותדיקע פאָדערונג פון געשלעכטלעכן אינסטינקט. אָבער — לאָזט מיך נישט לייענען.

— גוט, וואָס דו האָסט אָוועקגעוואָרפן די ביכלעך.—זאָלן זיי בעסער מייז פרעסן!—זאָגט דער בעקער. אָבער—נישט שוין-זשע חלומען זיך דיר גאָר קיין חלומות נישט? מסתמא—חלומט זיך דיר,—אָבער—דו ביסט אַ באַהאַלטענער! חוזק. חלומות דערציילן—איז דאָך די אומשעדלעכסטע זאַך, דאָ איז נישטאָ פאַרוואָס מורא צו האָבן...

ער איז זייער פריינטלעך צו מיר, דוכט זיך—ער האָט אפילו דרך-ארץ פאַר מיר. אָדער—ער האָט מורא פאַר מיר, ווי פאַר אַן אויפזעער פון באַלעבאָס, כאָטש דאָס שטערט אים נישט פּינקטלעך צו גנבענען סחורה.

די באָבע איז געשטאָרבן. איך האָב זיך דערוווּסט וועגן איר טויט אין זיבן וואָכן אַרום נאָך דער קבורה, דורך מיינעם

אַ שוועסטער־קינדס אַ בריוו. אין אַ קורצן בריוועלע—אַן קאַמעס— איז געווען געשריבן, אַז, קלייבנדיק נדבות ביים אַריינגאַנג פון קלויסטער, איז די באָבע געפאַלן און זיך צעבראָכן אַ פוס. אויפן אַכטן טאָג איז „צוגעפאַלן די בראַנד”. שפּעטער האָב איך זיך דערוווּסט, אַז ביידע ברידער און די שוועסטער מיט די קינדער— יונגע, געזונטע מענטשן—זענען געזעסן ביי דער אַלטער אויפן קאַרק, לעבנדיק פון די נדבות, וואָס די אַלטע האָט צונויפגעקליבן. זיי האָבן נישט געהאַט קיין שכל צו רופן אַ דאָקטאָר.

אין בריוו איז געשטאַנען:

„מ׳האָט זי מקבר געווען אויפן פּעטראָפּאַוולאָווער בית־עולם, ווו מיר אַלע האָבן זי באַגלייט. די אָרימע לייט האָבן זי ליב געהאַט און האָבן געוויינט. דער זיידע האָט אויך געוויינט. אונז האָט ער אַוועקגעטריבן. און אַליין איז ער געבליבן אויפן קבר. מיר האָבן דורך די קוסטעס געזען, ווי ער האָט געוויינט. ער וועט אויך באַלד שטאַרבן”.

איך האָב נישט געוויינט, נאָר—איך געדענק—פּונקט, ווי אַן אייז־קאַלטער ווינט וואָלט מיך דורכגענומען. ביינאַכט, זיצנדיק אויף אַ שטויס העלץ, האָט זיך מיר שטאַרק פאַרגלוסט דערציילן וועמען עס איז וועגן דער באָבען, וועגן דעם, וואָס פאַר אַ האַרציק־קלוגע זי איז געווען, אַ מאַמע פאַר אַלע מענטשן. אַ לאַנגע צייט האָב איך געטראָגן אין האַרצן דעם דאָזיקן שווערן פאַרלאַנג, אָבער דערציילן איז נישט געווען וועמען און אַזוי האָט זיך עס איבערגעבערענט אין מיר, נישט אַרויסגערעדטערהייט

איך האָב זיך דערמאָנט אָן די דאָזיקע טעג מיט אַ סך יאָרן נאָכדעם, ווען איך האָב דורכגעלייענט א. פ. טשעכאָווס אַ וווּנדער־לעך־עכטע דערציילונג וועגן אַ פורמאַן, וואָס האָט זיך דורכגעשמועסט מיט זיין פערד וועגן דעם טויט פון זיין זון. און עס האָט מיך פאַרדראָסן, פאַרוואָס איך האָב אין יענע טעג פון ביטערן קומער נישט געהאַט נעבן זיך קיין פערד, אָדער אַ הונט, און וואָס מיר איז נישט איינגעפאַלן צו פאַרטרויען זיך מיט מיין טרויער פאַר די מייז,—וועלכע זענען געווען אין דער בעקעריי

אַ היפּש ביסל, און איך האָב מיט זיי געלעבט אין די פריינטלעכסטע באַציונגען.

אַרום מיר האָט זיך ווי אַ רויב־פויגל אָנגעהויבן אַרומדרייען דער פּאָליציאַנט ניקאָפּאָריטש. אַ שטאַלטנער, אַ געזונטער, מיט אַ זילבערנער באַרשט האָר אויפן קאָפּ, מיט אַ געדיכטער, פּינקטלעך־צוגעשאָרענער באָרד, האָט ער געקוקט אויף מיר, צוטשמאָקענדיק באַטעמט, ווי מען קוקט פאַר די חגאות אויף אַ געקוילעטער גאַנז.

— האָסט ליב צו לייענען, האָב איך געהערט?—האָט ער געפרעגט.—וואָס פאַר אַ ביכער, למשל? אַ שטייגער—וועגן לעבן פון די הייליקע, אָדער די ביבל?

איך האָב געלייענט די ביבל און „טשעטי מינעאי”—דאָס האָט ניקאָפּאָריטשן שטאַרק פאַרחידושט און, קענטיק, צעטומלט זיינע געדאַנקען.

— נו יאָ? כשרע זאַכן—איז נוצלעך צו לייענען! און גראַף טאָלסטאָיס ביכער איז דיר נישט אויסגעקומען צו לייענען?

איך האָב אויך געלייענט טאָלסטאָיס, נאָר—גראָד האָט זיך אַרויסגעוויזן—נישט דאָס, וואָס ס׳האָט אינטערעסירט דעם פּאָליציאַנט.

— נו, דאָס—לאָמיר זאָגן—זענען געוויינלעכע שריפטן, וואָס אַלע שרייבן, אָבער אין אַנדערע, זאָגט מען, טרעט ער אַרויס קעגן די גלחים,—אָט זיי וואָלסטו אַ לייען געטון!

„אַנדערע”, געדרוקטע אויף אַ העקטאָגראַף, האָב איך אויך געלייענט, אָבער זיי זענען מיר געווען לאַנגווייליק, אגב, האָב איך געוווסט, אַז וועגן זיי לוינט נישט צו פאַרפירן קיין שמועס מיט דער פּאָליציי.

נאָך עטלעכע שמועסן, וואָס זענען פאָרגעקומען צווישן אונז גייענדיק אויפן גאַס, האָט דער אַלטער מיך אָנגעהויבן פאַרבעטן צו זיך.

— קום אַריין צו מיר אין מיין הייזל טרינקען אַ גלעזל טיי.

איך האָב, געוויינלעך, פאַרשטאַנען, וואָס ער וויל פון מיר, מיר האָט זיך אָבער געוואָלט אַרייגגיין צו אים. איך האָב זיך

באראַטן מיט קלוגע לייט, און ס׳איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז אויב איך זאָל זיך אָפּזאָגן פון זיין פריינטלעכקייט,—וועט עס דוקא צרויסרופן ביי אים אַ חשד אויף דער בעקעריי.

און אָט,—געפין איך מיך צוגאַסט ביי ניקאָפּאָריטשן. אַ דריטל פון דעם קליינעם ווינקל פאַרנעמט אַ רוסישער אויוון, נאָך אַ דריטל—אַ ברייטע בעט אונטער אַ סיטצענעם פאָרהאַנג, מיט אַ באַרג קישנס און רויטע ציכן, און דעם איבעריקן שטח באַפּוצט אַ שאָפע פאַר כלים, אַ טיש, צוויי שטולן, און אַ באַנק ביים פענ־סטער. ניקאָפּאָריטש זיצט אויפגעקנעפּלט דעם מונדיר, אויף דער באַנק, פאַרשטעלנדיק מיט זיין גוף דאָס איינציק קליין פענסטערל, נעבן מיר—זיין פרוי, אַ ווייבעלע פון אַ יאָר צוואַנציק מיט אַ הויכן בוזים, אַ רויט פנים, כיטרע שלעכטע אויגן, פון עפּעס אַ מאָדנער ליליע־פאַרב, די שטאַרק־רויטע ליפּן אירע זענען קאַפּריז אָנגע־בלאָזן, דאָס שטימעלע בייז־טרוקן.

— ס׳איז מיר באַוווסט—זאָגט דער פּאָליציאַנט,—אַז צו אייך אין בעקעריי קומט אריין די קוואַטערקע מיינע, סעקלעטיע,—דאָס איז אַ מיידל אַ צעלאָזנס און אַ פּאַסקודנע. אַלע ווייבער—זענען פּאַסקודנע.

— אַלע?—פרעגט זיין ווייב.

— נישטאָ פון זיי קיין איינע!—באַשטעטיקט ניקאָפּאָריטש אַנטשידן, קלינגענדיק מיט די מעדאַלן, ווי אַ פערד מיט די גלעקלעך פון געשפּאַן, און, אויסזופנדיק דעם טיי פון טעצל, חזרט ער געשמאַק איבער:

— פּאַסקודניצעס און אויסגעלאַסענע זענען זיי פון דעם לעצטן גאַסן־מיידל... און אפילו ביז צו דער קייסערינע... די מלכה שבא איז געפאָרן צו שלמה המלך טויזנטער וויאָרסטן דורך מדבריות צוליב צעלאָזנקייט... דאָסגלייכן די קייסערין יעקאַטערינע, הגם מ׳רופט זי די גרויסע...

ער דערציילט אויספירלעך די געשיכטע פון איינעם אַ היי־צער, וואָס האָט אין איין נאַכט מיט דער קייסערין דערגרייכט די העכסטע דערהויבונגען אין אַמט, פון אַ סערזשאַנט ביז צו אַ גענע־ראַל. זיין ווייב הערט זיך צו אויפמערקזאַם, באַלעקנדיק די ליפּן,

אין שטויסט אונטערן טיש מיין פוס מיט איר פוס. ניקיפאָריטש רעדט זייער גלאַט, מיט געשמאַקע ווערטער און, עפּעס אומבאַ־מערקט פאַר מיר, גייט ער איבער אויף אַן אַנדער טעמע:

— צום ביישפּיל: דאָ איז פאַראַן אַ סטודענט פון ערשטן קורס פּלעטנעוו.

זיין ווייב זיפצט אָפּ און זאָגט אַריין:

— קיין פּאַרשוין איז ער נישט, אָבער — אַ ווילער!

— ווער?

— דער הער פּלעטנעוו.

— ערשטנס — נישט קיין הער. אַ הער וועט ער ערשט ווערן, ווען ער וועט זיך אויסלערנען, אָבער דערווייל איז ער אַ פּשוטער סטודענט, ווי טויזנטער אַנדערע ביי אונז. צווייטנס — וואָס הייסט — אַ ווילער?

— אַ פריילעכער, אַ יונגער

— ערשטנס — איז אַ פּאַיאַץ פון אַ באַלאַגאַן אויך אַ פריילעכער...

— אַ פּאַיאַץ מאַכט פריילעך פאַר געלט.

— שטיל! צווייטנס — איז דער גרויסער הונט אויך אַמאָל ווי אַ קליינער...

— אַ פּאַיאַץ איז ווי אַ מאַלפּע, אַ שטייגער...

— שטיל, האָב איך, אגב, געזאָגט! געהערט?

— נו, איך האָב געהערט.

— איז גוט...

נאָכדעם, ווי ער האָט אונטערגעטעניקט דאָס ווייב, עצהט מיר ניקאַפּאָריטש:

— אָט — מאַך דיך באַקאַנט מיט פּלעטנעוון, — זייער אַן אינטערעסאַנטער פּאַרשוין!

אַזוי ווי ער האָט מיך שוין נישט איינמאָל געזען מיט פּלעטנעוון אויפן גאַס, זאָג איך:

— מיר זענען באַקאַנט.

— יאָ? אַזוי גאָר...

אין זיינע רייד פילט זיך פאַרדראָס. ער באַוועגט זיך

האַסטיק. עס קלינגען זיינע מעדאַלן. איך אָבער—האָב אָנגעשפּיצט די אויערן; איך האָב געוווסט, אַז פּלעטנעוו דרוקט אויף אַ העקטאָ-גראַף עפּעס אַזוינע בלעטלעך.

שטויסנדיק מיך מיטן פוס, העצט דאָס ווייבל אונטער כיטרע דעם אַלטן, און ער, אָנבלאָזנדיק זיך, ווי אַ פּאַווע, צעלאָזט זיך אין מליצהדיקע ווערטער. די שטיפּערייען פון זיין ווייב שטערן מיר צוצוהערן זיך, און ווידער באַמערק איך נישט, ווי זיין שטים האָט זיך געענדערט, געוואָרן שטילער, ווירקנדיקער.

— אַ פאַרבאָרגענער פאָדעם — פאַרשטייסט? — פרעגט ער מיך און קוקט מיר אין פּנים אַריין מיט קיילעכדיקע אויגן, ווי ער וואָלט זיך פאַר עפּעס דערשראָקן.

— נעם אָן דעם קייסער פאַר אַ שפּין...

— אוי, וואָס רעדסטו! — שרייט אויס די פרוי.

— דו — שווייגן זאָלסטו! נאַר איינע, — דאָס רעדט זיך נאָר אַזוי צוליב דייטלעכקייט, און נישט לגנאי, בהמה דו! נעם אַראָפּ דעם סאַמאָוואַר...

פאַרציענדיק די ברעמען, פאַרזשמורענדיק די אויגן, רעדט ער מיט אַ ווירקנדיקער שטים ווייטער:

— אָן אומגעזעענער פאָדעם — ווי אַ שפּינוועבס-פעדעמל — ציט זיך פון האַרצן פון זיין הויכער מאַיעסטעט דעם קייסער אַלעקסאַנדער דעם דריטן א. א. וו., — גייט אַדורך דורך אַלע מיניסטאָרן, דורך זיין עקסעלענץ דעם גובערנאַטאָר און דורך אַלע ראַנגען ביז מיר און אַפילו ביז צו דעם לעצטן סאָלדאַט. מיט דעם דאָזיקן פאָדעם איז אַלץ פאַרבונדן, אַלץ פאַרוויקלט, מיט איר אומגעזעענער פעסטקייט האַלט זיך אויף דור-דורות דעם קייסערס מלוכה. אָבער—די פּליאַקעס, יידן און רוסן, וואָס זענען אונטער-געקויפט דורך דער כיטרער ענגלענדער קיניגין — באַמיען זיך ווו עס לאָזט זיך, איבערצערייסן דעם דאָזיקן פאָדעם, כלומרשט — זיי האַלטן פאַרן פאָלק!

מיט אימהדיק-שטילע ווערטער פרעגט ער מיך, איבערבויגנ-דיק זיך צו מיר איבערן טיש:

— האָסט פאַרשטאַנען? אַזוי איז דאָס. צוליב וואָס איך זאָג

דיר דאָס? דער בעקער דיינער לויבט דיך, אַז דו ביסט, הייסט עס, אַ קלוגער, אַן אָרנטלעכער בחור און לעבסט — אַליין. און צו אייך, אין דער בעקעריי, שלעפּן זיך דאָרט סטודענטן, זיצן אָפּ ביי דערענקאָוון גאַנצע נעכט. אויב — איינער, איז פאַרשטענדלעך. אָבער — אַז אַ סך? האַ? איך בין חלילה נישט קעגן די סטודענטן — היינט איז ער אַ סטודענט, און מאָרגן — אַ געהילפס־פּראָקוראָר. די סטודענטן — זענען אַ ווילדע חברה, נאָר זיי איילן זיך צו וואָס גיכער צו שפּילן אַ ראָלע, און דעם קייסערס שונאים — העצן זיי אונטער! פאַרשטייסט? און ווייטער קאָן איך דיר זאָגן...

ער האָט נישט באַוויזן אויסצורעדן — ווי די טיר האָט זיך ברייט פאַנאַנדערגעעפנט און ס'איז אַריינגעקומען אַ קליינער אַלטיטשקער מיט אַ רויטער נאָז, אַ רימענדל אויפן געקרויזטן קאָפּ און מיט אַ פלאַש בראָנפן אין האַנט און שוין אַביסל בגילופנדיק.

— שפּילן מיר אין דאַמקע? — האָט ער פריילעך אַ פרעג געטון און האָט תיכף אַ בליץ געטון מיט זיינע גלייכווערטלעך.

— מיין שווער, מיין ווייבס טאַטע, — האָט געזאָגט ניקיפאָריטש מיט פאַרדרוס, אַ ברוגזער.

אין עטלעכע מינוט אַרום האָב איך זיך געזעגנט און בין אַוועקגעגאַנגען, דאָס כיטרע ווייב האָט, צומאַכנדיק הינטער מיר די טיר, מיך אַ קניפּ געטון, זאָגנדיק דערביי:

— ווי רויט די וואָלקנס זענען — ווי פייער!

אין הימל איז צעגאַנגען אַ קליינער גאָלדענער וואָלקן.

נישט וועלנדיק באַליידיקן מיינע לערער, וועל איך פּונ־דעסטוועגן זאָגן, אַז דער פּאָליציאַנט האָט מיר אַ סך זיכערער און אָנשוילעכער דערקלערט דעם בוי פון דעם מלוכה־מעכאַניזם. ערגעץ־וווּ זיצט אַ שפּין און פון אים ציט זיך דער „אומגעזעענער פאָדעם", וואָס פאַרבינדט און פאַרפּלאָנטערט דאָס גאַנצע לעבן. איך האָב זיך אינגיכן אויסגעלערנט אומעטום צו שפּירן די פעסטע שלייפלעך פון דעם דאָזיקן פאָדעם.

שפּעט אין אָוונט, נאָכדעם, ווי מען האָט צוגעמאַכט דעם געוועלב, האָט די באַלעבאָסטע מיך אַריינגערופן צו זיך און האָט מיר זאַכלעך מודיע געווען, אַז זי איז באַפולמעכטיקט צו דערוויסן

זיך ביי מיר — וועגן וואָס עס האָט מיט מיר גערעדט דער פּאָ־ליציאַנט.

— אָ, גאָט מיינער! — האָט זי אַ צעטראָגענע אויסגעשריען, נאָכן אויסהערן מיין געניען באַריכט און האָט אָנגעהויבן לויפן ווי אַ מויז פון איין ווינקל אין צווייטן, שאָקלדיק מיטן קאָפּ. וואָס, — פרעגט אייך דער בעקער נישט פאַנאַנדער וועגן גאָרנישט? זיין געליבטע — איז דאָך ניקיפאָריטשעס אַ קרובה, יאָ? מ׳דאַרף אים אַרויסיאָגן.

איך בין געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אָן ביישטידל פון דער טיר און האָב זי בייז אָנגעקוקט. זי האָט עפּעס צו פּראָסט אויסגערעדט דאָס וואָרט — „געליבטע“ — דאָס איז מיר נישט געפעלן געוואָרן, און ס׳איז מיר אויך נישט געפעלן געווען איר באַשלוס אַרויסצו־טרייבן דעם בעקער.

— זייט זייער פאָרזיכטיק, — האָט זי גערעדט, און, ווי תּמיד, האָט מיך צעטומלט דער שטעכיקער קוק פון אירע אויגן — מיר האָט זיך געדוכט, אַז זי פרעגן מיך עפּעס אַזוינס, וואָס איך קאָן נישט פאַרשטיין. אָט האָט זי זיך אָפּגעשטעלט אנטקעגן מיר, פאַר־לייגנדיק די הענט אויף הינטן.

— פאַרוואָס זענט איר שטענדיק אַזאַ ברוגזער?

— מיין באָבע איז מיר נישט־לאַנג געשטאָרבן.

דאָס איז איר אויסגעקומען ווי אַ שפּאַס און, שמייכלענדיק, האָט זי אַ פרעג געטון:

— האָט איר זי שטאַרק ליב געהאַט?

— יאָ. מער דאַרפט איר גאָרנישט?

— ניין.

איך בין אַוועק און ביינאַכט האָב איך אָנגעשריבן אַ געדיכט, ווו, ווי איך געדענק, ס׳איז געווען אַן עקשנותדיקע שורה:

— „איר — זענט נישט אַזאַ, ווי איר ווילט זיך אַרויסווייזן“.

מ׳האָט באַשלאָסן, אַז די סטודענטן זאָלן וואָס־זעלטענער באַזוכן די בעקעריי.

נישט זעענדיק זיי, האָב איך כּמעט פאַרלוירן די מעגלעכ־קייט צו פרעגן וועגן דעם, וואָס עס איז מיר געווען אומפאַר־

שטענדלעך אין די דורכגעלייענטע ביכער, און האָב אָנגעהויבן פאַרשרייבן די פראַגן, וואָס האָבן מיך אינטערעסירט אין אַ העפט. נאָר איינמאָל בין איך, אַ פאַרמאַטערטער, איינגעשלאָפן איבערן העפט, און דער בעקער האָט איבערגעלייענט מיינע נאָטיצן. אויפ־וועקנדיק מיך, האָט ער אַ פרעג געטון:

— וואָס שרייבסטו עפּעס? „פאַרוואָס האָט גאַריבאַלדי נישט פאַרטריבן דעם קייסער?" וואָס איז דאָס אַזוינס גאַריבאַלדי? און — מעג מען דען פאַרטרייבן אַ קייסער?

ער האָט אַ וואָרף געטון דאָס העפט אויף דער דייזשע, האָט זיך פאַרקליבן הינטערן אויוון און דאָרט געמורמלט:

— זע נאָר, איך בעט דיך — מלכים מוז ער טרייבן. חוזק. די דאָזיקע שפּילעכלעך—וואַרף אַוועק. אַ פיינער לעזער. מיט אַ יאָר פינף צוריק האָבן די זשאַנדאַרמען אין סאַראַטאָוו אַזעלכע לעזער געכאַפּט, ווי מייז, יאָ. ניקיפאָריטש אינטערעסירט זיך שוין מיט דיר אַזוי אויך. דו — הער אויף צו טרייבן קייסאָרים.

ער האָט גערעדט, האָבנדיק אין זינען מיין טובה, איך אָבער האָב אים נישט געקאָנט ענטפערן, ווי מיר וואָלט זיך גע־וואָלט, — מען האָט מיר פאַרבאָטן צו רעדן מיטן בעקער אויף „געפערלעכע טעמעס".

אין שטאָט איז פון האַנט צו האַנט אַרומגעגאַנגען עפּעס אַן אויפרעגנדיק ביכל. דאָס ביכל האָט מען געלייענט און — מ'האָט זיך געריסן איבער אים. איך האָב געבעטן ביים וועטערינאַר לאַווראָוו, ער זאָל עס קריגן פאַר מיר. ער האָט אָן האָפנונג געזאָגט:

— אוי, ניין, ברודער, וואַרט נישט! אגב — מ'וועט דאָס ביכל, דוכט מיר, די טעג פאַרלייענען ערגעץ־ווו. אפשר וועל איך אייך מיטנעמען אַהין...

איינמאָל נאָך האַלבע נאַכט—עס איז געווען אין דעם „טאָג פון הזכרות נשמות", גיי איך מיר מיטן אַרסקער פעלד דורך דער פינסטערניש, האַלטנדיק פאַר די אויגן לאַוראָווס פיגור — ער גייט אַ פופציק קלאַפטער פאַראויס. דאָס פעלד — פוסט, נאָר פונדעסט־

וועגן גיי איך „מיט פּאַרזיכט" — אַזוי האָט לאַווראָוו געעצהט— איך פייף מיר צו, זינג אונטער, מאַכנדיק דעם אָנשטעל פון אַ „בגילופנדיקן אַרבעטער". איבער מיר שווימען פּויל שוואַרצע שטיקער וואָלקנס, צווישן זיי קייקלט זיך, ווי אַ גאָלדענער קויל, די לבנה. שאָטנס באַדעקן די ערד, די לוזשעס בלאַנקען מיט אַ גלאַנץ פון זילבער און שטאָל. פון הינטן הוישעט בייז די שטאָט.

מיין וועג-ווייזער שטעלט זיך אָפּ ביים פּאַרקאַן פון אַ סאָד הינטערן סעמינאַר, איך יאָג אים איילנדיק אָן. שווייגעדיק קריכן מיר איבער דעם פּאַרקאַן, מיר גייען דורך אַ געדיכט פאַרוואַקסע-נעם סאָד, פאַרהאַלטנדיק די צווייגן פון די ביימער. גרויסע טראָפּנס וואסער פאַלן אויף אונז. מיר שטעלן זיך אָפּ ביי אַ וואַנט פון אַ הויז, שטיל קלאַפּן מיר אָן אין אַ פעסט-פאַרמאַכטן לאָדן,—עמעץ אַ בערדיקער עפנט אויף דאָס פענסטער,—איך דערזע הינטער אים אַ פינסטערניש און הער קיין שאָרך נישט.

— ווער?

— פון יאַקאָוון.

— קריכט אַריין

אין דער געדיכטער פינסטערניש פילט זיך די אָנוועזנהייט פון אַ מענגע מענטשן. עס הערט זיך אַ גערויש פון קליידער און פיס, אַ שטילער הוסטן, אַ שושקעריי. עס פלעמלט אויף אַ שוועבעלע, באַלויכטנדיק מיין פּנים, איך דערזע ביי די ווענט און אויף דער פּאָדלאָגע עטלעכע טונקעלע פיגורן.

— אַלע?

— יאָ.

— פאַרהענגט די פענסטער, אַזוי, אַז עס זאָל נישט אַרויס-שיינען דורך די שפּאַלטן פון די לאָדנס.

אַ בייזערנדיקע שטים רעדט הויך:

— וועמעס חכמה איז דאָס געווען צו פאַרזאַמלען אונז אין אַן אומבאַוווינט הויז?

שטילער!

אין ווינקל האָט מען אָנגעצונדן אַ קליין לעמפּל. דאָס צימער — קליין, אָן מעבל, בלויז — צוויי קאַסטנס, אויף זיי איז אַרויפגעלייגט אַ ברעט, און אויפן ברעט,—ווי פייגל אויפן פּלויט— זיצן פינף מענטשן. דער לאָמפּ שטייט אויך אויפן קאַסטן, וואָס איז אָוועקגעשטעלט „מעשה גלח". אויף דער פּאָדלאָגע ביי די ווענט זיצן נאָך דריי און אויפן פענסטער־ברעט נאָך איינער — אַ בחור מיט לאַנגע האָר, זייער אַ מאָגערער און אַ בלאַסער. אַ חוץ אים און דעם בערדיקן, קען איך אַלעמען. דער בערדיקער זאָגט מיט אַ באַס, אַז ער וועט לייענען די בראָשור: „אונזערע חלוקי־דעות", וועלכע ס'האָט אָנגעשריבן געאָרגי פּלעכאַנאָוו, דער „געוועזענער נאַראָדאָוואָלעץ".

אויף דער פּאָדלאָגע, אין דער פינסטערניש ברומט עמעץ:

— מיר ווייסן!

די סודותדיקייט פון דער סביבה רעגט מיך אנגענעם אויף; די פּאָעזיע פון געהיימניש — איז די העכסטע פּאָעזיע. איך פיל מיך, ווי אַ פרומער מאַמין ביי דער פרימאָרגן־תּפלה אין טעמפּל, און מיר קומען אויפן זינען די קאַטאַקאָמבעס פון די ערשטע קריסטן. אַ דומפּער באַס מאַכט פול דאָס צימער און רעדט דייטלעך אַרויס די ווערטער

— שטות — ברומט ווידער עמעץ פון ווינקל אַרויס.

דאָרט, אין דער פינסטערניש, פינקלט פלאַמענדיק אין טונקל עפּעס אַ שטיק מעש, וואָס דערמאָנט דעם העלם פון אַ קריגס־מאַן. ווי איך פאַרשטיי, מוז דאָס זיין דאָס לופט־טירל פון אויוון.

אין צימער זשומען שטילע קולות, זיי האָבן זיך צונויפגע־כאַפּט אין אַ טונקעלן כאָאָס פון היציקע ווערטער, און ס'איז אוממעגלעך צו פאַרשטיין, ווער וואָס עס רעדט. פון פענסטער־ברעטל, איבער מיין קאָפּ, פרעגט מען הויך און איראָנישי

— ווען מיר לייענען אָדער נישט?

דאָס רעדט דער בלאַסער בחור מיט די לאַנגע האָר. אַלע זענען שטיל געוואָרן, עס הערט זיך נאָר דעם לייענערס באַס. עס פלאַקערן אויף שוועבעלעך, עס פינקלען רויטע פייערלעך פון פּאַפּיראָסן, באַלויכטנדיק די פאַרחלומטע מענטשן, די פאַר־

זשמורעטע אָדער ברייט־אויפגעריסענע אויגן.

דאָס לייענען ציט זיך לאַנגווייליק, אָן אַ סוף. איך ווער מיד צו הערן, כאָטש מיר זענען געפעלן די שאַרפע עזותדיקע רייד. לייכט און פשוט לייגן זיי זיך אויפן שכל אין איבער־צייגנדיקע געדאַנקען.

עפּעס מיטאַמאָל, אומדערוואַרט האַקט זיך אָפּ דעם לייענערס שטים, און דאָס גאַנצע צימער ווערט פול מיט אויפגערעגטע אויסרופן:

— רענעגאַט!

- פאַלשע מטבע...

— דאָס איז — אַ שפּיי אויף דעם פאַרגאָסענעם בלוט פון די העלדן.

— נאָך גענעראַלאָווס און אוליאַנאָווס טויט־שטראָף..

און ווידער לאָזט זיך הערן פונם פענסטער דעם בחורס שטים:

— מיינע הערן, — צי וואָלט אפשר מעגלעך געווען צו פאַרבייטן די זידלערייען מיט ערנסטע טענות, צו דער זאַך?

איך האָב נישט ליב קיין דיספּוטן און קאָן עס נישט צוהערן, מיר איז שווער נאָכצושפּירן נאָך די קאַפּריזנע שפּרינ־גערייען פון דעם צעהיצטן געדאַנק, און שטענדיק רייצט מיך אויף דער נאַקעטער עגאָיזם פון דיספּוטאַנטן.

איינבויגנדיק זיך צו מיר פון פענסטער, פרעגט מיך דער בחור:

— איר זענט פּעשקאָוו, דער בעקער? איך — בין פעדאָסעיעוו. מיר וואָלטן זיך געדאַרפט באַקענען. אייגנטלעך — איז דאָ נישטאָ וואָס צו טון, דער דאָזיקער טומל וועט לאַנג דויערן, אָבער נוצן וועט ער גאַנץ ווייניק ברענגען. איר גייט?

וועגן פעדאָסעיעוון האָב איך שוין געהערט, ווי וועגן אַן אָרגאַניזאַטאָר פון אַן ערנסטן יוגנט־קרייז, און מיר איז געפעלן געוואָרן זיין בלאַס, נערוועיש פּנים, מיט די טיפע אויגן.

גייענדיק מיט מיר דורכן פעלד, האָט ער ביי מיר נאָר געפרעגט, צי איך האָב באַקאַנטע צווישן אַרבעטער, וואָס איך

לייען, צי איך האָב פיל פרייע צייט און האָט, אגב, געזאָגט:
— איך האָב געהערט וועגן דער דאָזיקער בעקעריי־אייערער, — אַ חידוש, וואָס איר פארנעמט זיך מיט אַזאַ שטותעריי. צו וואָס דאַרפט איר דאָס?

זינט אַ געוויסער צייט האָב איך שוין אליין געפילט, אַז דאָס איז מיר איבעריק און האָב עס אים אויך געזאָגט. מיינע ווערטער האָבן אים דערפרייט. מיט אַ ליכטיקן שמייכל, שטאַרק דריקנדיק מיין האַנט, האָט ער מיר מודיע געווען, אַז ער פאָרט אין אַ טאָג אַרום אַוועק אויף אַ וואָכן דריי, אָבער צוריקקומענדיק וועט ער מיר צו־וויסן געבן, ווי און ווו מיר קאָנען זיך טרעפן.

די געשעפטן פון דער בעקעריי זענען געגאַנגען גאַנץ גוט, מיינע אייגענע געשעפטן — וואָס ווייטער אַלץ ערגער. מ'האָט זיך איבערגעקליבן אין אַ נייער בעקעריי. די פליכטן מיינע זענען געוואָרן נאָך גרעסער. מיר איז אויסגעקומען צו אַרבעטן אין בעקעריי, פאַנאַנדערטראָגן געבעקס איבער די הייזער, אין אַקאַדעמיע און „אינסטיטוט פאַר מיידלעך פון אַדל". די מיידלעך פלעגן, קלייבנדיק פון מיין קאָרב די זעמל, מיר אַריינרוקן צעטעלעך און, נישט זעלטן, האָב איך אויף די שיינע בייגעלעך פאַפיר מיט שטוינונג געלייענט ציניש ווערטער, וואָס זענען געווען געשריבן מיט אַ האַלב־קינדישן כּתב. מאָדנע האָב איך זיך עפּעס געפילט, ווען די פריילעכע ריינינקע חברה פריילינס מיט קלאָרע אויגן פלעגט אַרומרינגלען מיין קאָרב און, מאַכנדיק קאָמישע האַוואַיעס, פלעגט זי איבערוואַרפן מיט ראָזע קליינע לאַפּקעס דעם באַרג געבעקס, — כ'האָב געקוקט אויף זיי און האָב זיך אָנגעשטרענגט צו טרעפן — ווער פון זיי עס שרייבט מיר די אומפאַרשעמטע צעטעלעך. קאָן זיין, נישט פאַרשטייענדיק אַפילו זייער פאַרשייטע באַדייטונג? און דערמאָנענדיק זיך אָן די שמוציקע „פריילעכע הייזלעך", האָב איך געטראַכט: — נישט שוין זשע ציט זיך פון יענע הייזער „אַ בלינדער פאָדעם" אַזש אהער?

איינע פון די מיידלעך, אַ פולע ברונעטקע, מיט אַ דיקן

צאַפּ, האָט, אָפּשטעלנדיק מיך אין קאָרידאָר, געזאָגט איילדניק און שטיל:

— קריגסט ביי מיר צען קאָפּיקעס, אויב דו וועסט מיר אָפּטראָגן אָט אויף דעם אַדרעס אַ צעטעלע.

אירע טונקעלע, פריינטלעכע אויגן זענען פאַרלאָפן מיט טרערן, זי האָט מיך אָנגעקוקט מיט פעסט־פאַרביסענע ליפּן, די באַקן און די אויערן זענען ביי איר שטאַרק רויט געוואָרן. איך האָב זיך איידל אָפּגעזאָגט אָנצונעמען די צען קאָפּיקעס, דאָס צעטעלע אָבער האָב איך גענומען און איבערגעגעבן דעם זון פון מיטגליד פון דער געריכטס־פּאַלאַטע, אַ לאַנגן סטודענט מיט אַ שווינדזוכטיקער רויטקייט אויף די באַקן. ער האָט מיר פאַר־געלייגט אַ האַלבן רובל, אָפּציילנדיק שווייגנדיק און פאַרטראַכט דאָס קליינגעלט אין קופּער, נאָר ווען איך האָב זיך אָפּגעזאָגט — האָט ער דאָס קליינגעלט אַריינגערוקט צו זיך אין הויזן־קעשענע, נאָר — נישט אָנגעטראָפן. און דאָס געלט האָט זיך צעשאָטן איבער דער פּאָדלאָגע.

קוקנדיק צעמישט, ווי עס קייקלען זיך אין אַלע זייטן די צענערלעך און פינפערלעך, האָט ער אַזוי שטאַרק געריבן די הענט, אַז עס האָבן געקנאַקט דיביינדלעך פון די פינגער, און דערביי האָט ער עפּעס געמורמלט, זיפצנדיק שווער:

— וואָס טוט מען ערשט? נו, אַדיע! איך דאַרף אַ טראַכט טון...

איך ווייס נישט, צו וואָס ער האָט זיך דערטראַכט, נאָר ס'איז מיר זייער אַ רחמנות געווען אויפן פריילין. אינגיכן איז זי נעלם געוואָרן פון אינסטיטוט, און אין אַ יאָר פופצן אַרום האָב איך זי געטראָפן אַלס לערערין אין אַ קרימער גימנאַזיע. זי איז קראַנק געווען אויף די לונגען און האָט וועגן אַלץ אין דער וועלט גערעדט מיט אַ האַרטער פאַרביטערטקייט פון אַ מענטשן, וואָס איז באַליידיקט פון לעבן.

נאָכן פאַנאַנדערטראָגן דאָס געבעקס, פלעג איך זיך לייגן שלאָפן, אין אָוונט פלעג איך אַרבעטן אין דער בעקעריי. כּדי עס זאָל צו האַלבער נאַכט פאַרטיק ווערן דאָס פּוטער־געבעקס,

—די בעקערייַ האָט זיך געפונען נעבן שטאָט־טעאַטער און נאָך דער פאָרשטעלונג פלעגט דאָס פובליקום אַריינקומען צו אונז פאַרצערן די הייסינקע זעמעלעך. נאָכדעם פלעג איך גיין קנעטן דאָס טייג אויף ברויט און בולקעס און פאַרקנעטן פופצן־צוואַנציק פוד מיט די הענט —ס'איז נישט קיין שפּילכל.

ווידער געשלאָפן אַ שעה צוויי, דריי און ווידעראַמאָל געגאַנגען פאַנאַנדערטראָגן געבעקס.

אָט אַזוי — טאָג־איין טאָג־אויס.

כ'האָב דערפילט אַ הייסן חשק צו טון עפּעס נוצלעכס, זייען „דאָס גוטע, דאָס קלוגע, דאָס אייביקע". געווען בין איך אַ מעורב בין הבריות, איך האָב געקאָנט דערציילן לעבעדיק אַ מעשה, מיין פאַנטאַזיע איז געווען צעהיצט פון אַלץ, וואָס איך האָב איבערגעלעבט און איבערגעלייענט. איך האָב זייער ווייניק געדאַרפט, כּדי פון אַ געוויינלעכן פאַקט צו שאַפן אַן אינטערעסאַנטע געשיכטע, ווו אין איר גרונט־געדאַנק האָט זיך קאַפּריז געשלענגלט „דער אומגעזעענער פאָדעם". איך האָב געהאַט באַקאַנטשאַפט צווישן די אַרבעטער פון קרעסטאָווניקאָווס און אַלאָפוזאָווס פאַבריקן, באַזונדערס אויפגעטראָגן בין איך געווען מיטן אַלטן וועבער ניקיטאַ רובצאָוו, אַ מענטש, וואָס האָט שוין געאַרבעט כּמעט אין אַלע רוסישע וועבעריי־פאַבריקן, אַן אומרויקע, קלוגע נשמה.

— זיבן און פופציק יאָר גיי איך אַרום איבער דער וועלט, לעקסיי, דו מיינער, מאַקסימיטש, דו יונגער קונדס מיינער, ביי שיפּעלעו. פלעגט ער רעדן מיט אַ פאַרשטיקט קול, שמייכלענדיק מיט קראַנקע, גראָע אויגן דורך טונקעלע ברילן, וואָס זענען געווען צונויפגעבונדן מיט אַ קופּערנעם דראָט. — קענטיק, אַן אייגענע שטיקל אַרבעט, — פון דעם דאָזיקן דראָט זענען ביי אים אויף דער נאָז און הינטער די אויערן געוואָרן גרינע ראָסט־פלעקן. די וועבער האָבן אים אָנגערופן „דייטש", ווייל ער פלעגט גאָלן די באָרד, איבערלאָזנדיק שטייפע וואָנצעס און אַ געדיכט בינטל גראָע האָר אונטער דער אונטערשטער ליפּ. ער איז געווען פון מיטלן וווקס, מיט אַ ברייטע

ברוסט, און איבערפולט מיט אומעטיקער פרייליעכקייט.

— איך האָב ליב צו גיין אין צירק — פלעגט ער זאָגן, אָנבויגנדיק צום לינקן אַקסל זיין פליכעוואַטן שאַרבן מיט די גוזן,—די פערד, בהמות—ווי מען לערנט עס זיי אַלץ אויס, האַ? אַ נחת. איך קוק אויף די בהמות מיט דרך־ארץ, — איך טראַכט מיר: נו, הייסט עס, אַז די מענטשן קאָן מען אויך אויסלערנען צו באַנוצן זיך מיטן שכל. די חיות קויפן אונטער די צירק לייט מיט צוקער, נו, און מיר, געוויינלעך, זענען פעיק צו קויפן צוקער אין געוועלבל. מיר — דאַרפן דעם צוקער פאַר דער נשמה, און דאָס באַטייט — צערטלעכקייט. הייסט עס, בחור, אז מיר דאַרפן זיך באַגיין מיט גוטן, צערטלעך, און נישט מיט אַ שייט האָלץ, ווי עס איז ביי אונז דער מנהג. ריכטיק?

אַליין איז ער געווען אומפריינטלעך צו מענטשן, האָט מיט זיי גערעדט אין אַ טאָן פון חוזק און אַביסל מיט פאַראכטונג. אין דיספוטן פלעגט ער אָפּענטפערן מיט איינקלאַנגיקע אויסרופן, באַמיענדיק זיך אָפּן צו באַליידיקן דעם קעגנער. איך האָב זיך באַקענט מיט אים אין אַ ביר־האַלע, בעת מ'האָט זיך געקליבן אים צו שלאָגן. און ער האָט שוין געכאַפּט אַ פּאָר קלעפּ, איך האָב זיך אָנגענומען פאַר אים און האָב אים אַוועקגעפירט פון דאָרט.

— איר האָט געכאַפּט אַ שטאַרקן קלאַפּ? — האָב איך געפרעגט, גייענדיק מיט אים אין דער פינסטער אין אַ דין האַרבסט־רעגנדל.

— נו, — דאָס איז אויך געשלאָגן? — האָט ער גלייכגילטיק געזאָגט — זע נאַר, — וואָס זאָגסטו מיר עפּעס „איר”?

און פון דעם האָט זיך אָנגעהויבן אונזער באַקאַנטשאַפט. פון אָנהויב פלעגט ער מיך שאַרפזיניק און געשיקט אויסלאַכן, ווען איך האָב אים אָבער דערציילט, וואָס פאַר אַ ראָלע עס שפּילט אין אונזער לעבן „דער אומגעזעענער פאָדעם”, האָט ער פאַרטראַכטער־הייט אויסגעשריען:

— זע, דו—ביסט דאָך גאָר קיין נאַר נישט, ניין! הערסטו?...

— און האָט זיך אָנגעהויבן באַציען צו מיר פאָטערלעך־האַרציק, רופנדיק מיך אַפילו אויף מיין פאָטערס נאָמען.

— די געדאַנקען דײַנע, דו, לעקסיי מאַקסימיטש מײַנער, זויל מײַנער ליבער, — זענען ריכטיקע, אָבער קיינער וועט דיר נישט גלויבן, עס לוינט זיך נישט...

— איר גלויבט?

— איך — בין אַ הונט אָן אַ היים, מיט אַ קורצן עק, דאָס פֿאָלק, אָבער, באַשטייט פֿון בייזע אָנגעבונדענע הינט, איטלעכער פֿון זיי האָט אויף זײַן עק אַ סך שטעכיקע בערעלעך: ווייבער, קינדער, האַרמאָניקלעך, קאַלאָשלעך. און איטלעכס הינטל פֿאַרגעטערט זײַןביידל. זיי וועלן נישט גלויבן. בײַ אונז — בײַ מאָראַזאָוון אין פֿאַבריק — האָט געטראָפֿן אַ מעשה. ווער עס גייט פֿאָרויס, דער קריגט איבערן שטערן, אָבער אַ שטערן — איז נישט קיין הינטן, עס שמאַרצט לאַנג.

ער האָט אָנגעהויבן אַביסל אַנדערש צו רעדן, נאָכדעם ווי ער האָט זיך באַקענט מיטן שלאָסער שאַפּאָשניקאָוו, קרעסטאָווניקאָווס אַן אַרבעטער, — דער לונגן-קראַנקער יאַקאָוו, אַ גיטאַרעשפּילער, אַ קענער פֿון ביבל. האָט אים איבערראַשט מיט זײַן צאָרנדיקער גאָט-פֿאַרלייקענונג. שפּייענדיק אויף אַלע זייטן בלוטיקע שטיקער פֿון זײַנע אויסגעפֿוילטע לונגען, פֿלעגט יאַקאָוו פֿעסט און מיט היץ דערווייזן:

— ערשטנס: בין איך גאָרנישט באַשאַפֿן „נאָך גאָטס פֿורם און געשטאַלט“, — איך ווייס גאָרנישט, איך קאָן גאָרנישט און דערצו בין איך נישט קיין גוטער מענטש, ניין, נישט קיין גוטער. צווייטנס: גאָט ווייס נישט, ווי שווער מיר איז, אָדער ער ווייס, און איז נישט בכח צו העלפֿן, אָדער ער קאָן העלפֿן, און — וויל נישט. דריטנס: גאָט איז נישט אַלוויסנד, נישט אַלמעכטיק, נישט קיין בעל-רחמים. אָדער — פּשוט — געזאָגט, ער איז נישטאָ. עס — איז אויסגעטראַכט, אַלץ איז אויסגעטראַכט, דאָס גאַנצע לעבן איז אויסגעטראַכט, פֿונדעסטוועגן — מיך וועסטו נישט אָפּנאַרן.

רובצאָוו איז פֿאַרשטומט געוואָרן פֿון דערשטוינונג, נאָכדעם איז ער גרוי געוואָרן פֿון בייזקייט און האָט זיך אָנגעהויבן ווילד צו זידלען. אָבער יאַקאָוו האָט אים מיט אַ דערהויבענער שפּראַך פֿון ביבלישע ציטאַטן צעקלאַפּט אוי אים געצוווּנגען אַנטשוויגן

צו ווערן און פארקלערטערהייט פארטיפן זיך אין זיך.

בעת שאפאשניקאוו פלעגט רעדן, איז געווען כמעט שרעקלעך אים אנצוקוקן. זיין פנים איז געווען געברוינט, דין, די האר—געקרויזטע, שווארצע, ווי ביי א ציגיינער, פון צווישן די בלווילעכע ליפן האבן געפינקלט ווערלפישע ציין. זיינע טונקעלע אויגן פלעגן זיך אומבאוועגלעך איינשפארן אין דעם קעגנערס פנים, און ס׳איז שווער געווען אויסצוהאלטן דעם דאזיקן שווערן דערדריקנדיקן בליק. ער האט מיר דערמאנט די אויגן פון יענעם קראנקן, וואס האט געליטן אויף דער מאניע פון גרויסקייט.

גייענדיק מיט מיר פון יאקאוון, האט רובצאוו געזאגט א ברוגזער:

– קעגן גאט איז נאך קיינער פאר מיר אין די אויגן נישט ארויסגעטראטן. דאס האב איך קיינמאל נישט געהערט. איך האב זיך שוין א סך אנגעהערט, אבער אזוינס — נאך נישט. אוודאי, דער מענטש איז שוין קיין היגער. נו, — א רחמנות אויף אים. ער האט זיך אנגעגליט ביז ווייס... אינטערעסאנט, ברודער לעבן, זייער אינטערעסאנט

ער האט זיך זייער גיך און נאענט באפריינדעט מיט יאקאוון און אינגאנצן עפעס ווי אנגעהויבן צו זידן, קאכן זיך, ווישנדיק כסדר מיט די פינגער זיינע קראנקע אויגן.

א-זוי, — פלעגט ער זאגן צושמייכלענדיק—איז גאט, הייסט עס, שוין גאר אין א זייט? הם. וואס שייך דעם צאר האב איך מיר, נעגעלע מיינס, מיינע אייגענע רעיונות. מיר שטערט דער מלך נישט. די צרה איז נישט אזוי מיט די מלכים,—ווי מיט די באלעבאטים. איך קאן מיט וועלכן קייסער דו ווילסט דורכקומען, אפילו מיט איוואן דעם גרויזאמען: נא, הערש, קעניג, אויב דיר איז ניחא, נאר גיב מיר אקארשט די שליטה איבערן באלעבאס—אט וואס. ווערסטו געבן—וועל איך דיך מיט גאלדענע קייטן צוּשמידן צום טראן, גאט בעטן פאר דיר...

נאכדעם, ווי ער האט איבערגעלייענט דאס בוך „דער מלך הונגער”, האט ער געזאגט:

— ס׳איז אלץ—גאנץ געוויינלעך ריכטיק!

דערזעענדיק דאָס ערשטע מאָל אַ ליטאָגראַפירטע בראָשורע, האָט ער מיך געפרעגט:

— ווער האָט דאָס דיר אָנגעשריבן? ער שרייבט דייטלעך. דו זאָג אים אַ דאַנק.

רובּצאָוו איז געווען אַ מענטש מיט אַ נישט־געשטילטער תאווה אַלץ צו וויסן. מיט דער גרעסטער אָנגעשטרענגטער אויפמערקזאַמקייט האָט ער צוגעהערט שאַפּאָשניקאָווס צעשטערנדיקע גאָטלעסטערונג, שעהן לאַנג האָט ער געהערט מיינע געשיכטעס וועגן ביכער און האָט צופרידן געלאַכט, פאַרוואַרפנדיק דעם קאָפּ, אויסבויגנדיק דעם גאָרגל, מיט אַנטציקונג:

— אַ קונציקע זאַך איז דעם מענטשנס שכל, איי, קונציק.

אַליין האָט ער קוים געלייענט,—ס׳האָבן אים געשטערט די קראַנקע אויגן. ער האָט, אָבער, אַליין אויך אַ סך געוווּסט און נישט זעלטן האָט ער מיך מיט דעם געבראַכט אין פאַרווּנדערונג:

— ביי די דייטשן איז דאָ איינער אַ סטאָליער מיט זייער אַ קלוגן קאָפּ,—דער קייסער אַליין האַלט זיך מיט אים אַ עצה.

פון מיינע פראַגעס איז מיר קלאָר געוואָרן, אַז דאָס מיינט ער בעבעלן.

— ווי אַזוי ווייסט איר דאָס?

— איך ווייס—האָט ער קורץ געענטפערט, קראַצנדיק מיט זיין קליינעם פינגער זיין גוזיקן שאַרבן.

שאַפּאָשניקאָוון האָט נישט אינטערעסירט דער תוהו ובוהו פון לעבן, ער איז געווען אינגאַנצן אַריינגעטון אין אָפּלייקענען גאָט, חוזק מאַכן פון גייסטלעכע, האַסנדיק באַזונדערס די מאָנאַכן.

איינמאָל האָט רובּצאָוו אים גאַנץ פריידלעך געפרעגט:

— פאַרוואָס בייזערסטו זיך, יאַקאָוו, כסדר אויף גאָט?

האָט ער נאָך מיט אַ גרעסערן צאָרן אָנגעהויבן צו ריטשען:

— און וואָס שטערט מיר דאַן, נו? איך האָב כמעט צוויי צענדליק יאָר געגלויבט, געלעבט אין שרעק פאַר אים, געליטן האַמפּערן זיך — טאָר מען נישט. אַזוי איז אָנגעזאָגט געוואָרן פון אויבן. געלעבט אַ געבונדענער. פאַרטיפט זיך אין דער ביבל— און האָב דערזען: ס׳איז אויסגעטראַכט, אויסגעטראַכט, ניקיטע.

און, מאַכנדיק מיט דער האַנט, ווי פאַנאַנדערדרייסנדיק דעם „אומגעזעענעם פאָדעם" האָט ער שיער נישט געוויינט:

— אָט—שטאַרב איך צוליב דעם פאַר דער צייט!

איך האָב געהאַט נאָך עטלעכע אינטערעסאַנטע באַקאַנטשאַפטן, נישט זעלטן פלעג איך זיך אַריינכאַפּן אין סעמיאָנאָוס בעקעריי, צו מיינע אַלטע חברים; זיי פלעגן מיך מיט שמחה באַגעגענען און גערן אויסהערן. אָבער רובצאָוו האָט געוווינט אין דער אַדמיראַלטייער פאָרשטאָט, שאַפּאָשניקאָוו—אין דער טאָטאַרשער, ווייט הינטערן קאַבאַן, אַ וויאָרסט פינף איינער פון אַנדערן, כ'האָב זיי זייער זעלטן געקאָנט זען. און קומען צו מיר איז געווען אוממעגלעך, ס'איז נישט געווען ווו אויפצונעמען געסט. חוץ דעם איז דער נייער בעקער געווען אויפגעטראָגן מיט זשאַנדאַרמען—די הינטער-הויפלעך פון זשאַנדאַרם-אַמט האָבן זיך געגרענעצט מיט אונזער הויף, און די חשובע „בלויע מונדירן" פלעגן קריכן צו אונז איבערן פלויט נאָך בולקעס פאַר פּאָלקאָווניק גאַנגאַרט און נאָך ברויט פאַר זיך,—און, אגב, האָט מען מיר געצהט „איך זאָל זיך צופיל נישט מענטשלען", כדי נישט אַרויפצוציען קיין איבעריקע אויפמערקזאַמקייט אויף אונזער בעקעריי.

איך האָב געזען, אַז מיין אַרבעט פאַרלירט איר זין. אַלץ עפטער פלעגט טרעפן, אַז די מענטשן פלעגן זיך נישט רעכענען מיטן גאַנג פון געשעפט, און פלעגן אַזוי אומפאַרזיכטיק אַרויסנעמען געלט פון קאַסע, אַז עס פלעגט אָפט נישט זיין מיט וואָס צו באַצאָלן פאַרן מעל. דערענקאָוו פלעגט, צופנדיק דאָס בערדל, אומעטיק שמייכלען.

— מיר וועלן באַנקראָטירן.

אים האָט זיך אויך געלעבט שלעכט. נאַסטיאַ מיט די געלע געקרויזטע האָר איז אַרומגעגאַנגען „נישט ליידיק" און געבלאָזן פון זיך, ווי אַ בייזע קאַץ, קוקנדיק אויף אַלץ און אויף אַלעמען מיט אַ גרינעם באַליידיקטן קוק.

זי פלעגט גיין גלייך אויף אַנדרייען, ווי זי וואָלט אים גאָרנישט באַמערקט; מיט אַ שולדיקן שמייכל פלעגט ער איר אָפּטרעטן דעם וועג און זיפצן.

אָפּט פֿלעגט ער זיך קלאָגן פאַר מיר:

— קיינער איז נישט ערנסט. אַלע, אַלע נעמען,—אָן אַ טאַלק. כ'האָב זיך געקויפט אַ האַלב טוץ שקאַרפּעטן — זענען זיי תּיכּף נישט געוואָרן.

ס'איז געווען לעכערלעך מיט די שקאַרפּעטן. — איך האָב אָבער נישט געלאַכט, זענענדיק, ווי אַ מענטש אַ באַשיידענער, אָן פּניות, וואָס באמת זיך מיט אַלע כּחות איינצואָרדנען אַ נוצלעכע זאַך און אַלע ארום באַציען זיך צו דעם לייכטזיניק און זאָרגלאָז, מאַכנדיק דערפון אַ תּל. דערענקאָוו האָט נישט געוואַרט אויף קיין דאַנק פון די מענטשן, פאַר וועלכע ער האָט זיך באמיט, אָבער — ער האָט פאַרדינט אַ בעסערע און פריינטלעכערע באַציונג צו זיך— און האָט עס נישט געהאַט. זיין משפּחה איז זיך גיך פאַנאַנ-דערגעפאַלן. זיין פאָטער איז געוואָרן גייסטיק קראַנק אויף רעלי-גיעזע, מאַניע, דער יונגסטער ברודער האָט אָנגעהויבן טרינקען און הולען מיט מיידלעך, די שוועסטער האָט זיך געפירט, ווי אַ פרעמ-דע און זי האָט, קענטיק, געשפּילט נישט קיין פריילעכע ליבע מיטן געלן סטודענט.—כ'האָב אָפּט באַמערקט, אַז אירע אויגן זע-נען געשוואָלן פון טרערן און דער סטודענט איז ביי מיר פאַר-האַסט געוואָרן.

מיר האָט זיך געדוכט, אַז איך בין פאַרליבט אין מאַריאַ דערענקאָוו. איך בין אויך פאַרליבט געווען אין דער פאַרקויפערין פון אונזער געשעפט נאַדיעזשדאַ שטשערבאַטאָווא, אַ געזונטע מויד מיט רויטע באַקן מיט אַ שטענדיק - פריינטלעכן שמייכל אויף די רויטע ליפן. און בכלל בין איך געווען פאַרליבט. די עלטער, דער כאַראַקטער און דער פלאָנטער פון מיין לעבן האָבן געפאָדערט נאָענטקייט צו אַ פרוי און דאָס איז גיכער געווען צו שפּעט ווי צו פרי. איך האָב זיך גענויטיקט אין דער צערטלעכקייט פון אַ פרוי, אָדער לכל הפּחות, אין אַ פריינטלעכער אויפמערקזאַמקייט פון אַ פרוי, איך האָב געמוזט אָפנהאַרציק דורכרעדן זיך וועגן זיך, פאַנאַנדער-קלייבן זיך אין דעם פלאָנטער פון פאַרשיידענע געדאַנקען, אין דעם מישמאַש פון איינדרוקן.

קיין גוטע פריינט האָב איך נישט געהאַט. די מענטשן, וואָס

האָבן געקוקט אויף מיר, ווי אויף „אַ שטאָף, וואָס מ׳דאַרף באַאַר־
בעטן", האָבן נישט אַרויסגערופן מיין סימפּאַטיע, און מיין האַרץ
האָט זיך פאַר זיי נישט געעפנט. ווען איך פלעג אָנהייבן רעדן
וועגן זאַכן, וואָס איז זיי נישט נוגע,—האָבן זיי מיר געראָטן:

— פאַרנעמט זיך דערמיט נישט!

גורי פלעטנאָוו האָט מען אַרעסטירט און אָפּגעפירט קיין פּעּ־
טערבורג, אין „קרעסטי"

דער ערשטער האָט מיר וועגן דעם אָנגעזאָגט ניקיפאָריטש,
טרעפנדיק מיך גאַנץ פרי אויפן גאַס. שפּרייזנדיק מיר אַנטקעגן
פאַרטראַכט און פייערלעך, אויסגעפוצט אין אַלע מעדאַלן, —
אַזוי ווי ער וואָלט זיך צוריקגעקערט פון אַ פּאַראַד — האָט ער
אויפגעהויבן די האַנט צום היטל און האָט זיך שווייגנדיק געמיטן
מיט מיר, נאָר תּיכּף האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און מיט אַ בייזער
שטים אַ זאָג געטון מיר פון הינטן:

— גורי פלעטנאָוון האָט מען אַרעסטירט היינטיקע נאַכט..

און אַ מאַך טוענדיק מיט דער האַנט, האָט ער צוגעגעבן
שטילערהייט, אַרומקוקנדיק זיך:

— אַ פאַרלוירענער בחור

מיר האָט זיך געדוכט, אַז אין זיינע כיטרע אויגן פינקלען
טרערן.

איך האָב געוווּסט, אַז פלעטנאָוו האָט דערוואַרט דעם אַרעסט,
ער אַליין האָט מיך געוואָרנט און געראָטן, מיר זאָלן זיך נישט
טרעפן מיט אים, נישט איך, נישט רובצאָוו, מיט וועלכן ער האָט
זיך נאָענט באַפריינדעט, אַזוי ווי איך.

קוקנדיק אַרונטער אויף זיינע פיס האָט ניקיפאָריטש אומעט
טיק אַ פרעג געטון:

— פאַרוואָס קומסטו נישט אַריין צו מיר?

אין אָוונט בין איך געקומען צו אים, ער האָט זיך אָקאָרשט
אויפגעכאַפּט פון שלאָף, און, זיצנדיק אויפן בעט, געטרונקען קוואַס.
זיין ווייב איז געזעסן אָנגעבויגן ביים פענסטער און האָט פאַרריכט
הויזן.

— אָט אַזוי, אָטאָ, — האָט אָנגעהויבן דער פּאָליציאַנט צו

ריידן, קראַצנדיק זיין שופּן־העריקע ברוסט, און קוקנדיק פאַרטראַכט אויף מיר — אַרעסטירט. מ׳האָט ביי אים געפינען אַ פאַן, — ער האָט אין איז געקאָכט פאַרב פאַר די בלעטלעך קעגען דעם קייסער,

און, אויסשפּייענדיק אויף דער פּאָדלאָגע, האָט ער מיט כעס אַ געשריי געטון צו דער ווייב:

— גיב אַהער די הויזן!

— באַלד, — האָט זי געענטפערט, נישט אויפהויבנדיק דעם קאָפּ.

— זי האָט אויף אים רחמנות, ווײנט — האָט געזאָגט דער אַלטער, אָנווייזנדיק מיט די אויגן אויף דער ווייב, — ס׳איז מיר אויך רחמנות. פונדעסטוועגן — וואָס קאָן אויפטון אַ סטו־דענט קעגן אַ קייסער?

ער האָט זיך אָנגעהויבן אָנטון, זאָגנדיק:

— איך וועל אויף אַ ווײלע אַרויסגיין... מאַך ־דעם סאַמאָ־וואַר, דו.

דאָס ווייב זיינע האָט אומבאַוועגלעך געקוקט אין פענסטער, נאָר גלייך, ווען ער איז פאַרשוואונדן הינטער די טיר פון הייזל, האָט זי, אַרומדרייענדיק זיך שנעל, אויסגעשטרעקט צו דער טיר אַ פעסט־צוזאַמענגעפּרעסטן פויסט, זאָגנדיק מיט גרויס רציחה, דורך די פאַרקריצטע ציין:

— או, נבלה פאַרשאָלטענע!

איר פּנים איז אינגאַנצן געווען אָנגעשוואָלן פון וויינען, דאָס לינקע אויג כמעט אינגאַנצן געווען פאַרדעקט מיט אַ בלויען בייל. זי איז אויפגעשפּרונגען, צוגעגאַנגען צום אויוון און, איינבויגנדיק זיך איבערן סאַמאָוואַר, האָט זי נעשיפּעט:

— אָפּנאַרן וועל איך אים, אַזוי אָפּנאַרן — אַז ער וועט ביי מיר וואָיען! ווי אַ וואָלף וועט ער וואָיען. דו — גלויב אים נישט, קיין איינציק וואָרט זאָלסטו נישט גלויבן! ער וויל דיך אַריינכאַפּן אין זיין נעץ. ער לייגט, — ער האָט אויף קיינעם קיין רחמנות נישט! דער פישער. ער ווייס אַלץ וועגן אייך. ער לעבט מיט דעם. דאָס איז זיין חיות — צו כאַפּן מענטשן...

זי איז צוגעגאַנגען האַרט צו מיר און מיט אַ שטים פון אַ בעטלערין געזאָגט:

— וואָלסטו מיך אפשר צוגעטוליעט, האַ?

מיר איז געווען אומאַנגענעם די דאָזיקע פרוי, נאָר איר אויג האָט געקוקט אויף מיר מיט אַזאַ בייזער שאַרפער בענקעניש, אַז איך האָב זי אַרומגענומען און אָנגעהויבן גלעטן אירע האַרט-לעכע האָר, צעשויבערטע און פעטע

— וועמען שפירט ער איצט נאָך?

— אויפן פישמאַרק, עפּעס נאָך עמעץ אין די מעבלירטע צימערן.

— ווייסטו נישט די פאַמיליע?

שמייכלענדיק, האָט זי געענטפערט:

— אָט זאָג איך אים באַלד, וועגן וואָס דו פרעגסט מיך-ער גייט... גוראָטשקען האָט ער אויסגעשפּיאָנירט...

און איז אָפּגעשפּרונגען צום אויוון.

ניקיפאָריטש האָט געבראַכט אַ פלאַש בראָנפן, איינגעמאַכטס, ברויט. מ׳האָט זיך געזעצט טרינקען טיי. מאַרינע האָט, זיצנדיק נעבן מיר, בפּיוון מיך פריינטלעך מכבד געווען, אַריינקוקנדיק מיר דערביי אין פּנים מיט איר געזונטן אויג, און איר מאַן האָט אין מיר אַריינ-גערעדט:

— אָט דער אומגעזעענער פאָדעם — ער ליגט אין די הערצער, אין די ביינער, נו, פּרווו, פאַרטיליק אים, רייס אים אַרויס? דער קייסער — פאַרן פאָלק — איז אַ גאָט.

און אומדערוואַרט האָט ער אַ פרעג געטון:

— און דו — ביסט דאָך אָנגעלייענט אין די ביכער, דאָס עוואַנגעליום האָסטו געלייענט? נו, וואָס, ווי מיינסטו, איז דאָרט אַלץ ריכטיק?

— איך ווייס נישט.

— איך מיין — דאָרט איז דאָ איבעריקס. און — טאַקע נישט ווייניק. למשל, — מכּה אָרעמע-לייט: ווייל איז די אָרעמעלייט, — מיט וואָס איז דאָס זיי עפּעס אַזוי ווויל? ס׳איז אַביסל סתּם גע-רעדט. און בכלל — וועגן די אָרעמע-לייט — איז אַ סך אומפאַר-

שטענדלעך. מ׳דאַרף אונטערשיידן צווישן אַן אָרעמאַן און צווישן אַ געפאַלענעם. איז ער אָרעם, איז — הייסט עס — נישט־גוט. דער יורד אָבער, ער, קאָן זיין, איז טאַקע אומגליקלעך. אָט אַזוי דאַרף מען דענקען. אַזוי — איז גלייכער.

— פאַרוואָס?

אָנקוקנדיק מיך מיט אַ פאַרשנדיקן בליק, איז ער אַנטשוויגן געוואָרן און דערנאָך אָנגעהויבן רעדן דייטלעך און וואָגיק, קענטיק — זייער דורכגעטראַכטע געדאַנקען.

— דאָס עוואַנגעליום האָט אין זיך אַ סך רחמנות. רחמנות אָבער — איז אַ שעדלעכע זאַך. אַזוי מיין איך. רחמנות פאָדערט גרויסע הוצאות אויף איבעריקע און אפילו אויף שעדלעכע מענטשן. מושב־זקנים־הייזער, תפיסות, משוגעים־הייזער. העלפן דאַרף מען די קרעפטיקע, געזונטע מענטשן, כדי זיי זאָלן נישט פטרן אומזיסט זייערע כחות. און מיר העלפן די שוואַכע, — קאָן מען דען מאַכן דעם שוואַכן פאַר אַ שטאַרקן? פון דער דאָזיקער פאַרשלעפעניש ווערן די שטאַרקע שוואַך — און די שוואַכע זיצן ביי זיי אויפן קאַרק. אָט מיט וואָס מען דאַרף זיך פאַרנעמען — דערמיט. ס׳איז דאָ אַ סך אויף וואָס צו פאַרטראַכטן זיך. מען דאַרף פאַרשטיין — דאָס לעבן האָט זיך שוין לאַנג אָפּגעקערט פון עוואַנגעליום, דאָס לעבן—האָט זיין אייגענעם גאַנג. אָט, זעסטו—צוליב וואָס פלעטנעוו איז אַ פאַרלאָרענער? צוליב זיין רחמנות. מיר גיבן די אָרעמע־לייט—און די סטודענטן גייען צו גרונט. ווו איז דאָ דער שכל, האַ?

דאָס ערשטע מאָל האָב איך געהערט די דאָזיקע געדאַנקען אין אַזאַ שאַרפער פאָרם, כאָטש אויך פריער האָב איך זיך אָנגע־שטויסן מיט זיי, — זיי לעבן און זענען מער פאַרשפרייט, ווי עס דוכט זיך אונז. אין אַ יאָר זיבן אַרום, לייענענדיק ניטשען, האָב איך זיך זייער קלאָר דערמאָנט אָן דער פילאָסאָפיע פון דעם קאַ־זאַנער פאָליציאַנט. איך מוז, אַגב, זאָגן: זעלטן איז מיר פאָרגעקו־מען צו טרעפן אַזוינע געדאַנקען אין ביכער, וועגן וועלכע כ׳האָב פריער נישט געהאַט געהערט אין לעבן.

און דער אַלטער „מענטשן־פאַנגער" האָט אָן אויפהער גערעדט, צוקלאַפנדיק צום טאַקט מיט די פינגערביים ראַנד פון

טאָץ. זיין טרוקן פּנים האָט זיך שטרענג אָנגעבּרוגזט, אָבער גע־קוקט האָט ער נישט אויף מיר, נאָר אין דעם מעשענעם שפּיגל פון דעם בלאַנק־אויסגעפּוצטן סאַמאָוואַר.

— ס׳איז שוין צייט פאַר דיר צו גיין, — האָט אים אַ פּאָר מאָל דערמאָנט דאָס ווייב, ער האָט איר נישט געענטפערט, אָנ־ציענדיק אַ וואָרט נאָך אַ וואָרט אויפן פּאָדעם פון זיין געדאַנק׳ און — פלוצלינג, אומבאַמערקט פאַר מיר, איז זיין געדאַנק אַוועק מיט אַן אַנדער וועג.

— דו ביסט דאָך עפּעס אַ בחור נישט קיין נאַר, אַ גראַ־מאַטנער, ווי פּאַסט עס פאַר דיר צו זיין אַ בעקער? דו וואָלסט געקאָנט נישט ווייניקער פאַרדינען אויף אַן אַנדער שטעלע אין דעם קייסערס מלוכה...

הערנדיק אים, האָב איך בשעת מעשה געטראַכט, ווי אַזוי איז מען מודיע די אומבאַקאַנטע אויף דער ריבנאַריאַדסקער גאַס, אַז ניקיפאָריטש שפּיאָנירט זיי נאָך? דאָרט, אין די מעבלירטע צימערן האָט געוווינט סערגיי סאָמאָוו, וואָס האָט זיך נישט לאַנג אומגעקערט פון יאַלוטאָראָווסק, וווּ ער איז געווען פאַרשיקט, אַ מענטש, וועגן וועלכן מ׳האָט מיר דערציילט זייער פיל אינטערעסאַנטס.

— קלוגע מענטשן דאַרפן לעבן אין מחנות, ווי, למשל, די בינען אין בינשטאָק, אָדער, ווי וועספּעס אין די נעסטן. דעם קייסערס מלוכה...

— זע נאָר — ס׳איז שוין ניין אַ זייגער, — האָט געזאָגט די פרוי.

— קליפּה!

ניקיפאָריטש האָט זיך אויפגעשטעלט, צוקנעפּלענדיק דעם מונדיר.

— נו, נישקשה, וועל איך פאָרן מיט אַ דראָזשקע. זיי געזונט, ברודער־לעבן, כאַפּ זיך אַריין, שעם זיך נישט...

פאַרלאָזנדיק דאָסביידל, האָב איך זיך געגעבן אַ וואָרט, אַז איך וועל שוין מער קיינמאָל נישט קומען „צו־גאַסט” צו ניקיפאָ־ריטשן. דער אַלטער האָט מיך אָפּגעשטויסן, הגם ער איז געווען

אינטערעסאַנט. זיינע ווערטער וועגן דער שעדלעכקייט פון רחמנות האָבן מיך שטאַרק צערודערט און איינגעגעסן זיך אין זכרון. כ׳האָב אין זיי געפילט עפּעס אַן אמת, נאָר ס׳האָט פאַרדראָסן, וואָס דער דאָזיקער אמת שטאַמט פון אַ פּאָליצייאישן מקור.

איך דער דאָזיקער טעמע האָבן זיך נישט זעלטן געפירט ויכוחים, איינער פון די דאָזיקע ויכוחים האָט מיך באַזונדערס אומברחמנותדיק אויפגערודערט.

אין שטאָט האָט זיך באַוויזן אַ „טאָלסטאָוועץ״, — דער ערשטער, וואָס איך האָב באַגעגנט, — אַ הויכער, אָדערדיקער מענטש, אַ געברוינטער מיט אַ שוואַרצער באָקישער באָרד און דיקע נעגערשע ליפּן. אַן אָנגעהויקערטער האָט ער געהאַלטן די אויגן אַראָפּ צו דער ערד, נאָר אָפּטמאָל פלעגט ער מיט אַ האַס־טיקער באַוועגונג פאַרוואַרפן זיין פליכעוואַטן קאָפּ און אָפּבריען מיטן ליידנשאַפטלעכן גלאַנץ פון זיינע טונקעלע, פייכטע אויגן, — עפּעס פייַנטלעכס האָט געברענט אין זיין שאַרפן בליק. די ויכוחים האָבן זיך געפירט אין דער דירה פון איינעם פון די פּראָפעסאָרן, ס׳איז געווען אַ סך יוגנט און צווישן זיי—אַ דינינקס, שיינס גלחל, אַ מאַגיסטער פון גייסטלעכע למודים, אין אַ שוואַרצער, זיידענער גלחשער קוטע; זי האָט זייער פיין שאַטירט זיין בלאַס, שיין פּנים, וואָס איז געווען באַלויכטן מיט אַ טרוקן שמייכעלע פון זיינע גרויע קאַלטע אויגן.

דער טאָלסטאָוועץ האָט לאַנג גערעדט וועגן דער אייביקער פעסטקייט פון די עוואַנגעלישע אמתן; זיין שטים איז געווען טויב־לעך, די פראַזן קורץ, נאָר די ווערטער האָבן געקלונגען שאַרף, אין זיי האָט זיך געפילט דער כּח פון אויפריכטיקן גלויבן, ער האָט זיי באַגלייט מיט אַן איינטאָניקן, אונטערהאַקנדיקן זשעסט פון זיין לאַנגער האָריקער האַנט, און די רעכטע האָט ער געהאַלטן אין קעשענע.

— אַן אַקטיאָר, — האָט מען זיך געשושקעט אין ווינקל, נעבן מיר.

— ער איז זייער טעאַטראַליש, יאָ...

איך האָב נישט לאַנג פאַר דעם איבערגעלייענט אַ בוך —

דרעפּערס שײַנט מיר — װעגן קאַמף פֿון קאַטאַליציזם קעגן דער װיסנשאַפֿט און מיר איז פֿאַרגעקומען, אַז דאָס רעדט אײנער פֿון יענע, װאָס גלױבן זודיק, אַז די װעלט װעט אױסגעלײזט װערן דורך דער קראַפֿט פֿון ליבע, װאָס זענען גרײט פֿון רחמנות צו די מענטשן, צו שנײַדן זײ און ברענען אױף די שײַטערהױפֿנס.

ער איז געװען אַנגעטון אין אַ װײַס העמדל מיט ברײטע אַרבל און עפּעס אַ מין גרױ, אַלט כאַלאַטל פֿון אױבן, — דאָס האָט אים אױך אױסגעטײלט פֿון אַלעמען. צום סוף פֿון זײַן דרשה האָט ער אױסגעשריען:

— הכּלל, גײט איר מיט קריסטוסן אָדער מיט דאַרװינען?

ער האָט, װי אַ שטײן אַרײַנגעװאָרפֿן די דאָזיקע פֿראַגע אין װינקל, װוּ ס׳איז ענג געזעסן די יוגנט און פֿון װאַנען עס האָבן מיט שרעק און התפּעלות געקוקט אױף אים די אױגן פֿון די יונגע בחורימלעך און מײדלעך. די רעדע זײַנע האָט, װײַזט אױס, אַלע־מען איבערראַשט, אַלע האָבן געשװיגן, אַראָפּלאָזנדיק פֿאַרטראַכט די קעפּ. ער האָט אַרומגענומען אַלעמען מיט אַ ברענענדיקן בליק און שטרענג צוגעגעבן:

— נאָר די פּרושים קענען פּרובירן צו פֿאַרײניקן די צװײ אײביק־פֿײַנטלעכע הױפּט־יסודות, און מיט דער דאָזיקער פֿאַרײני־קונג נאַרן זײ אומפֿאַרשעמט זיך אַלײן, פֿאַרדאַרבנדיק די מענטשן מיט זײער שקר...

דאָס גלחל האָט זיך אױפֿגעשטעלט, האָט פּינקטלעך פֿאַר־שאַרצט די אַרבל פֿון זײַן קאַפּאָטע און אָנגעהױבן רײדן פֿליסיק, מיט אַ גיפֿטיקער העפֿלעכקײט און אַ געפֿעליק שמײכעלע:

— איר האַלט זיך קענטיק, װעגן די פּרושים בײַ אַ װאָלגאַ־רער מײנונג, װאָס איז נישט נאָר גראָב, נאָר דורך און דורך פֿאַלש...

צו מײַן גרױס פֿאַרװוּנדערונג, האָט ער אָנגעהױבן צו דער־װײַזן, אַז די פּרושים זענען געװען די אמתע ערלעכע אָפּהיטער פֿון די געבאָטן פֿון דער יידישער תּורה, און אַז דאָס פֿאָלק איז שטענדיק געגאַנגען מיט זײ קעגן זײַנע שונאים.

— לײענט, למשל, יוסף פֿלאַװיוס..

אויפשפּרינגענדיק אויף די פיס און אונטערהאַקנדיק פּלאָ־וויוסן מיט אַ ברייטן, פאַרניכטנדיקן זשעסט, האָט דער טאָלסטאָ־וועץ אויסגעשריען:

— די פעלקער גייען נאָך היינט אויף מיט די שונאים קעגן זייערע פריינט. די פעלקער גייען נישט מיט זייער גוטן ווילן, נאָר מ׳טרייבט זיי, מ׳צווינגט זיי. וואָס גייט מיך אָן אייער פּלאַוויוס?

דאָס גלחל און די אַנדערע האָבן צעברעקלט די הויפּט־טעמע פון ויכוח אויף פּיק־פּיצלעך, און די טעמע איז פאַרשוווּנדן.

— דער אמת,—דאָס איז די ליבע,—פלעגט דער טאָלסטאָ־וועץ אויסשרייען, און זיינע אויגן האָבן געפינקלט מיט שנאה און האַס.

איך האָב זיך געפילט פאַרשיכּורט פון ווערטער, זייער רעיון האָב איך נישט תופס געווען, די ערד האָט זיך געוויגט אונטער מיר אין ווירבל פון ווערטער און, אָפט, האָב איך מיט פאַרצווייפלונג געטראַכט, אַז ס׳איז נישטאָ אויף דער וועלט אַ מענטש, וואָס זאָל זיין נארישער און אומפעיקער פאַר מיר.

און דער טאָלסטאָוועץ האָט, ווישנדיק פון רויטן פּנים דעם שווייס, זיך ווילד צעשריען:

— וואַרפט אַרויס דאָס עוואַנגעליום, פאַרגעסט אָן אים, כּדי איר זאָלט נישט ליגן! קרייצט ווידעראַמאָל קריסטוסן, דאָס איז אָרנטלעכער!

ווי אַ וואַנט האָט זיך געשטעלט פאַר מיר די פראַגע: איז ווי איז דאָס? אויב דאָס לעבן—איז אַן אומאויפהערלעכער קאַמף פאַר גליק אויף דער ערד,—מוזן טאַקע רחמנות און ליבע נאָר שטערן דעם ערפאָלג פון קאַמף?

כ׳האָב זיך דערוווּסט, אַז דעם טאָלסטאָוועצס פאַמיליע איז קלאָפּסקי, כ׳האָב זיך דערוווּסט זיין אַדרעס און אויפן אַנדערן טאָג, אין אָוונט, בין איך שוין געווען ביי אים. ער האָט געוווינט אין אַ הויז, וואָס האָט געהערט צו צוויי מיידלעך גוטבאַזיצערינס, מיט זיי איז ער טאַקע געזעסן אין סאָד ביים טיש, אין שאָטן פון אַ גרויסער אַלטער ליפּע. אין זיינע ווייסע הויזן און אין ווייסן העמד, וואָס איז געווען פאַנאַנדערגעשפּילעט ביי דער טונקעלער

האַריקער ברוסט, אַ לאַנגער, אַ קאַנטיקער, אַ טרוקענער,—האָט ער זיך זייער געפּאַסט צו מיין פאַרשטעלונג וועגן אַ היימלאָזן אַפּאָס־טאָל, דעם פריידיקער פון אמת.

ער האָט מיט אַ זילבערן לעפל געשעפּט פון טעלער מאַלי־נעס מיט מילך, האָט עס געשמאַק געשלונגען, זיך באַטעמט מיט די דיקע ליפּן און, נאָך יעדער זופּ, האָט ער אָפּגעבלאָזן די ווייסע טראָפּעלעך פון זיינע שיטערע קעצעשע וואָנצעס. באַדינענדיק אים איז איין מיידל געשטאַנען ביים טיש, די אַנדערע—אָנגעשפּאַרט ביי דעם שטאַם פון דער ליפּע, צוזאַמענגעלייגט די הענט אויפן האַרצן און פאַרחלומט געקוקט אין דעם שטויביקן, הייסן הימל. ביידע זענען זיי געווען אָנגעטון אין לייכטע, ליליע־קליידלעך און ס׳איז כמעט אוממעגלעך געווען צו אונטערשיידן איינע פון דער צווייטער, אַזוי ענלעך זענען זיי געווען.

ער האָט גערעדט מיט מיר פריינטלעך און גערן וועגן דער שעפּערישער קראַפט פון ליבע, וועגן דעם, אַז מ׳דאַרף אַנטוויקלען אין דער אייגענער נשמה דעם דאָזיקן געפיל, וואָס איז אַליין בלויז בכח צו „פאַרבינדן דעם מענטשן מיטן גייסט פון דער וועלט“—מיט דער ליבע, וואָס איז אומעטום צעשטויבט אין לעבן.

— נאָר דערמיט קאָן מען בינדן דעם מענטשן! נישט ליבנ־דיק, קאָן מען נישט פאַרשטיין דאָס לעבן. און די וואָס זאָגן: דאָס געבאָט פון לעבן איז קאַמף, — זענען בלינדע נפשות, פאַר־משפּט צום אונטערגיין. אַזוי ווי מ׳קאָן דאָס פייער נישט בייקו־מען מיט פייער, אַזוי קען מען דאָס שלעכטס נישט בייקומען מיטן כח פון שלעכטס!

נאָר בשעת די מיידלעך זענען אַוועק, אַרומנעמענדיק זיך, טיף אין סאָד, צום הויז צו, האָט דער דאָזיקער מענטש, נאָכ־קוקנדיק זיי מיט פאַרזשמורעטע אויגן, מיך אַ פרעג געטון:

— און דו — ווער ביסטו?

און, נאָכדעם, ווי ער האָט מיך אויסגעהערט, האָט ער אָנ־געהויבן קלאַפּן מיט די פינגער איבערן טיש, רעדן וועגן דעם, אַז דער מענטש — בלייבט אומעטום אַ מענטש און מ׳דאַרף שטרעבן

נישט צו בייטן דעם אָרט און דעם שטייגער פון לעבן, נאָר צו דערציִען דעם גייסט אין ליבע צו מענטשן.

— וואָס נידעריקער עס שטייט דער מענטש, אַלץ נענטער איז ער צום עכטן אמת פון לעבן, צו זיין הייליקער חכמה...

כ׳האָב אַביסל געספּקט אין זיינע ידיעות וועגן דער דאָזיקער „הייליקער חכמה", האָב אָבער פאַרשוויגן, פילנדיק, אַז אים איז לאַנגווייליק מיט מיר; ער האָט מיך אָנגעקוקט מיט אַן אָפּשטויסנ-דיקן בליק, האָט זיך אויסגעגענעצט, פאַרלייגט די הענט היגטער האַלז, האָט אויסגעצויגן די פיס און, צומאַכנדיק מיד די אויגן, האָט ער, ווי דורכן שלאָף, אַרויסגעמורמלט:

— די אונטערטעניקייט פון דער ליבע... איז דאָס געבאָט פון לעבן...

אויפציטערנדיק, האָט ער אַ פּאָך געטון מיט די הענט, אָנ-כאַפּנדיק זיך אַן עפּעס אין דער לופט, און האָט מיך דערשראָקן אָנגעקוקט:

— וואָס? כ׳בין מיד, זיי מיר מוחל

ער האָט ווידער צוגעמאַכט די אויגן און, ווי פון ווייטיק, פעסט פאַרקוועטשט די ציין, אַרויסשטעלנדיק זיי. זיין אונטערשטע ליפּ איז אַרונטערגעהאָנגען, די אויבערשטע—האָט זיך אויפגעהויבן און די בלאָנדע האָר פון די שיטערע וואָנצעס האָבן זיך אָנגעשטעלט.

כ׳בין אַוועק מיט אַ שלעכט געפיל צו אים און מיט אַן אומ-קלאָרן ספק אין זיין אויפריכטיקייט.

אין עטלעכע טעג אַרום האָב איך גאַנץ פרי געבראַכט גע-בעקס צו מיינעם אַ באַקאַנטן דאָצענט, אַ בחור אַ שיכור, און האָב דאָרט נאָך אַמאָל געטראָפן קלאָפּסקען. ער האָט, קענטיק, נישט געשלאָפן די גאַכט, זיין פּנים איז געווען טונקל-ברוין, די אויגן רויט און אָנגעשוואָלן,—מיר האָט זיך געדוכט, אַז ער איז שיכור. מיט אַ גיטאַרע אין די הענט, אין מיטן דער אומאָרדנונג פון צו-נויפגערוקטע מעבל, ביר-פלאַשן, אָנגעוואָרפענע אויבער-בגדים, איז געזעסן דער דיקלעכער דאָצענט אויף דער פּאָדלאָגע שיכור ווי-לוט, און די אונטערוועש, שאָקלענדיק זיך הין און הער, גערעוועט:

— רח—מנות...

קלאַפּקסי האָט שאַרף און בייז געשריען:

— נישטאָ קיין באַרמהאַרציקייט! מיר וועלן אומקומען פון ליבע אָדער צעדריקט ווערן אין קאַמף פאַר ליבע, — אַלץ איינס: אונדז איז באַשערט אונטערצוגיין...

אָנכאַפּנדיק מיך ביים קאַרק, האָט ער מיך אַריינגעפירט אין צימער און געזאָגט צום דאָצענט:

— אָט — פרעג אים — וואָס ער וויל? פרעג: צי דאַרף ער די ליבע צו מענטשן?

יענער האָט מיט פאַרטרערטע אויגן אַ קוק געטון אויף מיר און זיך פאַנאַנדערגעלאַכט:

— דאָס איז דער בעקער! כ׳בין אים אַ בעל חוב.

האָט זיך אַ שאָקל געטון, אַריינרוקנדיק די האַנט אין טאַש, האָט אַרויסגענומען אַ שליסל און מיר דערלאַנגט,

— נאַ, נעם אַלץ!

אָבער דער טאָלסטאָוועץ האָט, צונעמענדיק ביי אים דעם שליסל, אַ מאַך געטון צו מיר מיטן האַנט.

— טראָג זיך אָפּ! וועסט שפּעטער באַקומען.

און האָט אַ וואָרף געטון דאָס גענומענע געבעקס אויף דער סאָפע, אין ווינקל.

ער האָט מיך נישט דערקענט און מיר האָט עס הנאה געטון. אַוועקגייענדיק איז מיר אין זכרון פאַרבליבן זיינע ווערטער וועגן אומקומען פון ליבע, און אין האַרצן—אַן עקל צו אים.

אינגיכן האָט מען מיר דערציילט, אַז ער האָט זיך דערקלערט אין ליבע איינער פון די מיידלעך, ביי וועלכע ער האָט געוווינט און, אין דעם אייגענעם טאָג — דער צווייטער. די שוועסטער האָבן פאַרטרויט איינע די אַנדערע זייער פרייד, וואָס האָט ביי ביידע אַרויסגערופן אַ געפיל פון שנאה צום פאַרליבטן; זיי האָבן געלאָזט זאָגן דורכן סטרוזש, אַז דער פריידיקער פון ליבע זאָל תיכף זיך אָפּטראָגן מיט זיין פעקל פון זייער שטוב. ער איז נעלם געוואָרן פון שטאָט.

די פראַגע וועגן דער באַדייטונג פון ליבע און רחמנות אין

לעבן פון די מענטשן — די שרעקלעכע און פאַרוויקלטע פראַגע — האָט זיך ביי מיר דערוועקט פרי, צווערשט — אין דער פאָרם פון אַן אומבאַשטימטן נאָר שאַרפן געפיל פון צערודערונג אין מיין נשמה, שפּעטער — אין אַ דייטלעכער פאָרם פון גענויע קלאָרע ווערטער:

— וואָס פאַר אַ ראָלע שפּילט די ליבע?

אַלץ, וואָס איך האָב געלייענט, איז געווען דורכגעדרונגען מיט די אידעען פון קריסטנטום, פון הומאַניזם, מיט יאָמעריי וועגן מיטלייד צו מענטשן, — און טאַקע וועגן דעם האָבן שיין און מיט היץ גערעדט די בעסטע מענטשן, וואָס איך האָב געקענט אין יענער צייט.

אַלץ, צו וואָס מיין אויג האָט זיך אוממיטלבאַר צוגעקוקט, האָט כמעט אינגאַנצן נישט געהאַט אין זיך דאָס געפיל פון רחמנות צו מענטשן. דאָס לעבן האָט זיך פאַנאַנדערגעוויקלט פאַר מיר, ווי אַן אומענדלעכע קייט פון שנאה און רציחה, ווי אַן אומ-אויפהערלעכער, מיאוסער קאַמף פאַר דער באַהערשונג פון נאַ-רישקייטן. איך פערזענלעך האָב זיך גענויטיקט בלויז אין ביכער, אַלע איבעריקע זאַכן האָבן קיין שום ווערט נישט געהאַט אין מיינע אויגן.

עס איז גענוג געווען אַרויסצוגיין אויפן גאַס און זיצן אַ שעה צייט ביים טויער, כדי צו פאַרשטיין, אַז אָט די אַלע פורמאַנעס, סטרוזשעס, אַרבעטער, באַאַמטע, סוחרים — לעבן נישט אַזוי, ווי איך און ווי די, וואָס זענען באַליבט אין מיינע אויגן, אַז נישט דאָס ווילן זיי און נישט אַהין גייען זיי. גראָד די, וועמען איך האָב געשעצט, וועמען איך האָב געגלויבט—זענען מאָדנע עלנט, פרעמד און—איבעריקע צווישן דער מערהייט, ביי דער ברודיק-לעכער, קלוגינקער אַרבעט פון די מוראַשקעס, וואָס פאַרען זיך כסדר ביים בויען די קופּע פון לעבן; דאָס דאָזיקע לעבן איז מיר פאָרגעקומען דורך און דורך נאַריש און לאַנגווייליק צום שטאַרבן. און נישט זעלטן האָב איך געזען, אַז בלויז מיט דער צונג זענען די מענטשן בעלי-רחמים און פול מיט ליבע. באמת אָבער, גיבן

זיי זיך אונטער, אַליין נישט באַמערקנדיק דעם אַלגעמיינעם סדר פון לעבן.

זייער שווער איז מיר געווען.

איינמאָל האָט צו מיר געזאָגט דער וועטערינאַר לאַוראָוו, אַ געלער און אָנגעשוואָלענער פון דער וואַסער־קרענק:

— די אכזריות מוז אויף אַזוי ווייט פאַרשטאַרקט ווערן, אַז זי זאָל אַלע מענטשן פאַרמאַטערן, זי זאָל איטלעכן איינעם נמאס ווערן, פונקט ווי דער פאַרשאָלטענער האַרבסט!

דער האַרבסט איז געווען אַ פריאיקער, רעגנדיק, קאַלט, רייך אין קראַנקהייטן און זעלבסטמאָרדן. לאַוראָוו אַליין האָט זיך אויך פאַרסמט מיט ציאַן־קאַלי, נישט וועלנדיק וואַרטן, ביז די וואַסער־קרענק וועט אים דערשטיקן.

— בהמות געהיילט און ווי אַ בהמה געשטאָרבן! — האָט נאָכ־גייענדיק נאָכן מת גערעדט דעם וועטערינאַרס באַלעבאָס פון דירה, דער שניידער מעדניקאָוו, אַ דאַר, גאָטספאָרכטיק מענטשל, וואָס האָט געקאָנט אויף אויסנווייניק אַלע הייליקע לידער לכּבוד גאָטס מוטער. ער פלעגט שמייסן זיינע קינדער — אַ מיידעלע פון זיבן יאָר און אַ גימנאַזיסט פון עלף יאָר — מיט אַ רימענעם קאַנטשיק פון דריי עקן, און דאָס ווייב פלעגט ער שלאָגן מיט אַ באַמבוק־שטעקל איבער די איקרעס פון די פיס און, קלאָגנדיק זיך דערביי:

— דער פרידנס־ריכטער האָט מיך פאַראורטיילט דערפאַר, ווייל איך האָב כּלומרשט איבערגענומען דאָס דאָזיקע סיסטעם ביי די כינעזער, אָבער איך האָב קיינמאָל אין מיינע אויגן נישט גע־זען קיין כינעזער, אויסער אויף שילדן און בילדער

איינער פון זיינע אַרבעטער, אַן אומעטיקער מענטש, מיט קרומע פיס, מיטן צונאָמען „דונקינס מאַן", פלעגט זאָגן וועגן זיין באַלעבאָס:

— איך האָב מורא פאַר עניוותדיקע, פרומע מענטשן! דעם חצוף דערקענט מען גלייך און ס'איז שטענדיק פאַראַן צייט צו באַהאַלטן זיך פון אים, אָבער דער עניו קריכט אויף דיר אַרויף אומבאַמערקטערהייט, פונקט ווי אַ בייזע שלאַנג אין גראָז — פּלוצ־

ליגג גיט ער דיר אַ ביס אין דעם נאַקעטסטן אָרט פֿון דײַן נשמה איך ציטער פֿאַר די שטילינקע...

אין די ווערטער פֿון „דונקינס מאַן״—דעם שטילן, כיטרע רכילותניק, וועלכן מעדניקאָוו האָט שטאַרק ליב געהאַט—איז געלעגן אַ שטיק אמת.

אַמאָל פֿלעגט זיך מיר דוכטן, אַז די שטילע מענטשן צעאַקערן, ווי די לישייעס, דאָס שטיינערנע האַרץ פֿון לעבן, מאַכן דאָס לעבן ווייכער און פּרוכטבאַרער, אָבער עפּטער, צוקוקנדיק די שפֿע פֿון עניוותדיקע מענטשן, זייער פֿלינקע צופּאַסונגס-פֿעיקייט צו אַלץ, וואָס עס איז געמיין, די אומבאַוועגלעכע פֿאַרענדערלעכקייט און בויגעוודיקייט פֿון זייערע נשמות, זייער אומעטיק קאָמאַריש ניגונדל,—האָב איך זיך געפֿילט, ווי אַ געפּענטעטער פֿערד צווישן אַ מחנה בינען.

וועגן דעם האָב איך געטראַכט גייענדיק פֿון פּאָליציאַנט.

עס האָט געקרעכצט דער ווינט, און ס׳האָבן געציטערט די פֿייערלעך פֿון די לאַמטערנעס, און געדוכט האָט זיך—עס ציטערט דער טונקל-גראָער הימל, באַזייענדיק די ערד מיט אַ דין, שטויביק אָקטאָבער-רעגנדל. אַ דורכגענעצט גאַסן-מיידל האָט געשלעפּט איבערן גאַס אַ שכורן, האַלטנדיק אים אונטערן אָרעם און שטויסנדיק, האָט ער געמורמלט פֿאַר זיך און געכליפּעט. די פֿרוי האָט מיד און פֿאַרשטיקט געזאָגט:

— אַזאַ מזל האָסטו שוין...

— אָט,—האָב איך מיר אַ טראַכט געטון—מיך שלעפּט אויך עמעץ, שטויסט אַריין אין די מיאוסע ווינקעלעך, באַווייזנדיק מיר דאָס ברודיקע און טרויעריקע אין לעבן און אַלערליי מאָדנעמשונה מענטשן. איך בין שוין מיד פֿון דעם.

ס׳קאָן זיין, אַז נישט מיט אַזעלכע ווערטער האָב איך אַ טראַכט געטון, אָבער טאַקע דער דאָזיקער געדאַנק האָט אויפֿגעבליצט דעמאָלט אין מיין מח, און טאַקע אין יענעם טרויעריקן אָוונט האָב איך דאָס ערשטע מאָל דערפֿילט די מידקייט פֿון דער נשמה און אַן עסנדיקן שימל אין האַרצן. פֿון יענעם מאָמענט אָן האָב איך זיך אָנגעהויבן צו פֿילן ערגער, האָב גענומען קוקן אויף זיך עפּעס

פון דער זייט, קאַלט, מיט פרעמדע פיינטלעכע אויגן.

איך האָב געזען, אַז כּמעט אין איטלעכן מענטשן פּאַריי־ניקן זיך סטאַרטשענדיק און שלעכט צונויפגעפּאַרט קעגנזאַצן נישט נאָר פון ווערטער און מעשים, נאָר אויך פון געפילן, — און זייער קאַפּריזנע שפּיל האָט מיך באַזונדערס שווער געדריקט. נאָך ערגער איז אָבער געווען דאָס, וואָס דאָס דאָזיקע שפּיל האָב איך באַמערקט אין זיך אַליין. מיך האָט געצויגן אין אַלע זייטן — צו פרויען און צו ביכער, צו די אַרבעטער און צו די פריילעכע סטודענטן, אָבער אין ערגעץ האָב איך נישט באַוויזן צו דער צייט און געלעבט „נישט אַהין, נישט אַהער״, זיך דרייענדיק, ווי אַ דריידל, און עמעצנס אַן אומבאַמערקטע שטאַרקע האַנט האָט מיך אונטערגעשמיסן מיט אַן אומגעזעענער בייטש.

נאָכדעם, ווי איך האָב זיך דערוווּסט, אַז יאַקאָוו שאַפּאָשני־קאָוו האָט זיך געלייגט אין שפּיטאָל, בין איך אַוועק געוואָר ווערן, נאָר דאָרטן האָט מיר אַ דיקע פרוי מיט אַ קרומען מויל, אין ברילן און אַ ווייס טיכל, פון וועלכן ס'זענען אַרויסגעהאָנגען רויטע צעקאָכטע אויערן, טרוקן געזאָגט:

— געשטאָרבן.

און, זעענדיק, אַז איך גיי נישט אַוועק, און שטיי אַ שווײַ־גנדיקער אַנטקעגן איר,—איז זי בייז געוואָרן און האָט אַ געשריי געטון:

— נו? וואָס נאָך?

בין איך אויך אין כּעס געוואָרן און געזאָגט:

— איר זענט אַ נאַר.

— ניקאָלאַי, טרייב אים אַרויס! —

ניקאָלאַי האָט מיט אַ טיכל געווישט עפּעס אַזעלכע דראָטן, ער האָט אַ ריטש געטון און האָט מיר דערלאַנגט אַ שמיץ מיטן דראָט איבערן רוקן. האָב איך אים אַ נעם געטון אין די הענט, אַרויסגעטראָגן אויפן גאַס און אַרייַנגעזעצט אין אַ לײַזשע וואַסער ביים גאַניק פון שפּיטאָל. ער האָט עס אָנגענומען גאַנץ רויק. געזעסן אַ ווײַלע שטיל, אויסגלאָצנדיק אויף מיר די אויגן, דערנאָך האָט ער זיך אויפגעשטעלט, זאָגנדיק:

— היי, דו הינט איינער!

איך בין אוועק אין דערזשאַווינס גאָרטן, האָב מיך צוגעזעצט דאָרט אויף אַ באַנק ביים דיכטערס דענקמאָל, פילנדיק אַ שאַרפן פאַרלאַנג אָפּצוטון עפּעס אַ בייז, מיאוס שטיקל, כדי אַן עולם מענטשן זאָל זיך אויף מיר אַ וואָרף טון און דערמיט מיר געבן דאָס רעכט זיי צו שלאָגן. נאָר, נישט קוקנדיק אויפן יום־טובדיקן טאָג, איז אין גאָרטן געווען פּוסט און אַרום גאָרטן — האָט זיך קיין נפש נישט געזען, נאָר דער ווינט האָט געשמיסן, טרייבנדיק טרוקענע בלעטער, שורשענדיק מיט אַן אָפּגעקלעפּטער אַפיש אויפן סלופּ פון אַ לאַמטערן.

אַ דורכזיכטיק־בלויער, קאַלטער בין השמשות האָט זיך גע־דיכט אויסגעשפּרייט איבערן גאָרטן, אַ ריזיקער בראָנזענער געץ האָט זיך דערהויבן פאַר מיינע אויגן, כ׳האָב געקוקט אויף אים און געטראַכט: ס׳האָט געלעבט אויף דער וועלט אַן עלנטער מענטש יאַקאָוו, האָט צעשטערט גאָט מיטן גאַנצן כח פון זיין נשמה און איז געשטאָרבן מיט אַ געוויינלעכן טויט. מיט אַ געוויינלעכן. אין דעם איז געווען עפּעס אַזוינס, וואָס האָט געדריקט און באַליידיקט.

— אָבער ניקאָלאַי איז אַ פּרא־אדם; ער האָט זיך געדאַרפט שלאָגן מיט מיר, אָדער רופן פּאָליציי און נעמען מיך אין קאָ־מיסאַריאַט.

כ׳בין אוועק צו רובצאָוון, ער איז געזעסן אין זיין ווינקל ביים טיש פאַר אַ קליין לעמפל און געלאַטעט זיין רעקל

— יאַקאָוו איז געשטאָרבן.

דער אַלטער האָט אויפגעהויבן די האַנט מיט דער נאָדל, וועלנדיק, קענטיק, זיך איבערצלמען, ער האָט אָבער נאָר אַ מאַך געטון מיט דער האַנט, און פאַרטשעפּנדיק אָן עפּעס דעם פאָדעם, האָט ער זיך שטיל אויסגעזידלט אין דער מאַמען אַריין.

דערנאָך האָט ער גענומען וואָרטשען:

— אגב, אַלע וועלן מיר שטאַרבן, שטאַרבן, — אַזאַ נאַרי־שער מנהג איז שוין ביי אונז. יאָ, ברודער, — אָט איז ער גע־שטאָרבן, און דאָ איז געווען איינער אַ קופּער־אַרבעטער, איז ער אויך — אַראָפּ פון מאַרק. אין יענעם זונטיק מיט די זשאַנדאַרמען־

מיך האָט גורקע מיט אים צונויפֿגעפֿירט. אַ קלוגער מענטש געווען! געווען אַ ביסל פֿאַרמישט מיט די סטודענטן, האָסטו געהערט, מ׳זאָגט די סטודענטן בונטעווען זיך, — אמת? נאַ — זיי מוחל, ניי מיר צו מיין מאַרינאַרקע, כ׳הייב נישט אָן צו זען...

ער האָט מיר איבערגעגעבן זיינע שמאַטעס, די נאָדל מיטן פֿאָדעם און, פֿאַרלייגנדיק די הענט אויף הינטן, האָט ער אַליין אָנגעהויבן שפּריינען איבערן צימער, היסטנדיק און ברומענדיק:

— דאָ—דאָ, דאָ—דאָרט, וועט אויפֿפּלאַקערן אַ פֿייערל, אָבער דער טייוול וועט אַ בלאָז טון און—ווידער אַן אומעט! אַן אומגליקלעכע שטאָט! כ׳וועל אַנטלויפֿן פֿון דאַנען, כּל זמן עס גייען נאָך שיפֿן.

ער איז שטיין געבליבן און קראַצנדיק דעם שיידל אַ פֿרעג געטון:

— אָבער, וווהין פֿאָרט מען? אומעטום בין איך שוין אויסגעווען. יאָ, אומעטום דורכגעפֿאָרן, און בלויז זיך חרוב געמאַכט.

אויסשפּייענדיק האָט ער צוגעגעבן.

— נו — און אַ לעבן איז דאָס אַ הינטיש! געלעבט, געלעבט, און — גאָרנישט אָנגעלעבט, נישט פֿאַרן גוף, נישט פֿאַר דער נשמה...

ער איז אַנטשוויגן געוואָרן, שטייענדיק אין ווינקל ביים טיר, און, פּונקט, ווי ער וואָלט זיך צו עפּעס צוגעהאָרכט, דערנאָך איז ער האַרט צוגעגאַנגען צו מיר און האָט זיך צוגעזעצט ביים ברעג טיש:

— איך וועל דיר זאָגן, לעקסיי מאַקסימיטש דו מייגער, אומזיסט האָט יאַקאָוו זיין גרויס האַרץ אָוועקגעפּטרט אויף גאָט. נישט גאָט, נישט דער צאַר וועלן בעסער ווערן דערפֿון, וואָס איך וועל זיך פֿון זיי אָפּקערן, נאָר מ׳דאַרף, אַז די מענטשן זאָלן אויף זיך אַליין אין כּעס ווערן, זאָלן צעשטערן זייער שענדלעך לעבן,— אָט־וואָס! איי, אַלט בין איך. פֿאַרשפּעטיקט, באַלד ווער איך אינגאַנצן בלינד—שלעכט, ברודער! האָסט צוגענייט? אַ דאַנק... קום אין שענק אַריין טיי טרינקען...

גייענדיק אויפֿן וועג צום שענק, פּלאָנטערנדיק זיך אין דער

פינסטער, האָט ער זיך כסדר אָנגעכאַפּט אָן מיין פלייצע און גע־מורמלט.

— געדענק מיינע רייד: די מענטשן וועלן פאַרלירן די גע־דולה, וועלן אַמאָל אין כעס ווערן און וועלן אָנהייבן אַלץ צו פאַר־ניכטן—אַש און שטויב וועלן זיי מאַכן פון זייערע גאַרישקייטן, זיי וועלן נישט אויסהאַלטן...

צום שענק זענען מיר נישט דערגאַנגען, אָנטרעפנדיק אויף אַ מחנה מאַטראָסן, וואָס האָבן באַלאַגערט אַ שאַנד־הויז,—די טויערן פונם הויז האָבן באַשיצט אַלאַפּוזאָווער אַרבעטער.

— יעדער חגא איז דאָ אַ געשלעג! — האָט רובצאָוו געזאָגט, מיט אַ צופרידענער מינע אַראָפּנעמענדיק די ברילן, און דערקענענ־דיק צווישן די שיצער פון הייזל זיינע חברים, האָט ער זיך תיכף אַריינגעמישט אין געשלעג, העצנדיק און אויפמונטערנדיק:

— האַלט זיך פעסט, פאַבריק! שטיק זיי, די זשאַבעס! ראַט אויס די פלאָטקעס! עך,—לעבעדיקער!

מאָדנע עפּעס און שפּאַסיק איז געווען צוצוזען, מיט וואָס פאַר אַ התפּעלות און מיט וואָס פאַר אַ פלינקייט ס'האָט געאַרבעט דער קלוגער אַלטיטשקער, דורכשטופּנדיק זיך דורך דעם עולם—טייך־מאַטראָסן, ווערנדיק זיך קעגן זייערע פויסטן, שטויסנדיק זיי מיטן רוקן צו דער ערד. געשלאָגן האָט מען זיך אָן בייזקייט, פריילעך, צוליב באַרימערייַ פון צופיל שפע אין כוחות, די טונקע־לע קופּע קערפּערס האָט זיך צונויפגעקנוילט אין טויער צוקוועטשנ־דיק צו אים די פאַבריק־אַרבעטער, ס'האָבן געקנאַקט ברעטער, עזותדיקע אויסרופן האָבן זיך געטראָגן:

— קלאַפּ דעם פליכעוואַטן קאָמאַנדיר!

צוויי האָבן זיך אַרויפגעקליבן אויפן דאַך פונם הויז און האַרמאָניש, לעבעדיק געזונגען:

נישט קיין גנבים, קיין ליגנער, קיין רוצחים זענען מיר,
נאָר שיפס־יאַטן, פיש־כאַפּער זענען מיר.

אַ פּאָליציאַנט האָט געפייפט, אין דער פינסטער האָבן גע־פינקלט מעשענע קנעפּ, אונטער די פיס האָט געכלאָפּעט די בלאָ־טע, און פון דאַך האָט געהילכט:

— מיר פאַרוואַרפֿן די נעצן איבער טרוקענע ברעגן
איבער סוחרישע הײַזער, איבער מײַנעס און שפּײַכלער.

— גענוג! אַ געפאַלענעם שלאָגט מען נישט!

— זיידינקע — האַלט זיך פעסט!

דערנאָך האָט מען רובצאָוון, מיך און נאָך אַ מאַן פינף, שונאים אָדער גוטע פריינט, אַוועקגעפירט אין צירקל, און די איינגעשטילטע פינסטערניש פון דער האַרבסטיקער נאַכט האָט אונז באַגלייט מיט אַ לעבעדיק לידל:

— עך, מיר האָבן פֿערציק העלמ געפאַנגען
און פון זיי זיך פֿעלצלעך אויפגענייט!

— וואָס פאַר אַ ווילד פאָלק אויף דער וואָלגע איז—האָט מיט התפעלות גערעדט רובצאָוו, שנייצנדיק אָפּט און שפייענדיק, און דערביי מיר איינגערוימט: — דו — מאַך פיס! קלויב אויס אַ מינוט און — אַנטלויף! צו וואָס זאָלסטו קריכן אין צירקל?

איך און הינטער מיר נאָך עפּעס אַ לאַנגער מאַטראָס האָבן זיך אַ לאָז געטון אין געסל, זענען איבערגעשפרונגען איבער איין פלויט, אַ צווייטן און — פון יענער נאַכט אָן האָב איך שוין מער נישט באַגעגנט דעם האַרציקסטן פקח — ניקיטאַ רובצאָוון.

אַרום מיר איז געוואָרן פוסט. ס'האָבן זיך אָנגעהויבן די סטודענטישע אומרוען — דער זין פון דעם איז מיר געווען אומפאַרשטענדלעך, די מאָטיוון — נישט קלאָר. איך האָב געזען פאַר זיך אַ פריילעכן הו-האַ, נישט פילנדיק דערין קיין דראַמע, און איך האָב געמיינט, אַז צוליב דעם גליק פון שטודירן אין אוניווערסיטעט איז כדאי אַפילו די גרעסטע ענויים צו איבערטראָגן. ווען מען וואָלט מיר למשל פאָרגעלייגט:

— גיי, לערן דיך, אָבער דערפאַר וועלן מיר דיך אַלע זונטיק אויפן ניקאָלאַיעווער פלאַץ מיט שטעקנס שלאָגן! — וואָלט איך געוויס מסתמא אָנגענומען די דאָזיקע באַדינגונג.

ווען איך בין אַרייַנגעקומען אין סעמיאָנאָווס בייגל-בעקערײַ, האָב איך זיך דערוווּסט, אַז די בייגל-בעקער קלייבן זיך גיין צום אוניווערסיטעט צו שלאָגן די סטודענטן:

— מיט געוויכטן וועלן מיר זיי שלאָגן!— האָבן זיי גערעדט מיט אַ פריילעכער בייזקייט.

כ'האָב זיך אָנגעהויבן קריגן און זידלען מיט זיי, נאָר פּלוצ־לינג האָב איך כמעט מיט שרעק דערפילט, אַז נישט איך האָב קיין חשק, נישט איך האָב קיין ווערטער צו פאַרטיידיקן די סטודענטן.

איך געדענק, איך בין אַוועק פון קעלער, ווי אַ צעמזיקטער, מיט עפּעס אַ צער אין האַרצן, וואָס לאָזט זיך נישט גובר זיין, אַ צער, וואָס דערשלאָגט דיך ביז צום טויט...

ביינאַכט בין איך געזעסן אויפן ברעג פון קאַבאַן, שליידערנ־דיק שטיינער אין שוואַרצן וואַסער, און דער קאָפּ האָט געאַרבעט בלויז מיט דריי ווערטער, וועלכע איך האָב איבערגעחזרט אָן אויפהער:

— וואָס זאָל איך טון?

פון אומעט האָב איך זיך אָנגעהויבן לערנען שפּילן אויף אַ פידל, גאַנצע נעכט געקרימפּלט אין געוועלב, באַאומרויקנדיק דעם נאַכט־וועכטער און די מייז. מוזיק האָב איך ליב געהאַט און האָב עס אָנגעהויבן לערנען מיט גרויס תשוקה, אָבער מיין לערער, דער פידלער פון טעאַטער־אָרקעסטער, האָט איינמאָל, בעת דער לעקציע, ווען איך בין גראָד אַרויסגעגאַנגען פון געשעפט, — געעפנט דעם נישט פאַרשלאָסענעם שופלאָד פון דער קאַסע און, אַריינקומענדיק צוריק, האָב איך אים געטראָפן, ווי ער פּאַקט אָן זיינע קעשענעס מיט געלט. ווען ער האָט מיך דערזען אין טיר, האָט ער אויסגע־צויגן דעם האַלז, האָט אונטערגעשטעלט זיין לאַנגווייליק, געגאָלט פּנים און שטיל געזאָגט:

— נו — שלאָג!

די ליפּן זיינע האָבן געציטערט, פון זיינע פאַרבלאָזטע אויגן האָבן זיך געקייקלט עפּעס אַזוינע מאָדנע גרויסע, אייליקע טרערן.

מיר האָט זיך געוואָלט אַ זעץ טון דעם פידל־שפּילער, כדי איך זאָל עס אָבער נישט טון, האָב איך זיך אַוועקגעזעצט אויף דער ערד, אונטערלייגנדיק די קולאַקעס אונטער זיך און האָב אים געהייסן אַריינלייגן דאָס געלט צוריק אין קאַסע. ער האָט אויסגע־ליידיקט די קעשענעס און איז אַוועק, נאָר ביי דער טיר האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און געזאָגט מיט אַ אידיאָטיש הויכן און שרעקלעכן קול:

— גיב צען רובל!

דאָס געלט האָב איך אים געגעבן, נאָר לערנען שפּילן האָב איך אויפגעהערט.

אין דעצעמבער האָב איך באַשלאָסן צו באַגיין זעלבסטמאָרד. דעם מאָטיוו פון דעם דאָזיקן באַשלוס מיינעם האָב איך פּרובירט באַשרייבן אין דער דערציילונג: „אַ געשעעניש אין מאַקאָרס לעבן". מיר האָט זיך אָבער נישט איינגעגעבן, — די דערציילונג איז אַרויס אומגעלומפּערט, נישט גוט און ס'האָט אין איר געפעלט דער אינערלעכער אומרו. צו אירע מעלות דאַרף מען צורעכענען — ווי מיר דוכט זיך — טאַקע דאָס, וואָס עס פעלט דאָרט לחלוטין דער דאָזיקער אמת. די פאַקטן — זענען אמתדיקע, נאָר די באַלויכטונג איז עפּעס ווי נישט דורך מיר געמאַכט געוואָרן און די גאַנצע געשיכטע איז נישט וועגן מיר. אויב מ'זאָל זיך נישט רעכענען מיטן ליטעראַרישן ווערט פון דער דערציילונג — איז אין איר פאַראַן פאַר מיר עפּעס אַזוינס אָנגענעמעס, — פּונקט, ווי איך וואָלט איבער זיך אַליין איבערגעשפּרייזט

---

נאָכדעם, ווי איך האָב געקויפט אויפן מאַרק ביי אַ „באַראַבאַנטשיק" אַן אָנגעלאָדענעם רעוואָלווער מיט פיר קוילן, האָב איך זיך אַריינגעשאָסן אין ברוסט, האָבנדיק בדעה צו טרעפן אין האַרצן, איך האָב אָבער נאָר דורכגעלעכערט די לונגען, און אין אַ חודש אַרום, זייער אַ פאַרשעמטער, פילנדיק זיך גאָר נאַריש, האָב איך שוין ווידער געאַרבעט אין בעקעריי.

אָבער — נישט לאַנג. ענדע מערץ, אַריינקומענדיק אין אָוונט אין דער קלייט־בעקעריי, האָב איך דערזען אין דער פאַר־קויפערינס צימער דעם כאַכאָל. ער איז געזעסן אויף אַ שטול נעבן פענסטער, רויכערנדיק פאַרחלומט אַ דיקן פּאַפּיראָס און צוקוקנדיק אויפמערקזאַם צו די וואָלקנס רויך.

— האָט איר צייט? — האָט ער אַ פרעג געטון, נישט באַגריסנדיק מיך.

— אַ צוואַנציק מינוט.

— זעצט זיך, מיר וועלן זיך דורכשמועסן.

ער איז, ווי תמיד, געווען ענג איינגעניית אין אַ קאָזאַצינקע פון „טשאַרטאָווע קאָזשע"*), איבער זיין ברייטער ברוסט האָט זיך צעלייגט זיין בלאָנדע באָרד, איבער דעם פּאַרעקשנטן שטערן סטאַרטשעט אַ בערשטל פון קורץ אָפּגעשוירענע, האַרטע האָר, אויף די פיס—שווערע פויערשע שטיוול, פון וועלכע עס טראָגט מיט אַ שאַרפן ריח פון טראָן.

— נו — יאָ! — האָט ער אָנגעהויבן רעדן רויק און נישט הויך,—איר וואָלט אפשר חשק געהאַט קומען צופאָרן צו מיר? איך וווין אין דאָרף קראַסנאָווידאָוו, פינף און פערציק וויאָרסט אַראָפּ מיט דער וואָלגע, כ'האָב דאָרטן אַ געוועלב, איר וועט מיר העלפן אין מסחר, דאָס . וועט ביי אייך קיין סך צייט נישט אָפּנעמען, כ'האָב גוטע ביכער, וועל איך אייך העלפן זיך לערנען — זענט איר מסכים?

— יאָ.

— קומט פרייטיק זעקס אין דערפרי צום קורבאַטאָווער האַפן, פרעגט אויף דער שיף פון קראַסנאָווידאָוו, — דער באַלעבאָס איז וואַסילי פּאַנקאָוו. אַגב, — איך וועל שוין זיין דאָרט און וועל אייך דערזען. צום ווידערזען!

ער האָט זיך אויפגעשטעלט, אַריינגערוקט מיר זיין ברייטע האַנט, און מיט דער צווייטער האַנט האָט ער אַרויסגעשלעפּט פון בוזעם אַ שווערן זילבערנעם „ציבעלע"-זייגער און געזאָגט:

— מיר האָבן אָפּגעמאַכט אין זעקס מינוט! יאָ—מיין נאָמען איז — מיכיילאָ אַנטאָנאָוו, און די פאַמיליע — ראָמאַס. אַזוי.

ער איז אַוועק נישט אומקוקנדיק זיך, מיט פעסטע טריט. טראָגנדיק לייכט דעם שווערן גבורהיש - אויסגעגאָסענעם קערפּער.

אין צוויי טעג אַרום האָב איך זיך אַוועקגעשיפט קיין קראַס-נאָווידאָיו.

די וואָלגע האָט דאָ ערשט געלאָזן. פון אויבן, איבערן מוט-נעם וואַסער, ציען זיך וויגנדיק, גראָע, ווייכע קריעס, דאָס שיפל יאָגט זיי אַריבער, און די קריעס רייבן זיך אָן די ראַנדן, סקריפּנדיק

*) ווערטלעך. שדישע פעל. אזא שווארצער שטאָף. — איבערז.

און צעברעקלענדיק זיך פון די קלעפ אין שאַרפע שטיקער. עס שפּילט זיך דער „יבשה"־ווינט, צוטרייבנדיק אַ כוואַליע צום ברעג, בלענדנדיק פינקלט די זון אָפּשיינענדיק מיט בינטלעך־העל־ווייסע שטראַלן, פון די בלאָלעך־גלעזערנע קאַנטן פון די קריעס. דאָס שיפל, אַ שווער אָנגעלאָדנס מיט פּעסער, זעק און קאַסטנס, גייט אונטערן זעגל, — ביים רודער שטייט דער יונגער פויער פּאַנקאָוו, עלעגאַנט אויסגעפּוצט, אין אַ רעקל פון אַ געגאַרבטער שעפּסן־פעל, וואָס איז געווען אויסגענייט אויפן ברוסט מיט פאַרשידנפאַרביקע שנירלעך.

זיין פּנים איז—אַ רויקס, די אויגן קאַלטע; ער איז שוויי־גנדיק און ווייניק ענלעך צו אַ פויער. ביי דער נאָז פונם שיפל שטייט, פאַרנאַנדערגעשפּרייט די פיס, פּאַנקאָוס פּאַרובאָק קוקושקין, אַ צעשויבערט פויערל אין אַ צעריסענעם פּעלצל, אונטערגעגאַרטלט מיט אַ שטריק, מיט אַ צעקנייטשטן גלחשן היטל אויפן קאָפּ, זיין פּנים איז באַדעקט מיט בלויע צייכנס און העפּטן. מיט אַ לאַנגן שטאַנג טרייבט ער פאַנאַנדער די קריעס און זידלט זיך בשעת מעשה מיט פאַראַכטונג.

— אָן אַ זייט... ווהין קריכסטו...

איך זיץ אונטערן זעגל אויף די קאַסטנס נעבן ראָמאַסן, ער רעדט צו מיר שטיל:

— די פויערים האָבן מיר נישט ליב, דערהויפּט—די רייכע! די דאָזיקע אומפריינטלעכקייט וועט איר מוזן אויף זיך אַליין דערשפּירן.

קוקושקין האָט אוועקגעלייגט דעם שטאַנג קווער איבערן באָרט פונם שיפל אונטער זיינע פיס, און האָט געזאָגט מיט התפעלות, ווענדנדיק צו אונז זיין צעמזיקטן פּנים:

— דערהויפּט דיך, אַנטאָניטש, האָט דער גלח נישט ליב...

— דאָס איז ריכטיק,—איז מסכים פּאַנקאָוו—פאַר אים, דעם געפלעקטן הונט ביסטו ווי אַ ביין אין האַלדז!

— איך האָב אָבער אויך גוטע פריינט, — וועט איר אויך האָבן,—הער איך דעם כאַכאָלס קול.

ס'איז קאַלט. די מערץ־זון וואַרעמט נאָך שוואַך. אויפן ברעג

וויגן זיך די טונקעלע צווייגן פון די נאַקעטע ביימער, ווו נישט ווו אין די שפּאַרעס און אונטער די קוזשאַקעס ליגט דער שניי, ווי שטיקער סאַמעט. אומעטום איבערן טייך — קריעס פּונקט ווי אַ סטאַדע שאָף וואָלט זיך פּיטערן. איך פיל זיך, ווי אין שלאָף

קיקושקין שטאָפּט אָן די לולקע מיט טאַבאַק און פילאָזאָפירט בשעת מעשה.

— אמת, דעם גלחס ווייב ביסטו נישט, פונדעסטוועגן, האָט ער זיך, לויט זיין שטעלע, מתחייב געווען צו ליבן יעדע באַשעפעניש, ווי עס שטייט געשריבן אין די ביכער.

— ווער האָט דאָס דיך צעמזיקט?—פרעגט ראַמאַס שמייכלענדיק.

— אָט, עפּעס אומבאַוווסטע פאַרשויגען, זיכער גנבים—זאָגט מיט פאַראַכטונג קיקושקין. און—מיט שטאָלץ:

— ניין, נאָר מיך אַליין האָבן די אַרטילעריסטן געשלאָגן,— דאָס איז אמת. איך קען אפילו נישט פאַרשטיין — ווי אין בין אַרויס מיטן לעבן.

— פאַרוואָס האָט מען געשלאָגן?—פרעגט פאַנקאָוו.

— נעכטן? אָדער—די אַרטילעריסטן?

— נו — נעכטן?

— יאָ — קאָן מען דען פאַרשטיין פאַרוואָס מען שלאָגט? דאָס פאָלק איז ביי אונז, ווי אַ באָק, נאָר עפּעס — תיכף שטויסט ער מיט די הערנער! זיי האַלטן עס פאַר אַ חוב—דאָס שלעגערייי!

איך מיין — זאָגט ראַמאַס — צוליב דיין צונג שלאָגט מען דיך, דו ביסט נישט אָפּגעהיט אין רעדן...

— ס'קאָן זיין! איך בין אַ מענטש מיט אַ נייגעריקן כאַראַקטער, האָב אַ טבע וועגן אַלץ צו פרעגן. פאַר מיר—איז אַ שמחה, אַז עס מאַכט זיך עפּעס אַ שטיקל נייעס צו הערן.

די נאָז פונם שיפל האָט זיך האַסטיק אָנגעשטויסן אָן אַ קריע אייז, עפּעס האָט בייז אַ שאַר געטון, קיקושקין האָט זיך אַ וויג געטון, האָט אָנגעכאַפּט דעם האָקן-שטאַנג, פאַנקאָוו האָט בעזאָגט מיט אַ פאַרוווּרף:

— דו, סטעפּאַן, טו דיין אַרבעט!

— און דו רעד מיט מיר נישט! — ברומט קיקושקין און

שטויסט ווייטער די קריעס. — איך קען נישט אין דער אייגענער צייט אי אויספירן מיין אַרבעט, אי שמועסן מיט דיר...

זיי ווערטלען זיך דורך אָן בייזקייט, און ראָמאַס זאָגט צו מיר.

-- די ערד איז דאָ ערגער, ווי ביי אונז אין אוקראַינע, נאָר די מענטשן—זענען בעסערע, זייער אַ פעיק פאָלק.

איך הער זיך צו אויפמערקזאַם און גלייב אים. מיר געפעלט זיין רויקייט, זיינע גלייכע רייד, פשוטע און וואָגיקע. עס פילט זיך, אַז דער דאָזיקער מענטש ווייסט אַ סך און האָט זיין אייגענע מאָס פאַר מענטשן. באַזונדערס אָנגענעם איז מיר דאָס, וואָס ער פרעגט מיך נישט—צוליב וואָס איך האָב זיך געשאָסן? אַן אַנדערער אויף זיין אָרט וואָלט שוין לאַנג געפרעגט, און מיר איז אַזוי דערעסן געוואָרן די דאָזיקע פראַגע, און — ס'איז אויך שווער צו ענטפערן. דער רוח ווייסט, פאַרוואָס כ'האָב באַשלאָסן זיך טויטן. דעם כאָכאָל וואָלט איך, זיכער, געענטפערט לאַנג און נאַריש. אגב, ווילט זיך מיר בכלל נישט דערמאָנען וועגן דעם, — אויף דער וואָלגע איז אַזוי גוט, אַזוי פריי, ליכטיק.

דאָס שיפל שווימט הינטערן ברעג, לינקס האָט זיך ברייט צעגאָסן דער טייך, אַרייַנדרינגנדיק אין דעם זאַמדיקן ברעג פון דער לאָנקע-זייט. דו זעסט, ווי עס הייבט זיך דאָס וואַסער, פאַרגיסנדיק און וויגנדיק די ברעגיקע קושאַקעס, און אים אַנטקעגן, איבער די גריבער און שפאַרעס פון דער ערד, פליסן מיט גערויש די ליכטיקע פרילינגס-שטראָמען. די זון שמייכלט, די געל-שנאָבלדיקע פרילינגס-קראָען פינקלען אין אירע שטראַלן מיט זייערע שוואַרצע שטאָל-פעדערן, זיי קראַקען פאַרהאַוועט, בויענדיק זייערע נעסטן. אויף דער זוניקער זייט פון דער ערד רוקט זיך האַרציק אַרויס פון דער ערד אַנטקעגן דער זון אַ העל-גרין בערשטעלע פון גראָז. דעם גוף—איז קאַלט, און אויף דער נשמה—איז אַ שטילע פרייד און עס שפּראָצן אויך אַרויס צאַרטע שפּראָצן פון ליכטיקע האָפנונגען. ס'איז אַזוי געמיטלעך פרילינגס-צייט אויף דער ערד.

אַרום האַלבן טאָג זענען מיר צוגעשווומען צו קראַסנאָווידאָוו; אויף אַ הויכן שטאַרק-משפּועדיקן באַרג שטייט דער בלוי-קעפּיקער

קלויסטער, פון אים ציען זיך אַוועק אין אַ רייע ביים זייט פון באַרג, גוטע, פעסטע הייזער, בלאַנקנדיק מיט די געלע שינדלען פון די דעכער און מיט די גאָלדענע שטרוי-דעקונגען. פשוט און שיין.

נישט איינמאָל האָב איך אָנגעקוואָלן פון דעם דאָזיקן דאָרף, דורכפאָרנדיק פאַרביי אים אויף די דאַמפערס.

ווען כ'האָב צוזאַמען מיט קוקושקינען אָנגעהויבן אויסלאָדן דאָס שיפל, האָט ראָמאַס דערלאַנגענדיק מיר די זעק געזאָגט:

— מ'קאָן נישט זאָגן — כח האָט איר!

און, נישט קוקנדיק אויף מיר, געפרעגט:

— און דאָס האַרץ—טוט נישט וויי?

— נישט אַ האָר.

כ'בין געווען זייער גערירט פון דער איידלקייט, ווי אַזוי ער האָט מיר געשטעלט די פראַגע, — באַזונדערס האָב איך נישט געוואָלט, אַז די פויערן זאָלן זיך דערוויסן וועגן מיין פרווו צו באַגיין זעלבסטמאָרד.

— כחות זענען דאָ—קען מען זאָגן, נאָך איבער דער מאָס,— האָט געפלוידערט קוקושקין, — פון וועלכער גובערניע איז אַ יונגערמאַן? ניזשעגאָראָדער? מ'רופט אייך מיטן צונעמעניש וואַסערזופער. און נאָך — „זע גיב אָרט, פונוואַנען די מעוועס פליען" — דאָס איז אויך וועגן אייך געזאָגט געוואָרן.

באַרג אַראָפּ, ווו דער וועג פירט, איבער צעווייקטן ליים, צווישן קוועלעכלעך, וואָס האָבן געפינקלט מיט זילבער-גלאַנץ, האָט געשפּרייזט מיט ברייטע טריט אַ לאַנגער, אויסגעטרוקנטער פויער, אַ באָרוועסער, אין אַ העמד מיט הויזן, מיט אַ געקרייזלטער באָרד און אַ קאָפּ פול מיט געדיכטע בלאָנדע האָר.

צוקומענדיק צום ברעג, האָט ער געזאָגט הויך און פריינטלעך:

— ברוך הבא!

ער האָט זיך אַרומגעקוקט, האָט אויפגעהויבן אַ גראָבן דראָנג, אַ צווייטן, האָט זיי אַוועקגעלייגט מיט די עקן אויפן באָרט און אַריינשפּרינגענדיק לייכט איננם שיפל, האָט ער אַ קאָמאַנדעווע געטון:

— שפּאַרט זיך איין מיט די פיס אין די עקן פון די דרענגער,

יי זאָלן זיך נישט אַראָפּגליטשן פון דאָרט, און נעמט די פּעס־לעך. יונגערמאַן, קום אהער, העלף.

ער איז געווען בילד־שיין און קענטיק זייער שטאַרק. אויף זיין רויטן פּנים, מיט דער גלייכער, גרויסער נאָז, האָבן שטרענג געלויכטן זיינע בלוילעכע אויגן.

— וועסט זיך פאַרקילן, איזאַט — האָט געזאָגט ראַמאַס.

— איך? האָב קיין מורא נישט.

מ׳האָט אַרויסגעקאָלערט אַ פּעסל מיט נאַפט צום ברעג, אי־זאַט האָט מיך אָפּגעמאָסטן מיט די אויגן, און געפרעגט:

— אַ געזעל?

— גיב זיך אַ ראַנגל מיט אים, — האָט קוקושקין פאָרגע־לייגט.

— און דיר האָט מען שוין ווידער צעמזיקט דאָס פּנים?

— וואָס מאַכט מען מיט זיי?

— מיט וועמען?

— אַט — יענע, וואָס שלאָגן.

— עך, דו! — האָט געזאָגט איזאַט, אָפּזיפצנדיק, און האָט זיך געווענדט צו ראַמאַסן.— די פורן וועלן זיך באַלד אַראָפּלאָזן. איך האָב אייך דערזען פון ווייטנס, ווי איר שווימט. איר האָט פיין געשוווּמען. דו—אַנטאָניטש, גיי, איך וועל שוין דאָ אַכט געבן.

סאיז קענטיק געווען, אַז דער דאָזיקער מענטש האָט זיך באַצויגן צו ראַמאַסן פריינטלעך און מיט זאָרג פאַר אים, און אפילו אַלס זיין באַשיצער, הגם ראַמאַס איז געווען עלטער פאַר אים מיט אַ יאָר צען.

אין אַ האַלבע שעה אַרום בין איך געזעסן אין אַ ריינער און היימישער קאַמער פון אַ נייעם הייזל, זיינע ווענט האָבן נאָך נישט פאַרלוירן דעם ריח פון פעך. אַ לעבעדיק, שאַרפאויגיק ווייבל האָט געגרייט דעם טיש צו מיטאָג. דער כאָכאָל האָט אַרויס־גענומען די ביכער פון דער וואַליזע, אַריינשטעלנדיק זיי אויף דער פּאָליצע ביים אויוון.

— אייער צימער איז אויפן בוידעם — האָט ער געזאָגט.

פון בוידעם־פענסטער האָט זיך געזען אַ טייל פון דאָרף, אַ

טאל אנטקעגן אונזער הויז, ווו צווישן קזשאַקעס קוקן אַרויס די דעכער פון דער באָד. הינטערן טאָל — גערטנער און שוואַרצע פעלדער. אין ווייכע בויגונגען האָבן זיי זיך געצויגן צום גרינעם וואַלד־קאַם, וואָס אויפן האָריזאָנט. אויפן שפּיץ פון באָד־דאַך איז געזעסן רייטנדיק אַ בלויער פויער, האַלטנדיק אין איין האַנט אַ האַק, מיט דער אַנדערער האַנט האָט ער זיך פאַרשטעלט איבערן שטערן, קוקנדיק אַראָפּ, צו דער וואָלגע. אַ וואָגן האָט געסקריפּעט, אַ קו האָט אָנגעשטרענגט געבריוועט. די קוואַלן האָבן געררוישט. פון אַ טויער איז אַרויס אַ אַלטע פויערטע, אָנגעטון אין שוואַרצן, און אויסדרייענדיק זיך צום טויער האָט זי שאַרף אַ זאָג געטון:

— אַ פּגירה אויף אייך!

צוויי יינגלעך, וואָס זענען געווען ערנסט באַשעפטיקט מיט דער אַרבעט צו פאַרשטעלן מיט שטיינער און בלאָטע דעם וועג פון אַ קוואַל, זענען האַסטיק אַנטלאָפן דערהערנדיק דער אַלטערס שטים, און זי, אויפהויבנדיק אַ שפּענדל, האָט אויף אים אָנגעשפּיגן און אַריינגעוואָרפן אין קוואַל. נאָכדעם האָט זי מיט אַ פוס, וואָס איז געווען אָנגעטון אין אַ פויערשן שטיוול, חרוב געמאַכט דעם גאַנצן קינדערשן בנין און איז אַוועק אַראָפּ, צום טייך

ווי וועל איך דאָס לעבן דאָ?

מ'האָט גערופן צו מיטאָג. ביים עק טיש איז געזעסן איזאָט, אויסציענדיק זיינע לאַנגע פיס מיט רויטע פּיאַטעס און האָט עפּעס געערעדט, נאָר—דערזעענדיק מיך, איז ער אַנטשוויגן געוואָרן.

— וואָס איז? — האָט אָנגעבּרוגזט געפרעגט ראַמאַס.—רעד ווייטער

— שוין נישטאָ וואָס, אַלץ געזאָגט. הכלל — אַזוי בלייבט: מיר וועלן זיך אַליין אַן עצה געבן. דו האַלט ביי זיך אַ רעוואָל-ווער, אָדער אַ גראָבן שטעקן. פאַר באַרינאָוון—קאָן מען נישט וועגן אַלץ רעדן, ער און קוקושקין האָבן ווייבערשע צינגער. דו, יונ-גערמאַן, האָסט ליב פיש כאַפּן? — ניין.

ראַמאַס האָט אָנגעהויבן צו רעדן וועגן דער נויטווענדיקייט צו אָרגאַניזירן די פויערן, די קליינע באַלעבאַטים פון סעדער

אַרויסרייסן זיי פון די הענט פון די אויפקויפער.—איזאט האָט אים אויפמערקזאַם אויסגעהערט און געזאָגט.

— די פּאַראַזיטן וועלן דיר אײַנגאַנצן דאָס לעבן פּאַרמיאוסן.

— וועלן מיר זען.

— אוודאי — אַזוי!

איך האָב געקוקט אויף איזאטן און געטראַכט.

— מסתמא, פון אַזעלכע פּויערן שרייבן זייערע דערציילונגען קאַראַנין און זלאַטאָווראַטסקי...

נישט שוין זשע איז מיר געלונגען צו דערנענטערן זיך צו עפּעס ערנסטעס, און פון איצט אָן וועל איך אַרבעטן צוזאַמען מיט מענטשן פון עכטע מעשים?

נאָכן עסן האָט איזאט געזאָגט:

— דו, מיכאַילאַ אַנטאָנאָוו, אײַל זיך נישט צו, גוטס — קומט נישט אַזוי גיך. מ׳דאַרף געלאַסן צוגיין.

נאָכדעם ווי ער איז אַוועק, האָט ראָמאַס געזאָגט פאַרטראַכט:

— אַ קלוגער מענטש, אַן אָרנטלעכער. אַ שאָד — קאָן ווייניק אין די שוואַרצע פּינטעלעך, קוים וואָס ער לייענט. אָבער — ער לערנט זיך עקשנותדיק. אָט—העלפט אים טאַקע צו אין דעם.

ביז אין דער נאַכט אַרײַן האָט ער מיר באַקאַנט געמאַכט די פּרייזן פון די סחורות אין געוועלב, דערציילנדיק דערבײַ:

— איך פאַרקויף ביליקער, ווי די אַנדערע צוויי קרעמער פון דאָרף, פאַרשטייט זיך, אַז דאָס שמעקט זיי נישט. מ׳טוט מיר אָפּ אַלערליי מיאוסע שטיקלעך, מ׳קלייבט זיך צו שלאָגן. איך ווין דאָ נישט דערפאַר, ווײַל מיר לויגט זיך אָדער איך האָב הנאה פון דעם האַנדל, נאָר—צוליב אַנדערע טעמים. דאָס איז—אַ מין באַהאַלטענע שפּיל, אַזוי ווי אײַער בעקערײַ...

איך האָב געזאָגט, אַז איך בין זיך דאָס משער

— נו, יאָ... מ׳מוז דאָך אויסלערנען די מענטשן, קומען צום שכל, — נישט אַזוי?

דאָס געוועלב איז געווען פאַרשפּאַרט, און מיר זענען אײַנווייניק אַרומגעגאַנגען מיט אַ לאָמפּ אין דער האַנט און אין דרויסן

איז אויך עמעצער אַרומגעגאַנגען, טשאַפּנדיק פּאַרזיכטיק אין דער בלאָטע, און אָפּט שווער אַרויפגעטראָטן אויף די טרעפּ פון גאַניק.

— אָט—איר הערט? —ער גייט אַרום! דאָס איז דער אָרעמער פּויער, מיגון, אַ בייזע חיה, ער טוט גערן שלעכטס, פּונקט ווי אַ שיין מיידל קאָקעטירט גערן. זייט מיט אים פּאַרזיכטיק אין רעדן און—בכלל...

שפּעטער, זייענדיק אין צימער, האָט ער פּאַררויכערט די לולקע, אָנגעשפּאַרט זיך מיט דער ברייטער פּלייצע צום אויוון און, פאַרזשמורענדיק די אויגן, געלאָזט שטראָמעלעך רויך זיך אין באָרד אַריין. געלאַסן צונויפשטעלנדיק די ווערטער, האָט ער גערעדט קלאָר און פּשוט וועגן דעם, אַז ער האָט שוין לאַנג באַמערקט, ווי איך פּטר אַוועק אומנוציק מיינע יונגע יאָרן.

— איר זענט אַ פעיקער מענטש, פון נאַטור—אַן עקשן און, קענטיק, מיט גוטע כוונות, איר באַדאַרפט זיך לערנען, יאָ,—אַזוי, אַז דאָס בוך זאָל נישט פאַרשטעלן די מענטשן. איינער אַ סעקטאַנט, אַן אַלטינקער, האָט זייער ריכטיק געזאָגט: „יעדע לערע — קומט פון מענטשן אַרויס”. די לערע, וואָס קומט פון מענטשן טוט מער וויי, גראָב לערנען זיי — נאָר, די לערע זייערע קריצט זיך טיף איין אין זכרון.

גערעדט האָט ער וועגן זאַכן, וואָס זענען מיר באַקאַנט געווען, וועגן דעם, אַז קודם כל דאַרף מען וועקן[illegible]דעם פאַרשטאַנד פון דאַרף. נאָר, אפילו, אין די באַקאַנטע ווערטער פלעג איך אויפכאַפּן עפּעס אַ טיפערן און נייעם זין.

— ביי אייך פלוידערן דאָרט אַ סך די סטודענטן וועגן ליבע צום פאָלק, און איך זאָג זיי דערויף: ליבן דאָס פאָלק איז אוממעגלעך. דאָס—זענען בלויז ווערטער, די ליבע צום פאָלק...

ער האָט אַ שמייכל געטון צו זיך אין באָרד פרווונדיק מיך מיט די אויגן און האָט אָנגעהויבן שפּרייזן איבערן צימער, רעדנדיק ווייטער פעסט און מיט איינפלוס.

— ליבן—איז דער טייטש: מסכים זיין, אַראָפּלאָזן זיך, מאַכן זיך נישט זעענדיק, מוחל זיין. מיט אַזעלכע זאַכן באַדאַרף מען קומען צו אַ פרוי. אָבער—צי דען איז מעגלעך נישט צו באַמערקן

די עם-הארצות פון פאָלק, מסכים זיין מיט די בלאָנדזשענישן פון זיין פאַרשטאַנד, אראָפּלאָזן זיך צו אַלע זיינע געמיינהייטן, מוחל זיין אים זיין חיהשע רציחה? ניין?

— ניין.

— אָט, זעט איר שוין, ביי אייך, דאָרט, לייענען און זינגען אַלע נעקראַסאָוון. נו, ווייסט איר, מיט נעקראַסאָוון וועט איר ווייט נישט פאַרפאָרן! אויפן פויער דאַרף מען משפיע זיין. דו, ברודער, כאָטש דו ביסט נישט קיין שלעכט מענטשל פאַר זיך, נאָר דו לעבסט שלעכט און קאָנסט גאָרנישט אויפטון, אַז דיין לעבן זאָל ווערן לייכטער, בעסער. די חיות, מיין איך, זאָרגן שוין שכלדיקער פאַר זיך, ווי דו, אַ חיה שיצט זיך אַליין בעסער. און פון דיר, דעם פויער, האָט זיך אַלץ פאַנאַנדערגעוואַקסן, — דער אַדל, די גייסטלעכע, געלערטע, די מלכים, דאָס זענען אַלץ געוועזענע פויערים. זעסטו? האָסטו פאַרשטאַנען? נו—לערן זיך לעבן, כדי מען זאָל דיך נישט פייניקן...

נאָכדעם, ווי ער איז אַוועק אין קיך, האָט ער געהייסן דער קעכין שטעלן דעם סאַמאָוואַר, און דערנאָך האָט ער מיר אָנגעהויבן ווייזן זיינע ביכער, כמעט אַלע וויסנשאַפטלעכע: באָקל, לייעל, האַרטפּול, לעקקי, לעבאָק, טיילאָר, מיל, ספּענסער, דאַרווין, און פון די רוסישע—פּיסאַרעוו, דאָבראָליובאָוו, טשערנישעווסקי, פּושקין, „פרעגאַט פּאַלאַדאַ” גאָנטשאַראָוו, נעקראַסאָוו.

ער האָט זיי געגלעט מיט זיין ברייטער האַנט, צאַרט, פּונקט, ווי קעצעלעך און האָט כמעט מיט רירונג געוואָרטשעט:

— פיינע ביכער! און—דאָס—איז אַ זעלטנהייט: די צענזור האָט עס פאַרברענט. ווילט איר וויסן, וואָס איז אַ מלוכה — לייענט דאָס בוך!

ער האָט מיר דערלאַנגט גאָבס בוך „לוויתן”.

— און דאָס — איז אויך וועגן מלוכה, אָבער דאָס איז לייכטער און פריילעכער.

דאָס פריילעכע בוך איז געווען „דער קייסער” פון מאַקיאַוועלי.

ביים טיי טרינקען האָט ער קורץ דערציילט וועגן זיך: ער איז אַ זון פון אַ טשערניגאָווער שמיד און איז געווען אַ רעדער-

שמירער ביי דער באַן אויף דער סטאַציע קיעוו, האָט זיך באַקאַנט דאָרט מיט רעוואָלוציאָנערן, געגרינדעט דאָרט אַ קרייזל פון אַרבע־טער פאַר זעלבסט־בילדונג, האָט מען אים אַרעסטירט און ער איז אַ יאָר צוויי געזעסן אין תפיסה, און דערנאָך—האָט מען אים פאַר־שיקט אויף צען יאָר אין יאַקוטער געגנט.

— פון אָנפאַנג — האָב איך געלעבט דאָרט מיט די יאַקוטן, אין אַ ביידל, כ׳האָב געמיינט—איך קום שוין אום. דער ווינטער, צו אַלדע רוחות. איז דאָרט, ווייסט איר, אַזעלכער, אַז ביים מענטשן פרירט דער מח. אגב, איז דאָרט דער פאַרשטאַנד אַן איבעריקע זאַך. דערנאָך זע איך: דאָ און דאָרט שטעקט אַרויס אַ רוסישער, זיי זענען נישט געדוכט אָנגעפּיקעוועט, נאָר פונדעסטוועגן — זענען זיי דאָ! און, כדי ס׳זאָל נישט אומעטיק זיין — באַזאָרגט מען זיי מיט בייע. פיינע מענטשן געווען. געווען דאָרט אַ סטודענט וואָלאָ־דימיר קאָראָלענקאָ,—ער האָט זיך איצט אויך צוריקגעקערט. איך האָב מיט אים גוט געלעבט, דערנאָך—איז מען זיך פאַנאַנדערגעּ־גאַנגען. ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז מיר זענען אין אַ סך זאַכן ענלעך אײנער צום צווייטן, און ביי אַ גלייכער פאַר קלעפּט זיך די פריינטשאַפט נישט. אָבער ער איז אַן ערנסטער פאַרעקשנטער מענטש, וואָס איז פעיק צו יעדער אַרבעט. ער האָט אפילו הייליּ־קע בילדער געמאָלט, דאָס איז מיר נישט געפעלן געווען. איצט, זאָגט מען, שרייבט ער גוט אין זשורנאַלן.

אַ לאַנגע צייט, ביז טיף אין דער נאַכט, האָט ער געשמועסט, קענטיק, מיט דער כוונה מיך גלייך פעסט אוועקצושטעלן נעבן זיך. צום ערשטן מאָל איז מיר געווען אַזוי ערנסט־גוט מיט אַ מענטשן. נאָך דעם פרווו פון זעלבסטמאָרד איז מיין באַציונג צו זיך אַליין שטאַרק געפאַלן, כ׳האָב זיך געפילט נישטיק, שולדיק קעגן עמעצן און כ׳האָב זיך געשעמט צו לעבן. ראָמאַס האָט דאָס, ווי עס ווייזט אויס, פאַרשטאַנען, און מענטשלעך, פשוט, עפענעני־דיק פאַר מיר זיין לעבן,—האָט ער מיך אויסגעגלייכט. אַן אומ־פאַרגעסלעכער טאָג.

זונטאָג, נאָך דער מיטאָג־תפילה אין קלויסטער האָבן מיר געעפנט דאָס געוועלב און תיכף האָבן זיך אַרום אונזער גאַניק

אָנגעהויבן זאַמלען פויערן. דער ערשטער איז געקומען מאַטוויי ביאַרינאָוו, אַ שמוציקער, צעשויבערטער מענטש מיט לאַנגע מאַלפּע-שע הענט און מיט אַ צעשטרייטן בליק פון שיינע, ווייבערישע אויגן.

— וואָס הערט זיך אין שטאָט? — האָט ער אַ פרעג געטון באַגריסנדיק אונז און, נישט דערוואַרטנדיק קיין תשובה, אַ געשריי געטון צום אָנקומענדיקן קוקושקין:

— סטעפּאַן! דיינע קעץ האָבן שוין ווידער אויפגעפרעסן אַ האָן!

און האָט גלייך דערציילט, אַז דער גובערנאַטאָר איז אַוועק-געפאָרן פון קאַזאַן קיין פּעטערבורג צום קייסער זיך משתדל זיין, אַז מ'זאָל אַלע טאַטערן פאַרשיקן קיין קאַווקאַז און טורקעסטאַן. ער האָט געלויבט דעם גובערנאַטאָר:

— אַ חכם! פאַרשטייט זיין עסק...

— דו האָסט דאָס אַלץ אַליין אויסגעקלערט, — האָט רויק באַמערקט ראָמאַס.

— איך? ווען?

— כ'ווייס נישט...

— ווי ווייניק די גלויבסט, אַנטאָניטש, די מענטשן, — האָט באַרינאָוו געזאָגט מיט פאַרוואורף, באַדויערנדיק צושאָקלענדיק מיטן קאָפּ.— און איך האָב רחמנות אויף די טאָטערן. צו קאַווקאַז דאַרף מען זיך געוויינען.

אַן אַלט, קליין, אויסגעדאַרט מענטשל, אָנגעטון אין אַ גע-שענקטער צעפליקטער „פּאָדיאָווקע“, איז צוגעגאַנגען פאָרזיכטיק, זיין גרוי גרויזיקט האָט געציקט אין קראַמף, אויפמאַכנדיק דערביי די ליפּן מיט אַ קרענקלעכן שמייכל. דאָס שאַרפע, לינקע אויג האָט כסדר געבלינצלט, און איבער אים האָט אויפגעציטערט אַ גרויער ברעם, וואָס איז געווען דורכגעהאַקט פון העפטן.

— מיין אַכטונג פאַר מיגונען!—האָט באַרינאָוו שפּאָטיש גע-זאָגט.—וואָס האָט מען געגנבעט ביינאַכט?

— דיין געלט — האָט מיט אַ קלינגדיקן טענאָר געענטפערט מיגון, אַראָפּנעמענדיק דאָס היטל פאַר ראָמאַסן.

פון הויז איז אַרויס דער באַלעבאָס פון אונזער הייזל און

אונזער שכן פאנקאָוו, אין אַ מאַרינאַרקע, מיט אַ רויטטיכל אויפן האַלז, אין קאַלאָשן און מיט אַ לאַנג קיטל, ווי אַ לייצע, אויפן ברוסט. ער האָט אָפּגעמאָסטן מיגונען מיט אַ בייזן בליק:

— אויב דו, אַלטער טייוול, וועסט אין שטאָט קריכן צו מיר, וועל איך דיר — מיט אַ פלאָקן די פיס אונטערהאַקן.

— ס'הייבט זיך שוין אָן דער אַלטער שמועס — האט רויק באַמערקט מיגון, און, אפּזיפצנדיק צוגעגעבן: — ווי קאָן מען לעבן — אָן שלעגערייַ?

פאַנקאָוו האט אים אנגעהויבן זידלען, און ער האט ווייטער געזאגט:

— בין איך שוין באמת אזוי אַלט? אינגאַנצן זעקסאונפער־ציק יאר....

— און צו פּסח צו ביסטו אַלט געווען דרייאונפופציק — האט באַרינאָוו אויסגעשריגן — האסט אַליין געזאגט — דרייאונפופ־ציק. צי וואס לייגסטו?

ס'איז צוגעקומען דער סאָלידער, בערדיקער זקן סוסלאָוו*) און דער פישער איזאָט, אַזוי האבן זיך ארום פאַרזאַמלט אַ מאַן צען. דער כאַכאָל איז געזעסן אויפן גאַנעק, ביים טיר פון געוועלבי־רויכערנדיק די לולקע, צוהערנדיק אַ שווייגנדיקער דעם געשפּרעך פון די פויערים, זיי האבן זיך צעזעצט אויף די טרעפּלעך פון גאַ־ניק און אויף די בענקלעך, פוןביידע זייטן גאַניק.

דער טאָג איז געווען אַ קאַלטער אַ בונטער, איבערן בלויען פון ווינטער דורכגעפרוירענעם הימל האבן זיך שנעל געטראָגן וואָלקנס, פלעקן פון ליכט און שאָטנס האבן זיך געבאָדן אין די טייכלעך און אין די קאַלוזשעס, דאַ בלענדנדיק די אויגן מיט אַ העלער שיין, דאַ גלעטנדיק דאָס אויג מיט אַ סאַמעטענער ווייכ־קייט. פאַרפּוצטע מיידלעך זענען פונקט ווי פּאַוועס געשוואומען מיט דער גאַס אַראָפּ, צו דער וואָלגע, זיי האבן געשפּרייזט איבער לו־זשעס, אויפהויבנדיק די קליידלעך און אַרויסשטעלנדיק די טשוגונענע

---

*) איך בעדענק שלעכט די פאַמיליעס פון די פויערים, איך האָב זיי, מסתמא, איבערגעדרייט אָדער פאַרגרייזט

שיך. ייִנגלעך מיט לאַנגע ווענטקעס אויף די פּלייצעס זענען געלאָפן, סאָלידע פּויערן זענען אַריבער פאַרבײַ, אָנקוקנדיק קרום די גרופּע נעבן אונזער געוועלב, שטום אויפהויבנדיק די היטלען און די פילצענע היט.

מיגון און קוקושקין האָבן גוטמוטיק דורכגעשמועסט די אומקלאָרע פראַגע — ווער עס שלאָגט זיך בעסער: אַ סוחר אָדער אַ פּריץ? קוקושקין האָט דערוויזן — אַז אַ סוחר, מיגון האָט פאַרטיידיקט דעם פּריץ, און זיין קלינגנדיק טענאָרל האָט מנצח געווען קוקושקינס צעשויבערטע רייד.

— נאַפּאָלעאָן באָנאַפּאַרטע האָט דעם הער פּינגאַראָווס פּאַפּאַ געריסן פאַרן באָרד, און דער הער פּינגאַראָוו פּלעגט אָפּטמאָל אַ כאַפּ טון אַ פּאָר פּויערן פאַר די פּעלעכלעך, ביים קאָרק, פּלעגט פאַנאַנדערנעמען זיינע הענטלעך און אַ זעץ טון זיי מיט די שטערנס—פּאַרטיק! ביידע בלייבן ליגן אויף אַן אָרט.

— אויף אַזאַ אופן—קאָן מען בלייבן ליגן!—האָט קוקושקין מסכּים געווען, נאָר צוגעגעבן: — נו, דערפאַר אָבער עסט אַ סוחר מער פאַרן פּריץ...

זיצנדיק אויפן אויבערשטן טרעפּל פון גאַניק האָט זיך דער אַנגעזועגער סוסלאָוו געקלאָגט:

— דער פּויער מיכאַילאָ אַנטאָניטש האַלט זיך איצט נישט פעסט אויף דער ערד! בעת עס זענען געווען די פּריצים, האָט מען נישט געלאָזט לעבן סתּם אין דער וועלט אַריין, איטלעכער האָט געמוזט זיין צוגעשמידט צו זיין אַרבעט...

— נו, גיב דו אָן אַ ביטע, מ'זאָל ווידער איינפירן לייבאייגנטום,—האָט אים געענטפערט איזאָט. ראָמאַס האָט אויף אים שווייגנדיק אַ קוק געטון און אָנגעהויבן אויסקלאַפּן די לולקע אָן פּאַרענטש פון גאַניק.

איך האָב געוואַרט: ווען וועט ער—שוין אָנהייבן צו רעדן? און הערנדיק דאָס גערייד פון די פּויערן, וואָס האָט זיך ווייניק געקלעפּט, האָב איך זיך געפּרווט פאָרשטעלן, וואָס וועט דערויף זאָגן דער כאָכאָל? מיר האָט זיך געדוכט, אַז ער האָט שוין אייניקע מאָל דורכגעלאָזן דעם פּאַסיקן מאָמענט אַריינצומישן זיך אין

דעם געשפּרעך פון די פויערן. נאָר ער האָט גלייכגילטיק גע־שוויגן און איז געזעסן אומבאַוועגלעך, ווי אַ גולם, צוקוקנדיק, ווי דער ווינט קנייטשט דאָס וואַסער אין די קאַלוזשעס און טרייבט די וואָלקנס, צוזאַמענדרעגנעגנדיק זיי אין אַ געדיכט־גרויער כמאַרע. אויפן טייך האָט געפייפט דער דאַמפער, פון אונטן האָט זיך גע־טראָגן אַ קוויטשנדיקער געזאַנג פון מיידלעך, ס'האָט צוגעשפּילט אַ האַרמאָניק. מיטן גאַס אַראָפּ האָט געשפּרייזט אַ שיכּור און דער־ביי געשלוקערצט און געוועוועט, וואַרפנדיק אין דער לופט מיט די הענט, זיינע פיס האָבן זיך אומנאַטירלעך געוואַקלט, טרעפנדיק פונקט אין די לוזשעס. די פויערן האָבן אַלע גערעדט געלאַסן, אַ שטילער קומער האָט זיך געהערט אין זייערע ווערטער, און מיך האָט אויך עפּעס געריירט פאַרן האַרצן, ווייל דער קאַלטער הימל האָט געדראָט מיט רעגן, און מיר האָט זיך דערמאָנט דער אום־אויפהערלעכער שטאָטישער געפילדער, זיינע פאַרשיידנאַרטיקע קלאַנגען, דער שנעלער לויף פון די מענטשן אויף די גאַסן, די לעבעדיקייט פון זייער לשון, די שפע פון ווערטער, וואָס רייצן אויף דעם שכל.

אין אָוונט, ביים טיי טרינקען, האָב איך געפרעגט דעם כאָכאָל:

— און ווען רעדט ער מיט די פויערן?

— וועגן וואָס?

— אַהאַ, — האָט ער געזאָגט, אויסהערנדיק אויפמערקזאַם מיינע רייד—ווייסט איר, אויב איך וואָלט מיט זיי גערעדט וועגן דעם, און נאָך דערצו אין דרויסן, וואָלט מען מיך ווידער פאַר־שיקט צו די יאַקוטן...

ער האָט אָנגעשטאָפּט זיין לולקע מיט טאַבאַק, האָט זי פאַר־נאַנדערגערויכערט, איינהילנדיק זיך גלייך אין אַ וואָלקן מיט רויך און, האָט אָנגעהויבן צו רעדן געלאַסן, ווי אַ לעקציע, וועגן דעם, אַז דער פויער איז אַ מענטש אַ פאַרזיכטיקער, אָן צוטרוי. ער — האָט פאַר זיך אַליין מורא, ער האָט מורא פאַר זיין שכן און באַ־זונדערס—פאַר יעדן פרעמדן. קיין דרייסיק יאָר זענען נאָך נישט אַוועק זינט ער האָט באַקומען די פרייהייט, יעדער פערציקיעריי־קער פויער איז געבוירן געוואָרן אַ קנעכט און געדענקט עס.

וואָס אַזוינס איז פרייהייט — איז שווער צו פאַרשטיין. פשוט באַטראַכט — באַדייט דאָס וואָרט פרייהייט: איך לעב, ווי איך וויל. אָבער—אומעטום זענען פאַראַן הערשער און אַלע שטערן צו לעבן. דער קייסער האָט אַוועקגענומען די פויערן ביי די פּריצים. דאָס באַטייט, אַז דער קייסער איז איצט דער איינציקער באַלעבאָס איבער די פויערן. און ווידעראַמאָל: וואָס איז פאָרט אַזוינס פרייהייט? פלוצלינג וועט קומען אַ טאָג, ווען דער קייסער וועט דערקלערן, וואָס זי איז אַזוינס. דער פויער גלויבט שטאַרק אין אַן איינציקן קייסער, וואָס איז דער האַר איבער דער גאַנצער ערד מיט אירע אוצרות. ער האָט אָפּגענומען די פויערן ביי די פּריצים — קאָן ער אויך אַוועקנעמען די שיפן און די געשעפטן ביי די סוחרים. דער פויער איז אַן אָנהענגער פון צאַר, ער פאַרשטייט: אַ סך הערשער—איז שלעכט, איינער—איז בעסער. ער וואַרט, אַז עס וועט קומען אַ טאָג, ווען דער צאַר וועט אים געבן צו וויסן דעם זין פון פרייהייט. און דאַמאָלסט — כאָטש יעדערער, ווער וואָס עס קאָן. אַלע גאַרן זיי אויף דעם טאָג און איטלעכער—האָט מורא, יעדערער פון זיי לעבט אויף דער וואַך אין זיך: ער זאָל חלילה נישט פאַרזען דעם ענטגילטיקן טאָג פון דער אַלגעמיינער חליקה. און — ער האָט מורא פאַר זיך אַליין: ער וויל אַ סך און עס איז דאָ וואָס צו נעמען, אָבער — ווו נעמט מען? אַלע שאַרפן די ציין אויף דער זעלביקער זאַך. דערצו נאָך איז אומעטום פאַראַן — אַן אומצייליקע צאָל פון „נאַטשאַלסטוואָ”, וואָס זענען אָפּן פיינטלעך צום פויער, און אפילו צום קייסער. אָבער — אָן „נאַטשאַלסטוואָ” קאָן מען זיך נישט באַגיין, מ׳וועט זיך די אויגן אויסרייסן, איינער דעם אַנדערן דערשטיקן.

דער ווינט האָט בייז געשמיסן אין די שויבן מיט אַ פולן פרילינגס-רעגן. אַ גרויער נעפּל האָט זיך פאַרשפּרייט איבער דער גאַס;—ביי מיר אויף דער נשמה איז אויך געוואָרן גרוילעך און אומעטיק. אַ רויקע שטילע שטים האָט באַדעכטיק גערעדט:

— גיט אַריין דעם פויער שכל, ער זאָל זיך ביסלעכווייז אויסלערנען אַרייננעמען די משפּחה פון צאַר אין זיינע אייגענע הענט, רעדט אין אים צריין, אַז אַ פאָלק מוז האָבן דאָס רעכט

אויסצוקלייבן זיינע באמטע פון זיך אליין, אי א פריסטאוו, אי א גובערנאטאר, און אפילו א קייסער...

— דאס איז א מעשה—אויף הונדערט יאר!...

— און איר רעכנט פארטיק ווערן דערמיט צום קומענדיקן יום־טוב?—האט ערנסט געפרעגט דער כאכאל.

אין אוונט איז ער ערגעץ־ווו אוועק און אזייגער עלף האב איך דערהערט אויפן גאס א שאס, — ס'האט א קנאל געטון ערגעץ נאענט. ארויסשפרינגענדיק אין דער פינסטערניש, אונטערן רעגן, האב איך דערזען, ווי מיכאיל אנטאניטש גייט צום טויער, א גרויסער, א שווארצער, פינקטלעך און נישט איילנדיק אויסמיידנדיק די שטראמען וואסער.

— איר זענט עס—וואס איז? דאס האב איך אויסגעשאסן...

— אין וועמען?

— דא זענען אויף מיר אנגעפאלן אומבאקאנטע פארשוינען מיט פלעקער. איך זאג—טרעט אפ, כ'וועל שיסן,—הערן זיי נישט. נו, האב איך אויסגעשאסן אין הימל,—אים וועט נישט שאדן...

ער איז געשטאנען אין פאדערהויז, אויסטוענדיק זיך און אויסדרייגענדיק מיטן האנט די נאסע באָרד און האט אפגעבלאזן פון זיך, ווי א פערד.

— און די שטיוול מיינע צום טייוול, ווייזט זיך אויס, טויגן נישט! מ'דארף זיך איבערטון. איר קענט רייניקן א רעוואלווער? זייט אזוי גוט, ווען נישט וועט ער פאררוסטט ווערן. שמירט אויס מיט נאפט...

זיין פעסטע רויקייט, דער שטילער עקשנותדיקער בליק פון זיינע גרויע אויגן האבן מיך ארייגעבראכט אין התפעלות. נאכדעם אין צימער, פאנאנדערקעמענדיק די באָרד פארן שפיגל, האט ער געווארנט:

— זייט אפגעהיטער, ווען איר גייט איבערן דארף, דערהויפט — אין די חגאות אינאוונט, מ'וועט אייך אויך, מסתמא, וועלן שלאגן, נאר קיין שטעקן זאלט איר מיט זיך נישט טראגן, דאס רייצט אויף די שלעגער, און קאן זיי ארייגעבן א געדאנק, אז איר האט מורא, און מורא האבן—דארף מען נישט! זיי זענען אליין גרויסע פחדנים...

כ׳האָב אָנגעהויבן לעבן זייער גוט. יעדער טאָג פלעגט מיר ברענגען עפּעס נייעס און וויכטיקס. כ׳האָב מיט גרויס חשק אָנגע-הויבן צו לייענען ביכער איבער נאַטורוויסנשאַפט, ראַמאַס האָט מיך געלערנט:

— דאָס, מאַקסימיטש, דאַרף מען קודם כל און בעסער פאַר אַלץ וויסן. אין דער דאָזיקער וויסנשאַפט איז אַריינגעלייגט גע-וואָרן דער בעסטער מענטשלעכער שכל.

אין די אָוונטן, דריי מאָל אַ וואָך, פלעגט איזאַט קומען, כ׳האָב אים געלערנט לייענען און שרייבן. פון אָנהייב האָט ער זיך באַצויגן צו מיר אָן צוטרוי, מיט אַ לייכטן שמייכל, נאָר נאָך עטלעכע לעקציעס האָט ער גוטמוטיק געזאָגט:

— דו גיסט צו פאַרשטיין! דו וואָלסט, ברודערקע, געדאַרפט זיין אַ לערער... און — פּלוצלינג האָט ער פאָרגעלייגט:

— דו, זעסטו מיר אויס צו זיין אַ געזונטער, נו, לאָמיר אַ פּרוּוו טון ווער וועמען וועט אַריבערציען אויף אַ שטעקן.

מ׳האָט געבראַכט אַ שטעקן פון קיך און מיר האָבן זיך גע-זעצט אויף דער פּאָדלאָגע. איינשפּאַרנדיק איינער אין אַנדערן זויל צו זויל. מיט די פיס האָבן מיר זיך לאַנג אָנגעשטרענגט אויפצוהייבן איינער דעם צווייטן פון דער פּאָדלאָגע, און דער כאָכאָל האָט, שמייכלענדיק, אונז אונטערגעהעצט.

— נו, אַט? — אַט!

איזאַט האָט מיך אויפגעהויבן און דאָס האָט, דוכט מיר, באַכמער געווירקט איך זאָל געפינען חן אין זיינע אויגן.

— נישקשה, דו ביסט — געזונט! האָט ער מיך געטרייסט — אַ שאָד, וואָס דו האָסט נישט ליב צו כאַפּן פיש, כ׳וואָלט דיך מיט-גענומען אויף דער וואָלגע. ביינאַכט איז אויף דער וואָלגע — אַ גן עדן!

געלערנט האָט ער זיך פלייסיק, געהאַט אַ נישקשהדיקע פעולה און דערביי מאָדנע שיין זיך געחידושט. בעת דער לעקציע, פלעגט טרעפן, אַז ער פלעגט זיך פּלוצלינג אָוועקשטעלן, אַראָפּנעמען אַ בוך פון פּאָליצע, פלעגט אויפהייבן הויך די ברעמען, מיט אָנ-

שטרענגוּנג איבערלייענען צוויי דריי שורות און, רויט ווערנדיק, געקוקט אויף מיר און זיך געחידושט:

— איך לייען דאָך טאַקע, אַ רוח אין זיין טאַטן אַריין! און ער חזרט איבער, פאַרמאַכנדיק די אויגן:

— ווי אַ מוטער, וואָס קלאָגט אויפן קבר פון קינד,
קרעכצט דער זומפ־פייגל אויף אומעטיקן פעלד...

— האָסטו געזען?

עטלעכע מאָל האָט ער שטילערהייט, מיט פאַרזיכט געפרעגט:

— דערקלער זשע מיר, ברודער, ווי קומט דאָס, פונדעסט־וועגן, אַרויס? קוקט זיך אַ מענטש אויף די דאָזיקע פּאַסקעלעך, און זיי לייגן זיך צענויף אין ווערטער און איך ווייס זיי, פונקט ווי אונזערע ווערטער וואָלטן לעבן! ווי אַזוי ווייס איך דאָס? קיי־נער זאָגט מיר זיי נישט אונטער. וואָלטן דאָס כאָטש געווען בילד־לעך, איז דאָס נאָך פאַרשטענדלעך. אָבער דאָ, דוכט זיך, ווי די געדאַנקען אַליין וואָלטן געווען אָפּגעדרוקט.—ווי אַזוי איז דאָס?

וואָס האָב איך אים געקאָנט ענטפערן? און מיין ענטפער „איך ווייס נישט״ האָט אַ מענטשן אָנגעמאַכט פאַרדרוס.

— ס'איז אַ כשוף!—האָט ער געזאָגט, זיפצנדיק און באַקוקנ־דיק אַנטקעגן ליכט די זייטלעך פון בוך.

ער האָט פאַרמאָגט אַן אָנגענעמע רירנדיקע תמימות, עפּעס ליטעריש, קינדיש; ער האָט מיר אַלץ מער דערמאָנט דעם ווילן פויער, וועגן וועלכן מ'שרייבט אין ביכלעך. ווי כמעט אַלע פישער, איז ער געווען אַ דיכטער, האָט ליב געהאַט די וואָלגע, די שטילע נעכט, די איינזאַמקייט, דאָס לעבן.

ער האָט געקוקט אויף די שטערן און געפרעגט:

— דער כאָכאָל זאָגט, — דאָרטן, קאָן זיין, זענען אויך דאָ לעבעדיקע נפשות, ווי מיר אַ שטייגער, ווי מיינסטו, איז דאָס אמת? ווען מ'וואָלט זיי נאָר געקאָנט געבן אַ צייכן, אַ פרעג טון—ווי זיי לעבן? ס'קאָן אַמאָל זיין—אַז זיי לעבן בעסער פאַר אונז, פריילעכער...

אין פלוג—איז ער געווען צופרידן מיט זיין לעבן, ער איז אַ יתום, אַ קבצן און פון קיינעם נישט אָפּהענגיק אין זיין שטילער

באַליבטער אַרבעט פון אַ פישער. צו די פויערים אָבער האָט ער זיך באַצויגן פיינטלעך און האָט מיך געוואָרנט:

— דו קוק נישט, וואָס זיי זענען פריינטלעך, דאָס איז אַ כיטרער, פאַלשער עולם, דו גלויב זיי נישט! היינט זענען זיי מיט דיר אַזוי—און מאָרגן—אַנדערש

איטלעכער זאָרגט נאָר פאַר זיך אַליין און די עניִים פון כלל—האַלטן זיי פאַר אַ שווערן עול.

און מיט אַ שנאה, וואָס איז געווען עפּעס אויסטערליש ביי אַ מענטשן מיט אַזאַ ווייכער נשמה, האָט ער גערעדט וועגן די פויערן-פּאַראַזיטן, די קולאַקעס.

— פאַרוואָס—זענען זיי רייכער פאַר אַנדערע? ווייל—זיי זענען קליגער, טאַ, געדענק זשע, דו מנוול, אויב ער איז קלוג: די פויערן דאַרפן לעבן ווי אַ סטאַדע, בשלום, דאַן — זענען זיי אַ כוח! אָבער זיי צעשפּאַלטן דעם דאָרף, ווי אַ שייט האָלץ אויף שפּענדלעך, אָט וואָס! זיי זענען זיך אַליין שונאים. דאָס — איז אַ פאַרברעכעריש פאָלק. אָט ווי דער כאָכאָל מאַטערט זיך מיט זיי...

ער איז געווען אַ שיינער, אַ גבור און האָט דעריבער שטאַרק אויסגענומען ביי פרויען, און זיי האָבן אים באַהערשט.

— געוויס, בין איך אין דעם אַ גאָכגעגעבענער — האָט ער גוטמוטיק מודה געווען. — פאַר די מענער — איז דאָס אַ פאַרדראָס, מיר אַליין וואָלט פאַרדראָסן, ווען איך וואָלט געווען אויף זייער זייט. פונדעסטוועגן, נישט לייגן קיין רחמנות אויף די ווייבער קאָן מען נישט, אַ פרוי, איז פונקט, ווי דיינע אַ צווייטע נשמה. זי לעבט—אָן יום-טובים, אָן צערטלעכקייטן; זי אַרבעט, ווי אַ פערד, און מער גאָרנישט. די מענער האָבן קיין צייט נישט צו ליבן, איך אָבער—בין אַ פרייער מענטש. אַ סך פון די ווייבער באַקומען שוין צום ערשטן יאָר נאָך דער חתונה זייער פאַרציע פויסטן פון די מענער. יאָ, דערין—בין איך זינדיק, איך שטיף מיט זיי. איך בעט ביי זיי נאָר איינס: איר, ווייבער, זענט נאָר נישט בייז איינע אויף די אַנדערע.—כ׳וועל קלעקן פאַר אייך אַלעמען! זייט נישט מקנא איינע די צווייטע, אַלע זענט איר מיר גלייך, כ׳האָב אויף אייך אַלעמען רחמנות...

און שעמעוודיק שמייכלענדיק אין באָרד, האָט ער דערציילט,

— כ'האָב שיר, שיר נישט אַ שטיף געטון מיט איינער אַ פּריצטע — זי איז געקומען פון שטאָט אויף אַ זומער־וווינונג, די פּריצטע. אַ פּאַרשוין, אַ קלאָרע, ווי מילך, און די האָר — פלאַקס. און די אויגעלעך בלויעלעכע, גוטע. כ'האָב איר פּאַרקויפט פיש און פלעג מיך שטענדיק פּאַרקוקן אויף איר. וואָס איז, האָ? — פרעגט זי. איר ווייסט אַליין — זאָג איך. נו, גוט — זאָגט זי,— כ'וועל צו דיר קומען ביינאַכט, וואַרט! און — ריכטיק! — זי איז געקומען. נאָר — פּאַר די קאָמאַרעס האָט זי זיך געשעמט, זיי האָבן זי צעביסן, די קאָמאַרעס, נו, איז ביי אונז גאָרנישט אַרויס. כ'קאָן נישט, זאָגט זי, זיי בייסן מיך זייער, און אַליין שיר זי' וויינט. אין אַ מעת־לעת אַרום איז געקומען איר מאַן, אַ ריכטער עפּעס. אָט, ווער זיי זענען, די פּריצטעס, — האָט ער פּאַרענדיקט אומעטיק און מיט פּאַרוואורף. —די קאָמאַרעס שטערן זיי צו לעבן...

איזאָט האָט שטאַרק געליבט קוקושקינען:

— אָט קוק זיך צו צום פויער, — ער האט אַ פיינע נשמה! מ'האָט אים נישט ליב,—אומזיסט! אמת, ער איז אַ פּלאַפּלער, אַזוי איז דאָס שוין—יעדער האָט זיך זיין כאַראַקטער.

קוקושקין איז געווען אַן אָרעמער פויער, האָט חתונה מיט אַ שכורער לוין־אַרבעטערין, אַ קליינטשקע, נאָר זייער אַ פלינקע, אַ געזונטע און אַ בייזע. זיין שטוב האָט ער פּאַרדינגען אַ שמיד און אַליין האָט ער געוווינט אין באָד, אַרבעטנדיק ביי פּאַנקאָוון. ער האָט שטאַרק ליב געהאַט נייעס, און ווען ס'האָט אים אויסגעפעלט,— האָט ער אַליין צוגעטראַכט פּאַרשיידענע מעשות, אָנציענדיק זיי שטענדיק אויף איין פאָדעם.

— מיכאַילאָ אַנטאָנאָוו—האָסטו געהערט? דער טינקאָווער אוריאַדניק האָט פּאַרלאָזן זיין שטעלע און גרייט זיך צו ווערן אַ גלח. איך וויל נישט מער, זאָגט ער, פּייניקן די פויערים,—געענוג

דער כאָכאָל האָט ערנסט געזאָגט:

— אָט אַזוי וועט זיך די גאַנצע „גאַטשאַלסטעאָ" צעלויפן פון אייך.

אַרויסשלעפנדיק פון די נישט געקעמטע, ברוינלעכע האָר

פון קאָפּ שטרויעלעך, היי, היגערישן פּוך, טראַכט זיך קוקושקין:

— אַלע—וועלן זיי נישט צעלויפן, בלויז יענע, וואָס האָבן יושר אין האַרצן — זיי, געווייגלעך, איז שווער אויף זייערע שטעלעס, צו בלייבן. דו גלויבסט נישט, אַנטאָניטש, ווי איך זע, אין יושר: אָבער, ווי קלוג דו זאָלסט נישט זיין, ווענסטו דאָך אָן יושר נישט דורכלעבן. אָט, הער אויס אַ מעשה...

און ער דערציילט עפּעס וועגן איינער אַ „חכמה" אַ פּריצטע:

— זי איז געווען אַזאַ מרשעת, אַז דער גובערנאַטאָר אפילו, נישט קוקנדיק אויף זיין הויכער שטעלונג, איז געקומען צו איר צו גאַסט: מאַדאַם, זאָגט ער, זייט אויף יעדן פאַל פאָרזיכטיקער, די קלאַנגען פון אייער געמיינער רשעות זענען דערגאַנגען אַזש ביז פּעטערבורג! זי, פאַרשטייט זיך, האָט אים מכבד געווען מיט איינגעשטאַנענעם בראָנפן און אַליין זאָגט זי: פּאָרט געזונטערהייט, איך קאָן מיין נאַטור נישט איבערמאַכן! ס׳זענען אַריבער דריי יאָר מיט אַ חודש, און פּלוצלינג רופט זי צונויף די פּויערן: — אָט, זאָגט זי, האָט איר מיין גאַנצן באַדן, זייט מיר געזונט און זייט מיר מוחל, און איך וועל...

— אין מאַנאַסטיר,—זאָגט אונטער דער כאָכאָל.

קוקושקין קוקט אים אויפמערקזאַם אָן און באַשטעטיקט:

— מסתמא, אַן אָנפירערין אין אַ מאָנאַסטיר! הייסט עס — אַז דו האָסט אויך געהערט וועגן איר?

— כ׳האָב קיינמאָל נישט געהערט.

— פונוואַנען זשע ווייסטו?

— איך — קען דיך.

דער פאַנטאַזיאָר מורמלט, שאָקלענדיק מיטן קאָפּ.

— האָסט שוין גאָר קיין צוטרוי נישט צו מענטשן...

און אַזוי כסדר: די שלעכטע, בייזע מענטשן פון זיינע מעשות ווערן מיד פון שלעכטס-טון און ווערן נעלם „ווי אין וואַסער אַריין", נאָר עפּטער, שיקט קוקושקין זיי אָפּ אין מאַנאַסטיר, ווי מיסט צום מיסט-פּלאַץ.

עס קומען אים אַרויף אויפן געדאַנק אומדערוואַרטע און מאָדנע רעיונות,—פּלוצלינג ברוגזט ער זיך אָן און רופט אויס:

— אַ שאָד, וואָס מיר האָבן באַזיגט די טאָטערן — די טאָטערן זענען בעסער פאַר אונז! — און וועגן די טאָטערן האָט גאָר קיינער נישט גערעדט, מ׳האָט גאָר גערעדט בשעת מעשה וועגן אָרגאַני־זירן אַן ארטעל פון די באַלעבאַטים פון סעדער.

ראַמאַס דערציילט וועגן סיביר, פון דעם רייכן סיבירער פויער, נאָר פלוצלינג מורמלט קוקושקין פאַרטראַכט:

— ווען מ׳זאָל די הערינג אַ יאָר־צוויי נישט פאַנגען, קע־נען זיי זיך אזוי פאַרמערן, אַז דער ים וועט אַרויס פון די ברעגן און וועט פאַרפלייצן די מענטשן, אַן אויסערגעוויינלעך פרוכט־באַר פישל!

אין דאָרף האַלט מען קוקושקינען פאַר אַ פוסטן מענטשן. זיינע מעשות און די משונהדיקע געדאַנקען זיינע רעגן אויף די פויערן, אַרויסרופנדיק ביי זיי זידלעריי און שפּאַט, אָבער הערן, הערן זיי אים אויס מיט אינטערעס, פּונקט ווי זיי וואָלטן בעהאַפט אַרויסצוגעפינען דעם אמת אין זייגע אויסגעטראַכטע מעשות.

— פוסטער פלאַפלער, — זאָגן וועגן אים די חשובע לייט און נאָר דער פראַנט פאַנקאָוו זאָגט ערנסט:

— סטעפּאַן, — איז אַ מענטש אַ רעטעניש...

קוקושקין איז זייער אַ פעיקער אַרבעטער, ער איז אַ באָנ־דער, אַ מולער, קען זיך אויף בינען, לערנט די ווייבער האָ־דעווען עופות, איז אַ בריה אין בויען און צו אַלץ טויג ער, הגם ער פאַרקעט זיך אין אַרבעט אָן חשק. ער האָט ליב קעץ, ער האַלט ביי זיך אין באָד אַ שטיק צען זאַטע חיות, גרויסע און קליינע, ער שפייזט זיי מיט קראָען, מיט וואַלד־ראָבן און, צוגעוויינענדיק די קעץ צו עסן עופות, האָט ער דערמיט נאָך שטאַרקער אויפגערייצט די מענטשן קעגן זיך: זיינע קעץ שטיקן די הינער מיט די הינדעלעך, און די ווייבער יאָגן זיך נאָך סטעפּאַנס חיות און דערשלאָגן זיי אומברחמנותדיק. נעבן קוקוש־קינס באָד הערן זיך אפט צאָרנדיקע קוויטשערייען פון די צעקלעמטע באַלעבאָסטעס, אָבער דאָס רירט אים ווייניק אָן:

— נאַראָנים, אַ קאַץ — איז אַ יאגד־חיה, זי איז פלינקער פאַר אַ הונט. אָט וועל איך זיי אויסלערנען פאַנגען עופות, מיר

וועלן פאַרפירן הונדערטער קעץ — זיי פאַרקויפן, וועט איר, טפשות, האָבן פרנסה!

ער האָט אַמאָל געקאָנט לייענען און שרייבן, נאָר — ער האָט פאַרגעסן, און דערמאָנען זיך — וויל ער נישט. זייענדיק בטבע אַ קלוגער, האָט ער שנעלער פאַר אַלעמען פאַרשטאַנען דעם עיקר פון דעם כאָכאָלס געשיכטעס.

— אַזוי, אַזוי, — זאָגט ער, קרימענדיק דאָס פּנים, ווי אַ קינד, וואָס שלינגט אַראָפּ אַ ביטערע רפואה: — הייסט עס, אַז איוואַן דער גרויזאַמער איז פאַרן אָרעמען פאָלק דווקא נישט שעדלעך געווען...

ער, איזאָט און פּאַנקאָוו קומען צו אונז אין די אָוונטן און, נישט זעלטן, זיצן זיי אַריין ביז האַלבער נאַכט, צוהאָרכנדיק זיך צו דעם כאָכאָלס געשיכטעס וועגן דעם, ווי די וועלט איז געבויט, וועגן לעבן פון די אויסלענדישע מלוכות, וועגן די רעוואָלוציאָנערע קאָנוווּלסיעס פון די פעלקער. פּאַנקאָוו געפעלט די פראַנצויזישע רעוואָלוציע.

— אָט דאָס—איז אַן אמתע איבערקערעניש אין לעבן,— שטימט ער צו.

מיט אַ יאָר צוויי צוריק איז ער אַוועק פון זיין טאַטן, אַ רייכן פּויער מיט אַ גרויסער וואָליע און שרעקלעך גרויסע אויסגעגלאָצטע אויגן, האָט חתונה געהאַט „אויס ליבע" מיט איזאָטס אַ פּלימעניצע, אַ יתומה, האַלט זי שטרענג, נאָר קליידט זי שטאָטיש. דער טאַטע האָט אים פאַרשאָלטן פאַר זיין ווידערשפּעניקייט און פאַרבייגייענדיק פאַרביי זיין זונס ניי הייזל, שפייט ער פאַרביטערט אויס דערויף. פּאַנקאָוו האָט אָנגעגעבן ראָמאַסן אין אַרענדע זיין הויז און צוגעבויט צום הויז אַ געוועלב קעגן דעם ווילן פון די דאָרפישע גבירים, און זיי האַסן אים דעריבער, ער אָבער באַציט זיך צו זיי אויסערלעך גלייכגילטיק, רעדט וועגן זיי מיט בטול, נאָר מיט זיי אַליין—רעדט ער גראָב און שפּאָטיש. דאָס לעבן פון דאָרף איז אים צו לאַסט:

— ווען איך וואָלט געקאָנט עפּעס אַ מלאכה—וואָלט איך געוווינט אין שטאָט...

ער איז אַ שטאַלטנער, פיינער מענטש, שטענדיק ריין אָנגעטון, ער האַלט זיך סאָליד און איז זייער עגאָיסטיש; ער איז בטבע פאַרזיכטיק און נישט צוטרויליך.

— איז דאָס ביי דיר פון האַרצן אָדער מיט אויסרעכע־נונג, אַט דער עסק דיינער? פרעגט ער ביי ראַמאַסן

— און—ווי מיינסטו?

— ניין—זאָג דו.

— און ווי מיינסטו, ווי איז בעסער?

— כ'ווייס נישט! און—ביי דיר, ווי קומט אויס?

דער כאָכאָל איז עקשנותדיק און סוף־כל־סוף צווינגט ער דעם פויער אַרויסצוזאָגן זיך.

— גלייכער, פאַרשטייט זיך, איז פון שכל! דער שכל לעבט נישט אָן נוצן, און וווּ ס'איז דאָ נוץ — דאָרט איז דער ענין אַ פעסטער. דאָס האַרץ — איז פאַר אונז אַ שלעכטער בעל־יועץ. ווען איך זאָל נאָכגיין נאָכן פאַרלאַנג פון מיין האַרץ, וואָלט איך אַזוינס אָפּגעטון — אַ שרעק! דעם גלח וואָלט איך אָן שום ספק אונטערגעצונדן,—רוק נישט די נאָז, וווהין מ'דאַרף נישט!

דער גלח, אַ בייזער אַלטעטשקער, מיט אַ גאָמבעלע פון אַ מוילוווּרף, האָט שטאַרק אָפּגעטון פאַנקאָוון דערמיט, וואָס ער האָט זיך אַריינגעמישט אין דער מחלוקת צווישן אים מיט זיין פאָטער.

פון אָנהייב האָט זיך פאַנקאָוו באַצויגן צו מיר אומ־פריינטלעך און כמעט מיט שנאה, אפילו אָפּט אָנגעשריען אויף מיר מעשה־באַלעבאָס, אָבער אינגיכן איז דאָס ביי אים פאַר־שוווּנדן, הגם, איך האָב געפילט, אַז ס'איז ביי אים נאָך גע־בליבן אַ באַהאַלטענער אומצוטרוי צו מיר. אגב איז מיר אויך פאַנקאָוו געווען נישט צום האַרצן.

איך געדענק זייער גוט די אָוונטן אין דעם קליינעם זוי־בערן צימערל מיט די קלעצער־ווענט. די פענסטער זענען פעסט פאַרמאַכט מיט לאָדנס, אויפן טיש, אין אַ ווינקל, ברענט אַ לאָמפּ, פאַר דער לאָמפּ זיצט אַ מענטש, מיט אַ האַרטן שטערן, גלאַט אָפּגעשוירן מיט אַ לאַנגער באָרד. ער זאָגט:

— דער מהות פון לעבן באַשטייט דערין, אַז דער מענטש זאָל זיך וואָס מער דערווייטערן פון דער בהמה...

דריי פויערן האָרכן זיך אויפמערקזאַם צו, אַלע האָבן זיי גוטע אויגן, קלוגע פּנימער. איזאַט זיצט שטענדיק אומבאַוועגלעך, ווי ער וואָלט זיך צוהערן צו עפּעס פון דער ווייט, וואָס נאָר ער אַליין הערט. קוקושקין דרייט זיך אַרום, פונקט, ווי קאָמאַרעס וואָלטן אים בייסן, און פאַנקאָוו דענקט שטילערהייט, צופנדיק די בלאָנדע וואָנסעלעך:

— ס'הייסט, אַלזאָ,— אַז דאָס פאָלק האָט זיך געמוזט צעטיילן אויף שטאַנדן.

מיר געפעלט זייער, וואָס פאַנקאָוו רעדט קיינמאָל נישט גראָב מיט זיין פּאַרובאַק קוקושקין, און הערט אויפמערקזאַם אויס די אינטערעסאַנטע אויסגעטראַכטע מעשות פון דעם פאַנטאַזיאָר.

ווי עס ענדיקט זיך דער שמועס,—גיי איך אַרויף צו זיך אויפן בוידעם און זיץ דאָרט ביים אָפענעם פענסטער, קוקנדיק אויפן איינגעשלאָפענעם דאָרף און אויף די פעלדער, ווו די שטילקייט הערשט פעסט איבער אַלץ. די נאַכט־פינסטערניש איז דורכגענומען מיט גלאַנץ פון די שטערן, וואָס זעען אויס צו זיין נאָענטער צו דער ערד, וואָס ווייטער זיי זענען צו מיר; דאָס שטילשווייגן דרינגט אריין און קלעמט צונויף דאָס האַרץ, און דער געדאַנק צעשווימט זיך אין דעם אומענדלעכן רוים. איך זע טויזנטער דערפער, וואָס זענען פונקט אַזוי שווייגנדיק צוגעטוליעט צו דער פלאַכער ערד, ווי אונזער דאָרף. ס'איז אַ שטילקייט, קיין זאַך רירט זיך נישט.

די נעפּלדיקע פוסטקייט נעמט מיך וואַרעם אַרום, זויגט זיך איין ווי טויזנטער אומגעזעענע פּיאַווקעס אין מיין נשמה, און, ביסלעכווייז דערפיל איך אַ שלעפערדיקע שוואַכקייט, אַ טונקעלע זאָרג רעגט מיך אויף. קליין און נישטיק בין איך אויף דער ערד...

אומהיימלעך שטעלט זיך מיר פאָר דאָס לעבן פון דאָרף. כ'האָב אַ סך מאָל געהערט און געלייענט, אַז אין דאָרף לעבן

די מענטשן געזונטער און האַרציקער, ווי אין שטאָט. איך — זע אָבער די פויערן אין אומאויפהערלעכער שווערער האָרעוואַניע, צווישן זיי זענען דאָ אַ סך קראַנקע, אָפגעלעבטע און נישטאָ כמעט קיין פריילעכע מענטשן. די שטאָטישע בעלי מלאכות און אַרבעטער, אַרבעטנדיק נישט ווייניקער, לעבן פריילעכער און נישט אַזוי לאַנגווייליק, קלאָגן זיך נישט אַזוי דערווידערלעך אויפן לעבן, ווי די דאָזיקע פאַרכמורעטע מענטשן. דאָס לעבן פון פויער שיינט מיר צו זיין נישט אַזוי פשוט, עס פאָדערט אַן אָנגעשטרענגטע אויפמערקזאַמקייט צו דער ערד און אַ וואַכעדיקע כיטרעקייט אין באַציונג צו מענטשן. און גאָרנישט האַרציק איז דאָס דאָזיקע ווייניק־שכלדיקע לעבן, ס'איז קענטיק, אַז אַלע מענטשן פון דאָרף לעבן טאַפנדיק, ווי בלינדע, שרעקן זיך פאַר עפעס, גלויבן נישט איינער דעם צווייטן, עפעס וואָלפישעס באַמערקט זיך ביי זיי.

מיר איז שווער צו פארשטיין, פאַרוואָס זיי האָבן אַזוי עקשנותדיק נישט ליב דעם כאָכאָל, פאַנקאָוון און אַלע „אונזערע" מענטשן, וועלכע ווילן לעבן מיט שכל.

איך זע בולט די מעשות פון שטאָט, איר דאָרשט נאָך גליק, די חוצפהדיקע נייגעריקייט פון איר שכל, די פאַרשידנאַרטיקייט פון אירע ציִלן און אויפגאַבן, און תמיד אין אַזוינע נעכט דערמאָן איך מיר די צוויי שטאָט־לייט:

„פ. קאַלוגין און ז. נעביי".

„זייגערמאַכערס, נעמען אויך אָן צום פאַרריכטן פאַרשידענע אַפאַראַטן, כירורגישע אַנסטרומענטן, ניי־מאַשינעס, שפּילקאַסטנס פון אַלערליי סיסטעמען א. א."

דאָס דאָזיקע שילדל געפינט זיך איבער אַ שמאָלער טיר פון אַ קליין געוועלבל, ביי ביידע זייטן פון דער טיר געפינען זיך צוויי שטויביקע פענסטער, ביי איינעם פון די פענסטער זיצט פ. קאַלוגין, אַ פליכעוואַטער, מיט אַ גוז אויפן געלן שיידל און מיט אַ לופּע אויף איין אויג. ער האָט אַ רונד פנים, א פעסטס און ער שמייכלט כסדר, פאָרנדיק מיט אַ דין צווייגל אין דעם געווערק פון זייגער, אָדער ער זינגט עפעס אונטער

עפּענעדיק דערבײַ דעם רונדן מויל, וואָס איז באַהאַלטן אונ־טער אַ בערשטל פֿון גרויע וואָנסן. ביים צווייטן פענסטער זיצט ז. נעבײַ, אַ געקרײַזלטער, אַ שוואַרצער, מיט אַ גרויסער, קרו־מער נאָז, מיט גרויסע אויגן, ווי פּלוימען און אַ שפּיציק בערדל. ער איז טרוקן און דאַר און זעט אויס, ווי אַ טײַוול. אויך ער קלויבט פֿאַנאַנדער און שטעלט צוזאַמען עפּעס דינע שטיקלעך און, צײַטנווייַז, הייבט ער אָן אומדערוואַרט שרײַען אויף אַ באַס:

— טראַ–טאַ–טאַם, טאַם, טאַם!

הינטער זייערע רוקנס זענען כּאַאָטיש אָנגעשטעלט קאַס־טנס, מאַשינעס, עפּעס אַזעלכע רעדער, גלאָבוסן, אומעטום אויף די פּאָליצעס שטייען פֿאַרשיידנאַרטיקע מעטאַלענע חפצים, און אַ סך זייגערס אויף די ווענט שאָקלען מיט די אומרוען. כ׳בין גרייט אַ גאַנצן טאָג צו קוקן, ווי עס אַרבעטן די דאָזיקע מענטשן, אָבער מײַן לאַנגער קערפּער פֿאַרשטעלט זיי די ליכ־טיקייט, זיי שטעלן אויף מיר אָן מוראדיקע פּנימער, מאַכן מיט די הענט — טרײַבן מיך אַוועק. אַוועקגייענדיק, טראַכט איך מיט קנאה:

— וואָס פֿאַר אַ גליק דאָס איז צו קענען אַלץ מאַכן!

איך האָב דרך־ארץ פֿאַר די דאָזיקע מענטשן און גלויב, אַז זיי ווייסן די סודות פֿון אַלע מאַשינעס, אינסטרומענטן און קאָנען אַלץ אין דער וועלט פֿאַריכטן. אָט דאָס — זענען מענטשן!

און דער דאָרף געפֿעלט מיר נישט, די פּויערן — נישט באַגרײַפֿלעך. די ווײַבער קלאָגן זיך באַזונדערס אָפּט אויף קראַנקהייטן, עפּעס „שטייט זיי אונטערן האַרצן", „פֿאַרקוועטשט אין דער ברוסט" און שטענדיק אַ „שנײַדעניש אין בויך", — וועגן דעם רעדן זיי מער און גערנער, ווי וועגן אַלץ, זיצנדיק אין די חגאות בײַ זייערע הײַזלעך אָדער אויפֿן ברעג פֿון דער וואָלגע. זיי רעגן זיך אַלע זייער לײַכט אויף, זידלענדיק אין ווילדן צאָרן איינע די אַנדערע. צוליב אַ צעבראָכענעם ליימע־נעם טאָפּ, וואָס איז ווערט געווען צוואַנציק קאָפּיקעס, האָבן זיך דרײַ משפּחות געשלאָגן מיט פּלעקער, צעבראָכן אַ האַנט

ביי אַן אַלטער פרוי און געפּלעט אַ בחור דעם מח. אַזוינע געשלעגן קומען פּאַר כּמעט יעדע וואָך.

די יונגע־לייט באַציען זיך צו די מיידלעך גאַנץ אָפּן ציניש און פירן זיך חוצפּהזייק. זיי כאַפּן די מיידלעך אין פעלד, פאַרקאַטשען זיי די קליידלעך און פאַרבינדן פעסט מיט ראָ־גאָזשע־שטריקל די עקן פון די קליידער איבערן קאָפּ. דאָס הייסט ביי זיי „אַוועקלאָזן דאָס מיידל, ווי אַ בלימל". ביז אין העלפט האַלב־נאַקעטע פון אונטן קוויטשען די מיידלעך, זידלען זיך, נאָר, דוכט זיך, ס'איז זיי אָנגענעם דאָס שפּיל. ס'איז קענטיק, אַז זיי בינדן פאַנאַנדער זייערע קליידלעך געלאַסענער, ווי זיי וואָלטן דאָס געקאָנט. ביינאַכט, בעת דער תּפלה־צייט אין קלויסטער, קנייפּן די יונגען די מיידלעך אין הינטער־חלק. דוכט זיך, אַז נאָר טאַקע צוליב דעם גייען זיי אין קלויסטער. זונטאָג האָט דער גלח פון דער בימה גערעדט:

— בהמות! צי דען האָט איר שוין נישט קיין אַנדער אָרט פאַר אייערע מיאוסע מעשים?

— אין אוקראַינע איז דאָס פאָלק אפשר פּאָעטישער אין גלויבן,—דערציילט ראָמאַס — דאָ אָבער, זע איך אונטער דער מאַסקע פון גלויבן אין גאָט, די גרעבסטע אינסטינקטן פון מורא און גרויקייט. אַזאַ אויפריכטיקע ליבע צו גאָט, אַזאַ התפּעלות מיט זיין שיינקייט און קראַפט — איז ביי די היגע, זעט איר, נישטאָ. ס'קען זיין, אַז דאָס איז גוט אַזוי: ס'איז לייכט צו באַפרייען זיך פונם גלויבן, וואָס איז, ווי איך זאָג אייך, דער שעדלעכסטער פאָראורטייל.

די בחורים זענען באַרימערס, אָדער פּחדנים. שוין אַמאָל דריי האָבן זיי פּרובירט מיך שלאָגן, טרעפנדיק ביינאַכט אויפן גאַס. דאָס האָט זיך זיי אָבער נישט איינגעגעבן און נאָר איינ־מאָל האָבן זיי מיר דערלאַנגט אַ קלאַפּ מיט אַ שטעקן איבערן פוס. געוויינלעך האָב איך נישט דערציילט ראָמאַסן וועגן אַזוי־נע צוזאַמענשטויסן, נאָר באַמערקענדיק, אַז איך הינק אונטער, האָט ער אַליין פאַרשטאַנען, וואָס דאָ איז געשען.

— אַהאַ, פאַרט געכאַפּט אַ מתּנה? כ'האָב אייך געזאָגט

נישט קוקנדיק דערויף, וואָס ער ראָט מיר נישט אַרומצושפּאַ-צירן ביינאַכט, גיי איך דאָך אַמאָל אַרויס דורך די גערטנער צום ברעג וואָלגע און זיץ דאָרט, אונטער די ווערבעס, קוקנדיק דורך דעם דורכזיכטיקן נאַכט-שלייער אַראָפּ-צו, הינטערן טייך, אויף די לאָנקעס. מאַיעסטעטיש איז דער געלאַסענער שטראָם פון דער וואָלגע, רייך באַגילדט מיט די שטראַלן פון דער אומגעזעענער זון, מיט אַן אָפּגלאַנץ פון דער טויטער לבנה. כ'האָב נישט ליב די לבנה, עפּעס בייזס טראָגט זי אין זיך, און, ווי ביים הונט, דער וועקט זי ביי מיר אַ צער, אַ פאַרלאַנג טרויעריק זיך צו צעוואָיען. 'האָב זיך זייער דערפרייט, ווען כ'האָב זיך דערוווּסט, אַז זי-ליכט נישט מיט איר אייגענער שיין, אַז זי איז טויט און, אַז עס איז נישטאָ און ס'קאָן גאָר אויף איר נישט זיין קיין לעבן. ביז דעמאָלט האָב איך זיך פאַרגעשטעלט, אַז זי איז באַוווינט מיט-מעשענע מענטשן, זיי זענען צוזאַמענגעשטעלט פון דרייעקן, באַי וועגן זיך, ווי צירקלען און קלינגען, אַנוואַרפנדיק אַ מורא, וו צום „גרויסן תּענית". אויף דער לבנה — איז אַלץ פון מעש; די געוויקסן, די חיות, אַלץ קלינגט פאַרשטיקט אין זיך, מיט האַס און מיט בייזע כּוונות קעגן דער ערד. מיר איז אַנגענעם געווען, ווען איך האָב זיך דערוווּסט, אַז זי איז—אַ פּוסט אָרט אין הימל, נאָר, פונדעסטוועגן, האָט זיך געוואָלט, אַז אויף דער לבנה זאָל אַרויס-פאַלן אַ גרויסער מעטעאָר און די קראַפט פון דעם קלאַפּ זאָל זיין אַזוי שטאַרק, אַז זי זאָל אויפפלאַמען און אויפשיינען מיט איר אייגן ליכט איבער דער ערד.

איך קוק צו ווי דער שטראָם פון דער וואָלגע וויגט דעם גאָלדיק-זילבערנעם פּאַס ליכט. אַרויסקומענדיק פון ערגעץ-ווייט, פון דער פינסטערניש און פאַרשווינדט אין שוואַרצן שאָטן פון בערגיקן ברעג,—פיל איך, אַז מיין געדאַנק ווערט מונטערער און שאַרפער. עס קלערט זיך לייכט וועגן עפּעס אַזוינס, וואָס לאָזט זיך נישט אַרויסזאָגן אין ווערטער, וואָס איז פרעמד צו דעם אַלעם איבערגעלעבטן פאַרן טאָג. די מעכטיקע באַוועגונג פון דער וואַסער-מאַסע איז כּמעט שטום. איבערן שוואַרצן ברייטן וועג גליטשט זיך אַ שיף, אַ מאָדנע-משונהדיקער פויגל אין ברענענדיקע

פעדערן, אַ ווייכער געוויש פליסט אים נאָך, ווי דאָס פלאַטערן פון שווערע פליגלען. הינטערן לאַנקע-ברעג שווימט אַ פייערל, וואָס לאָזט אַרויס פון זיך אַ שאַרפן, רויטן שטראַל איבערן וואַסער. דאָס פאַנגט אַ פישער פיש, און דוכטן דוכט זיך, אַז פון הימל האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן טייך איינע פון די פאַרוואָגלטע שטערנדלעך און טראָגט זיך איבערן וואַסער, ווי אַ פייערדיק בלימעלע.

דאָס דורכגעלעזענע אין די ביכער וואַקסט זיך פאַנאַנדער אין וואונדערלעכע פאַנטאַזיעס, די פאָרשטעלונג וועבט אָן אויפהער בילדער פון אויסטערלישער שיינקייט, און פונקט, ווי די וואָלסט אין דער מילדער נאַכטלופט נאָכשווימען נאָך דעם טייך.

איזאַט טרעפט מיך אָן, ביינאַכט זעט ער אויס נאָך גרעסער, נאָך אָנגענעמער.

— די ביזט ווידער דאָ?—פרעגט ער און, צוזעצנדיק זיך נעבן מיר, שווייגט ער לאַנג און פאַרטיפט, קוקנדיק אויפן טייך און אין הימל אַריין, גלעטנדיק דעם דינעם זייד פון דער גאָלדי-קער באָרד.

־ערנאָך—חלומט ער

— כ׳וועל זיך אויסלערנען, אָנלייענען,—וועל איך דורכ-שווימען אַלע טייכן און וועל אַלץ פאַרשטיין! וועל לערנען די מענטשן! יאָ. ס׳איז גוט, ברודער, אויסרעדן זיך דאָס האַרץ פאַר אַ מענטשן! אפילו ווייבער—טרעפט—ווען מען רעדט זיך מיט זיי האַרציק דורך—פאַרשטייען זיי אויך. אַנומלט זיצט ביי מיר אין לאָדקע איינע און טוט אַ פרעג: וואָס וועט זיין מיט אונז, אַז מיר וועלן שטאַרבן? כ׳גלויב נישט, זאָגט זי, נישט אין גן-עדן, נישט אין גיהנום. האָסטו געזען? זיי, ברודער, אויך...

נישט געפּיַענדיק קיין ווערטער איז ער אַ ווײַלע אַנטשוויג-געוואָרן און ענדלעך צוגעגעבן:

— לעבעדיקע נשמות...

איזאַט איז געווען אַ נאַכט-מענטש. ער האָט פיין געפילט די שיינקייט און פיין גערעדט וועגן דעם. מיט שטילע ווערטער פון אַ פאַרחלומט קינד. אין גאָט האָט ער געגלויבט אָן פחד, כאָטש

קלויסטערדיק, פֿאַרשטעלנדיק זיך אים, ווי אַ גרויסן אָנגעזועענעם זקן, ווי אַ גוטן און קלוגן באַלעבאָס פֿון דער וועלט, וועלכער קאָן נישט בייקומען דאָס שלעכטע נאָר דערפֿאַר, ווייל: — ער באַווייזט נישט, צו פֿיל האָבן זיך די מענטשן פֿאַרמערט. נו—נישקשה, ער—וועט באַווייזן, וועסט זען! נאָר אָט, כריסטוסן קאָן איך נישט פֿאַרשטיין—בשום אופן נישט. ער טויג מיר צו גאָרנישט. ס׳איז דאָ אַ גאָט, נו און—גענוג. און דאָ—נאַ דיר, נאָך איינער! אַ זון, זאָגט מען. מאַלע וואָס—אַ זון? כ׳מיין גאָט איז דאָך נישט געשטאָרבן...

נאָר עפּעטערס זיצט איזאָט און שווייגט, טראַכטנדיק וועגן עפּעס און נאָר, צייטנווייז, זאָגט ער, אָפּזיפּצנדיק:

— יאָ, אַזוי איז דאָס...

— וואָס?

— איך זאָג דאָס מכּוח זיך...

און זיפּצט ווידער, קוקנדיק אין דער טריבער ווייטקייט.

— גוט איז דאָס—לעבן!

כ׳בין מסכּים.

— יאָ, גוט!

מעכטיק באַוועגט זיך דער סאַמעטענער פּאַס פֿון טונקעלן וואַסער, איבער אים האָט זיך אין אַ געבויגענער ליניע צעשפּרייט דער זעלטענער פּאַס פֿון מילך-וועג, עס פֿינקלען ווי גאָלדענע לערכן די גרויסע שטערן און דאָס האַרץ זינגט שטיל אירע נישט-קלוגע שטייגער-פֿאַנטאַזיעס וועגן די סודות פֿון לעבן.

ווייט, איבער די לאָנקעס, רייסן זיך אַרויס פֿון די רויטלעכע וואָלקנס די זון-שטראַלן און — אָט האָט זי פֿאַנאַנדערגעלאָזן איבערן הימל איר פּאַווע-עק.

— פּלאַי-פּלאים,—אָט די זון!—מורמלט איזאָט, שמייכלענדיק גליקלעך.

די עפּל-ביימער בליען, דאָס דאָרף איז באַדעקט מיט ראָזלעכע קופּעס און דורכגענומען מיט אַ ביטערן ריח. דער דאָזיקער ריח דרינגט אומעטום אַריין, פֿאַרשלאָגנדיק די ריחות

פון סמאָלע און מיסט. הונדערטער בליענדיקעביימער, אָנגע־טוענע יום־טובדיק אין ראָזלעכן אַטלעס פון בליטן, ציען זיך אוועק אין גלייכע רייען פון דאָרף צום פעלד. אין לבנה־נאַכט, ביי אַ לייכטן ווינט, האָבן זיך די בלומען־פליטערלעך געשאָקלט שטיל, קוים צו פאַרנעמען, געשורשעט און ס'האָט זיך געדוכט, אַז גאָלדיק־בליע שווערע כוואַלעס פאַרפלייצן דאָס דאָרף. ס'האָבן אָן אויפהער און ליידנשאַפטלעך געזונגען די נאַכטי־גאַלן, און ביי טאָג האָבן זיך, ווי קונדסים, גערייצט צווישן זיך די זינג־פייגעלעך און די אומגעזעענע לערכן האָבן אומ־אויפהערלעך פאַרקלונגען די ערד מיט זייער צאַרטן קלאַנג.

אין די יום־טובדיקע אָוונטן פלעגן די מיידלעך און די יונגע ווייבלעך שפּאַצירן איבער די גאַסן, זינגענדיק לידער, האַלטנדיק דערביי אָפּן די מיילער, ווי יונגע פייגעלעך און האָבן געשמייכלט מאַט מיט פאַרשיכּורטע שמייכעלעך. איזאָט האָט אויך געשמייכלט, ווי אַ שיכּורער. ער איז געוואָרן מאָגער, די אויגן זענען איינגעפאַלן אין פינסטערע לעכער, זיין פּנים איז געוואָרן נאָך שטרענגער, שענער און — הייליקער. גאַנצע טעג פלעגט ער אָפּשלאָפן, באַווייזנדיק זיך אויפן גאַס נאָר אין די פאַרנאַכטן, אַ פאַרזאָרגטער און שטיל פאַרטראַכטער. קוקושקין האָט גראָב, אָבער פריינטלעך חוזק געמאַכט פון אים, נאָר ער האָט, שמייכלענדיק פאַרשעמט, געזאָגט:

— שוויג בעסער. וואָס זאָל מען טון? —

און האָט זיך אַנטציקט:

— אָ, ווי זיס עס איז צו לעבן! און ווי האַרציק מ'קאָן לעבן, וואָס פאַר אַ האַרציקע ווערטער ס'זענען דאָ! אַנדערע פון זיי—וועסטו ביז אין גרוב אַריין נישט פאַרגעסן, און, אַז דו וועסט אויפשטיין תּחית־המתים—וועסטו עס תּיכּף דערמאָנען!

— געדענק — די מענער וועלן דיר אַמאָל אָנברעכן די ביינער, — האָט אים מתרה געווען דער כאָכאָל, פריינטלעך שמייכלענדיק דערביי.

— אגב, איז טאַקע דאָ פאַרוואָס,—פלעגט איזאָט מסכּים זיין. כּמעט יעדע נאַכט פלעגט צוזאַמען מיטן געזאַנג פון די

נאַכטיגאַלן זיך צעגיסן אין די סעדער, איבערן פעלד, אויפן ברעג טייך מיגונס הויכע אויפרעגנדיקע שטים, ער האָט וווּנ־דערלעך שיין געזונגען פיינע לידער, און צוליב זיי האָבן אים אפילו די פויערים אַ סך מוחל געווען.

אין די שבת־אָוונטן פלעגט זיך ביי אונזער געוועלב וואָס ווייטער אַלץ מער עולם צוזאַמענקלייבן, און—אומבאַדינגט—דער אַלטער סוסלאָוו, באַרינאָוו, דער שמיד קראָטאָוו, מיגון. זיי זיצן און שמועסן זיך דורך פאַרטראַכט. זיי גייען אַוועק, קומען אַנדערע און אַזוי—כמעט ביז האַלבענאַכט, אַמאָל מאַכן שכורע אַ סקאַנדאַל, עפּטער פאַר אַלעמען—דער זעלנער קאָסטין, אַ מענטש אויף איין אויג און צוויי פינגער פעלן אים אויף דער לינקער האַנט. פאַר־קאַטשענדיק די אַרבל, מאַכנדיק מיט די פויסטן, גייט ער צו צום געוועלב, מעשה האָן גרייט צו מלחמה און גוואַלדעוועט אַנגע־שטרענגט און הייזעריק:

— די כאָכאָלן, זענען אַ שעדלעכע נאַציע, טערקישע אמונה! ענטפער, פאַרוואָס גייסטו נישט אין קלויסטער, האַ? אַפּיקורסישע נשמה! דו, מורד, דו! ענטפער—ווער ביזטו אַזוינער?

מ׳רייצט זיך מיט אים:

— מישקע,—צוליב וואָס האָסטו זיך די פינגער אָפּגע־שאָסן? האָסט זיך דערשראָקן פאַרן טערק?

ער רוקט זיך שלאָגן, נאָר מ׳כאַפּט אים אָן מיט אַ גע־לעכטער און מ׳שטויסט אים אראָפּ אין טאָל.— קוילערנדיק זיך בארג אראָפּ, קוויטשעט ער שרעקלעך:

— קאַראַאַול! מ׳האָט מיך דערהרגעט...

דערנאָך קריכט ער ארויס, אַנ׳אויסגעוואַלגערטער אין שטויב, און בעט ביים כאָכאָל אויף אַ גלעזל בראָנפן.

— פאַרוואָס קומט דיר?

— פאַרן פריילעך מאַכן, — ענטפערט קאָסטין. די פויע־רים צעלאַכן זיך אַלע אין כאָר.

* * *

איינמאָל אין אַ חגא אין דער פרי, ווען די קעכין האָט

איינגעהייצט דעם אויוון און ארויסגעגאנגען אין דרויסן, און איך בין געווען אין געוועלב, האָט זיך אין קיך דערהערט א שטאַרקער קרעכץ. דאָס געוועלב האָט א ציטער געטון, פון די פּאָליצעס האָבן זיך א שיט געטון בלעכענע שאכטלעך מיט צו־קערקעס, ס׳האָבן געקלונגען אויסגעבראָכענע שויבן, ס׳האָט געטון פויקן אויף דער פּאָדלאָגע. כ׳האָב זיך א לאָז געטון אין קיך אריין, דורך דער קיך־טיר האָבן זיך געשפּארט אין צימער שווארצע וואָלקנס רויך, הינטערן רויך האָט עפּעס גע־שיפּעט און געקנאקט,—דער כאָכאָל האָט מיך אָנגעכאפּט ביים קארק:

— ווארט...

אין פּאָרהויז האָט זיך צעוואָיעט די קעכין:

— עי, נאר איינע...

ראָמאס האָט זיך ארייַנגערוקט אין רויך, האָט מיט עפּעס א רודער געטון, האָט זיך שטארק אויסגעזידלט און אויסגע־שריען:

— הער אויף! וואסער!

אויף דער פּאָדלאָגע פון קיך האָבן זיך געוואלגערט שייט־לעך האָלץ, כ׳האָט געברענט א קין, עס זענען געלעגן ציגל, אין דעם טונקעלן לאָך פון אויוון איז געווען פּוסט, ווי אויס־געקערט. אָנטאפּנדיק אין רויך דעם עמער וואסער, האָב איך פארגאָסן דאָס פייער אויף דער פּאָדלאָגע און אָנגעהויבן שליי־דערן די שייטלעך האָלץ צוריק אין אויוון אריין.

— פּאָרזיכטיקער—האָט געזאָגט דער כאָכאָל, און פירנ־דיק די קעכין פארן האנט און ארייַנשטיפּנדיק זי אין צימער האָט ער באפוילן:

— מאך צו דאָס געוועלב! פּאָרזיכטיקער, מאקסימיטש, ס׳קען נאָך אויפרייסן... און צוזעצנדיק זיך אויף די קני, האָט ער אָנגעהויבן באַקוקן די רונדע שייטלעך יאָדלע, נאָכדעם האָט ער אָנגעהויבן ארויסשלעפּן פון אויוון די אַרייַנגעוואָרפע־נע שייטלעך.

— וואָס טוט איר?

— אַט — האָט איר!

ער האָט צו מיר אויסגעשטרעקט אַ מאָדנע צעפּלאַצטן רונדן קלאָץ, און כ'האָב דערזען, אַז ער איז אינווייניק געווען אויסגעבויערט אין מאָדנע פּאַררויכערט.

— איר פאַרשטייט? די טייוולאָנים האָבן אָנגעפּילט דאָס שייט האָלץ מיט פּולווער, שוטים! נו, — וואָס קען מען מאַכן מיט אַ פונט פּולווער?

און אָפּלייגנדיק דאָס שייטל האָלץ אָן אַ זייט, האָט ער אָנגעהויבן וואַשן די הענט, זאָגנדיק:

— גוט, וואָס אַקסיניע איז אַוועק, אַ נישט וואָלט זי באַקומען אַ קלאַפּ...

דער זויערלעכער רויך איז צערינען מ'האָט גלייך באמערקט, אַז אויף דער פּאָליצע זענען צעבראָכן אַלע כּלים, אַלע שויבן זענען אויסגעזעצט פון די פענסטער. און פון דער עפנונג פון אויוון זענען אויסגעריסן ציגל.

אין דעם מאָמענט איז מיר נישט געפעלן געוואָרן דעם כאָכאָלס רואיקייט,—ער האָט זיך געהאַלטן אַזוי, ווי דאָס נאַרישע שפּיצל וואָלט אים גאָרנישט געאַרט. און איבערן גאַס זענען געלאָפן יינגלעך, האָבן געקלונגען קולות:

— ביים כאָכאָל איז אַ שׂרפה! מיר ברענען!

איינע אַ פרוי האָט עפּעס געיאָמערט אויף אַ קלאָג-לשון און פון קאמער האָט אומרויק געשריען אקסיניע.

— מען רייסט די טיר פון געוועלב, מיכאלאַ אַנטאָניטש!

— נו, נו, שטיל! האָט ער געזאָגט, אָפּווישנדיק מיטן האַנטוך די נאַסע באָרד.

דורך די אָפענע פענסטער האָבן אַריינגעקוקט פון שרעק און צאָרן צעקרימטע האָריקע צורות, ס'האָבן געזשמורעט פון רויך צעפרעסענע אויגן און עמיצער האָט אויפגערעגט און קוויטשענדיק געשריען:

— אַרויסיאָגן זיי פון דאָרף! כּסדר סקאַנדאַלן זענען ביי

זיי! וואָס איז דאָס, אַ, גאָט?

אַ קליין געל פויערל האָט צלמנדיק זיך און שאָקלענדיק מיט די ליפּן, זיך באַמיט אַריינקריכן דורכן פענסטער און — נישט געקאָנט. אין דער רעכטער האַנט האָט ער געהאַלטן אַ האַק, און די לינקע, וואָס האָט זיך ספּאַזמאַטיש געכאַפּט פאַרן פענסטער־ברעטל, האָט זיך אַלע ווײַלע אַראָפּגעגליטשט.

האַלטנדיק אין האַנט דאָס שייט האָלץ האָט ראָמאַס אים אַ פרעג געטון:

— ווהין קריכסטו?

— לעשן, פעטערל...

— אָבער ס'ברענט דאָך אין ערגעץ נישט.

עפענענדיק צעשראָקן דעם מויל, איז דער פויער פאַר־שווונדן, און ראָמאַס איז אַרויסגעגאַנגען אויפן גאַניק פון גע־וועלב און באַווייזנדיק דאָס שייטל האָלץ, האָט ער געזאָגט צום עולם:

— עמיצער פון אייך האָט אָנגעפּילט דעם קלאָץ מיט פולווער און אַריינגערוקט צווישן אונזער האָלץ. ס'האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז עס איז געווען צו ווייניק פולווער און ס'האָט קיין שום שאָדן נישט אָנגעמאַכט...

כ'בין געשטאַנען הינטער דעם כאָכאָל, געקוקט אויפן עולם און געהערט, ווי דער פויער מיט דער האַק דערציילט מיט שרעק:

— האָט ער זיך פאַרמאָסטן אויף מיר מיטן שייט האָלץ...

און דער זעלבער קאָסטין, שוין אַן אָנגעשיכורטער, האָט געשריען:

—אַרויסיאָגן אים, דעם פּופר! פאַרן געריכט...

דאָס רוב מענטשן אָבער האָבן געשוויגן, אָנקוקנדיק ראָ־מאַסן און צוהערנדיק מיט אומצוטרוי זיינע רייד:

— כדי אויפצורייסן אַ הויז, דאַרף מען אַ סך פולווער, אפשר

— אַ פּוד! נו, גייט שוין...

עמיצער האָט געפרעגט:

— ווו איז דער סטאַראָסטע?

— דעם „אוריאַדניק" דאַרף מען רופן!

די מענטשן זענען זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען נישט געאײַלט, אָן חשק, פונקט ווי זיי וואָלטן געזשאַלעוועט עפּעס.

מיר האָבן זיך געזעצט טיי טרינקען, אַקסינע האָט אָנגעגאָסן טיי אַ פרייליכע, אַ גוטע, ווי קיינמאָל נישט ביז איצט און, קוקנדיק מיט מיטגעפיל אויף ראָמאַסן, האָט זי געזאָגט:

— אַז איר קלאָגט זיי נישט אָן, - קריכן זיי אויפן קאָפּ.

— זענט איר דערפון גאָרנישט אויפגעבראַכט? — האָב איך געפרעגט.

— ס'וועט קיין צייט נישט קלעקן צו אויפרעגן זיך פאַר יעדע קליינעקייט.

כ'האָב אַ טראַכט געטון: ווען אַלע מענטשן וואָלטן אַזוי רויק געטון זייער זאַך!

און ער האָט שוין ווייטער גערעדט, אַז ער פאָרט אינגיכן קיין קאַזאַן פרעגנדיק, וואָס פאַר אַ ביכער ער זאָל ברענגען?

אַמאָל פלעגט זיך מיר דוכטן, אַז ביי דעם דאָזיקן מענטשן פונקציאָנירט - ווי אין אַ זייגער, אַנשטאָט אַ נשמה, אַזאַ אַרט געווערק, וואָס איז אָנגעשטעלט איינמאָל אויף אַ גאַנצן לעבן. כ'האָב זייער ליב געהאַט דעם כאַכאַל, שטאַרק דרך ארץ געהאַט פאַר אים, מיר האָט זיך אָבער געוואָלט, אַז ער זאָל אַמאָל אין כּעס ווערן אויף מיר, אָדער אויף אַן אַנדערן, ער זאָל שרייען און טופּען מיט די פיס. פונדעסטוועגן, האָט ער נישט געקאָנט און נישט געוואָלט זיך בייזערן. ווען מען פלעגט אים אָבער אויפרעגן מיט אַ נאַרישקייט אָדער מיט אַ געמיינהייט, פלעגט ער בלויז חוזקדיק פאַרזשמורען זיינע גרויע אויגן און פלעגט עפּעס רעדן מיט קורצע, קאַלטע ווערטער, שטענדיק עפּעס אַזוינס, וואָס איז געווען פּשוט און האַרט.

אַזוי, למשל, האָט ער געפרעגט סוסלאָוון:

— צוליב וואָס זאָלט איר, אַן אַלטער מאַן, פאַלש זיין, האַ? דעם אַלטנס שטערן און זיינע גלעזלעך האָבן לאַנגזאַם

אָנגענומען אַ שטאַרק רויטן קאָליר, ס'האָט זיך געדוכט, אַז אויך די ווייסע באָרד זיינע איז ראָזלעך געוואָרן ביז צו די האָר־וואָרצלען.

— אייגנטלעך, האָט איר דאָך דערפון גאָרנישט, און מ'פאַרלירט פאַר אייך דעם דרך ארץ.

סוסלאָוו האָט, אַראָפּלאָזנדיק דעם קאָפּ, צוגעשטימט:

— ס'איז ריכטיק—כ'האָב דערפון גאָרנישט!

און דערנאָך האָט ער געזאָגט איזאָטן:

— אָט — דאָס איז אַ גייסטיקער פירער! אָט אַזוינע האָט מען געדאַרפט מאַכן פאַר אונזער „נאַטשאַלסטוואָ"...

...קורץ און פאַרשטענדלעך ווירקט אויף מיר ראָמאַס איך זאָל פאַרשטיין, וואָס און ווי איך דאַרף טון אָן אים, און מיר דוכט זיך, אַז ער האָט שוין פאַרגעסן וועגן דעם פּרוּוו צו איבערשרעקן אים מיטן אויפרייס, ווי מען פאַרגעסט וועגן אַ ביס פון אַ פליג.

ס'איז געקומען פּאַנקאָוו, באַקוקט דעם אויוון און האָט אָנגעברוגזט אַ פרעג געטון:

— איר האָט זיך נישט דערשראָקן?

ער איז אַוועק און אין קיך האָט ער פאַרטראַכט נאָכ־אַמאָל איבערגעחזרט.

— פאַרוואָס דען?

— אַ מלחמה!

— זעץ זיך טיי טרינקען.

— דאָס ווייב וואַרט.

— ווו ביזטו געווען?

— אויף דער פיש־לאָדקע מיט איזאָטן.

— אַ מלחמה.

מיט דעם כאָכאָל האָט ער גערעדט שטענדיק קורץ, ווי ער וואָלט שוין לאַנג גערעדט וועגן אַלץ, וואָס איז וויכטיק און ערנסט. איך געדענק, — אויסהערנדיק די געשיכטע וועגן דער ממשלה פון איוואַן דעם שרעקלעכן, וואָס ראָמאַס האָט דערציילט, האָט איזאָט געזאָגט:

— אַ לאַנגווייליקער קייסער!

— אַ קצב — האָט צוגעגעבן קוקושקין, און פּאַנקאָוו האָט אַנטשלאָסן דערקלערט:

— קיין גרויסן שכל זעט מען נישט ביי אים. נו, ער האָט אויסגעהרגעט אַלע פירשטן, האָט ער אויף זייער אָרט פאַרמערט די קליינע פריצים. דערצו האָט ער נאָך אַריינגעבראַכט פרעמדע, אויסלענדער. דערין — ליגט קיין חכמה נישט. דער קליינער פריץ איז ערגער פאַרן גרויסן. אַ פליג — איז נישט קיין וואָלף. מיט אַ ביקס קענסטו זי נישט דערשיסן, און דערעסן דערעסט זי מער פון אַ וואָלף.

ס׳איז געקומען קוקושקין מיט אַן עמער וויכן ליים און, אַריינשטעלנדיק די ציגל אין אויוון, האָט ער געזאָגט:

— ס׳איז זיי אַיינגעפאַלן, די שדים! פּטור ווערן פון די אייגענע לייז, — קענען זיי נישט, נאָר פּטרן אַ מענטשן — זעסטו, דערצו זענען זיי מוכן און מזומן! דו אַנטאָניטש, ברענג נישט קיין סך סחורה פאַר איין מאָל, בעסער — וואָס וויניקער, נאָר עפּטער, ווען נישט, געדענק, מען וועט דיך אונטערצינדן. איצט, ווען דו וועסט „אָט דעם ענין" דורכפירן — מעגסטו וואַרטן אויף אַן אומגליק!

אָט דער ענין, וואָס שמעקט זייער נישט די קולאַקעס פון דאָרף, — מיינט מען אַן אַרטעל פון גערטנער-באַלעבאַטים. דער כאָכאָל האָט עס שוין כמעט איינגעאָרדנט מיט דער הילף פון פּאַנקאָוון, סוסלאָוון און נאָך עטלעכע קלוגע פּויערים. דאָס רוב פּויערים האָבן זיך אָנגעהויבן צו באַציען צו ראָמאַסן צוגענייגטער, אין געוועלב האָט זיך קענטיק פאַרמערט די צאָל פון די קונים און אפילו די שלימזלדיקע פּויערים — באַרינאָוו, מיגון — האָבן ווי ווייט מעגלעך זיך באַמיט צו העלפן דעם כאָכאָל אין זיין „ענין" מיט אַלץ, וואָס זיי האָבן געקאָנט.

מיר איז שטאַרק געפעלן געוועזן מיגון, כ׳האָב ליב געהאַט זיינע אומעטיקע לידער. ווען ער האָט געזונגען, פלעגט ער פאַרמאַכן די אויגן און זיין אויסגעליטן פּנים האָט אפילו נישט אַ צוק געטון. ער האָט זיך געפילט גוט אין די פינסטע-

דע נעכט, ווען ס'איז נישטאָ קיין לבנה און דער הימל איז פאַרהאָנגען געווען מיט אַ געדיכט געוועב פון וואָלקנס. עס פלעגט טרעפן, אַז ער פלעגט מיר פאַרנאַכט שטילערהייט אַ רוף טון:

— קום צו דער וואָלגע.

דאָרטן, פלעגט ער צוגרייטן פאַר די סטערלעטן די פאַרבאָטענע שטריק־נעץ, און רייטנדיק אויף דעם הינטערטייל פון זיין שיפל, פלעגט ער אַראָפּלאָזן זיינע טונקעלע קרומע פיס אין טונקעלן וואַסער און האָט גערעדט שטילערהייט:

— מיין באַלעבאָס מאַכט פון מיר חוזק, — נו, מילא, כ'קאָן ליידן, גייט ער צום טייוול, ער — איז אַ פּערזאָן, ער ווייס אַזוינס, וואָס מיר איז אומבאַקאַנט, אָבער — ווען אַן אייגענער ברודער, אַ פויער דריקט דיך — ווי קען איך דאָס דערלאָזן? ווו איז דאָ דער חלוק צווישן אונז? ער — ציילט רובלס און איך — קאָפּיקעס, אָט דאָס איז אַלץ!

מיגונס פּנים צוקט קרענקלעך, עס שפּרינגט אַ ברעם, די פינגער פון די הענט באַוועגן זיך פלינק, פאַנאַנדערקלייבנדיק און אונטערזעגנדיק מיט אַ פייל די האַקנס פון די שטריק־נעצן, שטיל קלינגט די האַרציקע שטים זיינע:

— מ'האַלט מיך פאַר אַ גנב, ריכטיק - כ'האָב געזינדיקט. אַזוי איז דאָס, אַלע לעבן פון גזלה, אַלע פרעסן און זויגן אויס איינע די אַנדערע. יאָ, אונז האָט גאָט — נישט ליב, און דער שד — מאַכט אונז צעלאָזן.

דער שוואַרצער טייך קריכט פאַרביי אונז, שוואַרצע וואָלקנס באַוועגן זיך איבער אים, דער ברעג פון די לאָנקעס זעט זיך נישט אין דער פינסטער, פאָרזיכטיק שאָרכן די כוואַלעס ביים זאַמד פון ברעג און פאַרגיסן מיינע פיס, פונקט ווי זיי וואָלטן מיך נאָכגעשלעפּט אין דער אומענדלעכער, ערגעץ־וווהין שווימענדיקער פינסטערניש.

— איז דען כדאי צו לעבן? — פרעגט, זיפצנדיק, מיגון.

אויבן, אויפן באַרג, וואָיעט טרויעריק אַ הונט. ווי אין חלום טראַכט איך מיר:

— און צוליב וואָס דאַרפן לעבן אַזעלכע און אַזאַ ווו דו? זייער שטיל איז אויפן טייך, זייער פינסטער און אימה־דיק, און די דאָזיקע וואַרעמע פינסטערניש האָט קיין סוף נישט.

— מ'וועט דעם כאַכאָל דערהרגענען. און אויך דיך, גע־דענק, וועט מען דערהרגענען, — ברומט מיגון, נאָכדעם הייבט ער אָן אומגעריכט און שטיל צו זינגען אַ לידל:

מיך האָט מיין מאַמעלע ליב געהאַ—אַט—
און האָט געזאָגט:
מיין ליב־הארציקער, יאַשאַ מיינער,
בלייב רויק, שטיל...

ער פאַרמאַכט די אויגן, זיין שטים קלינגט שטאַרקער און אומעטיקער, זיינע פינגער, וואָס נעמען פאַנאַנדער די שנור פון דער שטריק־נעץ, באַוועגן זיך געלאַסענער:

נישט נעפּאָלגט האָב איך מיין הארציקע
אוי—נישט געפאָלגט...

כ'האָב עפּעס אַ מאָדנעם געפיל: אַזוי ווי די ערד, אַן אונטערגענעצטע דורך דער שווערער באַוועגונג, פון אַ פינסטער פליסיקער מאַסע, קערט זיך אַראָפּ אויף איר, און איך — פאַר אַרונטער, גליטש זיך פון דער ערד אין תהום אַריין, ווו ס'איז אויף אייביק איינגעזונקען די זון.

ענדיקנדיק דאָס זינגען, פונקט אַזוי אומדערוואַרט, ווי ער האָט אָנגעהויבן, שלעפט מיגון שווייגעדיק דאָס שיפל אַרונ־טער אין וואַסער, זעצט זיך אין איר אַריין און ווערט כמעט אָן גערויש נעלם אין דער שוואַרצעניש. איך קוק אים נאָך און טראַכט:

— צוליב וואָס לעבן אַזוינע מענטשן?

צו מיינע גוטע פריינט געהערט אויך באַרינאָוו, אַן אומ־געלומפּערטער מענטש, אַ באַרימער, אַ פוילער, אַ רכילותניק, אַן אומרויקער נע ונד. ער האָט געלעבט אין מאָסקווע און רעדט וועגן די שטאָט, שפּייענדיק:

— אַ גיהנום אַ שטאָט! אַ געדראַנג. קלויסטערס — פּערצן

טויזנט מיט זעקס שטיק. און דאָס פאָלק — אַלע רמאים! און אַלע—קרעציקע, ווי די פערד, אויף מיינע נאמנות! די סוחרים, די מיליטער לייט, די באַלעבאַטים,—אַלע, ווי איין מענטש האַלטן אין איין קראַצן זיך. ס'איז טאַקע אמת, פאַראַן דאָרט אַ צאַר־האַר־מאט, אַזאַ קאָלאָסאַלער אינסטרומענט! פּיאָטער דער גרויסער האָט דעם הארמאט אליין געלאָזט גיסן, כּדי צו שיסן אויף די, וואָס בונטעווען זיך. א פּרוי, אַ פּריצע. האָט געמאכט אַן אויפשטאַנד קעגן אים צוליב ליבע. ער האָט אָפּגעלעבט מיט איר פּונקט זיבן יאָר, ווי איין טאָג. און האָט זי אַוועקגעוואָרפן מיט דריי קינדערלעך. איז זי ביין געוואָרן אויף אים און—האָט אויפגע־הויבן אַ בונט. האָט ער, ברודער־לעבן, אַ קנאַק געטון מיט דעם דאָזיקן האַרמאַט און די צעבונטעוועטע—ניין טויזנט דריי הונ־דערט מיט אַכט מענטשן אויפן אָרט אַוועקגעלייגט! ער האָט זיך אפילו אליין דערשראָקן: ניין, זאָגט פּילאַרעט צום מיטראָ־פּאָליט,—מען מוז זי, די אויסוואורף, שמידן, זי זאָל נישט רייצן דעם יצר־הרע! און מען האָט זי איינגעשמידט...

איך זאָג אים, אַז דאָס זענען אַלץ נאַרישקייטן, ווערט ער — ביין:

— רבונו של עולם! וואָס פאַר אַ מיאוסן כאַראַקטער די האָסט! מיר האָט די דאָזיקע מעשה געני דערציילט אַ גע־לערנטער מאַן און דו... געגאַנגען איז ער קיין קיעוו צו „די הייליקע" און האָט דערציילט:

— די שטאָט־שטייט פּונקט ווי אונזער דאָרף אויך אויף אַ בארג און—אַ טייך האָבן זיי אויך, פאַרגעסן ווע̈לכע. אין פאַר־גלייך מיט דער וואָלגע—אַ בלאָטקע. די שטאָט איז, פּשוט גע־זאָגט, אַ צעפּלאָנטערטע, אַלע גאַסן — קרומע און גייען באַרג אַרויף. דאָס פאָלק — כאָכאָלעס, נישט פון דעם שטאַם, ווי מי־ כיילאָ אַנטאָנאָוו, נאָר האַלב פון פּוילישן האַלב פון טאָטערישן שטאַם. נישט דאָס רעדט—נאָר דאָס פּלאַפּלט. אַ נישט געקעמט פּאָלק, אַ שמוציקס. זשאַבעס זענען דאָרטן דאָ—צו צען פונט. מ'פּאָרט דאָרט אויף אָקסן און מ'אַקערט אפילו מיט זיי. אָקסן האָבן זיי זעלטענע, דער קלענסטער—פיר מאָל אַזוי גרויס ווי

אונזערער, וועגט דריי און אַכציק פּוד. מאָנאַכן זענען דאָרטן פֿאַראַן — זיבן און פֿופֿציק טויזנט און צוויי הונדערט דריי און זיבעציק אַרכירייען... נו, נאַרישער מענטש דו! ווי אַזוי קענסטו זיך אַמפּערן?—איך—האָב אַליין געזען, מיט מיינע אייגענע אויגן, און דו—ביסטו געווען דאָרטן? ביסט נישט געווען. נו, זעסטו! כ'האָב, ברודער, מער ווי אַלץ ליב פּינקטלעכקייט....

ער האָט ליב געהאַט ציפֿער, האָט זיך בײַ מיר אויסגע־לערנט חבורן און כּפֿלען, נאָר חילוק האָט ער נאָך נישט גע־קאָנט ליידן. מיט התלהבות פֿלעגט ער כּפֿלען גרויסע צאָלן, פֿלעגט זיך מוטיק טועה זיין דערביי און, אָנשרייבנדיק מיט אַ שטעקן אויפֿן זאַמד אַ לאַנגע שורה ציפֿערן, האָט ער גע־קוקט אויף זיי פֿאַרוווּנדערט, אויסגלאָצנדיק קינדישע אויגן און אויסרופֿנדיק:

— אַזוינס קאָן אפילו קיינער נישט אויסרעדן!

אַליין איז ער אַ מענטש נישט קיין אָנגעזעענער, אַ צעשוי־בערטער, אַ אָפּגעריסענער, און דאָס פּנים זיינס איז כּמעט שיין, איינגעראַמט אין אַ געקרויזטן העלן בערדל, די בלויע אויגן שמייכ־לען מיט אַ קינדישן שמייכל. צווישן אים מיט קוקושקינען איז דאָ עפּעס געמיינזאַמעס און צוליב דעם, קאָן זיין, האַלטן זיי זיך פֿון ווייטן איינער פֿון צווייטן.

באַרינאָוו איז צוויי מאָל געפֿאָרן אויפֿן קאַספּישן ים פֿאַנ־גען פֿיש און—חלומט:

— צום ים, ברודער־לעבן, איז נישטאָ קיין גלייכן. דו ביזט קעגן אים—אַ פֿליג! דו קוקסט אויף אים און—דו ביזט נישטאָ! און דאָס לעבן איז דאָרט זיס. אַהין לויפֿט זיך צוזאַמען אַן עולם פֿון אַלע עקן, אפילו איינער אַן אַרכימאַנדריט איז דאָרט געווען: גאָרנישט, ער האָט געאַרבעט! געווען דאָרט אויך איינע אַ קעכין, דעם פּראָקוראָרס אַ געליבטע — נו, וואָס האָט איר געפֿעלט? פֿונדעסטוועגן — האָט זי נישט אויסגעהאַלטן: ביסט מיר טאַקע, פּראָקוראָר־לעבן, זייער ליב — אָבער זיי מיר געזונט! דערפֿאַר וויי́ל — ווער ס'האָט כאָטש איינמאָל געזען דעם ים, ציט אים ווידער אַהין. דאָרט איז אַ רחבות ווי אין הימל —

קיינער שטופּט זיך נישט! כ׳וועל אויך אַהין אַוועקגיין אויף איי־ביק. דאָס פאָלק האָט מיך נישט ליב, אָט וואָס! כ׳האָב געדאַרפט לעבן ווי אַ נזיר, אין אַ מדבר, נו, — איך ווייס אפילו נישט פון קיין רעכטן מדבר...

ער האָט זיך אַרומגעבלאָנקעט איבערן דאָרף ווי אַן עלנ־טער הונט, מ׳האָט אים פיינט געהאַט, אָבער די מעשיות זיינע פלעגט מען אויסהערן מיטן זעלביקן פאַרגעניגן, ווי מיגונס לידער.

— ער ליגט קונציק!

זיינע פאַנטאַזיעס האָבן צעטומלט דעם מח אפילו פון אַזוינע געזעצטע מענטשן, ווי פאַנקראַו,—איינמאָל האָט דער דאָ־זיקער אומגלויביקער פויער געזאָגט צום כאָכאָל:

— באַרינאָוו דערווייזט אַז וועגן איוואַן דעם שרעקלעכן איז נישט אַלץ באַשריבן אין די ביכער, מ׳האָט אַ סך פאַר־שוויגן. ער איז, ווייזט אויס, געווען צווייפּנימדיק, „דער שרעק־לעכער״. ער פלעגט זיך אויסדרייען מיטן פּנים, ווי אַן אָד־לער,—זינט יענער צייט האָט מען אָנגעהויבן אויסשלאָגן אויפן געלט אַן אָדלער לכּבוד אים.

כ׳האָב באַמערקט—צום וויפלטן מאָל שוין? —— אַז אַלץ, וואָס איז אומגעוויינלעך, פאַנטאַסטיש, איז קלאָר, און אַמאָל געפעלן אפילו שלעכט צוגעטראַכטע מעשיות, די מענטשן מער, ווי ערנסטע געשיכטעס, וועגן אמת פון לעבן.

נאָר אַז איך האָב וועגן דעם געזאָגט דעם כאָכאָל האָט ער שמייכלענדיק געענטפערט:

— דאָס וועט איבערגיין! זאָלן זיך נאָר די מענטשן אויס־לערנען טראַכטן, וועלן זיי זיך שוין דערטראַכטן צום אמת. און די דאָזיקע שגעונים - באַרינאָוון, קוקושקינען— דאַרפט איר אויך פאַרשטיין. דאָס, זענען—קינסטלער, מחברים. כריסטוס איז אויך, זיכער, געווען אַזאַ מין שגעון. און — איר מעגט דאָך מודה זיין: עפּעס־וואָס האָט ער דאָך נישט שלעכט אויסגע־טראַכט...

געוווּנדערט האָט מיך, וואָס אָט די אַלע מענטשן רעדן

ווייניק און זייער אומגערן וועגן גאָט,—נאָר דער אַלטער סוס־לאָוו האָט אָפּט, מיט איבערצייגונג, באַמערקט
— אַלץ איז פון גאָט!
און שטענדיק האָב איך געהערט אין די דאָזיקע ווער־טער עפּעס האָפנונגסלאָזעס. ס'האָט זיך זייער פיין געלעבט מיט די דאָזיקע מענטשן און זייער פיל האָב איך געלערנט פון זיי אין די נאַכטיקע שמועסן. מיר האָט זיך געדוכט, אַז יעדע פראַגע, וואָס איז געשטעלט געוואָרן פון ראָמאַסן, האָט, ווי אַ מעכטיקער בוים, געלאָזט אירע וואָרצלען אין דעם לייב פון לעבן, און דאָרטן, אין די טיפענישן אירע, האָבן זיך די דאָזיקע וואָרצלען צונויפגעפלאָכטן מיט די וואָרצלען פון נאָך אַזאַ אייביקן בוים, און אויף איטלעכן צווייג זייערן בליען העל געדאַנקען, וואַקסן זיך פרעכטיק פאַנאַנדער בלעטער פון קליינ־געדיקע ווערטער. כ'האָב געפילט, ווי איך וואַקס אַליין אויס, אָנזויגנדיק זיך מיטן אויפרעגנדיקן האָניק פון די ביכער, כ'האָב שוין זיכערער גערעדט און נישט איינמאָל האָט דער כאָכאָל מיך געלויבט שמייכלענדיק:
— איר אַרבעט גוט, מאַקסימיטש!
ווי דאַנקבאַר איך בין אים געווען פאַר די דאָזיקע ווער־טער.
פאַנקאָוו פלעגט צייטנווייז ברענגען צו פירן זיין ווייב, אַ קליינע פרויענצימער מיט אַן עניוותדיק פּנים און מיט אַ קליגן קוק פון בלויע אויגן. זי איז געווען „שטעטיש״ אָנגעטון, פלעגט זיך שטיל אַוועקזעצן אין אַ ווינקעלע, פאַרציענדיק צניעותדיק די ליפּן, נאָר נאָך אַ קורצער צייט פלעגט זיך איר מויל פאַרחידושט אויפמאַכן און די אויגן פלעגן זיך שרעקעדיק צעעפענען. און אָפטמאָל דערהערנדיק אַ שאַרפזיניק ווערטל, פלעגט זי פאַרשעמט שמייכלען, צודעקנדיק דאָס פּנים מיט די הענט, און בעת־מעשה פלעגט פאַנקאָוו אַ ווונק טון צו ראָמאַסן זאָגנדיק:
— זי פאַרשטייט!
צום כאָכאָל פלעגן קומען צופאָרן פאָרזיכטיקע לייט, ער

פלעגט אַרויפגיין מיט זיי צו מיר אויפן בוידעם און אָפּזיצן דאָרט שעהן־לאַנג.

אַהין פלעגט זיי אַקסיניע אַרויפטראָגן עסן און טרינקען, דאָ פלעגן זיי שלאָפן, אומבאַמערקטע פאַר אַלעמען, אַ חוץ מיך און דער קעכין, וואָס איז געווען הינטיש טריי צו ראַ־מאַסן, און האָט זיך כמעט געצלמט איבער אים. באַנאַכט האָבן איזאַט און פאַנקאָוו אָפּגעפּירט די געסט אין אַ שיפל צום פאַר־בייגייענדיקן דאַמפּער אָדער צום לאָבייִשקער האַפּן. פון בארג האָב איך צוגעקוקט ווי אויף דעם שוואַרצן אָדער פון דער לבנה באַזילבערטן טייך פינקלט דאָס מעטאַלענע פענסטערל פון שיפל, עס פלאַטערט איבער אים דאָס פייערל פון אַ לאַמ־טערן, צוציענדיק די אויפמערקזאַמקייט פון שיפ־קאַפּיטאַן, — כ׳האָב געקוקט און זיך געפילט ווי אַ באַטייליקטער אין אַ וויכטיקן ענין.

עס פלעגט קומען צופאָרן פון שטאָט מאַריע דערענקאָווא, כ׳האָב שוין אָבער מער אין איר בליק נישט געפונען דאָס, וואָס האָט מיך פאַרווירט—די אויגן אירע האָבן מיר אויסגעזען ווי ביי אַ מיידל, וואָס איז גליקלעך מיט איר שיין בנימל און איז צופרידן, וואָס עס אינטערעסירט זיך מיט איר אַזאַ גרוי־סער בערדיקער מאַנסביל. גערעדט האָט ער מיט איר פונקט אַזוי רויק און אַ ביסל חוזקדיק, ווי מיט אַלעמען, נאָר די באָרד האָט ער אָפטער געגלעט, און די אויגן האָבן געלויכטן וואַרעמער. און איר דין קולכעלע האָט געקלונגען פריילעך. אָנגעטון איז זי געווען אין אַ הימל־בלויען קלייד און אַ הימל־בלויע סטענגע אין די בלאָנדע האָר. די קינדערשע הענטלעך זענען געווען מאָדנע אומרויק— ווי זיי וואָלטן געזוכט אָן וואָס זיך אָנצוכאַפּן. כמעט אָן אויפהער האָט זי אונטערגעזונגען פאַר זיך, נישט אויפמאַכנדיק דאָס מויל און געפּאָכעט דערביי מיטן טיכל איבער איר ראָזיק צעשמאָלצן פּנים. עפּעס איז גע־ווען אין איר אַזוינס, וואָס האָט מיך אויף אַ נייעם אופן אויפ־געוועקט, נישט פריינטלעך און בייז. כ׳האָב מיך באַמיט וואָס ווייניקער זי צו זען.

אננמיטן יולי איז איזאט נעלם געוואָרן. מ׳האָט אָנגעהויבן צו רעדן, אַז ער איז דערטרונקען געוואָרן און אין אַ טאָג צוויי אַרום האָט זיך דאָס באַשטעטיקט: אַ וויאָרסט זיבן פון דאָרף, איז צום לאָנקע־ברעג צוגעשטאַנען זיין שיפל מיט אַ דורכגעלעכערטן דעק און צעבראָכענעם באָרט. דאָס אומגליק האָט מען דערקלערט דערמיט, וואָס איזאט איז, מסתמא, איינגעשלאָפן אויפן טייך און זיין שיפל איז אַרויף אויף די דריי לאַסט־שיפן, וואָס זענען געשטאַנען אין האַפן אויפן אַנקער אַ וויאָרסט פינף הינטערן דאָרף.

בשעת דער פּאָרפאַל האָט פּאַסירט, איז ראָמאַס געווען אין קאַזאַן. אין אָוונט איז אין געוועלב צו מיר געקומען קוקושקין, האָט זיך אנידערגעזעצט אַ פּאַראומערטער אויף די זעק, אַ ווײַלע געשוויגן, קוקנדיק אויף זיינע פיס, דערנאָך האָט ער פּאַרוויכערנדיק, אַ פרעג געטון:

— ווען וועט זיך דער כאָכאָל צוריקקערן?

– איך ווייס נישט.

ער האָט אָנגעהויבן שטאַרק רייבן מיט דער האַנט אין צעשלאָגן פּנים, זידלענדיק זיך שטילערהייט אין דער מאַמען אַריין, ברומענדיק, ווי ער וואָלט זיך געוואָרגן מיט אַ ביין

— וואָס איז דיר?

ער האָט אַ קוק געטון אויף מיר, בייסנדיק די ליפּן. די אויגן זיינע זענען רויט געוואָרן, די קין־יאַסלע האָט געציטערט. זעענדיק אַז ער קאָן נישט רעדן, האָב איך אומרויק געוואַרט אויף עפּעס טרויעריקס. ענדלעך, האָט ער אַרויסקוקנדיק אויף דער גאַס, שטאַמלענדיק קוים אַרויסגערעדט:

— כ׳בין געפאָרן מיט מיגונען. באַקוקט איזאָטס שיפל. דער דעק איז מיט אַ האַק דורכגעבראָכן—פאַרשטייסט? הייסט עס—ער איז דערהרגעט, איזאָטשקע! נישט אַנדערש...

טרייסלענדיק מיטן קאָפּ האָט ער אָנגעהויבן שיטן איינס נאָכן אַנדערן געמיינע זידל־ווערטער, כליפּענדיק מיט אַ הייס טרוקענעם קלאַנג. דערנאָך האָט ער, אַנטשוויגן ווערנדיק, זיך אָנגעהויבן צלמען. ס׳איז געווען שרעקלעך צוצוקוקן, ווי דער

דאָזיקער פויער וויל זיך פאַנאַנדערוויינען, און—קען נישט, איז נישט בכח, ציטערט אינגאַנצן, שטיקנדיק זיך פון כעס און פאַרדרוס. ער איז אויפגעשטאַנען און אַוועקגעגאַנגען, טרייסלענדיק מיטן קאָפּ.

צומאָרגנס אין אָוונט האָבן יינגלעך, באָדנדיק זיך, דערזען איזאַטן, אונטער אַ צובראָכענעם לאַסט־שיפל, אַן אָפּגעטריקענטן, וואָס איז געלעגן אויפן ברעג אַ ביסל ווייטער פון דאָרף. אַ האַלבער דעק פונם לאַסט־שיפל איז געלעגן אויף די שטיינער פון ברעג,—די אַנדער העלפט אין וואַסער, ביים הינטערשטן טייל פון שיפל. איינגעקלעמט אין די צעבראָכענע טיילן פון רודער, איז געלעגן מיטן פנים אַרונטער איזאַטס לאַנגער גוף, מיט אַ צעבראָכענעם ליידיקן שאַרבן,— דאָס וואַסער האָט אויסגעשווענקט דעם מאַרך פון אים, מ׳האָט דעם פישער אַ זעץ געטון פון הינטן, זיין קאַרק איז געווען, ווי אָפּגעהאַקט מיט אַ האַק. דער שטראָם האָט געוויגט איזאַטן, פאַרוואַרפנדיק די פיס זיינע צום ברעג, באַוועגנדיק מיט דעם פישערס הענט, ס׳האָט זיך געדוכט, אַז ער שטרענגט אָן זיינע כחות, ארויסצוקריכן אויפן ברעג.

אָנגעברוגזט, קאָנצענטרירט זענען געשטאַנען אויפן ברעג אַ פּאָר צענדליק רייכע פויערים, די אָרעמע האָבן זיך נאָך נישט צוריקגעקערט פון פעלד, פאַרשמאַיעט, מאַכנדיק מיטן שטעקעלע, איז אַרומגעלאָפן דער גנבישער פחדנותדיקער סטאַראָסטע, געדרייט מיט דער נאָז און אָפּגעווישט זי מיטן אַרבל פון זיין ראָזער העמד. צעשפּרייטנדיק די פיס, מיט אַן אויסגעשטעלטן בויך, איז געשטאַנען דער לייביקער געוועלבניק־קוזמין, קוקנדיק – נאָך דער ריי—דאָ אויף מיר, דאָ אויף קוּקושקינען. ער האָט צאָרנדיק אָנגעכמורעט די ברעמען, נאָר זיינע פאַרבלאָזע אויגן האָבן געטרערט אין זיין געשטופּטן פנים האָט מיר אויסגעזען זייער נעבעכדיק.

— אוי, אַ נבלה!—האָט געיאָמערט דער סטאַראָסטע, היפּענדיק מיט זיינע קרומע פיס.—אוי, פויערים, נישט גוט!

די געזונטע, יונגע שנור זיינע האָט, זיצנדיק אויפן שטיין, טעמפּ אַריינגעקוקט אין וואַסער און זיך געצלמט מיט אַ ציטערדיקער האַנט. אירע ליפּן האָבן זיך באַוועגט, און די אונטערשטע גראָבע, רויטע ליפּ איז עפּעס נישט אָנגענעם, פּונקט ווי ביי אַ הונט, אַרונטערגעהאָנגען, אָפּדעקנדיק געלע שעפּסענע ציין. פון באַרג האָבן זיך אַראָפּגעקוילערט, ווי קאָלירטע שטיקער, מיידן און קינדער, שטויביקע פּויערן האָבן איילנדיק געשפּרייזט. דער עולם פּויערן האָט פּאָרזיכטיק און נישט הויך גערעשט:

— אַ בעל־גאווה אַ פּויער געווען.

— מיט וואָס דען?

— אָט אַ שטייגער, ווי קוקושקין...

— אומזיסט אַוועקגעפּטרט אַ מענטשן...

— איזאָט—האָט באַשיידן געלעבט...

— באַשיידן?—האָט זיך צעוואָיעט קוקושקין, וואַרפנדיק זיך צו די פּויערים.—פּאַרוואָס־זשע האָט איר אים דערהרגעט, האַ? מנוולים, פּאַרוואָס, האַ?

פּלוצלינג האָט זיך איינע אַ פּרוי היסטעריש צעלאַכט און דער געלעכטער פון דער קלאָגערין האָט ווי אַ בייטש אַ שמיץ געטון אין המון,—די פּויערן האָבן אָנגעהויבן גוואַלדעווען, אַרויפּקריכנדיק איינע אויף די אַנדערע מיט זידלעריי, רעווענדיק, און קוקושקין, האָט צושפּרינגענדיק צום קרעמער, אים דערלאַנגט אַ פּאטש אין דער האָריקער באַק:

— אָט האָסטו, בהמה!

מאַכנדיק מיט די פויסטן איז ער באַלד אַרויסגעשפּרונגען פון געשלעג און כמעט פריילעך אויסגעשריען צו מיר:

— גיי אַוועק, מען וועט זיך שלאָגן!

מ׳האָט אים שוין אַ זעץ געטון, ער האָט געשפּיגן מיט בלוט פון דער צעקלאַפּטער ליפּ, נאָר זיין פּנים האָט געלויכטן פון נחת...

— האָסטו געזען, ווי כ׳האָב אַ קנאַק געטון קוזמינען?

צו אונז איז צוגעלאָפן באַרינאָוו, אַרומקוקנדיק זיך מיט

שרעק אויפן המון אַרום דער לאַסט־שיף; דער עולם האָט זיך צונויפגעדרענגט אין איין קופּע, פון וואַנען ס'האָט זיך אַרויסגעריסן דעם סטאַראָסטעס דין קול:

— ניין, באַוויז נאָר—ווען טו איך שלעכטס! אדרבה— באַוויין!

— איך מוז אַוועק פון דאַנען,—האָט געמורמלט באַרינאָוו, גייענדיק באַרג אַרויף. דער אָוונט איז געווען אַ הייסער, אַ דריקנדע היץ האָט שווער געמאַכט צו אָטעמען. אַ צונטער רויטע זון האָט זיך אַרונטערגעלאָזן אין די געדיכטע בלוילעכע וואָלקנס, אַ רויטער אָפּגלאַנץ האָט געשיינט אויף די בלעטער פון די קשאַקעס; ערגעץ ווייט האָט געבורמט אַ דונער.

נעבן מיר האָט זיך גערירט איזאָטס גוף און אויפן צעשמעטערטן שאַרבן האָבן זיך באַוועגט די האָר, וואָס זענען אויסגעגלייכט געוואָרן דורכן שטראָם, פּונקט ווי זיי וואָלטן זיך אויפגעשטעלט. כ'האָב מיך דערמאָנט אין זיין הייזעריקלעכער שטים, און אין זיינע גוטע רייד:

— אין יעדער מענטשן איז פאַראַן עפּעס קינדישעס, — אָט דערויף דאַרף מען זיך שטיצן, אויף דאָס קינדישע! אָט נעם אַ שטייגער דעם כאָכאָל: עס דוכט זיך אַן אייזערנער. זיין נשמה אָבער—איז אַ קינדערשע!

שפּרייזנדיק נעבן מיר, האָט קוקושקין גערעדט מיט כעס:

— אַזוי קומט אונז אַלעמען... אָ גאָט, ווי נישטיק דאָס איז אַלץ!

דער כאָכאָל איז געקומען אין אַ טאָג צוויי אַרום, שפּעט: ביינאַכט, קענטיק, זייער צופרידן מיט עפּעס, אויסערגעוויינלעך פריינטלעך. ווען כ'האָב אים אַריינגעלאָזן אין שטוב, האָט ער מיר אַ פּאַטש געטון איבערן פּלייצע.

— איר שלאָפט ווייניק, מאַקסימיטש!

— מ'האָט איזאָטן דערהרגעט.

— וו—אָ—ס?

זיינע באַקן־ביינער האָבן זיך אָנגעבלאָזן ווי געשווירן, און די באָרד האָט אָנגעהויבן ציטערן, פּונקט ווי זי וואָלט

אַרונטערפֿליסן אויפֿן ברוסט. נישט אַראָפּנעמענדיק דאָס היטל, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אינמיטן צימער, ושמורענדיק די אויגן און שאָקלענדיק מיטן קאָפּ.

— איז ווייסט מען נישט—ווער? נו, יאָ...

ער איז געלאָסן צוגעגאַנגען צום פֿענסטער, האָט זיך דאָרט אַנידערגעזעצט, אויסציענדיק די פֿיס.

— איך—האָב דאָך אים אָבער געזאָגט... פֿון דער מאַכט איז ווער געוועזן?

— נעכטן. דער פּריסטאַוו.

— נו, און וואָס? — האָט ער געפֿרעגט און זיך אַליין געענטפֿערט: — געוויס — גאָרנישט!

כ'האָב אים געזאָגט, אַז דער פּריסטאַוו האָט זיך, ווי געוויינלעך, אָפּגעשטעלט ביי קוזמינען און געהייסן אַריינזעצן קוקושקינען פֿאַר פּאַטשן דעם געוועלבניק.

— אַזוי. נו, וואָס קען מען דאָ זאָגן?

כ'בין אַוועק אין קיך אַריין שטעלן דעם סאַמאָוואַר.

ביים טיי טרינקען האָט ראָמאַס גערעדט:

— אַ רחמנות אויף אַזאַ פֿאָלק, — די בעסטע מענטשן זיינע דערהרגעט עס! מ'קאָן מיינען — עס האָט מורא פֿאַר זיי. זיי זענען פֿאַר אים ווי אַ „פֿינפֿטער ראָד צום וואָגן". ווען כ'בין געגאַנגען מיטן עטאַפּ קיין סיביר, — האָט מיר איינער אַ קאַטאָרזשניק דערציילט: ער האָט זיך פֿאַרנומען מיט גנבה, ער האָט געהאַט אַ גאַנצע חברה פֿון פֿינף מאַן. איינמאָל זאָגט איינער צו אונז: לאָמיר, ברידער, וואַרפֿן דאָס גנבענען. קיין מזל ברכה איז סיי ווי סיי נישטאָ—מיר לעבן שלעכט! און דערפֿאַר האָט מען אים דערשטיקט, ווען ער איז געשלאָפֿן אַ שכורער. דער דערציילער האָט שטאַרק געלויבט דעם דערהרגעטן. דריי פֿון זיי, זאָגט ער, האָב איך נאָכדעם אַוועקגעשיקט אויף יענער וועלט — אַרט מיך גאָרנישט, נאָר יענער חבר איז מיר אַ שאָד ביז היינטיקן טאָג, ער איז געווען אַ גוטער חבר, אַ קלוגער, אַ פֿריילעכער, אַ ריינע נשמה. — „צו וואָס האָט איר אים דער-

הרגעט? — פרעג איך — האָט איר מורא געהאַט ער זאָל אייך נישט אַרויסגעבן״? דאָס האָט אים אַפּילו באַליידיקט: „ניין, זאָגט ער, ער וואָלט פאַר קיין געלט נישט אַרויסגעגעבן, פאַר קיין פאַל נישט! נאָר — עפּעס סתּם אַזוי, ס׳איז עפּעס געווען נישט באַקוועם צו חברן זיך מיט אים, מיר זענען אַלע — זינדיקע מענטשן און ער, כּלומרשט, אַ צדיק. נישט באַקוועם״.

דער כאַכאָל איז אויפגעשטאַנען און אָנגעהויבן שפּרייזן איבערן צימער, פאַרלייגנדיק די הענט אויף הינטן, האַלטנדיק צווישן די ציין זיין לולקע, אײַנגאַנצן אַ ווייסער, אין אַ לאַנג טאָטעריש העמד ביז צו די פּיאַטעס. טופּנדיק פעסט מיט די באָרוויסע פּאָדעשוועס, האָט ער גערעדט שטיל און פאַרטראַכט:

— כ׳האָב מיך אָפּט אָנגעשטויסן אויף דער דאָזיקער מורא פאַרן צדיק, אויפן פאַקט פון פאַריאָגן פון לעבן דעם גוטן מענטשן. צווייערליי באַציונגען זענען דאָ צו אַזוינע מענטשן: אָדער מ׳פאַרטיליקט זיי מיט אַלערליי מיטלען, פאַרסמענדיק צוערשט דאָס לעבן, אָדער—מ׳קוקט זיי אין די אויגן, ווי די הינט, מ׳קריכט פאַר זיי אויף אַלע פיר. דאָס — איז זעלטענער. אָבער — לערנען זיך ביי זיי לעבן, זיי נאָכטון — קענען זיי נישט, זענען נישט ביכולת. אפשר — ווילן זיי נישט?

אָננעמענדיק דאָס גלאָז מיטן קאַלטן טיי, האָט ער געזאָגט:

— זיי מעגן אויך נישט וועלן! שטעלט זיך פאָר, — מענטשן האָבן זיך מיט גרויס מי איינגעאָרדנט אַ שטיקל לעבן, זיך צוגעוווינט צו אים און עמעץ איינער — בונטעוועט: נישט אַזוי לעבט איר! נישט אַזוי? אָבער, מיר האָבן דאָך אונזערע בעסטע כּחות אַריינגעלייגט אין דעם דאָזיקן לעבן, כאַפּט דיך דער רוח! און—אַ קויל דעם לערער, דעם צדיק, שטער נישט! אָבער פונדעסטוועגן, איז דער ריכטיקער אמת ביי די, וואָס זאָגן: נישט אַזוי לעבט איר! ביי זיי איז דער אמת. און זיי פירן דאָס דעם לעבן צום בעסערן.

אַ מאַך טוענדיק מיטן האַנט צו דער פּאָליצע מיט די ביכער, האָט ער צוגעגעבן:

— דערהויפּט — אָט די! ווען איך וואָלט געקאָנט אָנ־שרייבן אַ בוך! נאָר — איך טויג נישט דערצו, — די געדאַנקען מײַנע זענען שווערע, אומגעלומפּערטע.

ער האָט זיך צוגעזעצט צום טיש, אָנגעשפּאַרט און, צו־דריקנדיק מיט די הענט דעם קאָפּ, געזאָגט:

— אַך, אַ שאָד איזאָטן...

און האָט אַ צייט געשוויגן:

— נו, לאָמיר זיך לייגן שלאָפן...

כ׳בין אַוועק צו זיך אויפן בוידעם, צוגעזעצט זיך צום פענסטער. איבער די פעלדער האָבן אויפגעפלאַמט בליצן, אַרומנעמענדיק אַ האַלבן הימל; ס׳האָט זיך געדוכט, אַז די לבנה ציטערט אויף שרעקעדיק, ווען עס צעגיסט זיך איבערן הימל די העלע רויטלעכע שיין, די הינט האָבן אָנגעשטרענגט געוואָיעט און ווען נישט דאָס דאָזיקע וואָיען, וואָלט מען געקאָנט האָבן אַ פאָרשטעלונג, ווי מ׳וואָלט געלעבט ערגעץ־ווו אויף אַן אומ־באַוווינטן אינזל. ס׳האָט געקנאַלט אַ ווייטער דונער, אין פענ־סטער האָט אַרײַנגעפלאָסן אַ שווערער שטראָם פון שטיקנדער יואַרעמקייט.

פאַר מײַנע אויגן איז געלעגן איזאָטס קערפּער, — אויפן ברעג, אונטער די ווערבע־קוסטעס, זיין בלוי פּנים איז געווען געווענדט צום הימל און די פאַרגלעזערטע אויגן האָבן שטרענג אַרײַנגעקוקט אין זיך. די גאָלדענע באָרד האָט זיך צוזאַמענ־געקלעבט אין שאַרפע קאָמעס און צווישן די האָר האָט זיך באַהאַלטן אַן ערשטוינט אָפן מויל.

— דער עיקר, מאַקסימיטש, איז גוטסקייט, צערטלעכקייט, כ׳האָב ליב פּסחא דערפאַר, וואָס ער איז — דער פרייִלעכסטער יום־טוב!

צו זיינע בלויע פיס, וואָס זענען ריין אָפּגעוואַשן דורכן וואַסער פון דער וואָלגע, האָבן זיך צוגעקלעבט די בלויע הויזן, אויסגעטריקנטע פון דער ברענענדיקער זון. די פליגן האָבן געזשומט איבערן פישערס פּנים, פון זיין גוף האָט זיך גע־טראַגן אַ פאַרשיכורנדיקער חלשות־גערוך.

שווערע טריט אויף די טרעפּ, אָנבויגנדיק זיך בײַ דער טיר, איז ראַמאַס אַרײַן און האָט זיך געזעצט אויף מײַן בעטל, צונויפנעמענדיק די באָרד אין הויפן.

— און איך, ווייסט איר, האָב חתונה! יאָ.

— שווער וועט דאָ זײַן פאַר אַ פרוי צו לעבן...

ער האָט מיך שאַרף אָנגעקוקט, פּונקט, ווי ער וואָלט געוואַרט: וואָס וועל איך נאָך זאָגן? כ׳האָב אָבער נישט געפונען, וואָס צו זאָגן. דער אָפּשײַן פון די בליצן האָט זיך אַלע ווײַלע אַרײַנגעריסן אין צימער, פאַרגיסנדיק אים מיט אַ מיסטישער שײַן.

— כ׳האָב חתונה מיט מאַשע דערענקאָוואַן...

כ׳האָב נישט ווילנדיק אַ שמייכל געטון: ביז איצט איז מיר נישט אײַנגעפאַלן, אַז מ׳קאָן זי אָנרופן — מאַשע, אַ שפּאַס, כ׳קען מיך נישט דערמאָנען, אַז דער פאָטער אָדער די ברי־דער זאָלן זי האָבן גערופן אַזוי—מאַשע.

— וואָס לאַכט איר?

— אַזוי זיך.

— איר מיינט—איך בין צו אַלט פאַר איר?

— אָ, ניין!

— זי האָט מיר געזאָגט, אַז איר זענט געווען פאַרליבט אין איר.

— דוכט זיך—יאָ.

— און איצט? איז שוין פאַרבײַ?

— כ׳מיין, אַז יאָ.

ער האָט אַרויסגעלאָזן די באָרד פון צווישן די פינגער, זאָגנדיק שטיל:

— אין אײַערע יאָרן דוכט זיך אָפט אַזוי, אָבער אין מײַנע—דוכט זיך דאָס שוין נישט, נאָר עס נעמט דיך אינגאַנצן אַרום און מ׳קאָן מער וועגן גאָרנישט טראַכטן, נישטאָ קיין כחות!

און, אויסשטשירענדיק איראָניש זײַנע ציין, האָט ער צוגעגעבן:

— אַנטאָני האָט פאַרשפּילט די מלחמה קעגן צעזאַר אָק־טאַוויאַנען בײַ אַקציומע דערפאַר, וואָס ער האָט געוואָרפן דעם פליכט און די קאָמאַנדע און איז נאָכגעלאָפן אויף זײַן שיף

נאָך קלעאָפּאַטרע, גראָד ווען זי האָט זיך דערשראָקן און האָט פאַרלאָזן די שלאַכט,—אָט וואָס עס קען פּאַסירן!

ראָמאַס איז אויפגעשטאַנען, האָט זיך אויסגעגלייכט און איבערגעחזרט, ווי איינער וואָס טוט עפּעס קעגן זיין ווילן:

— איז, אָט וואָס — כ'האָב חתונה!

— אינגיכן?

— אין האַרבסט, ווען מיר וועלן פאַרענדיקן מיט די עפּל.

ער איז אַוועק, אָנבויגנדיק אין טיר דעם קאָפּ נידעריקער, ווי מ'האָט עס געדאַרפט, און איך האָב זיך געלייגט שלאָפן, טראַכטנדיק, אַז ס'וואָלט זיכער בעסער געווען, ווען כ'זאָל צו האַרבסט אַוועקגיין פון דאַנען. צוליב וואָס האָט ער דאָס געזאָגט וועגן אַנטאָניען? דאָס איז מיר נישט געפעלן געוואָרן.

ס'איז שוין אָנגעקומען די צייט פון אַראָפּנעמען די פריציייטיקע מינים עפּל. ס'איז אַ גרויס גערעטעניש. די צווייגן פון די עפּלבוימער האָבן זיך געבויגן צו דער ערד אונטער דער משא פון די פּירות. אַ שאַרפער ריח האָט אַרומגענומען די סעדער, דאָרט האָבן געפּילדערט קינדער, קלויבנדיק די צעוואַרעמטע און פון ווינט אָפּגעפאַלענע געלע און ראָזע עפּל.

אין די ערשטע טעג פון אויגוסט איז ראָמאַס געקומען צו שווימען פון קאַזאַן אין אַ פלאַכשיפל אָנגעלאָדן מיט סחורה און מיט נאָך איינעם אָנגעלאָדן מיט קערב. ס'איז געווען אין אַ וואָכעדיקן פרימאָרגן אַזייגער אַכט, דער כאָכאָל האָט זיך נאָר-וואָס איבערגעטון, זיך איינגעוואַשן און, גרייטנדיק זיך צו טרינקען טיי, האָט ער פריילעך גערעדט:

— ווי גוט עס איז צו שווימען ביינאַכט איבערן טייך!

און פלוצלינג, אַ צי טוענדיק מיט די נאָז, האָט ער אַ פרעג געטון פאַרזאָרגט:

— עפּעס הערט זיך סמאַלעניש — האַ? —

אין דער זעלבער רגע האָט זיך דערהערט אין הויף אַקסיניעס אויסגעשריי.

— מיר ברענען!

מיר זענען אַרויסגעלאָפן אין הויף,—ס'האָט געברענט די

וואַנט פון שייער פון דער גאָרטן־זייט, אין שייער האָבן מיר געהאַלטן נאַפּט, דזעגעכץ און אייל. אייניקע רגעס האָבן מיר ווי פאַרלוירן צוגעקוקט, ווי ערנסט די געלע צונגען פייער, אָפּגעבלאַקירטע פון דער העלער זון, לעקן די וואַנט, פאַרבויגנ־דיק זיך צום דאַך. אַקסינע האָט געבראַכט צושלעפּן אין עמער וואַסער, דער כאַכאָל האָט אים אַ פּליוך געטון אויף דער בלײַ־ענדיקער וואַנט, אַ וואָרף געטון דעם עמער און געזאָגט:

— צום טײַוול! קײַקלט אַרויס די פּעסער, מאַקסימיטש! אַניסיע — אין געוועלב אַרײַן!

כ׳האָב שנעל אַרויסגעקײַקלט אויפן הויף און אויפן גאַס אַ פּעסל פּעך און זיך גענומען פאַרן פאַס נאַפּט, נאָר ווען כ׳האָב עס איבערגעדרייט, — האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער שפּונט פון פאַס איז אָפּן און דער נאַפּט איז אַרויסגערונען אויף דער ערד. ביז כ׳האָב געפינען דעם שפּונט, האָט דאָס פייער—נישט געוואַרט. דורך די ברעטערדיקע ווענט פון שייער האָבן זיך אַרויסגערוקט זײַנע שאַרפע צינגען, דער דאַך האָט געקנאַקט און ס׳האָט עפּעס שפּאָטיש געזונגען. אַרויסקיילערנדיק דאָס נישט פולע פאַס האָב איך דערזען פון אַלע זײַטן פרויען און קינדער לויפנדיק מיט אַ געוויין און אַ קוויטשערײַ, אַז דער כאַכאָל און אַקסינע טראָגן אַרויס פון געוועלב סחורה, אַראָפּ־לאָזנדיק עס אין טאָל, און אינמיטן גאַס שטייט אַ שוואַרצע גרויע זקנה און, דראָענדיק מיטן פויסט, שרייט זי שניידנדיק.

— אַ, שדים!...

ווען כ׳בין ווידער אַרײַנגעלאָפן אין שייער, איז ער געווען פול מיט אַ געדיכטן רויך, אין רויך האָט געפייפט, געקנאַקט, פון דאַך זענען אַרונטערגעהאָנגען פלאַטערנדיק רויטע לענטעס, און די וואַנט האָט זיך שוין פאַרוואַנדלט אין אַן אָנגעגליטער קראַטע. דער רויך האָט מיך געשטיקט און פאַרבלענדט די אויגן, כ׳בין קוים געווען בכּוח צוצוקײַקלען דאָס פאַס צו דער טיר פון שייער. אין טיר האָט עס זיך פאַרהאַלטן און איז נישט גע־גאַנגען ווייטער, און פון דאַך האָבן זיך אויף מיר געשאָטן פונקען, ברענענדיק די הויט. כ׳האָב אָנגעהויבן רופן נאָך הילף,

ס'איז געקומען צולויפן דער כאָכאָל, מיך אָנגעכאַפּט ביי דער האַנט און אַרויסגעשטויסן אויפן הויף.

— אַנטלויפט שנעל! ס'וועט באַלד אויפרייסן...

ער האָט זיך אַוואָרף געטון אין הויז, און איך נאָך אים— אויפן בוידעם, דאָרטן האָב איך געהאַט אַ סך ביכער. אַרויס־שליידערנדיק זיי דורכן פענסטער, האָב איך נאָכדעם געוואָלט אַרונטערוואַרפן אַ קאַסטן היטלען, דאָס פענסטער איז געווען צו שמאָל פאַרן קאַסטן, דאַן האָב איך אָנגעהויבן אויסהאַקן די ביישטידלען מיט אַ האַלב פּודיקן געוויכט, נאָר, פּלוצלינג האָט דומף אַ בוכץ געטון, אויפן דאַך האָט שטאַרק אַ פּליוך געטון, כ'האָב פאַרשטאַנען, אַז דאָס האָט זיך אויפגעריסן דאָס פאַס מיט נאַפט, דער דאַך איבער מיר האָט זיך צעפּלאַקערט, געקנאַקט פאַרביי פענסטער. אַריינקוקנדיק אין אים, האָט זיך געגאָסן אַ געלער שטראָם פייער און ס'איז מיר געוואָרן שרעקלעך הייס. כ'האָב זיך אַוואָרף געטון צו דער טרעפּ, — געדיכטע וואָלקנס רויך האָבן מיר געשלאָגן אַנטקעגן, איבער די טרעפּלעך זענען געקראָכן ציגטער־רויטע שלאַנגען, און אונטן אין הויז האָט אַזוי געקנאַקט, פּונקט ווי עמעצנס אייזערנע ציין וואָלטן געגריזשעט דאָס האַלץ. איך — האָב זיך פאַרלוירן. פאַרבלענדט פון רויך, זיך שטיקנדיק, בין איך געשטאַנען אומבאַוועגלעך, אייביקע אייביקע מינוטן. דורכן דאַך־פענסטערל האָט אַריינגעקוקט אַ רויט־בערדיק מיאוסער געלער פּרצוף, האָט זיך ספּאַזמאַטיש אויסגע־קרימט, פאַרשוווּנדן, און גלייך נאָכדעם האָבן זיך אינם דאַך אַריינגעשטאָכן בלוטיקע פלאַמען־שפּיזן.

איך געדענק, מיר האָט זיך געדאַכט, אַז די האָר אויף מיין קאָפּ קנאַקן און אַ חוץ דעם האָב איך קיין אַנדערע קלאַנ־גען נישט געהערט. כ'האָב פאַרשטאַנען, אַז — כ'בין פאַרלוירן, די פיס זענען קלאָציק געוואָרן, און די אויגן האָבן מיר ווי געטון, הגם איך האָב זיי פאַרשטעלט מיט די הענט.

דער קלוגער לעבנס־אינסטינקט האָט מיר אונטערגעזאָגט דעם איינציקן רעטונגס־וועג — איך האָב אַ כאַפּ געטון אין די אָרעמס מיין מאַטראַץ, דאָס קישן, דעם בינטל ראָגאָזשע, אַרומ־

געוויקלט דעם קאָפּ מיט ראַמאַסעס שעפּסן־פּעלצל און בין אַדורכגעשפּרונגען דורכן פענסטער.

אויפגעכאַפּט האָב איך זיך אויפן ראַנד פון טאָל, נעבן מיר איז געזעסן ראַמאַס אויף די שפּיץ־פינגער און געשריען:

— וואָ—אָס?

כ׳האָב זיך געשטעלט אויף די פיס און קוקנדיק ווילד, ווי אונזער שטוב גייט איין, פאַלט זיך פאַנאַנדער אין רויטע שפּענדלעך. די שוואַרצע ערד נעבן איר האָבן געלעקט רויטע הינטישע צינגען. די פענסטער האָבן געאָטעמט מיט שוואַרצן רויך, אויפן דאַך זענען געוואַקסן וויגנדיקע געלע בלומען.

— נו, וואָס? — האָט געשריען דער כאָכאָל. זיין פּנים, דורכגעווייקט פון שווייס און איינגעשמירט אין סאַזשע, האָט געוויינט מיט שמוציקע טרערן, די אויגן האָבן שרעקעדיק גע־פינטלט, אין דער נאַסער באָרד האָבן זיך אַריינגעפּלאָנטערט ראָגאָזשע פאַסמעס. אַן אָפּפרישנדיקע כוואַליע פון פרייד האָט מיך איינגעאַנצן אָפּגעגאָסן — אַזאַ אומגעהויער, מעכטיק געפיל! — שפּעטער האָט מיר אָנגעהויבן ברענען אין לינקן פוס, כ׳האָב זיך געלייגט און געזאָגט צום כאָכאָל:

— כ׳האָב זיך אויסגעלענקען דעם פוס.

אָנטאַפּנדיק דעם פוס, האָט ער אים פּלוצלונג אַ צי־געטון — אַ שאַרפער ווייטיק האָט מיך דורכגענומען און, אין עטלעכע מינוט אַרום, האָב איך, אַ שכורער פון פרייד, אונטערהינקנדיק, אַוועקגעטראָגן צו אונזער באָד די אַרויסגעראַטעוועטע זאַכן, און, ראַמאַס, מיט די לולקע אין די ציין, האָט פרייליך גערעדט:

כ׳בין געווען זיכער, אַז איר וועט פאַרברענט ווערן, ווען דאָס פאַס האָט אויפגעריסן און דער נאַפט האָט אַ פליוך געטון איבערן דאַך. דאָס פייער האָט זיך, ווי אַ זייל, אַ הויב־געטון הויך, און נאָכדעם איז אויפן הימל אויסגעוואַקסן אַזאַ מין שוואָם, און דאָס גאַנצע הויז האָט זיך מיטאַמאָל איינגעטונקט אין פייער. נו, טראַכט איך, פאַרלוירן מאַקסימיטש!

ער איז שוין געווען, ווי תמיד, רויק, האָט אַקוראַט צו־זאַמענגעלייגט די זאַכן אין איין קופּע און גערעדט צו דער

שמוציקער צעפּודלטער אַקסיניע:

— זיצט דאָ און היט, מ׳זאָל נישט גנבענען, און איך וועל גיין לעשן...

אין רויך אונטערן טאָל זענען געפלויגן ווייסע שטיקלעך פּאַפּיר.

— עך — האָט געזאָגט ראָמאַס — אַ שאָד די ביכער! טייער זענען מיר געווען די ביכלעך...

ס׳האָבן שוין געברענט פיר הייזער. דער טאָג איז געווען אַ שטילער. דאָס פייער האָט זיך נישט געאיילט, צעגיסנדיק זיך אויף רעכטס און אויף לינקס. די בויגעוודיקע האַקנדלעך זיינע האָבן זיך ווי אומגערן פּאַרטשעפּעט אָן די דעכער און אָן די פּאַרקאַנעס. דער אָנגעגליטער קאַם האָט געקעמט דאָס שטרוי פון די דעכער, פייערדיקע, קרומע פינגער האָבן צענו־מען די פּלויטן, שפּילנדיק אויף זיי, ווי אויף צימבלען, אין דער רויכיקער לופט האָט זיך פאַנאַנדערגעטראָגן דער נאָגנדי־קער, נקמה־פריידיקער, הייסער געזאַנג פון די פלאַמען און אַ שטיל, כמעט אַ צאַרט קנאַקן פון פּאַרברענטן האָלץ. פון דעם וואָלקן רויך זענען אַראָפּגעפאַלן אויפן גאַס און אויף די הויפן גאָלדענע „טויבן”, פויערים און ווייבער האָבן אַרומגעהאַוועט צעטומלטע, זאָרגנדיק יעדער פאַר זיך, און ס׳האָט אָן אויפהער געקלונגען אַ וואָיענדיק אויסגעשריי:

— וואַס—ער!

דאָס וואַסער איז געווען ווייט אונטערן באַרג, אין דער וואָלגע. ראָמאַס האָט שנעל צוזאַמענגענומען די פויערים אין איין קופּע, כאַפּנדיק זיי פאַרן קאַרק, שטופּנדיק, דערנאָך האָט ער זיי איינגעטיילט אין צוויי פּאַרטיעס און געהייסן ברעכן די פּאַרקאַנס און די דינסט־ביידלעך ביי ביידע זייטן פון דער שרפה. מ׳האָט אים געהאָרכזאַם געפאָלגט און ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַ מער־שכלדיקער קאַמף מיט דער זיכערער שטרעבונג פון פייער איינצושלינגען די גאַנצע „אָרדענונג”, די גאַנצע גאַס. נאָר פונדעסטוועגן האָט מען געאַרבעט מיט שרעק און עפּעס אָן האָפענונג, פונקט ווי עס וואָלט געווען אַ פרעמדע זאַך.

כ'בין געווען פריילעך געשטימט, געפילט זיך אַזוי שטאַרק, ווי נאָך קיינמאָל נישט. אין עק גאַס האָב איך באַמערקט אַ רעדל רייכע פויערן מיטן סטאַראָסטע און קוזמינען בראש, זיי זענען געשטאַנען אָן אַרבעט, ווי צוקוקער, געשריען, מאַכנ־דיק מיט די הענט און מיט די שטעקנס. פון פעלד זענען רייטנדיק געקומען צושפרינגען פויערן, הויבנדיק די עלנבויגנס ביז צו די אויערן, זיי אַנטקעגן האָבן געיאָמערט די ווייבער, און יונגלעך זענען אַרומגעלאָפן.

ס'האָבן זיך אָנגעצונדן דינסט־בנינים פון נאָך אַ הויף, מ'האָט געדאַרפט וואָס גיכער פאַנאַנדערנעמען די וואַנט פון שטאַל, זי איז געווען געפלאָכטן פון גראָבע צווייגן און שוין באַפּוצט מיט די רויטע פלאַמענדיקע שטעכגעס. די פויערן האָבן אָנגעהויבן אונטערהאַקן די פלעקער פון פלויט, ס'האָט אויף זיי אַ שאָט־געטון מיט פונקען, קוילן און זיי זענען אָפּ־געשפרונגען, לעשנדיק מיט די הענט די טליענדיקע רובאַשקעס.

— האָב קיין מורא נישט! — האָט געשריען דער כאָכאָל.

דאָס האָט נישט געהאָלפן. דאַן האָט ער אַרונטערגעריסן פון עמעצן דאָס היטל און עס אַרויפגערוקט אויף מיין קאָפּ:

— האַקט פון יענער זייט, און איך — דאָ!

כ'האָב אונטערגעהאַקט ביי אַ פּאָר פלעקער, — די וואַנט האָט זיך אַ שאָקל געטון, נאָכדעם בין איך אַרויפגעקראָכן אויף איר, האָב זיך אָנגעכאַפּט פאַר דער אויבערשטער טייל פון וואַנט און דער כאָכאָל האָט מיר פאַר די פיס אַ צי־געטון צו זיך און דער גאַנצער פּאַס פון צוים איז איינגעפאַלן, צודעקנ־דיק מיך כמעט ביזן קאָפּ. די פויערן האָבן אַלע אינאיינעם אַרויסגעשלעפּט דעם צוים אויפן גאַס.

— איר האָט זיך אָפּגעברענט? — האָט אַ פרעג געטון ראָמאַס.

זיין זאָרג פאַר מיר האָט מיר צוגעגעבן כחות און פלינ־קייט. מיר האָט זיך געוואָלט אויסצייכענען אין די אויגן פון דעם דאָזיקן ליבן מענטשן, כ'האָב געאַרבעט מעשים, נאָר כדי צו פאַרדינען זיין לויב. און אין די וואָלקנס רויך זענען נאָך

אַלץ, ווי טויבן, געפלויגן בלעטלעך פון אונזערע ביכער.

פון דער רעכטער זייט האָט זיך איינגעגעבן אָפּצוהאַלטן דאָס פייער. נאָר פון לינקס האָט עס זיך פאַרשפּרייט אַלץ ווייטער, פאַרכאַפּנדיק שוין דעם צענטן הויף. איבערלאָזנדיק אַ טייל פויערן זיי זאָלן אַכטונג געבן אויף די כיטרע רויטע שלאַנגען, האָט ראַמאַס אַוועקגעשיקט דעם גרעסטן טייל אַרבעטער אויף לינקס; פאַרביילויפנדיק פאַרביי די רייכע פויערן, האָב איך דערהערט ווי עמעצער פון זיי רופט ביין אויס:

— מ'האָט אונטערגעצונדן!

און דער געוועלבניק האָט געזאָגט:

— מ'דאַרף כאַפּן אַ קוק ביי אים אין באָד!

ס'איז באַקאַנט, אַז אויפרעגונג — באַזונדערס אַ פרייל עכע אויפרעגונג, פאַרטאָפּלט די קרעפטן; כ'בין געווען אויפגערעגט, געאַרבעט מיט שמחה, פאַרגעסנדיק אָן זיך און צום סוף פאַרלוירן די כוחות. איך געדענק, כ'בין געזעסן אויף דער ערד, אָנגעשפּאַרט מיט דער פּלייצע אָן עפּעס אַ הייסע זאַך. ראַמאַס האָט אויף מיר געגאָסן וואַסער פון אַן עמער, און די פויערן אַרום אונז האָבן מיט דרך־ארץ געשעפּטשעט:

— אַ געזונט יאַטל!

אויף אַזעלכן קאָן מען זיך פאַרלאָזן...

— האָב זיך צוגעטולעט צו ראַמאַסעס פוס און זיך מאוס צעוויינט, און ער האָט מיר געגלעט איבערן נאַסן קאָפּ און געדעדט:

— רוט זיך אָפּ! גענוג.

קוקושקין און באַרינאָוו, ביידע פאַררויכערטע, ווי די שדים, האָבן מיך צוגעפירט צום טאָל, טרייסטנדיק:

— נישקשה, ברודער! און געענדיקט:

— האָסט זיך דערשראָקן?

כ'האָב נאָך נישט באַוויזן אויסצורוען און קומען צו זיך ווי כ'האָב דערזען, אַז אין טאָל, צו אונזער באָד, לאָזן זיך אַראָפּ אַ מאַן צען „נגידים", פאָראויס — דער סטאַראָסטע, און הינטער זיי פירן צוויי „סאָטסקעס" ראַמאַסן אונטערן אָרעם.

ער—גייט אָן אַ היטל, דער אַרבל פון נאַסן העמד איז אַרונטערגעריסן, אין די ציין האַלט ער פאַרקוועטשט די לולקע, זיין פנים איז אָנגעברוגזט און שרעקלעך. דער זעלנער קאסטין האָט, מאַכנדיק מיטן שטעקן, ווילד געשריען:

— אין פייער אַריין די אפיקורסישע נשמה!

— עפן די באָד...

— ברעכט אויף דעם שלאָס—דער שליסל איז פאַרלוירן געגאַנגען, האָט ראָמאַס געזאָגט הויך.

איך בין אויפגעשפרונגען, אַ כאַפּ געטון פון דער ערד אַ פלאָקן און זיך אַוועקגעשטעלט נעבן אים. די „סאָטסקעס" האָבן זיך אָפּגערוקט, און דער סטאַראָסטע האָט קוויטשעדיק אַ דערשראָקענער געזאָגט:

— פּראַוואָסלאַוונע, ברעכן שלעסער איז פאַרבאָטן!

אָנווייזנדיק אויף מיר האָט קוזמין געשריען:

— און אויך דער... ווער איז ער אַזוינער?

— רויק, מאַקסימיטש,—האָט גערעדט ראָמאַס—זיי מיינען, אַז איך האָב באַהאַלטן סחורה אין באָד און האָב אַליין אונטערגעצונדן דאָס געוועלב.

— איר ביידע!

— ברעך!

— פּראַוואָסלאַוונע...

— אויף אונזער אחריות!

— מיר וועלן ענטפערן...

ראָמאַס האָט מיר איינגערוימט:

— שטעלט זיך אַוועק מיטן פּלייצע צו מיין פּלייצע מ'זאָל פון הינטן נישט אַזעץ טון...

דעם שלאָס פון באָד האָט מען אָפּגעבראָכן, עטלעכע מענטשן האָבן זיך מיטאַמאָל אַריינגעשפּאַרט אין טיר און כמעט תיכּף אַרויסגעקראָכן צוריק פון דאָרטן דערווייל האָב איך אַריינגערוקט ראָמאַסן מיין פלאָקן אין האַנט און האָב אויפגעהויבן פון דער ערד אַן אַנדערן.

— נישטאָ גאָרנישט...

— גאָרנישט?

— אַך, שדים!

עמיץ האָט נישט־דרייסט אַ זאָג געטון:

— אומזיסט, פויערן...

עטלעכע שטימען האָבן זיך גראָב, ווי שיכּורע אָפּגערופן:

— וואָס — אומזיסט?

— אין פייער אַריין!

— העצער...

— אין אַרטעלן שפּילן זיי זיך!

— גנבים! און די חברה זייערע—זענען גנבים!

— שאַ!—האָט ראָמאַס הויך אַ געשריי געטון,—נו,—האָט איר שוין געזען, אַז אין באָד איז בײַ מיר קיין סחורה נישטאָ? — וואָס ווילט איר נאָך? אַלץ איז פאַרברענט געוואָרן, נאָר דאָס איז איבערגעבליבן — איר זעט? וואָס פאַר נוצן האָב איך געהאַט אונטערצוצינדן מיין אייגן האָב און גוטס?

— ס'איז אַסעקורירט!

און ווידער האָבן זיך אַ צען העלדזער מיט רציחה אויס־געשריען:

— וואָס איז צו קוקן אויף זיי?

— גענוג! אָנגעליטן זיך...

בײַ מיר האָבן די פיס געציטערט און ס'איז מיר פינ־סטער געוואָרן אין די אויגן. דורך דעם רויטלעכן רויך האָב איך געזען די ווילד־צאָרנדיקע צורות, און אין די צורות די האָריקע לעכער פון די מיילער, און האָב קוים איינגעהאַלטן אין זיך די בייזע תשוקה נישט צו שלאָגן די דאָ־זיקע מענטשן. און זיי האָבן גערעוועט שפּרינגענדיק אַרום אונז.

— אַ—האַ, שטעקנס האַלטן זיי.

— מיט פלעקער!?

זיי וועלן מיר די באָרד אויסרייסן — האָט געזאָגט דער כאָכאָל און, כ'האָב געפילט, אַז ער שמייכלט,—און איר, מאַק־סימיטש, וועט אויך אַריינכאַפּן,—איי! נאָר—רויק—רויק...

— זעט נאָר, דער יונגער האָט אַ האַק!

און ביי מיר האָט טאַקע אין גאַרטל פון די הויזן געשטעקט אַ סטאָליאַרשע האַק, איך האָב אינגאַנצן פאַרגעסן וועגן דעם.

— דוכט זיך, אַז זיי האָבן מורא,—האָט ראָמאַס משער געווען — פונדעסטוועגן, זאָלט איר מיטן האַק נישט אָנהויבן, טאָמער וואָס...

אַן אומבאַקאַנט קליינטשיקס, הינקעדיק פויערל האָט הויך אונטערטאַנצנדיק, ווילד געפּייפּקעוועט:

— מיט ציגל פאַרוואַרפט זיי פון וויטן! דערלאַנג אים אין קאָפּ.

ער האָט טאַקע אַ כאַפּ געטון אַ שטיק ציגל, זיך פאַרמאָסטן און אַ שליידער געטון מיר אין בויך אַריין, נאָר איידער כ'האָב נאָך באַוויזן אים אָפּצוגעבן, האָט זיך קוקושקין אַ וואָרף געטון אויף אים פון אויבן, ווי אַ שפּאַרבער, און ביידע אַרומגענומענע האָבן זיך אַראָפּגעקאָלערט אין טאָל. נאָך קוקושקינען איז געקומען צעלויפן פאַנקאָוו, באַרינאָוו, אַ שמיד און נאָך אַ מאַן צען און תיכף האָט קוזמין סאָליד אָנגעהויבן רעדן:

— דו, מיכאַאילאָ אַנטאָנאָוו, ביזט אַ קלוגער מענטש, דו ווייסט דאָך: אַ שרפה מאַכט דעם פויער משוגע...

— לאָמיר, מאַקסימיטש, גיין צום ברעג אין אַ שענק אַריין,—האָט געזאָגט ראָמאַס און אַרויסנעמענדיק די לולקע פון מויל, האָט קער זי מיט אַ שאַרפער באַוועגונג אַריינגערוקט אין דער הויזן־קעשענע. אָנגעשפּאַרט אויף אַ שטעקן, איז ער מיד געקראָכן פון טאָל און ווען קוזמין האָט גייענדיק נעבן אים, אים עפּעס אַ זאָג געטון, האָט ער, נישט אָנקוקנדיק אים געענטפערט:

— טראָג זיך אָפּ, טפּש!

— אויפן אָרט פון אונזער שטוב האָט ליעט אַ גאָלדענע קופּע מיט קוילן און אין מיטן איז געשטאַנען דער אויוון, פון דעם איבערגעבליבענעם קוימען האָט זיך געהויבן אין דער הייסער לופט אַ בלוי רויכעלע. די רויט־צעגליטע אייזנדלעך פון בעט זענען געווען אַרויסגעשטעקט, ווי די פיסלעך פון אַ שפּין. די פאַרקוילטע בעלקעס פון טויער זענען געשטאַנען ביים פיי־

ער ווי שוואַרצע וועכטער, איין בעלקע אין אַ רויט היטעלע פון קוילן און אַרומגענומען מיט פלעמעלעך, וואָס זענען ענלעך צו הענערשע פעדערן.

די ביכער זענען פאַרבערענט געוואָרן,—האָט געזאָגט דער כאָכאָל אָפּזיפּצנדיק.—דאָס איז אַ שאָד!

די יינגלעך האָבן געטריבן די האָלאָוועשקעס מיט שטעקנס, פּונקט ווי די קליינע חזירימלעך, אין דעם גאַסיקן שמוץ, די האָלאָוועשקעס האָבן געשיפּעט און זיך געלאָשן, אָנפילנדיק די לופט מיט אַ ביטערן רויך. אַ מענטש פון אַ יאָר פינף, מיט ווייסע האָר און בלאָע אויגן האָט, זיצנדיק אין אַ וואַרעמער שוואַרצער לוזשע, געקלאַפּט מיט אַ שטעקן איבער אַ צעבויגענעם אייזערנעם קובל, אָנקוועלנדיק פאַרטיפט פון דעם אָפּקלאַנג. די נשרפים זענען, אַרומגעגאַנגען פאַרכמורעטע, צוזאַמענשלעפּנדיק אין אַ קופּע די רעשטעך פון די שטוביקע חפצים. די ווייבער האָבן געוויינט און זיך געזידלט, קריגנדיק זיך איבער אַן אָפּגעברענטן שטיקל האָלץ. אין די סעדער, הינטער דעם אָרט פון דער שרפה, זענען אומבאַוועגלעך געשטאַנען די ביימער, ביי א סך פון זיי זענסן די בלעטער געל געוואָרן פון היץ, און ס'איז קענטיקער געוואָרן די גרויסע שפע פון רויטע עפּל.

מיר זענען אַרונטערגעגאַנגען צום טייך, זיך אויסגעבאָדן און דערנאָך שווייגעדיקע געטרונקען טיי אין אַ שענק ביים ברעג.

— און מיט די עפּל האָבן די קולאַקעס פאַרשפּילט, — האָט געזאָגט ראָמאַס. ס'איז געקומען פּאַנקאָוו, אַ פאַרטראַכטער און ווייכער, ווי תּמיד.

— וואָס הערט מען, ברודער? — האָט געפרעגט דער כאָכאָל.

פּאַנקאָוו האָט אַ קוועטש-געטון מיט די פּלייצעס:

— מיין הויז איז געווען אַסעקורירט.

מ'איז אַנטשוויגן געוואָרן, מאָדנע, ווי אומבאַקאַנטע, אָנ-קוקנדיק איינער דעם אַנדערן מיט דורכנעמענדיקע אויגן.

— וואָס וועסטו איצט אָנהויבן צו טון, מיכאַיל אַנטאָניטש?

— כ'וועל אַ טראַכט טון.

— דו דאַרפסט פונדאַנען אַוועקפאָרן.

— כ'וועל זען.

— איך האָב אַ פּלאַן, — האָט געזאָגט פאַנקאָוו, — קום אַרויס אין דרויסן, וועלן מיר שמועסן.

זיי זענען אַוועק. אין טיר האָט זיך פאַנקאָוו אומגעדרייט און געזאָגט צו מיר:

— און — דו ביסט נישט קיין פּחדן! דו — קענסט דאָ לעבן, פאַר דיר וועט מען מורא האָבן...

איך בין אויך אַרויסגעגאַנגען צום ברעג, זיך אַנידער־געלייגט אונטער די קוסטעס, קוקנדיק אויפן טייך.

ס'איז הייס, כאָטש די זון האָט זיך שוין אַראָפּגעלאָזן צו מערב־זייט. פאַר מיר האָט זיך ברייט פאַנאַנדערגעוויקלט אַלץ, וואָס כ'האָב איבערגעלעבט אין דעם דאָרף. פונקט, ווי אויפגעשריבן מיט פאַרב אויפן פּאַס פון טייך. אומעטיק איז מיר געווען. נאָר אינגיכן האָט מיך גובר געווען די מידקייט, און איך בין פעסט איינגעשלאָפן.

— העי, האָב איך דערהערט אין שלאָף, פּילנדיק אַז מען טרייסלט מיך און מען שלעפּט מיך ערגעץ. — ביסטו געשטאָרבן צי וואָס? שטיי אויף!

הינטערן טייך, איבער די לאָנקעס האָט געלויכטן אַ רויטע לבנה, אַ גרויסע, ווי אַ ראָד. באַרינאָוו האָט זיך אָנגעבויגן איבער מיר און מיך געטרייסלט.

— גיי, דער כאָכאָל זוכט דיך, ער איז אומרויק!

גייענדיק הינטער מיר, האָט ער געברומט:

— דו טאָרסט נישט שלאָפן, ווו עס מאַכט זיך! ס'וועט איינער דורכגיין אויפן באַרג, וועט זיך פאַרטשעפּען—און אַ שטיין וועט זיך אַראָפּקאָלערן. און אפשר וועט מען דערלאַנגען מיט אַ כּיוון, ביי אונז—שפּאַסט מען נישט. דאָס פאָלק, ברודער לעבן, געדענקט שלעכטס. אויסער שלעכטס האָט עס, אגב, גאָרנישט וואָס צו געדענקען.

אויפן ברעג, אין די קוסטעס, האָט זיך עמיצער שטיל געפּאָרעט, — ס'האָבן זיך גערירט די צווייגן.

— האָסט אים געפונען?—האָט געפרעגט מיגונס קלינגע־דיק קול.

— כ'פיר אים — האָט געענטפערט באַרינאָוו.

און אָפּגייענדיק א טריט צען, האָט ער געזאָגט אָפּזיפּצנדיק

— ער קלייבט זיך פיש גנבנען. מיגונען—לעבט זיך אויך נישט לייכט...

ראָמאַס האָט מיך איבערגענומען מיט אַ צאָרנדיקן פאָרוואורף:

— און איר וואָס שפּאַצירט איר אַרום? איר ווילט מ'זאָל אייך אָנבויקערן די ביינער?

און ווען מיר זענען געבליבן אַליין האָט ער פאַרדראָסיק און שטיל געזאָגט:

— פּאַנקאָוו לייגט אייך פאָר איר זאָלט בלייבן ביי אים, ער וויל עפענען א געוועלב. איך ראַט אייך נישט. נאָר, אָט יואָס, כ'האָב אים אַלץ פאַרקויפט, וואָס עס איז איבערגעבליבן, כ'וועל אַוועקפאָרן קיין וויאַטקע און אין אַ פאַרלויף פון אַ געווי־סער צייט וועל איך אייך אַרויסרופן צו זיך. גוט?

— כ'וועל אַ טראַכט טון.

— גיט אַ טראַכט.

ער האָט זיך געלייגט אויף דער פּאָדלאָגע, האָט זיך גע־פּאָרעט אַ ווײַלע און איז אַנטשוויגן געוואָרן. זיצנדיק ביים פענסטער, האָב איך געקוקט אויף דער וואָלגע. דער אָפּשיין פון דער לבנה אין טייך האָט מיר דערמאָנט די פלאַמען פון דער שרפה. אונטערן נידעריקן ברעג האָט שווער געפּאַטשט מיט די רעדער־שופלען אַ שלעפּ דאַמפער, דריי מאַסטבוים־פייערלעך זענען געשוועמען אין דער פינסטער. דערגרייכנדיק ביז צו די שטערן און, צייטנווייס זיי צוגעדעקט.

— איר זענט בייז אויף די פּויערים? — האָט שלעפעריק געפרעגט ראָמאַס—מ'דאַרף נישט, זיי זענען נאָר נאַריש. כעס—איז אַ נאַרישקייט.

זיינע ווערטער האָבן מיך נישט געטרייסט, האָבן נישט געקאָנט ווייכער מאַכן מיין גרימצאָרן און די שאַרפקייט פון מיין באַליידיקונג. כ׳האָב געזען פאַר זיך חיהשע, האָריקע פיסקעס, וואָס האָבן אַרויסגעלאָזט פון זיך אַ בייזן קוויטש:

— פאַרוואַרפט זיי מיט ציגל פון ווייטן!

און דער גרויסער מאַן אין דעם צעפליקטן שעפּסענעם פעלץ מיט דעם באַראַנקאָוון היטל, וואָס שפּרייזט אַרום ביים רודער, וועט פאַרגליווערט ווערן, פאַרכּשופט אויף אייביק און וועט שוין מער נישט רעווען:

— אָפּפּ! אָו־פּ...

כ׳האָב אים אַ פרעג געטון:

— ווי רופט מען דיך?

— צו וואָס דאַרפסטו עס וויסן? — האָט ער דומף געענטפערט.

ביים זון־אונטערגאַנג, אָפּפאָרנדיק פון קאַזאַן, האָב איך באַמערקט, אַז ביי דעם דאָזיקן מענטשן, וואָס איז אומגעלומ־פערט, ווי אַ בער, איז דאָס פנים האָריק אָן אויגן. צוטרעטנדיק צום רודער, האָט ער אַריינגעגאָסן אין אַ הילצערנעם קרוג אַ פלעשל בראָנפן, האָט עס אין צוויי זופּן אַריינגעקערט אין זיך, אַזוי ווי וואַסער, און האָט פאַרביסן מיט אַן עפּל. און ווען דער שלעפּ־דאַמפער האָט אַ צי געטון דאָס לאַסט־שיפל, האָט דער מענטש זיך איינגעקלאַמערט אין דער הויב־האַנט פון רודער, האָט אַ קוק געטון אויף דעם רויטן קרייז פון דער זון, אַ טרייסל געטון מיטן קאָפּ און שטרענג געזאָגט:

— מיט גאָטס הילף!

דער דאַמפער פירט פון ניזשנע, פון יאָרמאַרק, קיין אַסטראַכאַן פיר לאַסטשיפן, אָנגעלאָדענע מיט שטיקער אייזן, פעסלעך צוקער און מיט עפּעס אַזעלכע שווערע קאַסטנס — אַלץ פאַר פּערסיען. באַרינאָוו האָט מיטן פוס אַ קלאַפּ געטון אין די קאַסטנס, אַ שמעק געטון, אַ קלער געטון און געזאָגט:

— נישט אַנדערש — ווי ביקסן פון איזשעווער פאַבריק...

אָבער דער רודערער האָט אים אַ שטורך געטון מיטן פויסט אין בויך און געפרעגט:

— וואָס אַרט דאָס דיך?

— מיינע געדאַנקען...

— און — אין פּיסק, — ווילסטו?

מיר האָבן נישט געהאַט מיט וואָס צו באַצאָלן פאַר דער רייזע אויפן דאַמפער, האָט מען אונז פון „רחמנות וועגן" מיטגענומען אויפן לאַסטשיף און כאָטש מיר „האַלטן וואך", ווי די מאַטראָסן — קוקן אַלע אויפן לאַסטשיף אויף אונז, ווי אויף בעטלער. און דו טענהסט — דאָס פאָלק — וואַרפט מיר אויף באַרינאָוו -- דאָ — איז גאָר פשוט: ווער אויף ווּעמען עס פאָרט רייטנדיק...

די פינסטערניש איז אַזוי געדיכט, אַז די לאַסטשיפן זעען זיך נישט, מען זעט נאָר די שפיצן פון די מאַסטבוימער, באַלויכטענע פון די לאַמטערן-פייערלעך אויפן פאָן פון די רויכיקע וואָלקנס. פון די וואָלקנס שלאָגט אַ גערוך פון נאַפט.

עס רעגט מיך אויף דאָס ברוגזע שווייגן פון רודערער. כ'בין באַשטימט פאַר אַ באָטסמאַן צו „וואַכן" ביים רודער אַלס געהילף ביי דער דאָזיקער חיה. אַכטגעבנדיק אויף די באַוועגונגען פון די פייערלעך, זאָגט ער צו מיר שטיל ביי יעדער ווענדונג:

— עי, נעם זיך!

איך שפּרינג אויף און דריי די רודער-האַנט.

— גוט, — מורמלט ער

איך זעץ מיך ווידער אויף דער אויבערדעק. דורכרעדן זיך מיט דעם דאָזיקן מענטשן — איז אוממעגלעך. ער ענטפערט מיט פראַגן:

— און וואָס גייט דאָס דיך אָן?

וועגן וואָס קלערט ער? ווען מען איז אַדורכגעשווומען דאָס אָרט, ווו די געלע וואַסערן פון דער קאַמע גיסן זיך אַריין אין דעם שטאָלענעם פאַס פון דער וואָלגע, האָט ער, וואַרפנדיק אַ בליק צו צפון-צו, געזאָגט:

— מנוולים
— ווער?
ער האָט נישט געענטפערט.

ווייט, ווייט, ערגעץ אין די פינסטערע אָפּגרונטן וואָיען און בילן הינט. דאָס דערמאָנט עפּעס וועגן רעשטלעך לעבן נאָך נישט דערדריקטע פון דער פינסטערניש. דאָס דוכט זיך אויס עפּעס אַזוי ווייט, נישט צו דערגרייכן, און גאַנץ איבעריק.

— די הינט זענען דאָ שלעכטע,—זאָגט אומגעריכט דער מענטש ביים רודער.

— וווּ — דאָ?

— אומעטום. אַ הונט איז ביי אונז — אַן אמתע חיה...

— פון וואַנען ביסטו?

— אַ וואָלאגאָדער.

און ווי קאַרטאָפל פון אַ דורכגעלעכערטן זאַק, האָבן זיך אַ שאָט געטון גראָע, שווערע רייד:

— ווער איז יענער, וואָס איז מיט דיר — אַ פעטער? אַ שוטה איז ער, דוכט מיר. און איך האָב אַ קלוגן פעטער. אַ בייזער. אַ גבור. אין סימבירסק האַלט ער אַ האַפן. אַ שענק. אויפן ברעג.

אַרויסרעדנדיק דאָס אַלץ פּאַוואָליע, אַזוי ווי מיט אָנ־שטרענגונג, האָט ער געווענדט זיינע אומגעזעענע אויגן צום מאַסטבוים־לאַמטערן פון דאַמפער, צוקוקנדיק ווי ער שווימט, ווי אַ גאָלדענע שפין אין די נעצן פון דער פינסטערניש

— נעם זיך, נו... קענסט שרייבן און לייענען? ווייסט נישט — ווער עס שרייבט די געזעצן?

נישט דערוואַרטנדיק קיין תשובה, רעדט ער ווייטער:

— איטלעכער זאָגט אַנדערש: איינער — דער קייסער, אַ צווייטער — דער מיטראָפּאָליט, דער סענאַט. ווען כ'וואָלט אויף זיכער געוווּסט — ווער, וואָלט איך זיך געלאָזט גיין צו אים. כ'וואָלט אים געזאָגט: דו שרייב אַזוי געזעצן, אַז כ'זאָל אַ האַנט נישט קענען אויפהויבן, נישט נאָר — אַ קלאַפּ טון. אַ געזעץ מוז זיין אַן אייזערנער. ווי אַ שליסל. מ'האָט מיר

פאַרשלאָסן דאָס האַרץ און פאַרטיק! דאַן נעם איך אויף זיך דאָס אחריות! אָבער אַזוי — נעם איך קיין אַחריות נישט. ניין.

ער האָט געמורמלט פאַר זיך וואָס ווייטער אַלץ שטילער, מיט ווערטער, וואָס האָבן זיך נישט געקלעפּט איינס צום צווייטן, צוקלאַפּנדיק מיטן פויסט איבער דער רודער־האַנט.

פון דאַמפער האָט מען געשריען אין רופּאָר און דער דומפער מענטשישער קול איז געווען פונקט אַזוי איבעריק, ווי דאָס בילן און וואָיען פון די הינט, וואָס די פעטע נאַכט האָט אין זיך שוין איינגעזויגן. ביי די ראַנדן פון דאַמפער שווימען און צעגייען איבערן שוואַרצן וואַסער, ווי געלע, פעטע פלעקן די אָפּגלאַנצן פון די פייערן, אָן קראַפט עפּעס וואָס צו באַלייכטן. און איבער אונז פליסט פונקט ווי אַ געדיכטע בלאָטע, אַזוי קלעפּיק און געדיכט זענען די טונקעלע, זאַפטיקע וואָלקנס. מיר גליטשן זיך אַלץ טיפער אין די שטומע טיפענישן פון דער פינסטערניש.

דער מענטש האָט זיך מרה־שחורהדיק באַקלאָגט:

— צו וואָס מ׳האָט מיך דערבראַכט? דאָס האַרץ אָטעמט נישט...

אַ געפיל פון גלייכגילט און אַ קאַלטע בענקשאַפט האָט מיך באַהערשט. מיר האָט זיך פאַרוואָלט שלאָפן.

פאָרזיכטיק, שווער דורכדרינגענדיק דורך די וואָלקנס, האָט זיך דורכגעשלייכט אַ שוואַכער און גראָער באַגינען, אָן אַ זון. די שיין האָט באַפאַרבט דאָס וואַסער אין אַ בלייענעם קאָליר, האָט אויפגעדעקט אויף די ברעגן די געלע קוסטעס, די אייזערנע, מיט ראָסט באַדעקטע סאָסנעס, די שוואַרצע לאַפּעס פון זייערע צווייגן, אַ ריי דאָרף־הייזלעך, די פיגור פון אַ פויער, ווי אַן אויסגעהאַקטער פון שטיין. איבער דער לאַסט־שיף איז דורכגעפליגן אַ מעווע, מיט אַ פייף פון אירע קרומע פליגלען.

מיך מיטן רודערער האָט אָפּגעביטן אַ נייע „וואַך”. כ׳בין אַרונטערגעקראָכן אונטערן ברעזענט און בין איינגעשלאָפן, באַלד אָבער, ווי מיר האָט זיך געדוכט — האָבן מיך אויפגעוועקט אַ טופּעריי פון פיס און אַ געוואַלד. אַרויסרוקנדיק דעם

קאָפּ פון אונטערן ברעזענט, האָב איך דערזען, ווי דריי מאַטראָסן האָבן, צוקוועטשנדיק דעם רודערער צום ווענטל פון „קאַנטאַר־קע", געשריען אויף פאַרשיידענע קולות:

— לאָז אָפּ, פּעטרוכע!

— גאָט איז מיט דיר, — נישקשה!

— און דו — הער אויף!

די הענט פאַרלייגט, איינקלעמענדיק די פינגער אין דער אייגענער פּלייצע, איז ער געשטאַנען רויק, צוקוועטשנדיק מיטן פוס עפּעס אַ פּעקל צום אויבערדעק, געקוקט כסדר אויף אַלעמען און הייזעריק איינגערעדט:

— לאָזט מיך אַנטלויפן פון זינד.

ער איז געווען באָרוועס, אָן אַ היטל, אין איין העמד און הויזן, אויף זיין קאָפּ האָט אַרויסגעסטאַרטשעט אַ שוואַרצע קופּע נישט געקעמטע האָר, זיי זענען אַרונטערגעהאָנגען איבער זיין עקשנותדיקן בולטן שטערן, פון אונטער די האָר האָבן אַרויסגעקוקט קליינע אויגעלעך פון אַ קראָט, אָנגעגאָסענע מיט בלוט, זיי האָבן געקוקט בעטנדיק, אומרויק.

— דו וועסט זיך דערטרינקען!—האָט מען צו אים געזאָגט.

— איך? בשום־אופן נישט. לאָזט ברידער! אַ נישט — דערהרגע איך אים! גלייך ווי מיר וועלן קומען קיין סימבירסק, וועל איך...

— אָבער הער שוין אויף!

— עך ברידער...

ער האָט געלאָזן, ברייט צעשפּרייט די אָרעמס, האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אויף די קני און, אָנרירנדיק מיט די הענט אָן דער „קאָנטאַרקע", האָט ער, ווי אַ געקרייציקטער, איבערגעחזרט:

— לאָזט מיך אַנטלויפן פון זינד!

אין זיין מאָדנע טיפער שטים איז געווען עפּעס אַזוינס, וואָס האָט אויפגערודערט, זיינע צעשפּרייטע, לאַנגע אָרעמס, ווי רודערס, געווענדט צו אַלעמען מיט דלאָניעס, האָבן געציטערט. ס'האָט אויך געציטערט זיין בעריש פּנים אין דער צעפּודלטער באָרד. די קראָטישע, בלינדע אייגעלעך זענען ווי שוואַרצע

קייקעלעך אַרויסגעקראָכן פון די לעכער. ס'האָט זיך געדוכט, אַז אַן אומבאַמערקטע האַנט האָט זיך אים איינגעשטשעמעט אי־ גאָרגל און געשטיקט.

די פויערים האָבן אים שווייגעדיק אָפּגעטרעטן דעם וועג, ער איז אומגעלומפּערט אויפגעשטאַנען, אויפגעהויבן דאָס פּעקל און געזאָגט:

— נו — אַ דאַנק!

ער איז צוגעגאַנגען צום באָרט און מיט אַן אומדערוואַר־ טער פלינקייט איז ער אַריינגעשפּרונגען אין טייך. כ'האָב זיך אויך אַ לאָז געטון צום באָרט אַריינשפּרינגען און האָב דערזען, ווי פּעטרוכע האָט, שאָקלענדיק מיטן קאָפּ, אָנגעטון — ווי אַ היטל — אויפן קאָפּ זיין פּעקל און איז אַוועקגעשווומען אין דער קווער פון שטראָם, צום זאַמדיקן ברעג, ווו עס האָבן זיך אַנטקייגן אים געבויגן די קוסטעס פון ווינט, אַראָפּוואַרפנדיק אין וואַסער געלע בלעטער.

די פויערים האָבן גערעדט:

— ער האָט זיך גובר געווען פונדעסטוועגן!

כ'האָב אַ פרעג געטון:

— ער — איז פון זינען אַראָפּ?

— פאַרוואָס? ניין, דאָס האָט ער געטון פאַר דער לייטע־ רונג פון זיין נשמה...

פּעטרוכע איז שוין צוגעשווומען צו אַ זאַמדיקן אָרט, האָט זיך אַוועקגעשטעלט ביז דער ברוסט אין וואַסער און אַ מאַך געטון מיטן פּעקל איבערן קאָפּ...

די מאַטראָסן האָבן אויסגעשריען:

— זיי געזונט!

עמעץ האָט אַ פרעג געטון:

— און וואָס וועט ער מאַכן אָן אַ פּאַספּאָרט?

אַ געלער, קרומפיסיקער מאַטראָס האָט מיר מיט פאַר־ געניגן דערציילט:

— אין סימבירסק וווינט זיינער אַ פעטער, וואָס האָט אים באַגנבעט און באַגזלט. האָט ער זיך פאַרנומען צו דער־

הרגענען דעם פעטער, נאָר ער האָט אויף זיך אַליין רחמנות געקריגן און איז אַנטרונען פון דער זינד. דער פויער איז אַ חיה, אָבער — אַ גוטע! ער — איז אַ גוטער...

און דער גוטער פויער האָט שוין געשפּרייזט איבערן שמאָלן פּאַס זאַמד, אַנטקעגן שטראָם פון טייך און — אָט איז ער נעלם געוואָרן צווישן די קוסטעס.

די מאַטראָסן האָבן זיך אַרויסגעוויזן פּאַר גוטע־ברידער; זיי זענען אַלע געווען מיינע לאַנדסלייט, אַמאָליקע וואָלגאַרעס. אין אָוונט האָב איך זיך שוין געפילט צווישן זיי, ווי אַן אייגענער מענטש, נאָר אויף מאָרגן האָב איך באַמערקט, אַז זיי קוקן אויף מיר אָנגעברוגזט און אָן צוטרוי. כ'האָב גלייך פאַר־שטאַנען, אַז אין דעם איז שולדיק באַרינאָוו׳ס צונג, אַז דער דאָזיקער פאַנטאַזיאָר האָט שוין עפּעס דערציילט די מאַטראָסן.

— ס'דערציילט?

שמייכלענדיק מיט זיינע ווייבערשע אויגן, קראַצנדיק שעמעוודיק אונטערן אויער, האָט ער זיך מודה געווען:

— אַביסל דערציילט!

— אָבער — איך האָב דאָך דיך געבעטן שווייגן?

— האָב איך דאָך טאַקע געשוויגן, איז אָבער די מעשה אַ געוואַלטיק אינטערעסאַנטע. מ'האָט געוואָלט שפּילן אין קאָרטן, האָט דער רודערער פאַרכאַפּט די קאָרטן, —ס'איז געווען אומע־טיק, האָב איך אַזוי זיך...

פון מיין חקירה ודרישה האָב איך זיך דערוווּסט, אַז באַרינאָוו האָט, פון אומעט, אויסגעקלערט אַ גאַנץ פיינע מעשה וואָס איר סוף איז געווען, אַז איך מיט דעם כאָכאָל האָבן זיך, ווי די פּאַרטייטיקע וויקינגען, געקיילט מיט העק מיטן המון בויערים.

בייז זיין אויף אים — איז געווען גאַנץ אומזיסט, — ער האָט געזען דעם אמת נאָר מחוץ פון דערווירקלעכקייט. איינ־מאָל, ווען איך בין מיט אים געווען אונטערוועגס, זוכנדיק אַרבעט, און בין געזעסן ביים ראַנד פון אַ טאָל, האָט ער מיר

פריינטלעך און איבערצייגנדיק איינגערעדט:

— דעם אמת דאַרף מען אויסקלייבן, ער זאָל זיין צום האַרצן: אָט דאָרט, הינטערן טאָל, פיטערט זיך אַ סטאַדע, אַ הונט לויפט אַרום, דער פּאַסטוך גייט אַרום. נו, איז וואָס? וואָס האָבן מיר דאָ וואָס עס זאָל אונז זיין צום האַרצן? ליבער, דו גיב נאָר פּשוט אַ קוק דער שלעכטער מענטש — איז דער אמת, אָבער דער גוטער — ווו איז ער? דעם גוטן האָט מען נאָך נישט אויסגעקלערט, יאָ—אָ!

אין סימבירסק האָבן אונז די מאַטראָסן זייער אומפריינטלעך געבעטן אַראָפּגיין פון דער לאַסטשיף אויפן ברעג.

— איר זענט נישט קיין פּאַסיקע מענטשן פאַר אונז, — האָבן זיי געזאָגט.

אין אַ שיפל האָט מען אונז צוגעפירט צו די סימבירער האַפנס, און מיר האָבן זיך אָפּגעטריקנט אויפן ברעג, האָבנדיק אין קעשענע זיבן און דרייסיק קאָפּיקעס.

מיר זענען אַוועק אין שענק טיי טרינקען.

— וואָס וועלן מיר טון?

באַרינאָוו האָט זיכער געזאָגט:

— ווי אַזוי — וואָס? מ׳דאַרף ווייטער פאָרן.

ביז סאַמאַרע זענען מיר געפאָרן ווי „האָזן" מיט דער באַן, אין סאַמאַרע האָבן מיר זיך אָנגעדונגען אויף אַ לאַסט־שיף און אין זיבן טעג אַרום זענען מיר כמעט בשלום דערפאָרן צו די ברעגעס פון קאַספּישן ים און דאָ האָבן מיר זיך איינ־געאָרדנט ביי אַ קליינער קאָמפּאַניע פישער, וואָס האָט געאַרבעט אין אַ קאַלמיקער שמוציקער פישעריי קאַדאַנקול־ביי.

# דער וועכטער.

איך — בין אַ נאַכט־וועכטער אויף דער סטאַנציע דאָברינקע; פון זעקס אַ זייגער אין אָוונט ביז זעקס אַ זייגער אינדערפרי גיי איך אַרום מיט אַ שטעקן אין האַנט אַרום די מאַגאַזינעס; מיט טויזנטער מיילער בלאָזט פון דער סטעפּ דער ווינט, עס טראָגן זיך וואָלקנס שניי, אין זיין גרויער מאַסע קריכן הין און הער שווער קרעכצנדיק, לאָקאָמאָטיוון, שלעפנדיק נאָך זיך שוואַרצע רינגען פון וואַגאָנעס, פּונקט, ווי עמיץ וואָלט נישט איילנדיק אַרומגעוויקלט די ערד מיט אַן אומענדלעכע קייט און שלעפּט זי דורכן הימל, וואָס איז צעבּרעקלט אין אַ קאַלטן ווייסן שטויב. דער ליאַרם פון אייזן, דער בראַזג פון די צוזאַמענגעטשעפּעטע וואַגאָנעס, אַמשונהדיקע סקריפּעריי, אַ שטיל וואָיען, טראָגט זיך אינאיינעם מיטן שניי.

בּיי דעם לעצטן מאַגאַזין, אין דעם מוטנים וויכער פון דער שניי זאַווערוכע, פאָרען זיך צוויי טונקעלע געשטאַלטן, — דאָס זענען געקומען קאָזאַקן גנבענען מעל. דערזעענדיק מיך, שפּרינגען זיי אָב אין אַ זייט, און באַהאַלטן זיך הינטער אַ שניי בּערגל און דערנאָך, הער איך, דורך דעם געוואָי און גערויש פון דער זאַווערוכע, ווי זיי בעטן זיך בּעטלעריש בּיי מיר, זאָגן צו, צו געבן אַ האַלבן רובל, זידלען זיך.

— לאָזט געמאַך, חברה, — זאָג איך.

כ׳בין פויל זיי אויסצוהערן, ס׳ווילט זיך נישט רעדן מיט זיי, איך ווייס, אַז זיי זענען — נישט קיין בעטלער, גנבענען נישט פון נויט, נאָר צום פאַרקויפן, אויף צו שיכּורן און אויף פּרויען.

אַמאָל שיקן זיי אונטער די שיינע זשאָלנערקע ליאָסקע גראַפּאָווע; אויפשפּיליענדיק איר פעלצל אין די בּלוזקע, באַווייזט

זי פּאַר די וועכטער אירע ברוסט, עלאַסטישע, ווי כראָמסקע, זיי שטייען ביי איר האָרינזאָנטאַל.

– קוקט אָן, – ווי האַרמאַטן, – רייצט זי זיך און נעמט זיך איבער.

– נו, איר ווילט פּאַר אַ זעקל וווייצענע מעל פון צווייטן סאָרט? נו, – פון דריטן?

דער יונגער פרומער טאַמבאָווער שייגעץ בייקאָוו און דער אוסמאָנער טאָטער, דער הינקעדיקער איבראַהים, דינגען זיך מיט איר געשעפטליך.

זי שטייט פאַר זיי, מיט דער אָפענער ברוסט, דער שניי צוגייט אויף איר הויט, זי גיט אַ טרייסל מיט די אַקסלען, ווי אַ ציגיינערין, און זידלט זיך אויס:

– נו גיכער, קאַצאַפּעס! שמוציקע חברה, איר וועט דען געפונען ערגעץ אַזאַ תענוג, ווי ביי מיר, הינטעשע נבלות!

זי פאַרהאַסט די רוסישע פויערים. איר שטים איז אַ ברוסטיקע, אַ שטאַרקע, איר שיין פנים איז באַלויכטן מיט קעצעשע אויגן. איבראַהים פירט זי אַוועק אונטערן דאַך פון מאַגאַזין, און אי, חברה וואַרפט אַרויף אויפן שליטן אַ זאַק מיט מעל – און פאָרט אַוועק.

די פערשייטקייט פון דער דאָזיקער פרוי עקלט מיר און עס נאָגט מיר אין האַרצן אַ רחמנות אויף איר הערלעכן, שטאַרקן קערפּער. איבראַהים האָט זי אָנגערופן הינט און האָט אויסגע- שפּיגן, דערמאָנענדיק אירע צערטליכקייטן, און בייקאָוו האָט שטיל און פאַרטראַכט געזאָגט:

– דערהרגענען דאַרף מען אַזוינע...

אין די חגאות, פּוצט זי זיך אויס יום-טובדיק, אין ציגענע סקריפּעדיקע שיך, אין אַ פּורפּור רויט טוכל אויף די קאַשטאַ- נענע געדיכטע האָר, און אַריינקומענדיק אין שטאָט באַדינט זי מיט איר קערפּער די „אינטעליגענץ" באַציענדיק זיך צו אַלע אירע קונדן אַלץ איינס פרעך און מיט האַס.

אָפטמאָל פלעגט זי זיך צוטשעפּען צו מיר, איך פלעג זי פאַרטרייבן פון מיין גבול. נאָר עפּעס איינמאָל זיצנדיק אין

אַ וואַרימער, ליכטיקער נאַכט אויף די טרעפּלעך פון מאַגאַזין, האָב איך איינגעדרעמלט און, עפנענדיק די אויגן, דערזען נעבן זיך ליאָסקען; זי איז געשטאַנען די הענט אַריינגערוקט אין די טאַשן פון איר פעלצל מיט אָנגעצויגענע ברעמען, די לבנה האָט אויפמערקזאַם באַלויכטן איר שטאַלטנע פיגור.

שרעק זיך נישט, — כ'בין נישט געקומען גנבענען, איך שפּאַציר.

נאָך די שטערן — איז שוין געווען ווייט נאָך האַלבע נאַכט.

— שפּעטליך שפּאַצירסטו.

— אַ פּרויענצימער לעבט מיט דער נאַכט — האָט ליאָסקע געענפערט, צוזעצנדיק זיך צו מיר. — און פאַרוואָס שלאָפסטו עפּעס? מ'צאָלט דען געלט פאַרן שלאָפן?

זי האָט אַרויסגענומען פון קעשענע אַ הויפן קיכלעך און קנאַקענדיק, האָט זי אַ פרעג געטון:

— דו ביסט, ווייזט אויס, אַ געלערנטער? זאָג זשע, וווּ געפינט זיך די שטאָט אַבאָלאַק?

— כ'ווייס נישט.

— גאָטס מוטער האָט זיך דאָרטן באַוויזן, די הענט אַרויף, שרייבט זיך, און דאָס קינד קריסטוס — ביי אירע פוס.

— אַ באַלאַצק...

— וווּ איז עס?

— אויפן אוראַל ערגעץ, אָדער אין סיביר.

זי גיט אַ לעק די ליפּן, און זאָגט:

— אפשר צוגיין אהין? ס'איז ווייט אָבער מען דאַרף פונדעסטוועגן גיין.

— צוליב וואָס.

— תּפלה טון, איך בין שטאַרק זינדיק. אַלץ צוליב אייך, הינט, האָסט צו פאַרויכערן?

פאַרויכערנדיק — האָט זי מיך מתרה געווען:

— געדענק דערצייל נישט פאַר די קאָזאַקן, אַז איך רויכער ביי אונז האָט מען נישט ליב, אַז אַ פרוי רויכערט.

איר שטרענג פּנים, פאַררויטלט פון דער ווינטערדיקער לופט איז זייער שיין געווען, ס'האָבן העט געפינקלט די טונקעלע שוואַרצאַפּלען אין אירע אָ וואַלע אָפּאַל-וויסלען.

אַ גאָלדן שטרייפל האָט אַ פינקל געטון אין הימל – די פרוי האָט זיך איבערגעצלמט, זאָגנדיק:

– באַשירם גאָט די נשמה! אָט זינקט מיין נשמה אויך, ווען איז דיר אומעטיקער אויפן האַרצן, אין ליכטיקע אָדער אין פינסטערע נעכט? מיר – אין ליכטיקע.

זי האָט אָנגעשפּיגן אויפן אָפּגערויכערטן פּאַפּיראָס, האָט אים אַוועקגעוואָרפן און, אויסגענעצענדיק, האָט זי פאָרגע-לייגט.

– קום — ווילסט אַ שטיף טון?

און אַז איך האָב זיך אַנטזאָגט – האָט זי גלייכגילטיק צוגעגעבן:

– ס'איז גוט מיט מיר, אַלע ליבן מיך...

כ'האָב געזאָגט עטלעכע ווערטער וועגן איר אָפּשטויסנדיקער פאַרשייטקייט — פריינטלעך און ווייך האָב איך דאָס געזאָגט, נישט קוקנדיק אויף מיר, האָט זי געענטפערט מיט אַ רויק און גלאַט קול:

– דאָס — האָב איך פון לאַנגווייל פאַרלאָרן מיין בושה, ס'איז לאַנגווייליק, מענטש...

ס'איז מיר שוידערליך געווען צו הערן פון איר מויל דאָס וואָרט: „מענטש" — דאָס האָט מיר געקלונגען נישט געוויינלעך, פרעמד. און די פרוי האָט פאַרוואַרפנדיק דעם קאָפּ און, קוקנדיק אין הימל אַריין, געלאַסן גערעדט:

– נישט איך בין די שולדיקע; מזאָגט: אַזוי האָט גאָט געמאַכט, די פרוי ווערט נאָך די פיס געשאַצט. איך בין דערין נישט שולדיק...

זיצנדיק אַ שווייגנדיקע נאָך אַ מינוט צוויי, האָט זי זיך גע-שטעלט, אַרומגעקוקט.

– כ'וועל גיין צום נאַטשאַלניק...

און נישט איילנדיק איז זי אַוועק איבער די וועג-פּאַסן,

איבער די שינעס, באַזילבערטע פון דער לבנה, און איך בין געבליבן אַ באַדריקטער פון די ווערטער:

— ס׳איז לאַנגווייליק, מענטש...

צו יענער צייט איז מיר געווען אומפאַרשטענדלעך די „לאַנגווייליקייט" פון מענטשן, וואָס זייער לעבן ווערט געבוירן און גייט דורך אויף די ברייטע שטחים אין אַ פוסטקייט, וואָס איז העל באַלויכטן דאָ פון דער זון, דאָ פון דער לבנה, אויף דער פלאַכער ערד, ווו דער מענטש זעט דייטלעך זיין נישטיקייט, ווו ס׳איז נישטאָ כמעט גאָרנישט, וואָס זאָל פאַרפעסטיקן זיין ווילן צום לעבן.

פאַרביי מיר האָבן געשומערט מענטשן, פאַר וועמען דאָס אַלץ, מיט וואָס איך האָב געלעבט איז געווען פרעמד, יעדער פון זיי האָט זיך אָבגעשפיגלט אין מיין נשמה און אין דעם כסדרדיקן בייט פון די דאָזיקע אָפשפיגלונגען, האָב איך זיך געפילט ווי פאַראורטיילט אויף יסורים צו פאַרשטיין דאָס אומפאַרשטענדלעכע.

אָט דרייט זיך ווילד פאַר מיינע אויגן דער נאַטשעלניק פון דער סטאַנציע, אַפריקאַן פעטראָווסקי, אַ גבר מיט אַ ברייטער ברוסט און לאַנגע הענט, ער האָט אויסגעגלאָצטע, — ווי ביי אַ ראַק, טונקעלע אויגן, אַ שוואַרצע געדיכטע באָרד, ער איז, ווי אַ חיה איינגאַנצן באַוואַקסן מיט האָר, און רעדט – מיט אַ פרעמד קול, מיט אַ טענאָר, און, ווען ער איז בייז פייפט ער מיט דער נאָז, ברייט צעבלאָזנדיק זיינע קאַלמיקישע נאָזלעכער. ער – איז אַ גנב, ער צווינגט די וועגער אויפצועפענען די וואַגאָנעס מיט משא, וואָס קומען אָן פון די פאָרטן פון קאַספּישן ים. די וועגער ברענגען צו אים זייד, זיסע זאַכן, ער פאַרקויפט דאָס געגנבעטע און אָרדנט איין ביי זיך אין דער היים ביינאַכט אַ „גלחיש לעבן". ער איז אכזריותדיק, שלאָגט איבער די אויערן און איבער די ציין די סטאַציע-וועכטער, מ׳זאָגט אַז ער האָט כמעט צום טויט דערשלאָגן זיין ווייב.

מחוץ פון זיין אַמט-צייט פוצט ער זיך אויס אין אַ רויט זיידענעם העמד, סאַמעטענע שאַראַווארן, אין טאָטאַרשע גרינע

סאַפּיאַן-שטיוול, טראָגט אויף די שוואַרצע געקרויזטע האָר אַ לילע, מיט זייד אויסגענייט, היטעלע; און אַזעלכער — איז ער ענלעך אויף אַ זינגער פּוי אַ שענק, וואָס טראָגט אַ „באָיאַרישן אָנצוג".

צו אים קומט צו גיין דער געהילף איספּראַווניק מאַסלאָוו, אַ פליכעוואַטער, אַ קיילעכדיקער, אַ געגאָלטער, ווי אַ קאַטוילישער גלח, מיט אַ נאָז פון אַ רויב פויגל, און פוקסישע אויגלעך פון אַנ׳אויסגעלאַסענער פּרויענצימער. דאָס איז זייער אַ בייזער, כיטרער, פאַלשער מענטש, אין שטאָט האָט מען אים אַ נאָמען געגעבן „אַקטריסע"; ס׳קומט אַריין דער זייף-פאַבריקאַנט טיכאָן סטעפּאַנאָוויטש, אַ געלער, סטאַלנער פויער, אַ שווערער, ווי אַן אָקס, פאַרשלאָפענער, אויף זיין פאַבריק פאַרגיפטן זיך מיט עפּעס די אַרבעטער און פוילן לעבעדיקערהייט; מ׳האָט אים עטלעכע מאָל באַשטראָפט און פאַרמשפּט פאַר צעמזיקן די אַרבעטער; עס קומט דער הינקעדיקער קלויסטער-זינגער וואַראָשילאָוו, אַ שכור, אַ שמוציק, פאַרשמאָלצן מענטשל, אַ זעלטענער גיטאַרע און האַרמאָניק-שפּילער, זיין קנאַכיק געשטיפּלט פּנים איז באַוואַקסן מיט גרויע האָר, גראָבע, ווי די נאָדלען פון אַ יעזש; דער דיאַקאָן האָט קליינע אויסגעצערטלטע פּרויען-הענט און אַ שיין העל בלוי אויג — רופט מען אים טאַקי אַזוי — „געגנבעט אויג".

עס קומען פרישע מיידלעך פון דאָרף און קאָזאַצקעס פון דער סטאַציע, אָפטמאָל קומט מיט זיי אויף ליאָסקע. אין אַ קליינעם צימער, אַן ענג אָנגעשטעלטן מיט זאָפעס, זעצט מען זיך אַרום ביי אַ שווערן רונדן טיש, וואָס איז אָנגעלאָדן מיט געראָכערטע עופות, שינקע, מיט אַלערליי געזאַלצנס, מיט געזייערטע עפּל, קאַוואָנעס, מיט געזייערטן קרויט, צווישן דער דאָזיקער גאַנצער שפע פינקלט אַרויס אַ קוואַטירל בראָנפן; פּעטראָווסקי און זיינע פריינט קייען לאַנג כמעט שווייגנדיק, און טשאַמקען, זופן דעם בראָנפן פון אַ זילבערנעם „ברידער" קענדל, — וואָס האַלט אַ פערטל-פלאַש.

מ׳האָט זיך אָנגעגעסן. סטעפּאַכין גרעפּצט, ווי אַ באַשקיר,

צלמט זיך, דער דיאַקאָן, שטעלט אָן, שמייכלענדיק צאַרט, די גיטאַרע! מען גייט איבער אין אַ גרויסן צימער, וווּ ס'איז נישטאָ קיין מעבל, אויסער אַ האַלבער טוץ שטילן און מען הויבט אָן זינגען.

מען זינגט — ווונדערלעך. פעטראָווסקי — מיט אַ טענאָר, סטעפּאַכין — מיט אַ געדיכטן, ווייכן באַס, דער דיאַקאָן — האָט אַ גוטן באַריטאָן, מאַסלאָוו האַלט אונטער גוט דעם באַלעבאָס, די פּרויען האָבן אויך פיינע שטימען, באַזונדערס צייכנט זיך אויס מיט דער ריינקייט פון קאָנטראַלטאָ קלאַנג די שטים פון דער קאָזאַצקע קובאַסאָווא, ליאָסקעס שטים איז שרייענדיק, — דער דיאַקאָן דראָט איר אָפּט מיט פינגער, מען זינגט פייערליך-פרום, ווי מען וואָלט געזונגען אין אַ קירך. און אַלע קוקן שטרענג איינע אויף דער אַנדערע און נאָר סטעפּאַכין האָט, ברייט פאַנאַנ־דערשפּרייטנדיק די פיס, אַראָפּגעלאָזט די אויגן, און דאָס פּנים זיינס איז פאַרוווּנדערט, גלייך ער וואָלט נישט געגלויבט, אַז פון זיין האַלז גיסט זיך דאָס אָן אַ סוף אַ סאַמעטענער שטראָם פון קלאַנג, די לידער זענען ווייִמוטיק-אומעדיקע, צומאָל זינגט מען פייערלעך עפּעס אַ קלויסטער-ליד, עפּעס ווי אַלץ „ווי דוי".

די ווייסלען פון פעטראָווסקעס ראַקן-אויגן זענען אָנגע־גאָסן מיט בלוט, ער ציט זיך אויס מיטן גאַנצן קערפּער, ווי אַ סאָלדאַט אין פראָנט און גוואַלדעוועט:

— דיאַקאָן — איך טאַנץ! טיכאָן — אַרבעט! לעבעדיק.

ס'האָט זיך אָנגעהויבן! — רופט זיך אָפּ דער דיאַקאָן מאַכנדיק מיט דער גיטאַרע און פאַנאַנדערקלייבנדיק קונציק די סטרונעס, מיט דער פלינקייט פון אַ קונצנמאַכער הויבט ער אָן צו שפּילן אַ טרעפּאַק, און סטעפּאַכין — טאַנצט. דאָס הילצערנע פּנים פון דעם זייף-פאַבריקאַנט, איז באַלויכטן מיט אַ פאַרחלומטן שמייכל, זיין שווערוואָגיקער קערפּער איז פול מיט שלאַנקער חיהשער גראַציע, ער שווימט איבערן צימער לייכט, ווי אַ סאָם אין וואַסער, איינגאַנצן אין שיינע ריטמישע צוקינגען און, אויס־מאָלנדיק אָן געריוש מיט די פיס פיין-געציקערלטע פיגורן, קוקט

ער אויף אַלעמען מיט אַ בליק פון אַ גליקלעכן מענטשן. ער טאַנצט פלאַדיק שיין און, כאַטש די קאָזאַצקע קובאַסאָווע דרייט זי ציקוויטשנדיק, פאַרלאָקנדיק און געשיקט אַרום אים, פאַר־שטעלט איר סטעפּאַכין מיט דער אומבאַשרייבלעכער שיינקייט פון די ריטמישע באַוועגונגען פון זיין קרעפטיקן קערפּער, — זיין טאַנצן פאַרשיכּורט אַלעמען.

אַפריקאַן פּעטראָווסקי איז ווילד געוואָרן פון שמחה, שרייט, פייפט, וואַרפט מיטן קאָפּ, אויסטרייסלענדיק פון די אויגן טרערן; אויפהערנדיק שפּילן, נעמט דער דיאַקאָן אַרום סטעפּאַ־כינען, קושט אים, און מורמלט זיפצענדיק!

— טיכאָן, ווי ביי אַ גאָט־דינסט... טייער! אַלץ... אַלץ וועט פאַרגעבען ווערן!..

און מאַסלאָוו דרייט זיך אַרום זיי און שרייט:

— טיכאָן! מלך! טאַלאַנט! גזלן!

די דאָזיקע מענטשן האָבן אויסגעטרונקען צוויי קוואַטירלעך בראָנפן, נאָר ערשט איצט הויבן זיי אָן ווערן שיכּור און מיר דוכט זיך, אַז דאָס איז — אַ שכרות פון פרייד, פון די קעגנזייטיקע שבחים און צערטליכקייטן, די פרויען זענען אויך פאַר־שיכּורט, די אויגן זייערע ברענען גיריק, אויף זייערע באַקן אַ הייסע פאַרוויטלטקייט, זיי פּאַכען אויף זיך מיט די טיכלעך און זענען אויפגערעגט, ווי לאַנג־אויסגערוטע פערד, וואָס מען האָט אַרויסגעפירט פון אַ פינסטערן שטאַל אויף אַ ברייטן הויף, אויף ליכט און וואַרימקייט פון אַ פרילינגס טאָג. ליאָסקע אָטעמט שווער מיט אַ האַלב־אָפענעם מויל, קוקט בייז אויף סטעפּאַכינען מיט פייכטע אויגן און, וויגנדיק זיך אויפן שטול, שאַרט זי איבער דער פּאָדלאָגע מיט די פּאָדעשוועס פון די שיך.

הינטער די פענסטער פייפט און וואָיעט דער ווינט, עס הוזשעט אין קוימען פון אויוון, ווייסע פליגלען שאַרן זיך איבער די שויבן פון די פענסטער, — שטיל, און שולדיק רעדט סטעפּאַכין, אָבווישנדיק מיט אַ בונט טיכל זיין פאַרשוויצט פּנים:

— צוליב אָט די טענץ, האָט מען צווישן פיינע לייט קיין ברעקל דרך ארץ נישט צו מיר...

פעטראָוװסקי איז מנדב די פײנע לײט מיט אַ קונציקן דרײַ גאָרנדיקן „אין דער מאַמען אַרײַן״, די פרויען צע־קװיטשן זיך פאַלש, װײַזנדיק בלומרשט אַז ס'איז זײ אַ חרפה, און די פאַרבינדונג פון די צעלאָזענע װערטער, דערװײַזט נצחונדיק די זעלטענע בױגעװדיקײט פון דער רוסישער שפּראַך.

דער דיאַקאָן שפּילט װידער, און פעטראָוװסקי טאַנצט שטו־רמדיק, העלדיש, מיט רעש און געפּילדער און מיט אױסגעשרײַען, פּונקט װי ער װאָלט ברעכן און רײַסן עפּעס אַזױנס װאָס דריקט אים אומבאַמערקטערהײט; עס טאַנצט ליאָסקע; װי אַ װילדער שפּרינגט אומגעלומפּערט מאַסלאָװ, אַ טופּערײַ, אַ קװיטשערײַ, אַ פּײַפערײַ, אַ כסדרדיק שימערירן פון קאָלירטע קלײדלעך און, אָפּקלאַפּנדיק דריבנע מיט די אָפּסאַצן, שרײַט פעטראָוװסקי װילד און נקמהדיק!

— עך — מאַ! אַ סוף פון מיר!

ס'הערט זיך, װי ער קריצט מיט די צײן, אין דער דאָ־זיקער שמחה, װאָס איז אַרױס פון די כלים, איז נישטאָ קײן געלעכטער, ס'איז נישטאָ קײן לײַכטע באַפליגלטע פרײד, װאָס דער־הױבט דעם מענטשן איבער דער ערד, דאָס — איז כמעט אַ רעליגיעזע התלהבות; עס דערמאָנט אָן דעם גאָט־דינסט בײַ די כליסטן, אָן די טענץ בײַ די דערװישן אין װײַטן קאַװקאַז, אין דעם דאָזיקן געװירבל פון קערפּערס — באַהאַלט זיך אַ צעשטערנ־דיקע קראַפט — און איר אײַנגעקלעמט װאַרפן זיך איז, דוכט מיר, נאָענט צו יאוש. די אַלע דאָזיקע מענטשן — זענען באַגאָבט, יעדער אויף זײַן אופן, מוראדיק באַגאָבט; זײ פאַרשכורן אײנע די אַנדערע מיט זײער װילדער ליבע צום געזאַנג, צום טאַנץ, צום קערפּער פון דער פרוי, צו דער טריאומפירנדיקער שײנקײט פון באַװעגונג און קלאַנג; אַלץ, װאָס זײ טוען, איז ענלעך צום גאָט־דינסט פון די װילדע.

פעטראָוװסקי נעמט מיך אַראָפּ פון װאַנט כדי איך זאָל אָנטײל נעמען אין „גלחישן לעבן״, מחמת איך קען אַ סך שײנע

לידער, קען זיי נישט שלעכט „זאָגן" און קען, נישט שכור ווע-
רנדיק זופן אַ סך בראָנפן, וועלכער איז מיר דערווידער.

— פעשקאָוו — עפן אַ מויל! — גוואַלדעוועט ער. ער שרייט אַפילו, ווען ער נעמט אַרום פרויען, רעוועט, ווי אַ חיה, דאס איז ביי אים אַ נויטווענדיקייט.

איך שטעל זיך ביי דער וואַנט און „עפן אַ מויל" בכיוון קלויב איך אויס רירנדע און שיינע לידער, איך „זאָג" די לידער, באַמיענדיק זיך אויפצודעקן די שיינקייט פון וואָרט און פון געפיל, וואָס איז באַהאַלטן אין זיי, איך גיב זיך אונטער אינטער דער קראַפט פון זייער אומדערטרעגלעכער בענקשאַפט, וואָס איז נאָענט צו מיין נשמה און מיין שכל שטויסט פון זיך פיינ-דליך אָפּ.

— אָ, גאָט! — שרייט אַרויס דער דיאַקאָן, אָנכאַפנדיק זיך פאַרן קאָפּ; זיינע קליינינקע צאַרטע הענטלעך ווערן אינגאַנצן פאַרזינקען אין זיינע האַלב גרויע קודלעס, סטעפּאַכין קוקט אויף מיר ערשטוינט און, דוכט זיך, מיט קנאה, זיין פנים צוקט אומאָנגענעם, פעטראָווסקי האָט אַזוי פאַרקוועטשט די ציין, אַז די באַקן-ביינער זיינע האָבן זיך אַרויסגערוקט, ווי ביילן, און מאַסלאָוו האָט אַוועקזעצנדיק הובאַסאוואַן אויף די קני, אינ-גאַנצן פאַרגעסן אָן איר און קוקט אויף דער פּאָדלאָגע ווי אַ קראַנקער הונט.

איך פאַרשטיי נישט, וואָס איך וויל פון די דאָזיקע מענטשן, צייטנווייז אָבער האָט זיך מיר געדוכט, אַז אויב מען זאָל זיי אָנזעטיקן מיט לידער ביז איבערן האַלדז, — דאַן וועלן זיי זיך עפּעס בייטן, און וועלן מיר ווערן פאַרשטענדלעכער. אָט, אין התפעלות, נעמען זיי מיך אַרום, קושן מיך, דער דיאַקאָן וויינט.

— גזלן, — זאָגט צו מיר מאַסלאָוו, גלעטנדיק מיין האַנט, סטעפּאַכין קושט מיך שווייגנדיק.

— טרינק, וועסט אַלץ איינס גיין צו גרונד! — ברומט פּעט-ראָווסקי, און ליאַסקע זאָגט פאַנאַנדערשפּרייטנדיק די הענט:

— כ'האָב זיך פאַרליבט אין אים, איך זאָג עס פאַר

אַלעמען — כ'האָב זיך אַזוי פאַרליבט, אַז די פּיס טרייסלען זיך ביי מיר...

און אין אַ ווײַלע אַרום פאָדערן זיי גיריק נאָך עפּעס...

איך ווייס, אַז זיי זענען נישטיקע מענטשן, אָבער — זיי בוקן זיך רעליגיעז פאַר דער שיינקייט, דינען איר, פאַרגע־סנדיק זיך, זענען פאַרשיכורט פון איר סם און זענען פעיק צוליב איר זיך צו ממיתן.

פון דעם דאָזיקן ווידערשפּרוך שאַפט זיך אַ וואָלקן פון שווערן טרויער און שטיקט מיך, און ביי זיי דערגייט די התלהבות ביז צו איר העכסטן גראַד, אָבער — אַלע לידער זענען שוין אויס־געזונגען, אַלע טענץ אויסגעטאַנצט.

— טויט אויס די ווייבער, — שרייט פּעטראָווסקי!

אויסגעטון האָט שטענדיק סטעפּאַכין, ער האָט עס געמאַכט נישט איילנדיק, פּונקטלעך פאַנאַנדערבינדנדיק די בענדלעך, אָפּ־שפּיליענדיק די העקעלעך און צונויפלייגנדיק ערנסט אין אַ ווינקל די יאַקלעך, קליידלעך און העמדער.

מען האָט באַקוקט ליאָסקעס פּרעכטיקן קערפּער. פּאַרזיכטיק אָנגערירט אירע חוצפּהדיקע בריסט, די שלאַנקע פיס, די הערלעכע בויך, מען איז געגאַנגען אַרום די פרויען קרעכצנדיק ערשטוינט און מען האָט געלויבט דעם קערפּער זייערן פּונקט אַזוי התפּעלותדיק, ווי דאָס זינגען און טאַנצן. דערנאָך איז מען ווידער געגאַנגען צום טיש, אין קליינעם צימער אַריין, געגעסן, געטרונקען און — ס'האָט זיך אָנגעהויבן עפּעס אַזוינס, וואָס איז אומבאַשרייבלעך, אַ קאָשמאַר.

די בהמהשע קראַפט פון די דאָזיקע מענטשן, האָט מיך נישט פאַרחידושט, די בעק און די יונגע פערדלעך זענען שטאַר־קער, ס'איז אָבער געווען מוראדיק צוצוקוקן עפּעס ווי אַ שנאה אין זייער באַציאונג צו די פרויען, וואָס פאַר זייער שיינקייט האָבן זיי זיך אָט־דאָ ערשט מיט יראת־הכבוד אַנטציקט, אין זייער תאווה האָב איך געפילט אַ צוגאָב פון פאַרשטאַרקטער נקמה, און געדוכט האָט זיך, אַז די דאָזיקע נקמה קומט פון פאַרצווייפ־לונג, פון דער אונמעגלעכקייט זיך אויסצולײדיקן, זיך באַפרייען

פון עפּעס אַזוינס, וואָס האָט זיי געדריקט און פאַר־דאָרבן.

איך דערמאַן מיך סטעפּאַכינס געשריי, וואָס האָט מיך צע־טומלט: ער האָט דערזען זיין אָפּשפּיגלונג אין שפּיגל, זיין רויט פּנים איז גרוי און בלוי געוואָרן, די אויגן האָבן זיך מיט רציחה אויסגעגלאָצט, ער האָט אַ מורמל געטון:

— ברידער — קוקט נאָר — אָ, גאָט!

און — האָט זיך צעיאָמערט!

— כ׳האָב — נישט קיין מענטשלעך פּנים — קוקט! ס׳איז דאָך נישט קיין מענטשלעכס — ברידער!

האָט אַ כאַפּ געטון אַ פלאַש און אַ שליידער געטון אין שפּיגל.

— אָט האָסטו, דו טייוולשע מאָרדע, נאַ!

ער איז געווען נישט שכּור, כאָטש ער האָט אַ סך אויס־געטרונקען, — ווען דער דיאַקאָן האָט אים אָנגעהויבן באַרויקן, האָט ער גאַנץ שכלדיק גערעדט:

— לאָז צו רו, פאָטער... כ׳ווייס דאָך, — איך לעב נישט קיין מענטשיש לעבן, בין איך דען אַ מענטש? אַנשטאָט אַ נשמה איז ביי מיר אַ שד, נו, טרעט אָפּ! מ׳קען גאָר נישט מאַכן...

אין יעדן פון זיי האָט געלעבט — האָט זיך שווער געדרייט — עפּעס אַזוינס פינסטערעס, שרעקלעכעס, די פּרויען האָבן גע־קוויטשעט פון ווייטאָג פון זייער בייסן און קנייפּן. האָבן אָבער אָנגענומען זייער אכזריות, ווי אַן אומפאַרמיידלעכע זאַך, אַפילו ווי אַן אָנגענעמע זאַך, און ליאָסקע האָט בכּיוון געדרייצט פּעט־ראָווסקין מיט חוצפּהדיקע אויסרופן:

— נו, נאָך! נו, גיב נאָר אַ קניפּ, נו?

אירע קעצישע אַפּלען זענען ברייטער געוואָרן, אין די דאָזיקע מינוטן האָט זי אויסגעזען, ווי מאַרטירערין, אויף אַ בילד, כ׳האָב מורא געהאַט, אַז פּעטראָווסקי וועט זי דערהרגענען.

איינמאָל, גייענדיק מיט איר פון נאַטשעלניק, האָב איך זי געפרעגט: פאַר וואָס זי דערלאָזט מ׳זאָל זי פּייניקן און שפּאָטן פון איר?

— ער פײניקט דאָך זיך אַלײן, אַלע זענען זײ אַזױ, דער דיאַקאָן בײסט זיך און אַלײן װײנט ער.

— פאַר װאָס איז דאָס?

— בײם דיאַקאָן איז דאָס פון אַלטקײט, ער האָט קײן כּחות נישט, און די אַנדערע — אַפריקאַן און סטעפּאַכין, — װעסטו נישט פאַרשטײן, פּאַרוואָס. און איך װײס, און קען עס נישט אַרויסגעבן, װײסן, װײס איך — אַ סך, נאָר רעדן קען איך נישט, ביז איך קלויב צוזאַמען די װערטער, — פליען זיך פונאַנדער די געדאַנקען, און װען די געדאַנקען זענען שױן אױף אַן אָרט — זענען קײן װערטער נישטאָ.

זי האָט, קענטיק, טאַקי עפּעס פאַרשטאַנען אין דעם דאָזיקן צעיושעטקײט פון די כּחות, — איך געדענק, אײנמאָל אין אַ פרילינגס־נאַכט, האָט זי ביטער געװײנט, זאָגנדיק:

— ס'איז מיר אַ רחמנות אױף דיר, װעסט אומקומען, װי אַ פױגל אין אַ שׂרפה, אין רױך. װאָלסט בעסער אַװעקגײן ערגעץ אין אַן אַנדער אָרט, אוי, ס'איז מיר אַ רחמנות אױף אַלעמען...

און מיט צאַרטע װערטער פון אַ מוטער, מיט אַן אומדערטראָקענער חכמה פון אַ מענטש, װאָס האָט אַרײנגעקוקט טיף אין דער פינסטערניש פון דער נשמה און האָט זיך טרויעריק דערשראָקן פאַר דער פינסטערניש, האָט זי מיר לאַנג דערצײלט עפּעס שרעקלעכעס און אומפאַרשעמטעס.

איצט, דוכט זיך מיר, אַז פאַר מײנע אױגן האָט זיך פאַנאַנדערגעשפּילט אַ שװערע דראַמע, דער קאַמף פון צװײ יסודות — דער בהמהשער און דער מענטשלעכער: דער מענטש פּרוּװט זיך מיטאַמאָל און אױף אײביק צו באַפרידיקן דאָס בהמהשע אין זיך, צו באַפרײען זיך פון זײנע נישט אָנגעזעטיקטע פאַרלאַנגען, און אַז דאָס בהמהשע װאַקסט זיך אין אים פונאַנדער פערשקלאַפּט עס אים אַלץ מער.

און צו יענער צײַט האָבן די דאָזיקע װילדע יום־טובים פונם לײב, אַרויסגערופן בײ מיר אַן עקל און אַן אומעט, אויסגעמישט מיט אַ רחמנות געפיל צו מענטשן, באַזונדערס האָב איך

רחמנות געהאַט אויף די פרויען, נאָר, אויסגייענדיק פון אומעט, האָב איך נישט געוואָלט אָפּזאָגן זיך פון אַנטייל נעמען אין די שגעונות פון „גלחישן לעבן", — רעדנדיק מיט הויכער מליצה, האָב איך דאַן געליטן אויף דער קראַנקהייט, „פּאַנאַטיזם פון וויסן", ס'האָט מיך געפּאַנגען און געפירט נאָך זיך דער „פּאַנאַטיקער פון וויסן — דער שטן".

— אַלץ דאַרף מען וויסן, אַלץ דאַרף מען פּאַרשטיין, האָט מיר האַרב דורך די ציין געזאָגט מ. א. ראָמאַס זויגנדיק זיין לולקע, געשפּייט מיט רויך און געקוקט ווי די בלויע רינגלעך רויך פּלאָנטען זיך אין די גרויע האָר פון זיין באָרד.

— „מ'דאַרף נישט לעבן אָן אַ ציל, דאָס וואָלט געהייסן — לעבן אָן שכל. ס'הייסט, געוויינט זיך אַריינצוקוקן אין אַלע שפּאַלטן און אין אַלע לעכער, אפשר באַהאַלט זיך דאָרט ערגעץ דער נויטיקער אמת פאַר אייך. איר לעבט אָן מורא, נישט אַנט-לויפנדיק פון דעם, וואָס איז אייך נישט ניחא און שרעקלעך, — ס'איז נישט ניחא און שרעקלעך, ווייל ס'איז אומפאַרשטענדלעך. אָט וואָס!"

כ'האָב אַריינגעקוקט אומעטום, נישט שוינענדיק זיך און אַזוי האָב איך זיך דערוווּסט וועגן אַ סך זאַכן, וועלכע זענען פּער-זענלעך פאַר מיר גלייכער געווען נישט צו וויסן, נאָר וועלכע ס'איז אומבאַדינגט נויטיק צו דערציילן פאַר לייטן - ווייל דאָס — איז זייער שווער לעבן, די שמוציקע דראַמע פון קאַמף פון דער בהמהשער תאוה אין מענטשן, וואָס שטרעבט צום נצחון איבער דער סטיכישער קראַפט אין זיך און אויסער זיך.

אויב אין דער וועלט עקסיסטירט עפּעס אַזוינס, וואָס איז באמת הייליק און גרויס, איז דאָס נאָר דער אומאויפהערלעך וואַקסנדיקער מענטש, — וואָס איז ביי מיר טייער אַפילו אויך דאַן, ווען ער איז ביי מיר פאַרהאַסט.

צוריקרעדנדיק, — אַריינדרינגענדיק אויפמערקזאַם אין דעם שפּיל פון לעבן, האָב איך זיך אָפּגעוויינט צו האַסן און נישט צוליב דעם, ווייל דאָס איז שווער — פּיינט האָבן איז זייער אַ לייכטע זאַך, — נאָר דערפאַר, ווייל דאָס איז נישט נויטיק און

דערנידעריקט אַפילו, ווייל — סוף כּל סוף האָסטו עפּעס אַזוינס, וואָס געפינט זיך אין דיר אַליין.

יאָ, די פילאָזאָפיע, איבערהויפּט די אונמאָראַלע, — איז אַ לאַנגווייליקער ענין, נאָר ווען דאָס האַרץ איז אָנגעוועטאָקט ביז בלוט, און ווילנט ביטער פון אומאויס שעפּלעכער ליבע צום „גרויסאַרטיקן שפּילעכל״, צום מענטשן, הויבסטו נישט ווילנדיק אָן צו פילאָזאָפירן, ווייל - ס'ווילט זיך אַליין טרייסטן.

נאָכדעם, ווי כ'האָב אָבגעלעבט אויף דער סטאַנציע דאָבּרינקע אַ דריי פיר חדשים, האָב איך דערפילט, אַז מער קען איך נישט, ווייל אויסער פעטראָוווסקעס פאַנאַטישער „עבודה״, האָט מיך דעספּעראַטיש אָנגעהויבן אונטערדריקן זיין קעכין מאַרעמיאַנאַ, אַ פרוי פון זעקס און פערציק יאָר און די הויך צוויי אַרשין מיט צען ווערשקעס; מ'האָט זי אָפּגעוואויגן אין דער באַגאַזש אָפּטיילונג אויף דער וואָג „פערבענקס״, וואָס האָט באַוויזן זעקס פוד מיט דרייצן פונט. אויף איר מעשענעם לבנה-פּנים האָבן ביז געפינקלט קיילעכדיקע גרינלעכע אויגעלעך, ווי קופּער-זשאַוור, אונטערן לינקן אויג האָט זי געהאַט אַ בראָדעווקע, וואָס האָט זיך שטענדיג געברוגזט מיט חשד. זי איז געווען „אַ גראַמאָטנע״, האָט מיט פאַרגעניגן געליינט וועגן לעבן פון דער הייליקע מאַרטירע און מיט גאַנצער קראַפט פון איר ברייטער האַרץ האָט זי פאַרהאַסט די קייסאָרים דיאָקלעציאַנען און דעציען.

— ווען זיי פאַלן אַריין אין מיינע הענט, וואָלט איך זיי די אויגן אויסגעריסן!

נאָר די רציחה, וואָס איז געווען געוועגדט צו דער ווייטער פאַרגאַנגענהייט, האָט איר נישט געשטערט צו ציטערן קנעכטיש פאַר דער „אַקטריסע״ מאַסלאָוון. בעת די שכורע, אונטן פלעגט זי אים באַזונדערס ערפּאָרכטיק באַדינען, אַריינקוקנדיק אין זיינע פאַלשע אויגן מיט אַ קוק פון אַ גליקלעכן הינט. אַמאָל, פלעגט ער מאַכנדיק זיך שכור, זיך אויסציהען אויף דער פּאָדלאָגע, קלאַפּן זיך אין האַרצן און קרעכצן:

— שלעכט איז מיר, שלעכ-ט-ט...

זי פלעגט אים מיט שרעק אַ כאַפּ טון אויף די הענט

און, ווי אַ קינד, אַוועקטראָגן ערגעץ צו זיך אין קיך אַריין.
גערופן האָט מען אים מאַרטין, נאָר אָפט מסתמא פון שרעק, פאַר אים פלעגט זי אים צווישפּמישן מיטן נאָמען פון באַלעבאָס און רופן:
— מארטיקאַן.
דאַמאָלסט האָט ער אויפשפּרינגנדיק פון דער פּאָדלאָגע מאוס געקוויטשעט.
— וואָ–אָס? ווי?
צודריקנדיק די הענט צום בויך, האָט זיך מאַרעמיאַנע פאַר אים געבויגן אין דרייען און געבעטן מיט אַ שטום, אַ היי־זעריקער פון שרעק!
— זײַ מיר מוחל, ווי גאָט איז דיר ליב...
האָט ער זי נאָך מיר געשראָקן מיט זײַן דינעם קוויטשיקן קול, — און די ריזיקע פרוי האָט שווייגנדיק און שולדיק גע־פּינטלט מיט די אויגן, פון זיי פלעגן אַרויסשפּרינגען מיטנע־גרינלעכע טרערעלעך. אַלע האָבן געקייכט פון געלעכטער און מאַסלאָוו האָט פריינטלעך גערעדט שטויסנדיק זי מיטן קאָפּ אין בויך אַריין.
— נו, — גיי פאַרזעעניש! גיי, ניאַנקע...
און ווען זי פלעגט פאַרזיכטיק אַוועקגיין, פלעגט ער דער־ציילן מיט אַ ביסל גאווה:
— דוכט זיך, אַ בופלאָקס — און האָט אַן אומגעווייגלעך צאַרט האַרץ...
אין די ערשטע טעג פון אונזער באַקאַנטשאַפט האָט זיך מאַרעמיאַנע באַצויגן צו מיר גוטמוטיק און פריינטלעך, ווי אַ מאַמע, נאָר איינמאָל האָב איך איר פאָרגעוואָרפן אין קנעכטישע אונטערטעניקייט צו דער „אַקטריסע‟, זי איז אַזש אָבגעשפּרונגען פון מיר, ווי כ׳וואָלט זי אָבגעפּאַרעט מיט זודיקן וואַסער. די גרינע קייקעלעך פון אירע אויגן האָבן זיך אָנגעגאָסן מיט בלוט, זענען ברוין געוואָרן, אַוועקזעצנדיק זיך שווער אויף דער באַנק, סאָפּנדיק פון אויפרעגונג, שאָקלנדיק זיך מיטן גאַנצן קערפּער האָט זי געמורמלט:

– יונגאַטש, – ווי אַזוי דערוועגסטו זיך ? ווען אים רעדסטו דאָס אַזוי ? מיט אַזוינע ווערטער ? כ'וועל דאָך דיך... ער וועט דיך... צעמורשטן דאַרף מען דיך, צערייבן אונטער אַ מילשטיין ! ביזטו – נישט פון זינען אַראָפּ ? ער – דער הייליקסטער פון די הייליקע, און דו... ווער – ביסטו ?

און אומגעריכט גראָב אויסגעשריען :

– פאַרסאַמען דאַרף מען דיך, וואָלפישע נשמה ! אַוועק פון דאַנען !

כ'בין געווען ערשטוינט פון דעם דאָזיקן צאָרן-אויסברוך און, נישט קוקנדיק אויף וואָס איך בין געווען יונג, האָב איך דאָך דערפילט אַז כ'האָב גראָב אָנגערירט עפּעס אַזוינס, וואָס איז אמתדיק הייליק אָדער שטאַרק אָגגעווייטאָגט. אָבער – ווי אַזוי האָט מיר געקאָנט אַרויף אויפן געדאַנק, אַז אָט די מאַסע פון פעטס און פלייש וואָס איז צעשפּרייט אויף די גוואַלדיק גרויסע ביינער, טראָגט אין זיך עפּעס, וואָס איז איר אַזוי הייליק און טייער ? אַזוי האָט מיך געלערנט דאָס לעבן צו פאַרשטיין דעם גלייכן ווערט פון מענטשן, צו עהרן דאָס געהיים-לעבעדיקע אין זיי, האָט מיך געלערנט אָפּגעהיטער און דעליקאַטער צו באַגיין זיך מיט זיי.

נאָכדעם ווי מאַרעמיאַנע איז מיר געוואָרן אַ בלוטיקער שונא, האָט זי אויף מיר אַרויפגעוואָרפן פאַרשידענע פליכטן אין דער ווירטשאַפט פון דעם סטאַציע-נאַטשעלניק. קומענדיק פון דער וואַך, נאָך אַ שלאָפלאָזער נאַכט, פלעג איך מוזן האַקן און שלעפּן האָלץ פאַר דער קיך און פאַר די צימערן, פוצן דו קו-פערנע כלים, הייצן די אויוונס, אַרומגיין אַרום פעטראָווסקעס פערד און טון נאָך אַ סך זאַכן וואָס פלעגן איינשלינגען דעם גרעסטן טייל פון מיין טאָג, נישט איבערלאָזנדיק קיין צייט צום לייענען און אויף שלאָפן. די פרוי האָט מיר גאַנץ אָפן גע-דראָט :

– כ'וועל דיך אַזוי ווייט רודפן, אַז דו וועסט מוזן אַנטלויפן קיין קאַווקאַז !

צו קאַווקאַז מוז מען זיך געוויינען, – האָב איך זיך דערמאָנט

באַרינאָווס פּיזמון, האָב אָנגעשריבן צו דער באָריסאָגלעבסקער מאַכט אַ ביטע, ווי כ׳האָב אין גראַמען – געשילדערט מאַרעמיאַנעס אכזריות. מיין ביטע האָט געהאַט ערפאָלג: אינגיכן האָט מען מיך איבערגעפירט אויף דער באָריסאָגלעבסקער משא־סטאַנציע, איבערגעבנדיק אונטער מיין שמירה די ברעזענטן, זעק און די אַרבעט פון זיי צו פאַרריכטן.

דאָרט האָב איך זיך באַקענט מיט היפּשער גרופּע אינ־טעליגענטן. זיי זענען כמעט אַלע געווען „נישט כשרע״, פאַרזוכט דעם טעם פון זיצן אין תּפיסה און פאַרשיקט געווען, זיי האָבן פיל געלעזן, געקענט פרעמדע שפּראַכן, דאָס זענען אַלץ געווען – אויסגעשלאָסענע סטודענטן, סעמינאַריסטן, סטאַטיסטן, אַן אָפיצער פון אַ פלאָט, צוויי אַרמיי־אָפיצערן.

די דאָזיקע גרופּע – אַ מאַן זעכציק האָט איינער מ. ע. אַדאַדוראָוו צונויפגעזאַמלט אין די וואָלגע שטעט. דער אַדאַדוראָוו, אַ בריה, האָט פאָרגעלייגט דער פאַרוואַלטונג פון גריאַזע צאַריצינסקער וועג מיט דער הילף פון אַזעלכע מענטשן אויסצוראָטן די אויסערגעוויינלעכע גנבות פון סחורות. זיי האָבן זיך מיט היץ גענומען צו דעם דאָזיקן שטיקל אַרבעט, האָבן אויפגעדעקט די פעלשונגען פון די סטאַנציע־נאַטשאַלניקעס, פון די אָפּוויגער, קאָנדוקטאָרן, און אויסגעפּיינט זיך איינער פאַרן אַנדערן מיט זייער געלונגענעם כאַפּן די גנבים. מיר האָט זיך געדוכט, אַז זיי אַלע האָבן געדאַרפט און געקאָנט טון עפּעס וואָס אַנדערש, וואָס וואָלט זיך מער געפּאַסט צו זייער ווערדע, צו זייערע פעיקייטן, צו זייער פאַרגאַנגענהייט, — כ׳האָב נאָך דאַן נישט פאַר־שטאַנען, אַז אין רוסלאַנד איז פאַרבאָטן „צו זייען דאָס קלוגע, דאָס גוטע, דאָס אייביקע״.

כ׳בין גיגאַנגען אין דער מיט צווישן די אַלטפּרענקישע מענטשן פון שטאָט און פון אַן אייגנאַרטיקן טיפּ „קולטור־טרעגער״ און איך האָב בולט געזען די אוממעגלעכע פאַראייניגונג פון די דאָזיקע גרופּן.

די גאַנצע שטאָט האָט, געוויינלעך, געוווּסט אַז די „אַדאָדוראָווצעס״ זענען פון דעם מין „פּאָליטיקער, וואָס מען

הענגט״ און, נאָכשפּירנדיק גוט נאָך דער אַרבעט פון די דאָזיקע מענטשן האָט זי זיי געהאַסט און מורא געהאַט פאַר זיי. ס׳איז שרעקלעך געווען אָנצוקוקן די בייזע, פחדנותדיקע נקמהדיקע בליקן פון די באַלעבאַטים; זיי האָבן פיינט געהאַט די „אַדאָדוראָווצעס״ אי פאַר שרעק, ווי זייערע אייגענע שונאים, ווי אויך צוליבן געוויסן, אַלס שונאים פון „גליבן און פון צאַר״.

מיינער אַ באַקאַנטער טאָקער, פּאַוועל קרוקאָוו, האָט זיך הויך צערעדט, זיצנדיק איינמאָל מיט מיר אין אַ שענק ביי אַ פלעשל ביר:

– ווי קען מען אַזוינע מענטשן צולאָזן צו אַן עסק? מען דאַרף זיי פאַרשיקן אויף אַ וויסטער אינזל, ווי ראָבינזאָנס! אָדער – נאָך בעסער – אַלע אויפהענגען! מיט צוויי יאָר צוריק האָט מען זיי געהאָנגען אין פּעטערבורג.

קרוקאָוו איז געווען אַ גאַנץ באַלעזענער מענטש, האָט זיך שטאַרק אָבגעגעבן מיט געאָגראַפיע און מיט זשוקאָווסקיס לידער. האָט געהאַט אַ שטיק צוואָנציק גוטע ביכער און, צווישן זיי „דער פּראָצעס פון ערשטן מאַרט״. געהיימניספול איבערגעבנדיק מיר דאָס דאָזיקע בוך האָט ער מיר געזאָגט:

– אָט, לייען דורך, ווער זיי זענען. זע, היט זיך, געדענק, – פאַר אַ גאָרנישט וועלן זיי דיך צו גרינד דערפירן.

אַזוי, פאַרשטייט זיך, האָט געטראַכט נישט ער אַליין.

כ׳האָב זיך באַקענט מיטן שרייבער סטאַראָסטין-מאַנעָנקאָוו – ער האָט געדינט און קאַנצעליאַריע ביי דער משא-אָבטיילונג פון דער גריאַזעצאַרינסקער באַן.

דער מיטל וווקסיקער דיקער סטאַראָסטין האָט מיט זיין האָריק פול פּנים און מיט די טויטע פאַרבלאָזע אויגן אויסגעזען, ווי אַ סקאָפּעץ, דער שווערער גאַנג און די אומזיכערע באַוועגונגען האָבן נאָך פאַרשטאַרקט די דאָזיקע ענלעכקייט, זיין צעבראָכענער גוף איז געווען אַ נעסט פון פאַרשידענע קראַנקהייטן, זיין מורא פאַר די קראַנקהייטן האָט זיי נאָך מער פאַרשטאַרקט און פאַר-שאַרפט. ער האָט כסדר געאָכקעט, געקרעכצט, געהוסט, און גע-שפּיגן אויף אַלע זייטן, אין אַ קעסטל פון לאָקשן, וואָס האָט אים

געדינט אויף פּאַפּיר-שטיקלעך, אין די בלומען טעפּ אויף די פענסטער, אין אַש-כּלי און פּשוט אויף דער פּאָדלאָגע, צו דער טיר צו. ער פלעגט זיך אָנשטרענגען, אַ שפּיי טון, פלעגט אָנקוקן דעם רעזולטאַט און צושאָקלענדיק יאושדיק מיט זיין פליכעוואַטן קאָפּ, פלעגט ער אַ זאָג טון:

— שלעכט!

אין די אָוונטן, אין זיין קליין צימערל, מיט די פּורפּור רויטע פאָרהענגלעך אויף די פענסטער, מיט די טעפּ געראַניעס און פוקסיעס אויף די פענסטער-ברעטלעך, מיט די איקאָנעס פון די קדושים קורוק און אוליט אין ווינקל, פלעגט ער זי-צנדיק ביים טיש, וואָס איז געווען באַלייגט מיט גאַנצע פּעק פאַרשריבענעם פּאַפּיר, זופּן מיט קליינע זופּלעך בראָנפן פאַרבייסנדיק מיט אַ ריבן-ציבעלע און דערביי זיך געקלאָגט, קוויטשנדיק מיט אַ דין קולעכל:

— גלעב אוספּענסקי לאַכט אָפּ פון פויער, און איך שרייב מיטן בלוט פון מיין האַרצן! דו, — אַ מענטש, וואָס לייענט, — נו זאָג מיר: ווו, און וואָס איז דער חילוק צווישן אוספּענסקען און לעקינים? פונדעסטוועגן — דרוקט מען אים אין די בעסטע זשורנאַלן, און — איך...

סטאַראָסטינס דערציילונגען האָבן זיך געדרוקט אין פּראָווינציעלע ציימונגען, נאָר איינער אָדער צוויי זענען געווען געדרוקט, דוכט זיך, אין זשורנאַל „דיעלאָ”; סטאַראָסטין האָט ליב געהאַט מ׳זאָל אים דערמאָנען וועגן דעם.

איך — פלעג דערמאָנען.

— איז דאָס אַ סך? — האָט ער טרויעריק, אָבער שוין נישט אַזוי רחמנותדיק אויסגעשריען. איז דען דאָס אַ סך, ווען כ׳האָב...

ער איז אַראָפּגעקראָכן פון שטול אויף דער פּאָדלאָגע, איז אויף אַלע פיר אַרונטערגעקראָכן אונטער דער ברייטער בעט, און אַרויסשלעפּנדיק אַ גרויס פּעקל, וואָס איז געווען איינגע-בונדן אין אַ גרויען שאַל, האָט ער אַ קלאַפּ געטון מיטן פּעקל

איבער דער האַנט, אויפגעהויבן אַ וואָלקן שטויב, און, שטיקנדיק זיך, אויסגעשריען:

– אָט — אַלץ איז פאַרטיק! מיטן זאַפט פון האַרצן איז דאָס געשריבן! יאָ – יאָ! מיטן בלוט...

זיין פנים איז רויט געוואָרן, די אויגן האָבן זיך אָנגעגאָסן מיט שכורע טרערן...

נאָר איינמאָל, זייענדיק ניכטער, האָט ער מיר איבערגעלייענט אַ נייע, איצט-ערשט אָנגעשריבענע מעשה וועגן אַ פויער, וואָס האָט בעת אַ שרפה, געראַטעוועט דעם פּריסטאַווס באַליבטן פערד, און דער פּריסטאַוו האָט מיט אַ שעה פריער, פאַר דער דאָזיקער העלדישער טאַט, אויסגעהאַקט דעם העלד, דעם פויער צוליב צווייער צווייער פאַר גנבענען באַהעפט-אייזן פון אַ וואָגן. דער פויער האָט זיך שטאַרק פאַרברענט בריהנדיק זיך בעת דער שרפה, מ׳האָט אים אָפּגעשיקט אין שפּיטאָל.

סטאַראָסטין האָט איבערגעלייענט די דאָזיקע רירנדע געשיכטע, האָט פון פרייד זיך פאַנאַנדערגעוויינט און מיט התפעלות געמורמלט:

– ווי גוט דאָס איז, ווי האַרציק ס׳איז אָנגעשריבן! י–א, ברודער, י–אָ! לערן זיך, דרינג אַריין אין דער נשמה...

די דערציילונג איז מיר שטאַרק נישט געפעלן געוואָרן, נאָר – כ׳האָב זיך אויך שיר נישט צעוויינט, זעענדיק די שמחה פון מחבר; זיין אויפריכטיי געפיל האָט מיך אויך אויפריכטיק דורכגענומען.

נאָר – פאַרוואָס האָט אָבער געוויינט דער דאָזיקער אומאָנגענעם לעכערלעכער מענטש? כ׳האָב אים געבעטן ער זאָל מיר געבן דעם כתב יד און האָב דאָס אין דער היים נאָך איין מאָל איבערגעלייענט. ניין, – די דערציילונג איז געווען אָנגעשריבן זיסלעך און מיט אַ כּיוון רחמנותדיק, ווי עס ווערן געשריבן פאַלשע ביטעס פון „אומגליקלעכע לײדנדע” צו גוטע און רייכע אלמנות. נאָר, פונדעסטוועגן, – וואָס האָט אַרויסגערופן די דאָזיקע אויפריכטיקע טרערן פון מחברס אויגן און די דאָזיקע קינדערשע פרייד זיינע?

— די דערציילונג געפעלט מיר נישט, — האָב איך זיך מודה געווען פאַר סטאַראָסטינען.

צוזאַמענלייגנדיק פארציבט די זייטלעך פון כתב יד, האָט ער אָפּגעזיפצט:

— גראָב ביזטו! און — אָן שכל.

— וואָס רירט אייך אין דער דערציילונג?

— די נשמה! — האָט ער בייז אויסגעשריען, — די נשמה לייכט אין איר!

אָנשרייענדיק אויף מיר וויפיל זיין האַרץ האָט געגלוסט, האָט ער אויסגעטרונקען אַ ביסל בראָנפן און האָט מיט אַ ווירקנדיקער שטים אָנגעהויבן צוריידן:

— לערן זיך! אָט דו — שרייבסט לידער, דאָס איז נאַריש. דאָס — דאַרף מען נישט, קיין נאַדסאָן וועסטו נישט ווערן, דו האָסט נישט דעם חוש דערצו, האָסט קיין האַרץ נישט, דו ביזט אַ גרויסער מענטש. געדענק: אויף לידער האָט פושקען געפטרט זיין היפשן טאַלענט. פראָזע, — אָט דאָס איז די אמתע ליטעראַטור, די הייליקע, ריינע פראָזע!

ער אַליין איז פאַר מיר געווען די פאַרקערפּערונג פון דער דאָזיקער הייליקער פראָזע און דער געדיכטער טשאַד אירער האָט מיך שוין דאַן געשטיקט.

סטאַראָסטין האָט געהאַט אַ געליבטע, זיין באַלעבאָסטע, אַ פרוי מיט האַלב-פודיקע בריסט און מיט אַ הינטער-חלק, פאַר וועלכן איין שטול איז געווען ווייניק. צו איר געבורטס-טאָג האָט איר סטאַראָסטין געבראַכט אַ מתּנה אַ ברייטן געפלאָכטענעם שטול, דאָס האָט שטאַרק גערירט די פרוי ביים האַרצן. קושנדיק דריי מאָל דעם געליבטן אין די ליפּן, האָט זי געזאָגט, ווענדנדיק זיך צו מיר:

— אָט, יונגערמאַן, לערנט זיך ביי עלטערע, ווי מען דאַרף פאַרערן אַ דאַמע!

סטאַראָסטין איז געשטאַנען נעבן איר, גליקלעך געשמייכלט און געצופּט מיט די פינגער זיינע גרויע ווייכע אויערן, ווי ביי אַ הונט.

ס'איז געווען אַ העלער טאָג פון ענדע מערץ, אויף די פענסטער האָבן שפּעדיק געבליט פוקסיעס, אין צימער האָט זיך אַריינגעגאָסן דער פרילינגס געררויש פון די פרילינגס-וואַסערן, — אין צימער האָט זיך געפילט אַ געדיכטער ריח פון הייסע פּיראָגעס, זייף און טאַבאַק.

מיין יונגקייט און אומוויסנהייט האָט מיר נישט געשטערט צו דערפילן אומרויק אין דער „הייליקער ערלעכער פּראָזע" מעגליכ-קייטן פון שווערע און שפּלותדיגע דראַמעס.

חלומענדיק עפּעס וועגן גרויסע מעשים און ליכטיקע פריידן פון לעבן, האָב איך געהיט, אַז די קאָזאַקן פון דער נאָענטער סטאַנציע, זאָלן נישט גנבענען די זעק, ברעזענטן, דעקעס, שפּאַלן און האָלץ, כ'האָב געלייענט גיינען און שעקספּורן, און פּלוצלינג, דערמאָנענדיק זיך אין די נעכט וועגן דער אַרומיקער שטיל פוילנדיקער געגנוואַרט, פלעג איך שעהן לאַנג זיצן אָדער ליגן גאָר נישט פאַרשטייענדיק צעטומלט, פּונקט ווי איך וואָלט באַ-קומען אַ זעץ איבערן קאָפּ מיט אַ שטעקן.

אין שטאָט, וואָס איז דורך און דורך דורכגעזאַפּט געווען מיט ריחות פון חזיר-פעטס, זייף און פאַרפוילט פלייש, האָט דער פרעזידענט איינגעלאַדן די גייסטלעכע אָבצוריכטן תפילות צו פאַר-טרייבן די שדים פון זיין ברונים.

דער לערער פון דער שטאָטישער שול האָט אַלע שבת גע-שמיסן אין באָד זיין ווייב; אַמאָל פלעגט זי זיך אַרויסרייסן פון אים און פלעגט זיך לאָזן אַ נאַקעטע לויפן איבערן סאָד, און ער פלעגט זיך נאָכיאָגן נאָך איר מיט ריטער.

דעם לערערס שכנים פלעגן פאַרבעטן זייערע באַקאַנטע צוצוקוקן דורך דו שפּאַרעס פון פּלויט אויף דעם דאָזיקן ספּעקטאַקל.

כ'בין אויך געגאַנגען קוקן — אויף דעם עולם; כ'האָב זיך מיט עמיצן דאָרט צעריסן און שיר נישט אַריינגעפאַלן אין פּאָליציי. איינער פון די באַלעבאַטים האָט מיך איינ-גערעדט:

— נו, וואָס האָסטו זיך צעקאָכט? אויף אַזאַ זאַך איז דאָך

איטלעכן אינטערעסאַנט אַ קוק צו טון! אַזאַ פּאַל וועט מען אַפילו אין מאָסקווע נישט ווייזן.

דער קאָנצעליאַריע־שרייבער פון דער אייזן באַן, ביי וועלכן כ׳האָב פּאַר אַ רובל אַ חדש געדונגען אַ ווינקל, האָט מיר גאַנץ ערנסט געוואָלט איינרעדן, אַז אַלע יידן זענען נישט נאָר שווינדלער נאָר אויך הערמאַפראַדיטען. כ׳האָב זיך געאַמפּערט מיט אים און ביינאַכט קומט ער צו צוזאַמען מיט זיין פרוי און זיין ברודער צו מיין בעטל, ווענדיק זיך איבערצייגן: צו בין איך נישט קיין יוד? כ׳האָב אים געמוזט אויסלינקען אַ האַנט און צעמזיקן זיין ברודער אין פּנים, כדי אָפּצוטשעפּען זיך פון זיי.

דעם איספּראַווניקס קעכין פלעגט אַריינמישן אין די קיכלעך איר מענסטרואַציע־בלוט און געשפּייזט דערמיט מיינעם אַ באַקאַנטן מאַשיניסט, כדי אַרויסצורופן ביי אים אַ צערטלעך געפיל צו זיך. דער קעכינס חברטע האָט דעם מאַשיניסט דערציילט וועגן דעם שרעקלעכן כשוף, — ער האָט זיך נעבעך, איבערגעשראָקן, געקומען צום דאָקטער און מודיע געווען, אַז ביי אים אין בויך קריכט עפּעס אַרום און כרוקעט. דער דאָקטער האָט אים אויסגעלאַכט, אָבער ער, קומענדיק אַהיים, איז ער אַראָפּגעקראָכן אין קעלער און האָט זיך דאָרט אויפגעהאָנגען.

כ׳האָב דערציילט די „דאַדוראָוועצעס" וועגן די אַלע און נאָך אַזעלכע געשעענישן — זיי האָבן זיך באַצויגן צו זיי, ווי צו שפּאַסיקע אַנעקדאָטן און האָבן, צו מיין באַוווּנדערונג, לוסטיג געלאַכט.

דערציילנדיק, האָב איך געזוכט, ווי צו דערקלערן זיך די דאָזיקע פאַקטן, כ׳האָב אָבער נישט געפונען קיין שום פאַרענטפערונג, מיינע מעשיות האָט מען אָנגענומען ווי שפּאַסיקע אָדער מיאוסע אַנעקדאָטן און נאָך עפּעטער האָבן — די צוהערער צו מיר טרייסטנדיק גערעדט:

— קוקט נישט אויף די דאָזיקע מענטשן, — זיי — קריכן פּשוט, פון הויט!

כ׳האָב אָבער געזען, אַז הגם זיי לעבן נאָר צוליבן עסן

און דער גרעסטער פֿאַרגעניגן איז בײַ זײ צו פֿאַרנעמען זיך מיט אָנגרײטן זאַפּאַסן פֿון פֿאַרשידענע שפּײַזן, פּונקט װי זײ װאָלטן דערװאַרט אַ װעלט־הונגער, פֿונדעסטװעגן – זענען זײ דאָס די באַפּעלער איבערן לעבן, און זײ קענטן דאָס לעבן געדיכט און שמוציק.

נאָך אַלעם דעם, װאָס איך האָב געזען, איז מיר דאָס לעבן פֿון די גוטע, קלוגע אינטעליגענטן פֿאַרגעקומען לאַנגװײַליק און פֿאַרבלאָז, דאָס לעבן האָט זיך געצױגן פּונקט װי אָן אַ זײַט פֿון דעם תּמעװאַטען, טונקעלן געפּילדער, װאָס האָט געשאַפֿן דעם גליטשיקן לעבנס־שטײַגער פֿון לאַנגע װאָכן־טעג. װאָס בעסער כ׳האָב זיך צוגעקוקט, אַלץ מער אונבעקװעם און באַזאָרגט האָב איך זיך געפֿילט. מיר האָט זיך געדוכט, אַז די אונטעליגענטן פֿאַרשטײען נישט זײער אײַנזאַמקײט און צום קלײנעם שמוציקן שטעטל, װוּ אַלע זענען זײ פֿרעמד און פֿײַנדלעך, װילן גאָר נישט װיסן װעגן מיכאַלאָװסקען, ספּענסערן און הױבן זיך נישט אָן אױף אַ האָר צו אינטערעסיר׳ן מיט דער פֿראַגע װעגן דעם, װי װײַט ס׳איז װיכטיק די ראָל פֿון דער פּערזענלעכקײט אין דעם היסטאָרישן פּראָצעס ?

אױף די „אָװנטן" פֿלעגן די אינטעליגענטן זיך פּאָרזיכטיק אַרומדרײען עפּעס אַרום גראַאינקע פּרױען, צװײ פֿון זײ, — שװעסטער – זענען מאָדנע ענלעך געװען צו פֿעלדער־מײַז. דער יאדריגער הינקעדיקער מאַזין, אַ געװעזענער אָפֿיצער פֿון אַ פּלאָט, װעלכער איז געװען פֿאַרכאַפּט, פֿון שאַפּענהױערן, האָט מליצהדיק און התפּעלותדיק גערעדט װעגן דער „מעטאַפֿיזיק פֿון ליבע" „װעגן אינסטינקט פֿון געשלעכט", בשעת ער פֿלעגט אַביסל „קאַרטאװע" אױסרײדן די דאַזיקע װערטער, פֿלעגן די פֿעלדער־מײַז, אונטערבױגנדיק די פֿוס, אַראָבלאָזן די שװאַרצינקע אױגעלעך, פֿלעגן זיך שטײף אײַנהילן אין זײערע פֿליגעלדיקע גראָע פּעלערינעס, פּונקט װי זײ װאָלטן מורא געהאַט, אַז דעם פֿילאָסאָפֿס װערטער קענען אָפּדעקן זײערע קערפּערס.

אינגיכן האָט מאַזין באַקומען פֿון די פֿעלדערמײַזס אַ ברודער, אַ הױכער באַאַמטער אױף דער אײַזנבאַן, אַזאַ מין צעטעלע :

„אויב איר, מיין הער, וועט נישט אויפהערן, אין די אויגן פון מיינע שוועסטער צו רעדן וועגן דער מעטאפיזיק פון ליבע, וועל איך אייך, ערשטנס — צעקיילן די מאָרדע, און צווייטנס — וועל איך אייך אָנקלאָגן פאַרן נאַטשאַלניק פון דער אייזנבאַן",

כ'האָב זיך צוגעקוקט צו דעם אַלעמען, צוגעהערט און זיך דערמאָנט אָן די נעכט ביי פעטראָווסקען, ווו ס'האָט זיך נאַקעט ביז צו אירע טיפענישן אָפגעשפילט די ווילדע און פינסטערע דראַמע פון אינסטינקט, און, פאַרבלענדעדיק דעם מוח, באַוויזן די אומזיניקע פאַרצווייפלטע שפילן פון דער ליבע. די האַלבווילדע מענטשן, גנבים שכּורים פלעגן אַריינגיין אין התלהבות, פרעכטיק און געשיקט זינגענדיק שיינע, האַרציקע לידער פון פאָלק, און די „פילאָזאָפן", „ראַדיקאַלן", „נאַראָזניקעס" האָבן אָן טעם געזונגען נודנע לידלעך, „נישט דאָס הערבסטיק קליין רעגנדל" „דאָרט ווו דער בלאָטיקער בולאַק" אָדער:

„זיין גאַנץ לעבן האָט קופערניק זיך געמאַטערט,
„צו דערווייזן אַז די ערד דרייט זיך,
„דער נאַר!.."

כ'האָב נישט געהאַט נישט קיין שכל, נישט קיין פאַנטאַזיע, נישט קיין קרעפטן, כּדי צו פאַראייניגן די דאָזיקע צוויי וועלטן, וואָס זענען צעשיידט דורך אַ טיפן שפּאַלט פון גע‏גנזייטיקער אָפּגעפרעמדקייט.

אָט אויך איצט, ווען איך שרייב וועגן דעם, וואָס איז געווען מיט העכער דרייסיק יאָר צוריק, זע איך בולט פאַר זיך די און יענע מענטשן, און פיל מיין גאַנצע אָנמעכטיקייט אויסצומאָלן מיט ווערטער די געשטאַלטן פון די קורציכטיקע ביכערלייט אין ברילן און פענסנע, מיט די הויזן „איבער די שטיוול", אין אַלערליי מאַרינאַרקעס און אין די זעלביקע בונטע מאַנטלען פון ביכער-מליצות. און דאָס איז נישט דערפאַר, וואָס יענע זענען גראָב, אומגעשליפן, זיי לאָזן זיך לייכט באַנעמען, און די צווייטע זענען גלאַט אויסגעפרעסט מיט די פרעס-אייזנס פון ביכער, ניין, לויט מיין מיינונג, ליגט דאָ אַ טיפע, כּמעט

שטאַמיקע יעדנפאַלס — אַן אינערלעכע אָפּגעריסנקייט 1).

היגטער די פענסטער, אין דער פינסטערניש וואָס איז צעריסן דורך די פייערלעך פון דער סטאַציע, קריכן מיט אַן אייזערנעם רעש די רויטאויגיקע שלאַנגען פון די צוגען, עס גייען, וויגנדיק מיט פאַרשידענע לאַמטערנעס, די קיילעכדיקע געשטאַלטן פון די רעדערשמירער און קאָנדוקטאָרן. די פענסטער-שויבן ווערן פאַרשטעלט פון רויך און פאַרע, און בעת עס פייפן די לאָקאָמאָטיוון, קלינגען די פענסטער אָפּ מיט אַ שטילן נאָגנדיקן געקלאַנג. דאָרט, אין דער נאַכט גייט שווער אַ לעבן, וואָס איז מיט קיין זאַך נישט פאַרבונדן מיט דער אום-רויקער זאָרג וועגן דער שיינקייט, וואָס איז דאָ אָפּגעשלאָסן אין דעם צימער.

אויף איין זייט וואַרפט זיך אומזוניק און אָן אַן אויסגאַנג דער כח פון אינסטינקט, אויף דער אַנדערער, — קלאַפּט זיך, ווי אַ פויגל מיט אונטערגעהאַקטע פליגלען, דער שכל, וואָס איז פאַרשפּאַרט אין דער שמוציקער שטייג פון לעבנס-שטייגער. איך מיין, אַז אין קיין איינציק לאַנד אויף דער וועלט זענען די שעפערישע לעבנס קרעפטן נישט אַזוי שטאַרק אָפּגעריסן איינע פון די אַנדערע, ווי בײַ אונז אין רוסלאַנד. ווען איך האָב כמעט מיט שרעק דערציילט וועגן די נאַכט אָרגיעס בײַ פּעטראָווסקען, האָב איך צייטנווייז געפילט די באַהאַלטענע קנאה פון די „קולטור-מענטשן” צו דער לעבנס פרייד פון די ווילדע און

1) אַן אומרויק געפיל פון דער גייסטיקער אָבגעריסנקייט פון דער אינטעליגענץ — אַלס דער יסוד פון שכל — פון די פאָלקס עלעמענטן, האָט מיך מיין לעבן מער אָדער ווייניקער רק פאַרפאָלגט. אין מיין ליטעראַרישער אַרבעט האָב איך נישט איינמאָל באַרירט די דאָזיקע טעמע, פון דאַנען שטאַמען מיינע דערציילונגען „מיין באַגלייטער” און אַנדערע. ביסלעכווייז איז דאָס דאָזיקע געפיל איבערגעגאַנגען אין אַ פאָרגעפיל פון אַ קאַטאַסטראָפע. אין 1905 יאָר האָב איך פּרובירט, זיצנדיק אין דער פּעטראָפּאַוולאָווער פעסטונג, צו באַאַרבעטן די דאָזיקע טעמע אין דער אומגעלונגענער פּיעסע „די קינדער פון דער זון”. אויב אין לעבן פון דעם יחיד איז דער ריס צווישן דעם ווילן און דעם שכל אַ שווערע לעבנס דראַמע, — איז אין פאָלקס-לעבן דער דאָזיקער ריס — אַ טראַגעדיע.

נישט זעלטן האָט זיך מיר געדוכט, אַז פּעטראָווסקעס שמחות ווערן פאַראורטיילט נישט לויט זייער תוך, נאָר – אויסערלעך, פאָרמעל פון „אַנשטענדיקייט" וועגן.

נאָר פּ. ע. באַזשענאָוו האָט געזאָגט, טיף אָפּזיפצנדיק:

– פּ-פּאַ! ווי מוראדיק דאָס איז!

און אַ קלער טוענדיק, בייסנדיק די באָרד, האָט ער צוגעגעבן:

איך וואָלט צווישן זיי פאַרזינקען געוואָרן, ווי אין אַ זומפּ. וואָס שטאַרקער עס זענען די באַוועגונגען – אַלץ גיכער פאַרזינקט מען אין זומפּ, יאָ, איך פאַרשטיי, וואָס עס ציט צו זיי, אַזוינע מענטשן, ווי איר – מיר לעבן אַ לעבן אָן זאַלץ, נישט יום-טובדיק און קליינלעך, – דאָרט אָבער איז כמעט אַן עפּאָס, אַן עפּיש לעבן. איר ווייסט, – דער דאָזיקער פּעטראָווסקי איז שוין לאַנג אָנגעקלאָגט אין געריכט, אָבער – ער האָט אַ שטאַרקן „צד" אין דער פאַרוואַלטונג, דאָ נישט לאַנג איז ביי אים געווען אַ רעוויזיע וועגן נייעם ענין: אַ טיי-גנבה פון אַ וואַגאָן. ער האָט אַרויסגענומען פון טיש אַ פּאַפּיר און, דערלאַנגענדיק עס דעם געריכטס-פאָרשער, האָט ער געזאָגט: „דאָ איז אָרענטלעך פאַרשריבן אַלץ, וואָס כ'האָב געגנבעט".

באַזשענאָוו האָט זיך אָנגעכמורעט, פאַרטראַכט פאַרמאַכט די אויגן, פאַרלייגט די הענט הינטערן האַלז, אַ ווײַלע געשוויגן, דערנאָך אַ שמייכל געטון, זאָגנדיק:

– אָרנטלעך — געגנבעט, נאָר אַ רוסישער מענטש קען זאָגן אַזוינס, איך פאַרזיכער אייך! מיר דוכט זיך, אַז מיר זענען באמת באַרופן צו פאַראייניקן דאָס נישט פאַראייניבאַרע. מיר הוליען מוראדיק, האָבן אכזריותדיק ליב... און אַזוי ווייטער אין דעם זעלביקן גייסט...

ער איז אויפגעשטאַנען פון שטול, זיך אויסגעצויגן, ברייט, צעשפּרייט די הענט און אויסגעפירט:

– און, נאָך אַלעמען, – זענען מיר רוסישע אַ ווויל פאָלק! און דערפאַר, קען זיין, זענען מיר איבער דער מאָס אומגליקלעך...

באַזשענאָוו איז געווען איינער פון די ווינציקע מענטשן, וואָס האָט אַרויסגערופן בײַ מיר אַ געפיל פון טיפער אַכטונג און סימפּאַטיע. ער, אַ טאָמסקער סעמינאַריסט, איז נאָך לאַנגע זאָרג און מאַטערניש אָנגעקומען אין קיעווער אוניווערסיטעט, אָבער שוין אויפן צווייטן קורס האָט מען אים פאַר „נישט כשרקייט" אויסגעשלאָסן פון אוניווערסיטעט און אַרײַנגעזעצט אויף עטלעכע מאָנאַטן אין תּפיסה. אַ באַוואַקסענער מיט האָר האָט ער אויסגעזען, ווי אַן איבערגעטונענער גלח, ער האָט זיך באַוועגט מיט פּאָרזיכטיקייט פון אַ גבור און דאָס האָט צוגעגעבן זײַן פעסטער הויכער פיגור אַ פּריצעשע חשובקייט, וואָס מען טרעפט זעלטן בײַ אַ סעמינאַריסט. ער האָט פאַרמאָגט אַן אויסער־געוויינלעכע וויכע שטום, האָט אָבער נישט געהאַט קיין געהער און האָט זיך כמעט פיינדלעך באַצויגן צו מוזיק, זאָגנדיק:

— זי לאָקט אין כאַאָס אַרײַן.

פון זײַן ברייטן מיט זומער פלעקן באַדעקטן פּנים, אין דער געדיכטער שוואַרצער באָרד האָבן אַרויסגעקוקט פרײַנדלעך פאַרזשמורעטע, גרויע אויגן. אין זײַן באַציאונג צו מיר און צו די איבעריקע מענטשן האָב איך געפילט אַ קלוגע שוינונג צו אונז, ער האָט מיר פיין דערציילט די געשיכטע פון דער אַנט־וויקלונג פון קריסטנטום, האָט אָנציענד גערעדט וועגן די סעקטעס פון די אַמאָליקע צייטן, האָט מיר געהאָלפן לייענען אועוועלעס „געשיכטע פון די אינדוקטיווע וויסנשאַפטן", שמועסנדיק האָט ער לייכט און שטיל געשפּרייזט איבערן צימער, די הענט אַרײַנ־גערוקט אין די הויזן קעשענעס און, אויפהויבנדיק די וויעס, האָט ער שאַרף געשאָקלט מיטן קאָפּ — די איינציקע באַוועגונג מיט וועלכער ער האָט אויסדריקלעכער געמאַכט דו וויכטיקסטע ערטער פון זײַן געשפּרעך. נאָר צײַטנווײַז, אינמיטן, נישט פאַרענדקנדיק דעם זאַץ, פלעגט ער זיך פאַרטראַכטן, פאַרבײַסנדיק מיט די ליפּן די האָר פון באָרד, קראַצנדיק מיטן קליינעם פינ־גער זײַן הויכן, גישטופּלטן שטערן, פלעגט ער שטיין לאַנג און שווייגן. די דאָזיקע מינוטן האָבן מיך שטענדיק, כ׳ווייס אַליין

נישט פאַרוואָס, אומבאַוווּסט באַאומרויקט. איינמאָל האָב איך אים אַ פרעג געטון: וועגן וואָס ער קלערט?

— שרעקלעך פיל שכל האָט מען אומניצלעך פאַרטאַכלעוועט, מוראדיק פיל! — האָט ער שטיל געזאָגט. — און — נאָך וואָס פאַר אַ שכל!

ער האָט אָפט גערעדט מיט איבערצייגונג וועגן דער שיינקייט און כּוח פון געדאַנק.

— סוף כּל סוף, מיין ליבער, באַשליסט אַלץ דער שכל, — ער, דער שכל, טאַקע, איז יענער העבל, וואָס וועט מיט דער צייט איבערקערן די גאַנצע וועלט.

— און — דער אָנהאַלטס פּונקט? האָב איך געפרעגט.

— דאָס פאָלק, — האָט ער איבערצייגט געענטפערט, אַ טרייסל טוענדיק מיטן קאָפּ, — בפרט — איר, אייער מאַרך!

כ'האָב אים שטאַרק ליב געהאַט און מיטן גאַנצן האַרצן געגלויבט.

אין אַ שטילן אָוונט, ליגנדיק מיט אים אין די סטעפּעס, האָב איך אים דערציילט, ווי עס האָט גערעדט וועגן רחמנות דער פּאָליציאַנט ניקאָפּאָריטש און וועגן דער עוואַנגליע און דאַרווינען דער טאָלסטאָוועץ.

נאָכדעם, ווי ער האָט מיך שטיל און שווייגנדיק אויסגעהערט, האָט ער געענטפערט:

— דאַרווין, דאָס איז דער אמת, וועלכן כ'האָב נישט ליב, פּונקט, ווי כ'וואָלט נישט ליב געהאַט דעם גיהנום, ווען דאָס וואָלט געווען אמת. נאָר, זעט איר מיין טייערער, וואָס ווייניקער רייבונגען עס זענען צווישן די טיילן פון אַ מאַשין, אַלץ בעסער אַרבעט זי. פאַרקערט — אין לעבן! וואָס שטאַרקער ס'זענען די רייבונגען, אַלץ שנעלער גייט דאָס לעבן צו זיין ציל, צו העכערער פאַרשטענדיקייט. פאַרשטענדיקייט, דאָס איז דער יושר, די האַרמאָניע פון אינטערעסן. באַטראַכטנדיק מיט אַ סדר, — דאַרף מען אָננעמען דעם קאַמף פאַר אַ נוצליכן געזעץ פון לעבן, און דאָ איז אייער פּאָליציאַנט גערעכט: אויב דאָס לעבן — איז קאַמף, איז רחמנות — אַן איבעריקע זאַך.

ער האָט זיך פֿאַרטראַכט, ליגנדיק אויפֿן רוקן, אַריינ־קוקנדיק אין הימל מיט ברייט פֿאַנאַנדערגעעפֿנטע אויגן.

די זון, וואָס איז פֿאַרגאַנגען אין אַ וואָלקן, האָט אים אָנגעגליט און האָט זיך אין אים צעשמאָלצן, ווערנדיק פֿאַר־וואַנדלט אין אַ גרויסן, רויטן פֿלאַקער־פֿייער, רויטע שטראַלן האָבן זיך אויסגעצויגן איבער דער סטעפּ, אויף די גראָע שטענ־גלעך פֿון די פּאַראַיאָריקע גראָזן האָט אַ שפּריץ געטון מיט אַ ראָזלעכן טוי. די ריחות פֿון די פֿרילינגס גרעזער און בלומען זענען געוואָרן שאַרפֿער און פֿאַרשכורנדיקער.

באַזשענאָוו האָט זיך פּלוצלינג אַנידערגעזעצט, האָט פֿאַרוי־כערט אַ פּאַפּיראָס, האָט אים אָבער פּלוצלינג אַוועקגעוואָרפֿן, זאָגנדיק ברוגזדיק:

– כ׳מיין, אַז דער הומאַניזם האָט שוין פֿאַרשפּעטיקט אַריינ־צוגיין אין לעבן, — ער האָט פֿאַרשפּעטיקט אויף אַ פּאָר טויזנט יאָר. נו, איך דאַרף גיין אין שטאָט, – איר גייט?

ענדע מאַי האָט מען מיך אַריבערגעפֿירט אויף דער סטאַציע קרוטאַיע, וואָלגאַ־דאַנסקער צווייג, און אין יוני האָב איך באַ־קומען פֿון מיינעם אַ חבֿר אַן איינבינדער אין באָריסאָגלעבסק אַ בריוו, וואָס ער איז מודיע, אַז באַזשענאָוו האָט זיך דער־שאָסן אין פֿעלד, ביים בית־עולם, אין בריוו איז געווען בייגעלייגט באַזשענאָווס אַ צעטעלע:

„מישע, פֿאַרקויף מיינע זאַכן און באַצאָל מיינע באַלעבאַטים 7 רובל מיט 30 קאָפּ. און אויעוועלס ביכער בינד איין און שיק אַוועק אין קרוטאַיע, פּעשקאָוון, מאַקסימיטשן, דער „באַשקע״, דעם „קאָפּ״ ספּענסערס — אויך אים. די איבעריקע — פֿאַר דיר. דאָס פּעקל לאַטייניש און גריכישע ביכער שיק אַוועק אין קיעוו, דער אַדרעס איז אַריינגעלייגט אין די ביכער. זיי געזונט, פֿריינד. ד.״

איבערלייענדיק דאָס צעטעלע, האָב איך געפֿילט, ווי אַ קויל וואָלט מיך געטראָפֿן אין האַרצן. ס׳איז מיר שווער גע־ווען שלום צו מאַכן מיט דעם געדאַנק, אַז עס האָט זיך געשיידט מיטן לעבן אַזאַ געזונטער, ניכטערער מענטש.

וואָס האָט אים געהרגעט?

כ'האָב זיך דערמאָנט, אַז איינמאָל זיצנדיק אין שענק, האָט ער מיר טראַקטירט מיט ביר און אַ ביסל שכורלעכהייט האָט ער מיר פלוצלינג געזאָגט:

— איר ווייסט, מאַקסימיטש, וואָסער ליד איז דאָס שענסטע אויף דער וועלט?

ער האָט זיך אָנגעבויגן איבערן טיש און מיט אויגן פון אַ גוטן בער האָט ער מיר אַריינגעקוקט אין די אויגן און שטיל מיט אַ וייכן באַס, טרויעריק אויפגעזונגען!

— Quand j'etais petit —
Je n'étais pas grand;
J'allais a l'école
Comme les petits enfants...

ער האָט אויפגעזונגען — און די אויגן זיינע זענען געוואָרן פייכט.

— אַ הערלעך לידל, אויף מיין ערן וואָרט! ס'איז אַזאַ פשטות אין איר און, איר ווייסט, אַזאַ לעכערלעכער צער...

ער האָט איבערגעזעצט די ווערטער פונם לידל אויף רוסיש, כ'האָב נישט פאַרשטאַנען, פון וואָס ער ווערט דאָ נתפעל ביז טרערן, דער דאָזיקער באַוואַקסענער, גרויסער און קלוגער מענטש...

— שפּעטער — האָב איך געזען נישט ווייניק מענטשן וואָס „דער לעכערלעכער צער" האָט זיי דערהרגעט...

עטלעכע חדשים זענען אַריבער, און דאָס לעבן וואָס האָט מיך האַרב, נאָר זאָרגעוודיק דערצויגן, האָט מיך ווידער דערמאָנט אין פעטראָווסקען, צווינגענדיק מיך דערביי איבערצולעבן איינעם פון די שווערסטע איינדרוקן פון מיין לעבן.

אין מאָסקווע, אין אַ שמוציקן שענק, ערגעץ נעבן דעם סוכאַרעוועער טורם, האָט זיך אַנטקעגן מיר ביים טישל צו געזעצט אַ לאַנגער, מאָגערער מענטש אין ברילן; זיין קנאָכעק פנים, דאָס שפּיציק בערדעלע, די שיטערע, שפּיציקע וואָנצעס — האָבן מיר דערמאָנט אָן דאַן קישאָטן פון דאָרעס צייכענונגען. אויף אים איז געהאָנגען אַ בלויע מאַרינאַרקע, דייטליך, נישט קיין אייגענע. די

גראָע לייוונטענע הויזן, מיט די לאַטעס אויף די קני, זענען גע־
ווען קאָמיש קורץ; אויף איין פוס אַ גומענער קאַלאָש, אויף
דער צווייטער — אַ לעדערנער אויסגעטראָטענער שוך. דרייענדיק
די עקן פון די וואָנסן, שפּיציקע, ווי אָלן, האָט ער מיך הונגעריק
אָנגעקוקט, מיט מוטנע אויגן, אויפגעשטאַנען צוריקנדיק די ברילן
צו די גראָע ברעמען און, שאָקלענדיק זיך, טאַפּנדיק מיט די
הענט, ווי אַ בלינדער, צוגעגאַנגען צו מיר:

— אַדוואָקאַט גלאַדקאָוו!

מיט שמוציקע פינגער האָט ער זיך אונטערגעשריבן מיט
אַ געצוקטער שריפט אין דער לופטן און האָט איבערגעחזרט
מיט ווירדע:

— אַלעקסיי גלאַדקאָוו!

רעדנדיק הייזעריק, האָט ער געדרייט מיטן האַלז, ווי
ס'וואָלט אים געשטיקט אַנאומגעזעענער שלייף.

עס פאַרשטייט זיך, אַז ער האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר
אַ מענטשן מיט אַן איידעלסט האַרץ, האָט געליטן פאַרן אמת און
דורך די שונאים פון אמת איז ער געקומען צו דער מדרגה פון
„אַ געפאַלענעם". איצט שטייט ער בראש פונם אָרדען „דער היי־
ליקער אַסקוויט". פאַרנעמט זיך מיט איבערשרייבן ראָלען פאַר
די טעאַטערן, מיט שיצן אונטערדריקטע תמימים און אויך מיט
שיקן פיילן אין די הערצער און אין די קעשענעס פון די גוט־
הערציקע סוחרטעס.

— אַ רוס, און דאָס ווייב זיינס — האָט באַזונדערס ליב צו
ליידן: דאָס ליידן — אָדער דער שמועס וועגן ליידן — איז דער
גייסטיקער זענעפט, אין וועלכן עס דרינגט גאָרנישט אַריין אין
האַרצן, וואָס איז פאַרדעקט מיט שטאָלץ פון אַלערליי
מאכלים.

איך האָב שוין נישט ווייניק מענטשן אָנגעזען פון דעם
דאָזיקן טיפּ, בין געווען געוווינט צו באַציען מיט אומצוטרוי
צו זיי, אָבער — שטענדיק מיט גרויס אינטערעס; ביי אַ מענטשן,
וואָס קריכט עקשנותדיק ערגיץ אַרויף, איז גאַנץ פאַרשטענדלעך
דער אינטערעס צו די מענטשן, וואָס זענען אַרונטערגעפאַלן פון

דאָרט. און אגב, די אַזוי געראָפענע, געפאַלענע פינסטערע זינ־דיקער, זענען אָפט גייסטיק רייכער און אַפילו שענער פאַר די אָנגענומענע צַדיקים, ביי וועלכע כ׳האָב נאָך פון מיין יוגנט אָן באַמערקט עפעס ענלעכעס מיט די וואַקסענע פיגורן פּאַנאָפּ־טיקום.

אין אַ פּאָר שעה אַרום בין איך געלעגן נעבן גלאַדקאָוון אויף די ברעטער פון מיין חושכדיקן נאַכט־לעגער. פאַר לייגנדיק די הענט הינטערן קאָפּ, אויסגעצויגן, ווי אַ דראָנג, האָט מיך דער אַדוואָקאַט געטרייסט מיט אַפּאָריזמען פון וועלפּישער רשעות, זיין בערדל האָט אַרויסגעסטאַרטשעט ווי אַ טייוולשער ווידל און האָט זיך געטרייסלט, בשעת ער האָט געהוסט; ס׳איז געווען אַ רחמנות אים אָנצוקוקן אין זיין אָנמעכטיקן כעס; ער האָט זיך איינגאַנצן אויסגעפּוצט, ווי אַ יעזש, מיט נאָדלען פון שטעכיקע ווערטלעך.

איבער אונז איז געהאָנגען אַ געוועלבטע סטעליע פון אַ קעלער, איבערן וואַנט האָט געראָנען אַ געלע שמעקעדיקע פייכטקייט, פון פאָדלאָגע האָט זיך געטראָגן אַ זויערער גערוך פון פוילער ערד, אין דער טונקלקייט האָבן קערפּערס איינגעוויקלטע אין שמאַטעס געכראָ־פּעט און גערעדט פון שלאָף. אַ פענסטער, מיט אַ גראָבער אייזערנער קראַטע, האָט אַרויסגעקוקט אין גרוב, וואָס איז געווען אויסגעלייגט מיט ציגל, אין גרוב איז געזעסן אַ קאָטער; קענטיק, אַ קראַנקער, ער האָט קרענקליך געמיאַאוקעט. אויפן ברעטער־געלעגער, אונטערן פענסטער איז, ווי אַ טערק, געזעסן אַ דיקער האָריקער ריז, אַ פאַר־זעעניש, וואָס האָט ביים שיין פון אַ שטיקל ליכט געלאַטעט די הויזן און הייזעריק געברומט!

— דער אויסדערוויילטער פירערין אַ זיג־געזאַנג, —
נאָר אַלס אויסגעלייזטע פון אומגליק,
אַ ליוב־געזאַנג וועלן מיר דיר אויפזינגען
די קנעכט דיינע, גאָטס מוטער!

ער פלעגט אָפּזינגען, הילכיק אַ טשמאָקע טון מיט די גראָבע ליפּן און – ווידער אַמאָל פון אָנהויב אָנגעהויבן ציען דעם זעלבן רימן.

— פימען מאַסלאָוו — אַ כעמיקער, אַ געניאַלער מענטש, — האָט יועגן אים געזאָגט גלאַדקאָוו. אין דער דאָזיקער גרופּ האָבן זיך געוואַלגערט נאָך עטלעכע געניאַלע מענטשן, צווישן זיי דער „באַרימטעסטער" פּיאַניסט בראַגין, אַ קליינער און פלינקער, ווי אַ יונג בחורל, און אין זיין געדיכטען קאָפּ פון זיינע געלאָקטע האָר — גרויע פּאַסמעס און אונטער די אויגן — בלויע בייטעלעך. מיך האָט איבערראַשט די דאָפּלזייטיקייט פון זיין פּנים. צו דער אומעדיקער שיינקייט פון זיינע פרויען־אויגן האָט זיך שטאַרק נישט געפּאַסט דער קרומער שמייכל, זיינע ליפּן זענען געווען דינע, און די בייזע איראָניע איז, דוכט זיך, געווען צו זיי צוגעקלעפּט אומבאַוועגלעך, אויף אייביק.

אינדערפרי האָט מיר גלאַדקאָוו געזאָגט:

— באַלד וועלן מיר דערהויבן פּאַר אַ קאַוואַלער פון אָרדען „אַקוואַוויט" דעם ניי גלויביקן, אָט, — דעם! קוקט זיך צו, אַ זעלטענע צערעמאָניע.

ער האָט מיר אָנגעוויזן אויף אַ יונגן געקרויזטן מענטשן אין איין העמד אָן הויזן; דער מענטש איז שוין לאַנג געווען בלוי־שכור, די בלוילעכע שוואַרצאַפּלען פון זיינע אויגן זענען געווען אָן זינען פאַרשטאַרט אין דער בלויטאַקער נעץ פון די ווייסלען. ער איז געזעסן אויף דעם ברעטער־געלעגער, נעבן אים איז געשטאַנען דער כעמיקער, און האָט בעמאָלט זיינע באַקן מיט פוקסין, די ברעמען און די וואָנצן מיט געברענטן קאָריק.

— מ׳דאַרף נישט — האָט געמורמלט דער געקרויזטער, שאָקלענדיק מיט די נאַקעטע פיס, און גלאַדקאָוו האָט פּאַר דרייענדיק די וואָנצן, געזאָגט צו מיר:

— אַ סוחרישער זון, אַ סטודענט, די פינפטע וואָך שיכורט ער מיט אונז. אַלץ פאַרשיכורט — געלט, קליידער.

ס׳איז אַריינגעקומען אַ רונדע אַ דוקע פרוי מיט אַן איינגעפּאַלענעם אָדער איבערגעבראָכענעם נאָז־זאָטל. און פרעכע אויגן; זי האָט געבראַכט אַ פּעקל ראָגזשעס און, אַ וואָרף טוענדיק אויף די ברעטער, געזאָגט:

— די הייליקע מלבושים — זענען פאַרטיק.

— אָנטון זיך! האָט אַ געשריי געטון גלאַדקאָוו

פינעף מרה שחורהדיקע מענטשן האָבן זיך, ווי געשפּענסטער באַוועגט אין דער טונקלקייט פון קעלער, גרויע, צעשמאַטעטע; דער „פּיאַניסט” האָט פליסיק פאַנאַנדער געבלאָזן קוילן אין פאַן, די מענטשן האָבן זיך זעלטן, מרוקענדיק, איבערגעוואָרפן מיט קורצע ווערטער:

— ריר זיך...

— שטילער!

— שטיי, וווהין?

מ׳האָט אַרויסגערוקט די ברעטער-באַנק אין דער מיט פון קעלער. מאַסלאָוו האָט אַרויפגעוואָרפן אויף זיך אַ טענדע-וואָרענדע פון ראָגזשעס, האָט אָנגעטון אַ טאַקטורענע מיץ, און גלאַדקאָוו האָט זיך אָנגעטון ווי אַ קלויסטער שמש.

זאַלבע פערט האָט מען אַכאַפּ געטון דעם געקרויזטן סטודענט פאַר די פיס און פאַר די הענט.

— מ׳דאַרף נישט — איך בעט אייך! — האָט ער אָבגעזיפּצט, ווען מ׳האָט אים אַוועקגעלייגט אויף דער באַנק.

— דער כאָר איז גרייט? — האָט אויסגעשריען דער אַדוואָקאַט, מאַכנדיק מיט דער פאַן און באַרויכערנדיק מיט קטורת דעם ליגעדיקן; אין פאַן האָבן געקנאַקט די קוילן, ס׳האָט זיך געהויבן פון דאָרט אַ בלאָער רויך פון טליענדיקע בעזים-בלעטער, דער מענטש, וואָס איז געלעגן אויף דער באַנק האָט זיך געקנייטשט, געהוסט, פאַרמאַכנדיק די אויגן, האָט ער געדרייט מיט די פיס, ווי אַ פליג, קלאַפּנדיק מיט די פּיאַטעס איבער די ברעטער.

— מיר פאַרנעמען! — האָט אויסגעשריען גלאַדקאָוו, אָנגעטון אין ראָגאַזשעס, האָט ער אויסגעזען אימהדיק, ווי אַ קאַריקאַטור, ער האָט עפּעס משונהדיק-האַסטיק געדרייט מיטן האַלז, געוואָרפן דעם קאָפּ, און געמאַכט העוויות.

שטייענדיק צופוסנס ביים סטודענט, האָט מאַסלאָוו פּאַג-פענדיק אָנגעהויבן צו רעדן מיט אַ ניגון:

— ברידער! לאָמיר טון בעטן מיט תּחנונים צום שטן פאַר דער רוּ פון דעם נפטר, דעם פריץ יאַקאָוו, וואָס איז געפאַלן אַ קרבן פון שיכּרות און צעלאָזנקייט. זאָל זיין דער ווילן פון שטן, ער זאָל אים באַגעגענען מיט אַכפּערונג און פרייד און זאָל אים פאַרזינקען אין דעם זומפּ פון גיהנום אויף אַלע אי י — בי־קייטן!

פינף אָבגעריסענע שלעפּערס האָבן, שטייענדיק אין אַן ענגער כּנופיא ביי דער רעכטער זייט פון דער באַנק, אויפגע־זונגען מרה־שחורהדיק אַ גאָטס־לעסטערנדיק ליד; די הייזעריקע שטימען האָבן אין דער שטיינערנער גרוב אָבגעקלונגען טויב, ווי אונטער דער ערד. די ראָל פונם חזן האָט אויסגעפירט בראַגין, דיגירירנדיק שוין מיט דער רעכטער און אויפהויבנדיק מיט וואָרענונג די לינקע האַנט.

מיך איז שווער געווען צו פאַרחידושן מיט אומפאַרשעמט־קייט, — כ׳האָב עס צופיל אָנגעזען אין פאַרשידענע פאָרמען, אָבער די דאָזיקע מענטשן האָבן געזונגען עפּעס אַזוינס עקלדיקס, נישט אַרויס צוריידן, אַרויסווייזנדיק אין דעם צוזאַמענשטעל פון אומפאַרשעמטע ווערטער און בילדער באמת אַ טייוואַלישע פאַנטאַזיע אָן אַ גרעניצלאָזע אויסגעלאַסנקייט. ס׳איז מיר פאַר דער גאַנצער צייט אויך שפּעטער, קיינמאָל נישט פאַרגעקומען צו זען אַזאַ פאַרפיינערטע און פאַרצווייפלטע פאַרדאָרבנקייט. פינף העלזער האָבן אויסגעגאָסן אויף אַ מענטשן אַ שטראָם פון גיפ־טיקן שמיץ, זיי האָבן דאָס געטון אָן התלהבות, נאָר ווי עפּעס אַ חוב, זיי האָבן זיך נישט געשפּילט נאָר — געטון אַנעבודה, און ס׳איז קלאָר געווען, אַז: די עבודה קומט פאַר נישט צום ערשטן מאָל, די צערעמאָניע פון פאַרניכטן אַ מענטשן האָט זיך אַנטוויקלט גלאַט, מיט אַ סדר, פייערלעך, ווי אין קלויסטער.

אַ דערשלאָגענער האָב איך צוגעהערט גלאַדקאָווס אויסרופן, וואָס ווייטער, אַלץ מער קונציקע און שפּלע דעם „כעמיקערס" ציניסע לייעניש, דאָס פאַרשטאַרקטע רעוון פון כאָר, און כ׳האָב געקוקט אויף דעם מענטשן, וואָס מ׳האָט „געזאָגט קדיש" לעבעדיקערהייט, אַבריכטנדיק איבער אים אַ לעסטער־תּפלה.

די הענט צונויפגעלייגט אויף דער ברוסט האָט ער באַוועגט מיט די ליפּן, האָט שטיל עפּעס געמורמלט און אויסגעשריען, געפינטלט מיט די אויסגעגלאָצטע אויגן, נאַריש געשמייכלט און פּלוצלינג דערשראָקן אויפגעציטערט, באַמיענדיק זיך אַראָפּ צו־שפּרינגען פון באַנק, — שווייגנדיק האָבן די זינגער אים צוגעדרוקט צו די ברעטער.

די „צערעמאָניע" וואָלט מסתמא מיר נישט פאָרגעקומען אַזוי עקלדיק, ווען די שמוציקע רוחות וואָלטן געקוקט אויף דעם, ווי אויף אַ קאַטאָוועס, אַ שפּיל. ווען זיי וואָלטן כאָטש געלאַכט מיט אַ געלעכטער פון ציניקער, מיט אַ פאַרצווייפלטן געלעכטער פון „געוועזענע מענטשן", וואָס זענען פאַרקריפּלט און באַליידיקט געוואָרן פון לעבן. אָבער — זיי האָבן זיך באַצויגן צו דעם מיט אַ ברוגזער אָנגעשטרענגטקייט פון רוצחים, זיי האָבן זיך אויפגעפירט, ווי כהנים, ברענגענדיק קרבנות פאַרן גייסט פון דער קרענקלעכער און נקמהדיק צעיושעטער פאַנ־טאַזיע.

אַ פאַרשטומטער, אָן כחות, האָב איך געפילט, ווי אַ שווע־רע משא דריקט מיך, פאַרזינקט מיך אין אַ קלעפּיקן זומפּ, אַז די דאָזיקע רוחות־מענטשן „באַזינגען" מיך אויך און זענען מיך אויך מקבר. איך געדענק, אַז איך האָב נאַריש און פאַרלוירן געשמייכלט און אין געוויסע מאָמענטן האָט זיך מיר געוואָלט בעטן:

— הערט אויף, עס איז נישט פיין, דאָס איז — שרעקלעך און גאָר קיין שפּאַס נישט!

באַזונדערס האָט געריסן אין אויער און געשניטן איבערן האַרץ דעם „פּיאַניסטס" דינער קול; ער האָט מיט אַלע קרעפטן געוויאָעט, פאַרמאַכנדיק דערבײַ די אויגן, פאַרוואַרפנדיק דעם קאָפּ און אויסבויגנדיק דעם גאָרגל; זיין וויאָען האָט פאַר־היליכט די הייזעריקע קולות פון די איבעריקע זינגער, איז גע־שוועמען אין דער רויכיקער טונקלקייט, אַנטבלויזנדיק מיט אַ באַ־זונדערער תאווה די מאוסקייט פון די ווערטער. מיך האָט גע־פּייניקט פאַרלאַנג אָנצוהויבן וויען און ברומען ווי אַ חיה.

— אַ קבר! — האָט אויסגעשריען גלאַדקאָוו, וויגנדיק מיט דער קטורת־פאַן.

דער כאָר האָט מיט אַלע כּחות אַ דונער געטון:

— קום, קום,

קבר, קבר...

און — ס׳איז אַריינגעקומען אַ פרוי מיט אַ צעהאַקטער נאָז, זי איז געווען אינגאַנצן אַ נאַקעטע און איז געגאַנגען אונטער־טאַנצנדיק, איר שוואַכער קערפּער האָט זיך געטרייסלט, אירע ברוסט זענען ווי טאָרבעס אַרונטערגעהאָנגען אויף דער בויך, די בויך איז, ווי אַ פּעטער זאַק אַרונטערגעהאָנגען אויף די דיקע פיס מיט די לילע פלעקן, צייכנס און וווּנדן אין די בלויע צעצווייגטע אָדערן.

מאַסלאָוו האָט זי איבערגענומען מיט אַ מיאוסן זשעסט, דער קלויסטער שמש גלאַדקאָוו האָט נאָכגעמאַכט דעם דאָזיקן זשעסט, אויסקוויטשנדיק ניבול־פּה האָט זיך די פרוי צוגע־לייגט דאָ צו איינעם, דאָ צום צווייטן, די זינגער האָבן זי אויפ־געהויבן פאַר די הענט און פיס און אַוועקגעלייגט אויפן באַנק נעבן דעם „בר־מינן״.

— אָ–אָ, מ׳דאַרף נישט, — האָט ער אויסגעשריען מיט אַ קוויטש און האָט זיך געפּרוווט אַרונטערלאָזן די פיס פון באַנק, מ׳האָט אים אָבער צוגעדריקט צו די ברעטער און ביי אַ נייעם ניגון כּמעט אַ טאַנץ־ניגון פון אַן עקלדיקן לידל, וואָס איז אָבער אויך געווען מרה־שחורהדיק טרויעריק, האָט זיך די פרוי אָנגע־בויגן איבער אים, און, טרייסלענדיק מיט די שמוציקע גרויע ברוסט־זעק, האָט זי אים אָנגעהויבן מאַסטערבירן.

דאַן האָב איך זיך דערמאָנט אָן דער „קעניגן מאַרגאָ״ די בעסטע וויזיע אין מיין גאַנצן לעבן, — אין האַרצן האָט עפּעס אַ הייס געפּיל אויפגעריסן, איך האָב זיך אַ וואָרף געטון אויף די דאָזיקע רעשטלעך־מענטשן און האָב זיי אָנגעהויבן צו קיילן.

... צו אָוונט האָב איך זיך דערזען אונטער דעם אייזנבאַן־וואַל, אויף אַ קופּע שפּאַלן, די פינגער פון מיינע הענט זענען געווען צעמזיקט, בלוט האָט געריננען, דאָס לינקע אויג איז געווען

פֿאַרשוואָלן, פֿון הימל, וואָס איז געווען שמוציק, ווי די ערד, האָט זיך געשאָטן אַ הערבסט־רעגנדל, כ׳האָב געריסן שטיקער נאַסע פֿאַרוועלקטע גראָז און, ווישנדיק דערמיט דאָס פּנים, די הענט, האָב איך געקלערט וועגן דעם, וואָס די מענטשן האָבן מיר באַוויזן.

כ׳בין געווען געזונט, געווען אַ גבֿר, כ׳האָב געקאָנט נישט בעאײַלט נײַן מאָל איבערצלמען מיט אַ צוויי פּודיקער געוויכט, כ׳האָב לײַכט געטראָגן צוויי פֿינף־פּודיקע זעק מעל, אָבער — איצט האָב איך זיך געפֿילט אײַנגאַנצן אויסגעליידיקט, אָבגע־שוואַכט, ווי אַ קראַנק קינד, ס׳האָט זיך מיר געוואָלט וויינען פֿון ביטערער באַליידיגונג. כ׳האָב גיריק געזוכט יענע שיינקייט פֿון לעבן, מיט וועלכער עס אָטעמען אַזוי פֿאַרלאָקנדיק די ביכער, כ׳האָב געוואָלט שעפּן נחת פֿון עפּעס, וואָס זאָל מיך קרעפֿטיקן און דערהאַלטן. ס׳איז שוין געקומען פֿאַר מיר די צייט פֿון פֿאַרזוכן דעם טעם פֿון פֿרייד אין לעבן, ווייל כ׳האָב אַלץ עפּעטער אָנגעהויבן צו פֿילן אָנפֿאַלן פֿון צאָרן, — ווי אַ פֿינסטערע הייסע כוואַליע האָט ער זיך אויפֿגעהויבן אין מײַן האַרצן, פֿאַר־בלענדנדיק דעם שכל, ער האָט פֿאַרוואַנדלט מײַן שאַרפֿע אויפֿ־מערקזאַמקייט צו מענטשן אין אַ שווערער פֿאַראַכטנדיקער שנאה צו זיי.

ס׳האָט מיר שמערצלעך געקרענקט, — פֿאַרוואָס באַגעגן איך אַזוי פֿיל שמוץ און עלנד, אַלץ, וואָס איז גראָב־נאַריש אָדער משונהדיק?

ס׳איז געווען שרעקלעך צו דערמאָנען זיך די „צערעמאָניע" אין דעם נאַכטלעגער, ס׳האָט געעגבערט אין אויער גלאַדקאָווס אויסגעשריי:

— אַ קבר! —

און פֿאַר די אויגן האָט זיך פֿאַנאַנדערגעשווומען דער עקלדיקער גוף פֿון דער פֿרוי, — אַ באַרג פֿון בייזער און תאוהדיקער שענדלעכקייט, אין וועלכער זיי האָבן געוואָלט באַגראָבן דעם לעבעדיקן מענטשן.

און דערמאָנענדיק זיך דערבײַ אָן פּעטראָווסקעס צעלאָזענעם

„גלחישן לעבן”, האָב איך דערפילט, ווי אומשולדיק עס איז די ווילדקייט פון דער תאוה ביי געזונטע מענטשן, און פאַרגלייך מיט דעם שגעון פון דער פוילעניש, וואָס האָט נישט פאַרלאָרן דעם אויסערלעכן פרצוף פון מענטשן.

דאָרט איז געווען אַזאַ מין אַרט געצנדינסט פאַר דער שיינקייט; דאָרטן האָבן האַלב ווילדע מענטשן מתפלל געווען פון איבערפלוס פון כחות, אָננעמענדיק דעם דאָזיקן איבערפלוס פאַר אַ זינד, פאַר אַ שטראָף, אפשר בונטעוועדיק, מיט דער כלומרשטער האָפנונג אויף פרייהייט, מורא האָבנדיק צו „פאַרלירן יענע וועלט” צוליב דעם נישט זאַט-ווערנדיקן דורשט פונם גוף.

דאָ — איז די אָנמאַכט געפאַלן ביז צו דער טרויעריגסטער פאַרצווייפלונג, ביז צום מאוסטן נקמהדיקן אויסשפּאָטן פון יענעם אינסטינקט, וואָס פאַרזייט אָנאויפהערליך מיט נצחון די פעלדער פון לעבן, וואָס דער טויט פאַרוויסטעט, פון דעם אינסטינקט, וואָס איז דער ווירקער פון דער גאַנצער שיינקייט פון דער וועלט; דאָ ווערט חזיריש אונטערגעגראָבן דער עצם וואָרצל פון לעבן. פאַרסמענדיק מיטן אייטער פון דער קראַנקער פאַנטאַזיע אירע געהיימניספולע הערלעכע קוואַלן.

נאָר — וואָס איז דאָס דאָרט, אויבן, פאַר אַ לעבן, פון וואַנען די מענטשן פאַלן אַזוי טיף אַרונטער?

---

# „קאָראָלענקאָס צייטן".

... איך בין אַרויס פון צאַריצין אין מאַי אין אַ ווינטיקן כמורנעם באַגינען און האָב אויסגערעכנט אין סענטיאַבר אָנצוקומען קיין ניזשני.

אַ טייל וועג, אין די נעכט, בין איך געפאָרן מיט די קאָנדוקטאָרן אויף די פּלאַטפאָרמעס פון די משא-וואַגאָנעס, דעם גרעסטן טייל געגאַנגען צו פוס, פאַרדינענדיק מיין ברויט אין די דערפער און די „סטאַנציעס", אין די מאָנאַסטירן, כ'האָב געשפּאַצירט איבער דער דאָנער געגנט איבער די טאַמבאָווער און ריאַזאַנער גובערניעס, פון ריאַזאַן האָב איך איבער דער אָקע פאַרקערעוועט קיין מאָסקווע, בין אָבגעטראָטן קיין כאַמאָווניקי צו ל. נ. טאָלסטאָיען, סאָפיע אַנדרעיעוונע האָט מיר געזאָגט, אַז ער איז אַוועק אין טראָאיצע-סערגעיעווער לאַווּרע. כ'האָב זי באַגעגנט אויפן הויף, ביים שייער, וואָס איז געווען אָנגעשטאָפּט מיט פּעק ביכער. זי האָט מיך אַוועקגעפירט אין קיך, האָט מיך פריינטלעך מכבד געווען מיט אַ גלאָז קאַווע און מיט אַ בולקע און, אגב, האָט זי מיר מודיע געווען אַז צו לעוו ניקאָלאַיעוויטשן שלעפּן זיך זייער פיל „פאַרדעכטיקע ליידיקגייער", און, אַז, בכלל, איז רוסלאַנד רייך מיט ליידיקגייער. כ'האָב עס שוין אַליין אויך געזען און, אָן קונצן, האָב איך אויך מסכים געווען מיט דער מיינונג פון דער קלוגער פרוי.

ס'איז געווען ענדע סעפּטעמבער. די הערבסט-רעגנס האָבן שפּעדיק דורכגענעצט די ערד. איבער די אָפּגעשניטענע שטעכיקע פעלדער האָט געוועהט אַ קאַלט ווינטל, די וועלדער זענען געווען בונט באַפאַרבט; זייער אַ שיינע צייט אין יאָר, נאָר אַ ביסל אָן אומבאַקוועמט פאַר פוס-גייער, איבערהויפּט — אין שלעכטע שיך.

אויף דער סטאַנציע „מאָסקווע טאָוואַרנע", האָב איך איינגעדעדט דעם פירער ער זאָל מיך אַריינלאָזן אין אַ וואַגאָן פון בהמות, אין דעם דאָזיקן וואַגאָן זענען אַכט טשערקעסער אָקסן געפאָרן קיין ניזשני צום שלאַכטן. פינעף פון זיי האָבן זיך אויפגעפירט גאַנץ סאָליד, נאָר די איבעריקע בין איך עפּעס נישט געפעלן געוואָרן, און אַ גאַנצן וועג האָבן זיי זיך באַמיט מיר אָנצוטון אַלערליי נגישות; און אַז עס האָט זיך זיי דאָס איינגעגעבן, האָבן זיי צופרידן געסאָפּעט און געברומט.

און דער פירער, אַ מענטשל אויף קרומע פיס, אַ קליינינקער, אַ שכור, מיט אָבגעביסענע וואָנסן, האָט אַרויפגעלייגט אויף מיר די פליכט צו שפּייזן מיינע וועג-קאָלעגן; אויף די סטאַציעס האָט ער מיר דורכן טיר פון וואַגאָן אַריינגערוקט אַ זשמעניע היי, באַפוילנדיק מיר:

– זיי מכבד!

פיר און דרייסיק שעה האָב איך פאַרבראַכט מיט די אָקסן, מיינענדיק אין מיין תמימות, אַז איך וועל שוין קיינמאָל אין לעבן נישט אָנטרעפן קיין גרעבערע אָקסן. ווי די.

אין זעקל ביי מיר איז געלעגן אַ העפט מיט לידער און אַן אויסגעצייכנטע פּאָעמע אין פּראָזע און אין פערזן „דאָס ליד פון אַלטן דעמב".

כ'בין קיינמאָל נישט געווען צופיל זיכער ביי זיך, און, איבערהויפּט נאָך אין יענער צייט האָב איך זיך געפילט פאַר אַ קליינעם למדן, נאָר כ'האָב באמת געגלויבט, אַז איך האָב אָנגעשריבן אַן אויסגעצייכנטע זאַך. כ'האָב אַריינגעלייגט אין איר אַלץ, וועגן וואָס איך האָב געטראַכט אין פאַרלויף פון די צען יאָר פון מיין בונטן, גאָר נישט לייכטן לעבן. און איך בין געווען זיכער: איבערלייענדיק מיין פּאָעמע, וועט זיך די געלערנטע מענטשהייט חידושן אויף דאָס נייע, וואָס כ'האָב איר אַנטדעקט, דער אמת פון מיין דערציילונג וועט אויפטרייסלען די הערצער פון אַלע ערד-בעוווינער, און תיכף נאָכדעם וועט זיך צעשפּילן אַן אָרנטלעך, ריין און לוסטיג לעבן אויף דער וועלט – חוץ דעם האָב איך מער גאָר נישט פאַרלאַנגט.

אין ניזשני האָט געווינט נ. ע. קאַראָנין. איך פלעג פון צייט צו צייט אַריינגיין צו אים, כ'האָב אָבער נישט געוואַגט צו ווייזן אים מיין פילאָזאָפישע אַרבעט. איך האָב אויף דעם קראַנקן ניקאָלאַי עלפידיפאָראָוויטש, שטאַרק רחמנות געהאַט, און מיט מיין גאַנצן ווען האָב איך געשפּירט, אַז דער דאָזיקער מענטש האָט זיך עקשנותדיק און מיט ווייטאָג אויף עפּעס פאַר-טראַכט.

— אפשר איז טאַקע אַזוי, — האָט ער גערעדט, אַרויסלאָזנ-דיק דאָך די נאָז לעכער געדיכטסטע שטראָמען רויך פון פּאַפּיראָס, ווידער טיף אַריינגעצויגן דעם רויך און, שמייכלענדיק, פאַר-ענדיקט:

— און אפשר איז נישט אַזוי...

זיינע רייד האָבן אַרויסגערופן ביי מיר אַ לעסטיקע אומ-פאַרשטענדעניש, מיר האָט זיך געדוכט, אַז דער דאָזיקער כמעט אויס-געמאַטערטער מענטש האָט געהאַט רעכט און האָט געדאַרפט רעדן עפּעס אַנדערש, אַ סך דייטליכער. דאָס אַלץ — און מיין האַרציקע סימפּאַטיע צו אים — האָבן אויף מיר געווירקט, אַז איך זאָל זיך באַציען צום פּעטראָפּאַוולאָווסקער מיט אַ געוויסער פאָרזיכטיקייט, פּונקט ווי כ'וואָלט מורא געהאַט עפּעס אָנצורירן אין אים, צו פאַרשאַפן אים צער.

כ'האָב אים געזען אין קאַזאַן, ווו ער האָט זיך אָבגעשטעלט אויף עטלעכע טעג, צוריקקערנדיק פון זיין פאַרשיקונג. ער האָט אויף מיר געמאַכט דעם בולטן איינדרוק פון אַ מענטשן, וואָס איז זיין גאַנץ לעבן כסדר אַריינגעפאַלן נישט דאָרט, ווו ס'האָט זיך אים געוואָלט.

— אייגנטלעך, בין איך אומזיסט אַהער געקומען!

די דאָזיקע ווערטער האָבן מיך איבערגענומען, ווען איך בין אַריין אין אַ טונקעלן צימער פון אַן איינגאָרנדיקן פליגל אויף אַ שמוציקן הויף, ווו עס איז געווען אַ שענק פאַר לאַסט-פורמאַנעס. אינמיטן צימער איז געשטאַנען אַ הויכער געבויגענער מענטש, קוקנדיק פאַרטראַכט אויפן צופערבלאַט פון אַ גרויסן טאַשן-זייגער. צווישן די פינגער פון דער אַנדערער האַנט האָט זיך

געדיכט געררויכערט אַ פּאַפּיראָס. דערנאָך האָט ער אָנגעהויבן שפּרייזן מיט לאַנגע פוס פון איין ווינקל צום צווייטן, ענטפערנ־דיק קורץ אויף די פראַגן פון בעל־הבית ס. ג. סאַמאָוו.

זיינע קורזיכטיקע, קונדיש ליכטיקע אויגן, האָבן געקוקט מיד און פאַרזאָרגט אויף די באַקן־ביינער און אויף דער גאָמבע — העלע הערעלעך פון פאַרשידענער לענג, אויף זיין קאַנטיקן שאַרבן — גלייכע שוין לאַנג נישט געוואַשענע האָר פון אַ קלויס־טער שמש. אַריינשטעקנדיק די לינקע האַנט אין דער קעשענע פון די צוקנייטשטע הויזן, האָט ער דאָרט געקלימפּערט מיט קופּער־געלט, און אין דער רעכטער האַנט האָט ער געהאַלטן אַ פּאַפּיראָס, מאַכנדיק מיט אים, ווי אַ דערווזשאָר מיטן שטעקעלע. ער האָט געאָטעמט מיט רויך, ער האָט טרוקן אונטערגעהוסט און געקוקט אויפן זייגער, טשמאָקנדיק אומעטיקלעך מיט די ליפּן. יעדער קער און ריר פון דעם שלעכט געבליטן ביינערדיקן קערפּער האָבן באַוויזן, אַז דער דאָזיקער מענטש איז שרעקלעך אויסגעמאַטערט. ביסלעכווייז האָבן זיך אין צימער אַריינגערוקט אַרום אַנדערטהאַלבן צענדליק חושכדיקע גימנאַזיסטן, סטודענטן, אַ בעקער און אַ גלעזער.

קאַראָנין האָט מיט אַ פאַרשטיקט קול פון אַ לונגן־קראַנקן דערציילט וועגן דעם לעבן און וועגן דער שטימונג פון די פּאָליטיש פאַרשיקטע. גערעדט האָט ער, נישט אָנקוקנדיק קיינעם, פונקט, ווי ער וואָלט שמועסן מיט זיך אַליין, אָפּט מאַכנדיק קורצע פּויזעס און, זיצנדיק אויפן פענסטער־ברעטל, זיך הילפלאָז אַרומגעקוקט. איבער זיין קאָפּ איז געווען אָפן אַ פאָרטקע, אין צימער האָט זיך אַריינגעריסן אַ קאַלטע לופט, אָנגעזאַפּט מיטן ריח פון מיסט און פערדעשער השתנה. די האָר אויף קאַראָנינס קאָפּ האָבן זיך באַוועגט, ער האָט זיי צוגעגלעט מיט די לאַנגע פינגער פון זיין טרוקענער ביינערדיקער האַנט און האָט געענט־פערט אויף די פראַגן.

— ס'איז מעגלעך, נאָר איך בין נישט זיכער, אַז עס איז טאַקע פונקט אַזוי. כ'ווייס נישט, איך קען נישט זאָגן.

קאַראָנין האָט נישט אויסגענומען ביי די יונגע לייט, זיי

זענען שוין געוווינט געווען צו הערן מענטשן, וואָס האָבן אַלץ געוווּסט און אַלץ געקאָנט אַרויסזאָגן. און די פּאָרזיכטיקייט פון זיינע ווערטער האָט ביי זיי אַרויסגערופן אַ איראָנישע אָבשאַצונג.

— אַ צעשראָקענער פויגל.

נאָר דעם חבר מיינעם, דעם גלעזער אַנאַטאָלי, האָט זיך געדוכט, אַז די ערלעכע פּאַרקלערטקייט פון קאַראָנינס קינדערשע אויגן און זיין אָפּטער „איך ווייס נישט" לאָזט זיך דערקלערן מיט אַן אַנדער מין מורא: אַ מענטש וואָס קען דאָס לעבן האָט מורא צו פאַרפירן דאָס מרה-שחורהדיקע יונגוואַרג, אַרויסזאָגנדיק פאַר זיי מער, וויפיל ער קען פאַר זיי אויפריכטיק אַרויסזאָגן. איך און אַנאַטאָלי, מענטשן פון אונמיטעלבאַרער פּראַקטיק, האָבן זיך באַצויגן צו די ביכער-לייט אַ ביסל מיט אומצוטרוי, מיר האָבן גוט געקאָנט די גימנאַזיסטן און מיר האָבן געזען, אַז אין דעם מאָמענט מאַכן זיי זיך ערנסטער, ווי שטענדיק.

אַרום האַלבע נאַכט איז קאָראָנען פלוצלינג אַנטשוויגן געוואָרן, אַרויס אינמיטן צימער און, שטייענדיק אין אַ וואָלקן רויך, האָט ער מיט די הענט פעסט אַ רייב געטון זיין פּנים, פונקט, ווי ער וואָלט זיך געוואַשן מיט אַן אומגעזען וואַסער. דערנאָך האָט ער פון ערגיץ-ווו, פון אונטערן גאַרטל אַרויסגעשלעפּט אַ זייגער, צוגעטראָגן צו דער נאָז און איילנדיק געזאָגט:

—אָט – אַזוי, איך מוז גיין. ביי מיר איז קראַנק אַ טאָכטער, שטאַרק קראַנק. זייט געזונט!

צודריקנדיק מיט די הייסע פינגער די אויסגעשטרעקטע הענט, איז ער וואַקלנדיק אַוועקגעגאַנגען, און עס האָט זיך אָנגעהויבן צווישן אונז אַ זידלעריי, וואָס איז שטענדיק דער אומפאַרמיידלעכער פועל-יוצא פון אַזוינע שמועסן.

אין ניזשני האָט קאַראָנין ציטעריק נאָכגעפאָרשט די טאָלסטאָער באַוועגונג צווישן דער אינטעליגענץ, האָט געהאָלפן איינאָרדנען אַ קאָלאָניע אין סימבירער גובערניע; די גיכע מפּלה

פון דער דאָזיקער אונטערנעמונג האָט ער באַשריבן אין דער געשיכטע: „די באָרסקער קאָלאָניע".

– פרובירט אויך „זיך באַזעצן אויף ערד", – האָט ער מיר גערעטן – אפשר וועט דאָס אייך געפעלן ווערן?

נאָר – מיך אָבער האָבן די מערדערישע פרוּוון פון די ליבהאָבער פון זעלבסט-פייניגונג נישט פאַרכאַפּט, חוץ דעם האָב איך אין מאָסקווע געטראָפן מ. נאָוואָסעלעוון, איינעם פון די הויפט גרונט-לייגער פון דער „טאָלסטאָווסטוואָ" און דער אָרגאַניזאַטאָר פון טווערער און סמאָלענסקער אַרטעלוי, און נאָכדעם – אַ מיטאַרבעטער פון דער „פּראַוואָסלאַוונער אָבאָזרעניע" און ל. נ. טאָלסטויס אַ בלוטיקער שונא.

ער איז געווען אַ מענטש פון הויכן וווּקס, ווי עס שיינט אַ גבר; ער האָט זיך אָפן איבערגענומען מיט זיין אויסערגעוויינלעכער פּראָסטקייט אַפילו מיט דער גראָבקייט פון געדאַנק און אויפפירונג, הינטער דער דאָזיקער גראָבקייט האָב איך דערפילט אַ שלעכט פאַדעקטע בייזקייט פון אַ בעל גאווה, ער האָט שאַרף געלייקנט אין דער „קולטור"; דאָס איז מיר שטאַרק נישט געפעלן געווען; קולטור, דאָס איז יענער געביט, וווּהין כ'האָב זיך דורכגעשלאָגן מיט גרויס מי, דורך זייער פיל שטערונגען.

כ'האָב אים געטראָפן אין דער דירה פון דעם ניעטשאַיעווען אָרלאָוו, דער איבערזעצער פון לעאָפּאַרדי און פלאָבערן, איינער פון די גרינדער פון דער פּרעכטיקע אויסגאַבע „דער פּאַנטעאָן פון ליטעראַטור"; דער קלוגער, הויך געבילדעטער אַלטער מאַן האָט אַ גאַנצן אָוונט שטאַרק אויסגעלאַכט טאָלסטאָיס תורה, וואָס האָט מיך אין יענער צייט אַ ביסל צוגעצויגן, זעענדיק אין דעם, נאָך אַלעמען, נישט מער, ווי אַ מעגלעכקייט צייטווייליק אָפּצוטרעטן אַ ביסל אָן אַ זייט פון לעבן און דאָרט איבערצוטראַכטן דאָס איבערגעלעבטע.

... כ'האָב פאַרשטייט זיך, געוווּסט, אַז אין ניזשני וווינט וו. ג. קאָראָלענקא, כ'האָב געלייענט זיין „מאַקאַרס חלום"; די דאָזיקע דערציילונג איז מיר עפּעס נישט געפעלן געוואָרן.

איינמאָל, אין אַ רעגנדיקן טאָג האָט אַ בעקאַנטער, מיט וועלכן כ'בין געגאַנגען אין גאַס, געזאָגט צו מיר, אויסקרימענדיק מיט אַ ווונק די אויגן אָן אַ זייט:

— קאָראָלענקאָ!

איבערן טראָטואַר האָט פעסט געשפּרייזט אַ געזונטער, ברייטפּלייציקער מענטש אין אַ האָריקן מאַנטל; פון הינטערן נאַסן שירם האָב איך אַרויסגעזען אַ געקרויזטע באָרד. דער דאָזיקער מענטש האָט מיך דערמאָנט אָן די טאַמבאָווער פּי-הענדלער, און איך האָב געהאַט וויכטיקע טעמים צו באַציען זיך פיינטלעך צו דעם דאָזיקן מין מענטשן און כ'האָב קיין חשק נישט געהאַט צו באַקענען זיך מיט קאָראָלענקען, דער חשק האָט זיך ביי מיר אויך נישט דערוועקט נאָך דער עצה פון זשאַנדאַרמעריע-גענעראַל — איינער פון די פריילעכע שפּאַסן פון דעם משונהדיקן רוסישן לעבן.

מ'האָט מיך אַרעסטירט און אַריינגעזעצט אין איינער פון די פיר טורימס פון דער ניזשעגאָראָדער תּפיסה. אין מיין קיילעכדיקער קאַמער איז נישט געווען קיין שום אינטערעסאַנטערע זאַך, אויסער דער אויפשריפט, וואָס איז געווען אויסגעקריצט אויף דער טיר, וואָס איז געווען באַשלאָגן מיט אייזן. די אויפשריפט איז געווען אַזאַ:

„אַלץ וואָס לעבט — באַשטייט פון קעמערלעך".

כ'האָב לאַנג געטראַכט, וואָס ס'האָט געוואָלט זאָגן דער מענטש מיט די דאָזיקע ווערטער? און נישט וויסנדיק, אַז דאָס איז אַן אַקסיאָמע פון דער ביאָלאָגיע, האָב איך עס באַשלאָסן אָנצונעמען, ווי אַ ווערטל פון אַ הומאָריסט.

מ'האָט מיך געבראַכט צום פאַרהער פאַרן גענעראַל פּאָזנאַנסקי אַליין, און, קלאַפּנדיק מיט דער געשוואָלענער האַנט איבער מיינע צוגענומענע פּאַפּירן, זאָגט ער צו מיר כראָפּנדיק:

— איר שרייבט דאָ לידער און בכלל... נו, שרייבט אייך פיינע לידער — ס'איז אָנגענעם צו לייענען...

ס'איז מיר אויך אָנגענעם געוואָרן צו וויסן, אַז דעם

גענעראַל זענען פאַרשטענדלעך אייניגע אמתן, כ'האָב נישט גע־רעכענט, אַז דער עפּיטעט „פיינע" בעציהט זיך טאַקע צו מיינע לידער, נאָר אין יענער צייט וואָלטן גאָר און גאָר נישט אַלע אינטעלי־גענטן געקאָנט מסכּים זיין מיטן זשאַנדאַרמס אַ פּאָריזם וועגן לידער.

י. י. סווערדענצאָוו, אַ ליטעראַט, אַ גוואַרדיע־אָפיצער, אַ גע־וועזענער פאַרשיקטער, פלעגט הערליך דערציילן וועגן די „נאַראָדאָוואָלצעס", און, מיט אַ באַזונדערער התפּעלות וועגן ווערע פיגנער. ער האָט געדרוקט טרויעריקע דערציילונגען אין „דיקע" זשורנאַלן, נאָר ווען איך האָב פאַר אים דורכגעלייגט פּאָפּאַנאָווס ליד:

— וואָס דו האָסט געזאָגט האָב איך נישט דערהערט,
נאָר געזאָגט האָסטו אַ וואָרט עפּעס אַ צאַרטס... —

ער האָט מיט כּעס אַ בלאָז געטון פון זיך:

— פּלוידעריי! זי האָט אים, מסתּמא, אַ פרעג געטון ווי שפּעט עס איז? און ער, דער גולם, האָט זיך דערפרייט...

דער גענעראַל, — אַ שווערער, אין אַ גרויער קורטקע, מיט אָבגעריסענע קנעפּ, אין גרויע פאַרשמירטע הויזן מיט לאַמפּאַסן. זיין אָנגעדראָלען פּנים, אין גרויע האָר, איז געדוכט באַמאָלט מיט רויט־לעכע אָדערן, די נאַסע טריבע אויגן קוקן אומעטיק, מיד. ער האָט מיר אויסגעזען צו זיין פאַרשטויסן און עלענד, נאָר סימ־פּאַטיש, דערמאָנענדיק מיט זיין פיזיאָגנאָמיע אַ ראַסן־הונט, וועלכן עס איז פון אַלטקייט שווער און לאַנגווייליק צו בילן.

פון דעם בוך רעדעס פון א. פ. קאָני האָב איך געוווּסט וועגן דער שווערער דראַמע, וואָס דער דאָזיקער גענעראַל האָט איבערגעלעבט, כ'האָב געוווּסט, אַז די טאָכטער זיינע — איז אַ טאַלענטורטע פּיאָניסטן, און ער אַליין — אַ מאָרפיניסט, ער איז געווען דער אָרגאַניזאַטאָר און דער פּאָרזיצער פון דער „טעכנישער געזעלשאַפט" אין ניזשני, אויף די זיצונגען פון דער דאָזי־קער געזעלשאַפט האָט ער באַשטריטן די באַדייטונג פון דעם מסחר פון דער דאָרפישער אויסאַרבעטונג און — אויף דער הויפּט גאַס פון שטאָט האָט ער געמאַכט אַ געוועלב צום פאַרקויפן די

דאָרפישע אויסאַרבעטונגען פון דער גובערניע. ער האָט געשיקט קיין פעטערבורג מסירות אויף די „זעמצעס", אויף קאָראָלענקאָן און אויפן גובערנאַטאָר באַראַנאָוו, וואָס האָט אַליין ליב געהאַט צו שרייבן מסירות.

אַלץ אַרום דעם גענעראַל איז געווען פאַרוואָרלאָזט: אויף דער לעדערנער זאָפע, הינטער זיין פלייצע, האָט זיך געוואַלגערט צוקנייטשטע בעט־וועש, פון אונטער דער זאָפע האָט זיך אַרויסגעזען אַ שמוציקער שוך און אַ שטיק אַ לאַבאַסטער פון אַ פוד צוויי. אין די שטייגלעך אויף די פענסטער זענען אַרומגעשפרינגען טשיזשיקעס, גימפּלען און שטיגליצן, דער גרויסער טיש אין ווינקל פון קאַבינעט, איז געווען אָנגעשטעלט מיט פיזיקאַפּאַראַטן, פאַר מיינע אויגן אויפן טיש איז געלעגן אַ דיק פראַנצויזיש בוך „די טעאָריע פון עלעקטרי" און אַ קליין בונד סעטשענעווס „די רעפלעקסען פון קאָפּ־מאַרך".

דער אַלטער האָט אָן אויפהער געדרויכערט קורצינקע דיקע פּאַפּיראָסן און זייער שטאַרקער רויך האָט מיך אומאַנגענעם גערייצט, וועקנדיק אין מיר דעם לעכערלעכן געדאַנק, אַז דער טאַבאַק איז דורכגעזאַפּט מיט מאָרפיום.

— וואָס פאַר אַ רעוואָליוציאָנער זענט איר? — האָט ער ברוגזדיק געזאָגט — איר זענט נישט קיין ייד, נישט קיין פּאָליאַק. אָט, — איר שרייבט, נו, איז וואָס? אָט, איך וועל אים באַפרייען, — ווייזט אייער מאַנוסקריפּטן קאָראָלענקאָן — זענט איר באַקאַנט מיט אים? ניין? דאָס — איז אַן ערנסטער שרייבער, נישט ערגער פאַר טורגענעוון...

פון גענעראַל האָט זיך געהערט עפּעס אַ מאָדנער שווערער שטיקנדיקער גערוך, ריידן האָט זיך אים נישט געוואָלט, ער האָט פויל מיט אָנשטרענגונג, געצויגן אַ וואָרט נאָך אַ וואָרט, ס'איז געווען לאַנגווייליק. כ'האָב באַקוקט די קליינע וויטרינע נעבן טיש, דאָרט זענען געווען אויסגעלייגט אין רייען קליינע מעטאַלענע רעדלעך.

באַמערקנדיק מיינע קרומע בליקן, האָט זיך דער גענעראַל שווער אויפגעהויבן, אַ פרעג געטון:

— ס׳איז אינטערעסאַנט ?

צורוקנדיק זיין פּאַטעל צו דער וויטרינע, האָט ער זי אויפגעמאַכט און גענומען רעדן :

— דאָס זענען מעדאַלן צום אָנדענקונג פון היסטאָרישע געשעענישן און פּערזענלעכקייטן. אָט — איז דער פאַל פון באַסטיליע, און דאָס — איז צום אָנדענק פון נעלסאָנס נצחון ביי אַ בוקיר — די פראַנצויזישע געשיכטע קענט איר ? דאָס — איז די פאַריינֿיגונג פון די שווייצאַרישע שטאַטן, און דאָס איז דער באַוווסטער גאַלוואַני — קוקט, ווי פּרעכטיק ס׳איז געמאַכט, דאָס איז קיוויע, — אַ סך ערגער !

אויף זיין רויטער נאָז האָט געציטערט די פּענסנע, די פּייכטע אויגן האָבן אויפגעלעבט, ער האָט גענומען די מעדאַלן מיט די פּייכטע פינגער אַזוי פּאָרזיכטיק, ווי זיי וואָלטן געווען נישט קיין בראָנזענע, נאָר גלעזערנע.

— די פיינסטע קונסט ! האָט ער געברומט און, אויסשטעלנדיק לעכערלעך די ליפּן, האָט ער אָפּגעבלאָזן דעם שטויב פון די מעדאַלן.

כ׳האָב מיך אמתדיק אַנטציקט מיט דער שיינקייט פון די מעטאַלערעדעלעך און כ׳האָב געזען, אַז דער אַלטער האָט זיי צערטלעך ליב.

נאָכדעם, ווי ער האָט מיט אַ זיפץ, צוגעמאַכט די וויטרינע, האָט ער מיך אַ פרעג געטון : צו איך האָב ליב זינג-פויגל ? נו, אויף דעם געביט האָב איך, זיכער, געוווּסט מער, ווי דריי גענעראַלן, און צווישן אונז האָט זיך פאַרבונדן אַ לעבעדיקער שמועס וועגן פויגלען.

דער אַלטער האָט שוין אַרויסגערופן אַ זשאַנדאַרם, כדי אָפּצופירן מיך צוריק אין דער תּפיסה, ביי דער טיר האָט זיך אויסגעצויגן אַ סאָלידער וואַכמייסטער און זיין נאַטשעלניק האָט נאָך אַלץ גערעדט סמאַקענדיק מיט פאַרדרוס :

— אָט, זעט איר, כ׳קען בשום אופן נישט כאַפּן דעם קערנבייסער ! אַן אויסגעצייכנטער פויגל. און בכלל — זענען די פויגלעך אַ הערלעך פאָלק, אמת ? נו, גייט געזונטערהייט... יאָ, — האָט ער זיך

דערמאַנט, – איר דאַרפט זיך לערנען, נו, דאָרט – שרייבן, אָבער נישט דאָס...

אין עטלעכע טעג אַרום בין איך ווידער געזעסן פאַרן גענעראַל, און ער האָט בייז געמורמלט.

– איר האָט אָן ספק געוווּסט, וווּהין סאָמאָוו איז אַוועקגעפאָרן און ער האָט דאָס מיר געדאַרפט זאָגן, וואָלט איך אייך גלייך אַרויסגעלאָזט. און – איר האָט נישט געדאַרפט חוזק מאַכן פון אָפיצער, וואָס האָט געמאַכט ביי אייך די רעוויזיע... און – בכלל...

נאָך פלוצלינג, – איינבויגנדיק זיך צו מיר, האָט ער גוטמוטיק געפרעגט:

– און איצט כאַפּט איר שוין נישט קיין פייגל?

... אין אַ יאָר צען אַרום נאָך דער דאָזיקער קאַטאָוועסדיקער באַקאַנטשאַפט מיטן גענעראַל בין איך אַן אַרעסטירטער, געזעסן אין דער ביזשעגאָראָדער זשאַנדאַרמעריע-פאַרוואַלטונג און געוואַרט אויפן פאַרהער. צו מיר איז צוגעגאַנגען אַ יונגער אַדיוטאַנט און געפרעגט:

– איר געדענקט דעם גענעראַל פאָזנאַנסקי? – דאָס איז געווען מיין פאָטער. ער איז געשטאָרבן אין טאָמסק, ער האָט זיך זייער אינטערעסירט מיט אייער גורל, האָט נאָכגעפאָלגט אייער ערפאָלגן אין דער ליטעראַטור און, נישט זעלטן, האָט ער געזאָגט, אַז ער האָט דער ערשטער דערשפּירט אייער טאַלאַנט. נישט לאַנג פאַרן טויט האָט ער מיך געבעטן איבערצוגעבן אייך די מעדאַלן, וואָס זענען אייך געפעלן געוואָרן. פאַרשטייט זיך, אויב איר וועט זיי וועלן נעמען...

כ׳בין געווען באמת גערירט. אַרויסגייענדיק פון תפיסה, האָב איך גענומען די מעדאַלן און זיי אָפּגעגעבן אין ניזשעגאָראָדער מוזיי.

... פאַר אַ סאָלדאָט האָט מען מיך נישט גענומען, אַ דיקער, אַ פריילעכער דאָקטער, וואָס איז געווען אַביסל ענלעך צו אַ קצב, באַלעבאַטעוועדיק, ווי אַ קיילער פון אָקסן אין שעכט-הויז האָט אַרומקוקנדיק מיר געזאָגט:

— אַ לעכערדיקער, איגנאָנצן אַ דורכגעהאַקטע ליגג! דערצו — אַן אָדער צעצויגן אויף אַ פּוס. ער טויג נישט!

דאָס האָט מיך שטאַרק פאַרדראָסן.

אַ קורצע צייט פאַרן פּריזיוו האָב איך זיך באַקענט מיט אַן אָפיצער אַ טאָפּאָגראַף פאַסכין אָדער פאַסראַלאָוו, איך געדענק נישט.

ער האָט אַנטייל גענומען אין דער מלחמה ביי קושקע און האָט אינטערעסאַנט געשילדערט דאָס לעבן אויף דער גרענעץ פון אַפגאַניסטאַן און אין פרילינג האָט ער געזאָלט אַוועקגיין קיין פאַמיר אַרבעטן ביים באַשטימען די גרענעצן פון רוסלאַנד. ער איז געווען אַ הויכער, אַן אָדערדיקער און האָט מיט געשמאַק געמאָלט קליינע קאָמישע אייל-בילדלעך פון מיליטער לעבן אין גייסט פון פעדאָטאָוון. כ'האָב געפילט אין אים עפּעס אַזוינס נישט גלאַטעס, פיל מיט סתירות, דאָס, וואָס מיר רופן „אומנאָרמאַל". ער האָט מיר איינגערעדט:

— קומט אָן אין דער טאָפּאָגראַפישע קאָמאַנדע, כ'וועל אייך מיטנעמען קיין פאַמיר! איר וועט דאָרט זען דאָס הערלעכסטע אויף דער וועלט — דעם מדבר! בערג — דאָס איז אַ כאַאָס, אַ מדבר — איז האַרמאָניע!

און פאַרזשמורענדיק די גרויסע, גרויע, מאָדנע בלאָנדזשענדיקע אויגן, און שיפּטשענדיק מיט זיין ווייכער, גלעטנדיקער שטים, האָט ער געהיימניספול געזשומט וועגן דער שיינקייט פון דעם מדבר, און איך האָב געהערט און שווייגנדיק געשטוינט: ווי קען מען מיט אַזאַ התפעלות רעדן וועגן פּוסטקייט, וועגן אומעגדלעכע זאַמדן, וועגן אייביקער שטימקייט, וועגן היץ און וועגן דורשט-ענויים?

— עס מאַכט נישט אויס, — האָט ער געזאָגט, דערוויסנדיק זיך, אַז מ'האָט מיך נישט גענומען פאַר אַ סאָלדאַט. — שרייבט אַן אַ מעלדונג, אַז איר ווילט אָנקומען אַלס פרייווילינער אין דער קאָמאַנדע פון טאָפּאָגראַפן און איר נעמט זיך אונטער אָפּצוגעבן די נויטיקע עקזאַמענס, — כ'וועל אייך אַלץ איינאָרדנען!

די מעלדונג האָט מען אָנגעשריבן, אָנגעגעבן ; מיט אומגעדולד וואַרט איך אויפֿן רעזולטאַט. אין עטלעכע טעג אַרום האָט מיר פֿאַסכאַלאָוו שעמעוודיק געזאָגט :

— ס'ווייזט זיך אַרויס, — איר זענט פּאָליטיש נישט כשר, דאָ לאָזט זיך שוין גאָרנישט מאַכן !

און אַראָבלאָזנדיק די אויגן, האָט ער שטיל צוגעגעבן :

— אַ שאָד וואָס איר האָט די זאַך באַהאַלטן פֿון מיר.

כ'האָב געזאָגט, אַז פֿאַר מיר איז דער דאָזיקער „אומשטאַנד" אויך אַ נייעס, ער האָט מיר אָבער קענטיק נישט געגלויבט. אינגיכן איז ער אָבגעפֿאָרן פֿון שטאָט, און אַרום יום-טובֿים צייט, האָב איך איבערגעלייענט אין אַ מאָסקווער צייטונג, אַז דער דאָזיקער מענטש האָט זיך אין באָד געקיילט מיט אַ גאָלמעסער.

... מיין לעבן איז געגאַנגען געפּלאָנטערט און שווער, כ'האָב געאַרבעט אין אַ ביר-מאַגאַזין, כ'האָב אין אַ פייכטן קעלער געקייקלט פֿעסער פֿון איין אָרט צום צווייטן, כ'האָב געוואַשן און געקאָרקעוועט פֿלאַשן, דאָס האָט אָבגענומען מיין גאַנצן טאָג. כ'בין אָנגעקומען אין אַ קאַנטאָר פֿון אַ בראַנפֿן-בראויז, גאָר גלייך אין ערשטן טאָג איז אויף מיר אָנגעפֿאַלן דער הונט פֿון דעם פֿאַרוואַלטערס פֿרוי — כ'האָב אים דערלאַנגט אַ זעץ מיטן פֿויסט איבערן לאַנגן שאַרבן און דערהרגעט, און מ'האָט מיך תּיכּף אַרויסגעטריבן.

איינמאָל, אין אַ שווערן טאָג, האָב איך ענדליך באַשלאָסן צו ווייזן מיין פּאָעמע וו. ג. קאָראָלענקאָן. דריי טעג האָט געווילדעוועט אַ שניי שטורעם, די גאַסן זענען געווען פֿאַרשאָטן מיט שניי-בערג, די דעכער פֿון די הייזער — אין פּראַכטפֿולע שניי-היטלען, די שטאַר-נעסטן — אין זילבערנע הייבעלעך, די שויבן פֿון די פֿענסטער זענען געווען פֿאַרצויגן מיט שפּיצן און אין דעם ווייסלעכן הימל האָט בלענדענדיק געשיינט אַ ברענענדיק קאַלטע זון.

וולאַדימיר גאַלאַקטיאָנאָוויטש האָט געוווינט הינטערן שטאָט

אויפן צווייטן גאָרן פון אַ הילצערנעם הויז. אויפן טראָטואַר בײַם גאַניק האָט מיט אַ ברייטער לאָפּעטע פלינק געאַרבעט אַ פעסטער מענטש אין אַ מאָדנעם פוטערנעם היטל, מיט אויערן, אין אַ קורצן, ביז די קני, שלעכט געניייטן פעלצל, אין שווערע וויאַטקער וואַליקעס.

כ׳בין דורכגעקראָכן איבער דער קופּע שניי צום גאַניק.

— וועמען דאַרפט איר?

— קאָראָלענקאָן.

— דאָס בין איך.

פון דער געדוכטער, געקרויזטער באָרד, וואָס איז אינגאַנצן באַפּוצט געווען מיט פראָסט-שניי, האָבן אויף מיר אַרויסגעקוקט גרויע, גוטע אויגן. כ׳האָב אים נישט דערקענט; ווען כ׳האָב אים געטראָפן אויף דער גאַס, האָב איך נישט באַמערקט זיין פּנים, אָנגעשפּאַרט אויף דער רידל, האָט ער, שווייגנדיק אויסגעהערט מכּוח וואָס איך בין געקומען, דערנאָך, דערמאָנענדיק זיך, פאַרזשמורעט די אויגן.

— אַ באַקאַנטע פאַמיליע האָט מיר נישט וועגן אייך מיט אַ פּאָר יאָר צוריק געשריבן איינער ראָמאַס, מיכאַלאָ אַנטאָנאָוו? אַזוי!

אַרויסגייענדיק אויף די טרעפּ, האָט ער מיך אַ פרעג געטון:

— איז אייך נישט קאַלט? איר זענט זייער לייכט אָנגעטון.

— און — נישט הויך, ווי צו זיך אַליין:

— אַן עקשן אַ פויער דער ראָמאַס! אַ קלוגער כאָכאָל. ווו איז ער איצט?

אין אַ קליינעם ווינקל-צימערל, מיט די פענסטער אין סאָד אַריין, ווו עס זענען ענג אָנגעשטעלט געווען מיט צוויי שרייב-טישלעך, מיט ביכער-שענק און דריי שטולן, האָט ער, ווישנדיק מיט אַ טיכל זיין נאַסע באָרד און בלעטערנדיק מיין מאָנוסקריפּט, גערעדט:

— מיר וועלן דורכלייענען! אַ מאָדנע האַנטשריפט בײַ אייך, דוכט זיך — אַ פּשוטע, דייטלעכע, און לייענט זיך שווער.

דער מאַנוסקריפּט איז געלעגן אויף זיינע קני, ער האָט קרומלעך געקוקט אויף די זייטלעך, אויף מיר — מיר איז געוועזן אומאַנגענעם.

— דאָ איז ביי אייך אָנגעשריבן — „זיזגאַג״... קענטיק — אַ טעות, אַזאַ וואָרט איז נישטאָ, ס׳איז דאָ — זיגזאַג...

די קליינע הפסקה פאַר דעם וואָרט: „אַ טעות״, האָט מיר געגעבן צו פאַרשטיין, אַז וו. ג. קאָראָלענקא איז אַ מענטש, וואָס פאַרשטייט צו שאַנעווען דעם צווייטנס אַמביציע.

— ראָמאַס האָט מיר געשריבן, אַז די פּויערים האָבן אים פּרובירט אויפרייסן מיט פּילווער, און דערנאָך אונטערגעצונדן, — ריכטיק?

ער האָט גערעדט און געבלעטערט דעם מאַנוסקריפּט.

פרעמד-ווערטער דאַרף מען באַנוצן נאָר אין אויסערגעוויינלעכע פאַלן, בכלל איז זיי בעסער אויסצומיידן. די רוסישע שפּראַך איז גענוג רייך און פאַרמאָגט גענוג מיטלען אויסצודריקן די פיינסטע געפילן אין די ניואַנסן פון דעם געדאַנק.

דאָס האָט ער גערעדט פאַרבייגייענדיק, פאַנאַנדערפרעגנדיק וועגן ראָמאַסן און וועגן דאָרף.

— וואָס פאַר אַ שטרענג פּנים איר האָט! — האָט ער אומגעריכט געזאָגט און שמייכלענדיק, געפרעגט: — ס׳לעבט זיך שווער?

זיין ווייכע אויסשפּראַך האָט זיך שטאַרק אונטערשיידט פון דער גראָבער וואָלגער אויסשפּראַך, נאָר, כ׳האָב געזען אין אים אַ מערקווירדיקע ענלעכקייט מיט דעם וואָלגער לאָצמאַן. — זי איז געווען נישט נאָר אין זיין פעסטער ברייטער פיגור און אין שאַרפן בליק פון זיינע קלוגע אויגן, נאָר אויך אין דער גוטמוטיקער רויקייט, וואָס איז אַזוי נאַטירלעך פאַר די מענטשן, וועלכע באַטראַכטן דאָס לעבן, ווי דעם גאַנג פון אַ שיף איבער אַ געשלענגלטן טייך-שטראָם צווישן באַהאַלטענע זאַמדן און שטיינער.

— איר באַנוצט אָפט גראָבע ווערטער, — מסתמא דערפאַר ווייל איר האַלט זיי פאַר שטאַרקע? דאָס — טרעפט.

כ׳האָב געזאָגט, אַז — איך ווייס: גראָבקייט איז ביי מיר נאַטירלעך, נאָר איך האָב נישט געהאַט קיין צייט ווען צו

באַרייכערן זיך מיט ווייכע ווערטער און געפילן און נישט קיין אָרט, ווו איך זאָל עס קענען מאַכן.

אָנקוקנדיק מיך אויפמערקזאַם האָט ער פריינטלעך ווייטער גערעדט:

— איר שרייבט:

„כ'בין אויף דער וועלט געקומען, אום נישט איינצושטימען".

„אויב דאָס איז אַזוי"... אויב — אַזוי, — טויג נישט! דאָס — איז אַן אומגעלומפּערטער, נישט קיין שיינער אויסדרוק. דאָ אַזוי, דאָ אַנדערש, — איר הערט? *)

כ'האָב עס דאָס ערשטע מאָל געהערט און כ'האָב גוט געפילט די ריכטיקייט פון זיינע אָנמערקונגען.

ווייטער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אין מיין פּאָעמע זיצט עמיץ „ווי אַן אָדלער" אויף די חורבות פון אַ טעמפּל.

— דאָס אָרט איז נישט גאָר פּאַסיק פאַר אַזאַ מין פּאָזע און זי איז נישט אַזוי מאַסעסטעטיש, ווי נישט אַנשטענדיק, — האָט קאָראָלענקאָ געזאָגט שמייכלענדיק. אָט האָט ער געפונען נאָך אַ „טעות", און נאָך און נאָך. כ'בין געווען אינגאַנצן דערשלאָגן פון זייער גרויסער צאָל און האָב זיך, קענטיק, צעפלאַמט, ווי אַן אָנגעגליטע קויל. און, אַז קאָראָלענקאָ האָט באַמערקט מיין צושטאַנד, האָט ער, לאַכנדיק מיר דערציילט עפּעס וועגן פעלערן ביי גלעב אוספּענסקען, דאָס איז געווען גרויסמוטיק, נאָר איך האָב שוין גאָר נישט געהערט, גאָר נישט פאַרשטאַנען, און בלויז געוואָלט — וואָס גיכער אַנטלויפן פון חרפּה. ס'איז דאָך ידוע, אַז ליטעראַטן און אַקטיאָרן זענען עגאָאיסטיש, ווי פּודל-הינט.

כ'בין אַוועק און עטלעכע טעג געלעבט אין אַ מרה'שחורה-דיקער גערריקטער שטימונג.

כ'האָב געזען עפּעס אַ באַזונדערן מין שרייבער: ער איז גאָר נישט עהנליך צו דעם חרובען און ליבן קאַראָנינען, שוין אָפּגערעדט פון דעם לעכערלעכן סטאַראָסטינען, ער האָט קיין

*) דאָ ווערט גערעדט וועגן דעם חילוק צווישן דעם אויסדריק „РАЗЬ ЭТО ТАК" און „РАЗЬ ТАК" וואָס לאָזט זיך נישט איבערזעצן. דער איבערז.

שום שייכות נישט צו דעם אומעטיקן סוועדענצאָוו-איוואַנאָוויטשן, וואָס האָט מיר געזאָגט:

– די דערציילונג דאַרף דערלאַנגען דעם לעזער איבערן האַרצן, ווי מיט אַ שטעקן, אַז ער זאָל דערפילן, וואָס פאַר אַ נאַרישע בהמה ער איז!

די דאָזיקע ווערטער זענען מיר עפּעס נאָענט געווען צום האַרצן. קאָראָלענקא איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט מיר געזאָגט וואָגיקע מענטשלעכע ווערטער וועגן דער באַדייטונג פון פאָרם, וועגן דעם שיינהייט פון זאַץ, כ'בין געווען פאַרווונדערט פון די פּשוטע פאַרשטענדלעכע אמתע ווערטער און, אויסהערנדיק אים, האָב איך מיט שרעק דערפילט, אַז דאָס שרייבן — איז נישט קיין לייכטע זאַך. כ'בין אָבגעזעסן ביי אים מער, ווי צוויי שעה, ער האָט מיר פיל געזאָגט, נאָר — קיין איינציק וואָרט וועגן דעם תּוך און וועגן דעם אינהאַלט פון מיין פּאָעמע. און איך האָב שוין געפילט, אַז כ'וועל קיין גוטס נישט דערהערן וועגן איר.

אין אַ וואָך צוויי אַרום האָט דער ליבער און קלוגער געלינקער סטאַטיסט נ. אי. דראַגין מיר געבראַכט דעם מאָנוס-קריפּט און מודיע געווען:

– קאָראָלענקא מיינט, אַז ער האָט אייך צופיל אָנגעשראָקן. ער זאָגט, אַז איר האָט פעיקייטן, נאָר מען דאַרף שרייבן פון דער נאַטור, נישט פילאָזאָפירנדיק. ווייטער — האָט איר הומאָר, כאָטש אַ גראָבלעכן, נאָר — ס'איז גוט! און וועגן די לידער האָט ער געזאָגט — ס'איז פלוידעריי!

אויף דעם פאָדערבלאַט פון מאָנוסקריפּט איז מיט אַ בליי-פעדער, מיט אַ שאַרפער האַנטשריפט, געווען אָנגעשריבן:

„לויטן „ליד" איז זיך שווער אַרויסצוזאָגן וועגן אייערע פעיקייטן, נאָר דוכט זיך, אַז איר פאַרמאָגט זיי. שרייבט עפּעס אָן וועגן אייערער אַן איבערלעבונג און ווייזט מיר, כ'בין ניט קיין מבין אויף לידער, אייערע לידער זענען מיר פאָרגעקומען אומפאַרשטענדלעך, הגם עס טרעפן זיך שורות שטאַרקע און פאַרביקע. וול. קאָר"

וועגן אינהאַלט פון מאַנוסקריפּט – קיין וואָרט נישט. וואָס זשע האָט דאָרט געלייענט דער דאָזיקער מערקווירדיגער מענטש?

פון מאַנוסקריפּט זענען אַרויסגעפאַלן צוויי בלעטלעך לידער. איין ליד מיטן טיטל „אַ שטים פון באַרג צו דעם, וואָס שטייגט באַרג אַרויף" דאָס צווייטע „דער געשפּרעך פון טייוול מיטן ראָד". איך געדענק נישט מכּוח וואָס אייגנטלעך דער טייוול האָט געשמועסט מיטן ראָד, – דוכט זיך וועגן „דער קרייז-באַוועגונג" פון לעבן. איך געדענק נישט וואָס אייגנטלעך האָט גערעדט „די שטים פון באַרג". איך האָב צעריסן די לידער און דעם מאַנוס-קריפּט אַריינגעוואָרפן אין ברענענדיקן האָלענדישן אויוון און, זיצנדיק אויף דער פּאָדלאָגע האָב איך געטראַכט: וואָס הייסט דאָס שרייבן וועגן דעם וואָס מ'האָט „איבערגעלעבט"?

אַלץ, וואָס איז געווען אָנגעשריבן אין דער פּאָעמע האָב איך איבערגעלעבט...

און – די לידער! זיי זענען צופעליק אַריינגעפאַלן אין מאַנוסקריפּט. די לידער זענען געווען מיין קליינער סוד, כ'האָב זיי קיינעם נישט געוויזן, אגב האָב איך זיי אַליין אויך שלעכט פאַרשטאַנען. אין די אויגן פון מיינע באַקאַנטע זענען פיל העכער געשטאַנען באַריקאָווס און ליכאַטשאָווס הילצערנע איבערזעצונגען פון קאָפּפּע, רישפּען, ט. גודס און נאָך אַזוינע ענלעכע דיכטער, וועלכע מ'האָט געשאַצט העכער פאַר פּושקינען, שוין אָבגערעדט פון פּאָפּאַנאָווס לידער. נעקראַסאָוו איז געווען דער קעניג פון דער פּאָעזיע, די יוגנט האָט זיך געקוויקט מיט נאַדסאָנען, נאָר רייכערע מענטשן פלעגן אַפילו נאַדסאָנען קוים מיט חסד פאַרטראָגן.

מיך האָט מען געהאַלטן פאַר אַן ערנסטן מענטשן, חשובע לייט, צו וועלכע כ'האָב זיך באַצויגן מיט גרויס דרך ארץ, האָבן צוויי מאָל אַ וואָך געשמועסט מיט מיר וועגן דאָרפישן מסחר, וועגן „די באַדערפעענישן פון פאָלק און די פליכטן פון דער אינ-טעליגענץ", וועגן דער פוילער אָנשטעקנדיקער קרענק פון קאַ-פּיטאַל, וואָס וועט קיינמאָל – קיינמאָל! – נישט אַריינדרינגען אין דעם פּויערשן סאָציאַליסטישן רוסלאַנד.

און – אָט, ווע̇לן זיך איצט אַ̇לע דערוויסן, אַז איך שרייב עפּעס נאַרישע לידער! ס׳איז מיר געווען אַ רחמנות אויף די מענטשן, וואָס וועלן זיין געצוווּנגען צו בייטן זייער גוטע און ערנסטע באַציונג צו מיר.

כ׳האָב באַשלאָסן מער נישט צו שרייבן, נישט קיין לידער, נישט קיין פּראָזע און, באמת, די גאַנצע צייט, וואָס כ׳האָב פאַרבראַכט אין ניזשני — צוויי יאָר, כמעט, האָב איך גאָרנישט געשריבן. און צייטנווייז האָט זיך זייער געוואָלט.

מיט גרויס עגמת נפש האָב איך מיין חכמה געבראַכט פאַר אַ קרבן צו דעם פייער, וואָס לייטערט אַלץ.

---

... וו. ג. קאָראָלענקאָ איז געשטאַנען אָן אַ זייט פון דער גרופּע אינטעליגענטן – „ראַדיקאַלן״. ווי איך האָב זיך געפילט, ווי אַ טשיזשיק צווישן דער משפחה פון קלוגע קראָען.

דער ליבסטער צווישן דעם דאָזיקן קרייז שרייבער איז געווען נ. נ. זלאַטאָווראַטסקי, – וועגן אים האָט מען געזאָגט: „זלאַטאָוראַטסקי לייטערט די נשמה און דערהויבט זי!״

און איינער פון די אָנפירער פון דער יוגנט האָט אים פאָר-געשטעלט אַזוי:

– לייענט זלאַטאָוראַטסקען, איך קען אים פערזענלעך, דאָס איז אַן אָרענטלעכער מענטש.

גלעב אוספּענסקען האָט מען גע׳ייענט אויפמערקזאַם, נישט קוקנדיק אויף דעם וואָס מ׳איז אים חושד געווען אין סקעפּטיציזם, וואָס איז נישט דער לאָזבאַר בנוגע צום דאָרף. מ׳האָט געלייענט קאַראָנינען, מאַטשטעטן, זאַסאָדימסקען, מ׳האָט געוואָרפן אַן אויג אויף פּאָטאַפּענקאָן:

– דער, דוכט זיך, איז נישקשה פון אַ שרייבער...

שטאַרק געמאַכט איז געווען מאַמין-סיביריאַק, נאָר גע-זאָגט האָט מען, אַז ביי אים איז „אַן אומבאַשטימטע טענ-דענץ״.

טורגענעוו, דאָסטאָיעווסקי, ל. טאָלסטוי, זענען אַוועק

ערגעץ ווייט פון דער אויפמערקזאַמקייט. טאָלסטויס רעליגיעזע פּריידיקערס פלעגט ווערן אָפּגעשאַצט אָט ווי:

— ער פּלוידערט, דער פּריץ!

קאָראָלענקאָ האָט אַריינגעבראַכט מיינע באַקאַנטע אין פאַרלעגנהייט. ער איז געווען פאַרשיקט, האָט אָנגעשריבן, „מאַקאַרס חלום״ דאָס, פאַרשטייט זיך, האָט אים שטאַרק אַרויסגערוקט. נאָר — אין קאָראָלענקאָס מעשיות איז געווען עפּעס פאַרדעכטיקעס, וואָס איז געווען אומגעוויינלעך פאַרן געפיל און פאַרן שכל פון די מענטשן, וואָס זענען פאַרכאַפּט געווען פון דער לעבנס-שטייגער ליטעראַטור פון דאָרף און פון פויער.

— ער שרייבט מיטן שכל, — פלעגט מען זאָגן וועגן אים — מיטן שכל, און דאָס פאָלק קען מען פאַרשטיין נאָר מיטן האַרצן.

באַזונדערס אויפגערעגט האָט זיין אויסגעצייכנט דערציילונג „ביינאַכט״, ווו ס׳האָט זיך באַמערקט אַ ווענדונג אין דער זייט פון דער „מעטאַפיזיק״, און דאָס איז געווען אַ חטא. אַפילו איינער פון דוכט זיך וו. ג.׳ס קרייז — א. י. — באָגדאַנאָוויטש, — האָט אָנגעשריבן אַ גאַנץ בייזע און שאַרפזיניקע פּאַראָדיע אויף דער דאָזיקער דערציילונג.

— אַ ש־שטות! — האָט שטאַמלענדיק עטוואָס, געזאָגט ס. ג. סאָמאָוו, אַ מענטש נישט קיין גאַנץ נאַרמאַלער, נאָר מיט אַ היפּ-שער השפּעה אויף דער יוגנט, — די באַ—באַשרייבונג פון דעם פיזאָלאָגישן פּראָצעס פון געבוירן — איז אַן ענין פאַר ספּעציעלער ליטעראַטור, ווי קומען אָבער אַהער טאַראַקאַנעס! ער מאַ—מאַכט נאָך טאָלסטאָיען דער קאָ—קאָראָלענקאָ.

נאָר קאָראָלענקאָס נאָמען האָט שוין געקלונגען אין אַלע קרייזן פון שטאָט. ער איז געוואָרן די צענטראַלע פיגור פונם קולטור-לעבן אין דער שטאָט און, ווי אַ מאַגניס צוגעצויגן צו זיך די אויפמערקזאַמקייט, די סימפּאַטיע און שנאה פון לייטן.

— ער זוכט פּאָפּולערקייט, — פלעגן זאָגן מענטשן, וואָס זענען נישט פעיק צו זאָגן עפּעס אַנדערש.

אין דער צייט האָט מען ענטדעקט אַן ערנסטע גנבה אין

דער אָרטיגער פּריצישער באַנק; די דאָזיקע, געווײנלעכע געשעעניש האָט געהאַט אַ גאַנץ דראַמאַטישן סוף: דער הויפּט שולדיקער, אַ פּראָווינציעלער „לייב און הערצער פּרעסער" איז געשטאָרבן אין תּפיסה, זײַן פרוי — האָט זיך פאַרסמט מיט זאַלץ וויער-שטאָף, צעלאָזנדיק אין דעם קופּער; גלייך נאָך איר קבורה האָט זיך בײַ איר אויפן קבר דערשאָסן אַ מענטש, וואָס האָט זי געליבט, איינע נאָך די אַנדערע זענען געשטאָרבן נאָך צוויי באַשולדיקטע אין דער באַנק-גנבה, — ס'איז אַרומגעגאַנגען אַ קלאַנג, אַז די בײדע האָבן זיך אויך גענומען דאָס לעבן.

ו. ג. האָט געדרוקט אין „וואָלגער וועסטניק" אַרטיקלען וועגן די באַנק-עניבים און זײַנע אַ־טיקלען זענען פּונקט געדרוקט געוואָרן אין דער אייגענער צייט, ווען די דאָזיקע דראַמעס האָבן זיך אָבגעשפּילט. סענטימענטאַלע מענטשן האָבן אָנגעהויבן רעדן, אַז קאָראָלענקאָ „דערהרגעט מענטשן מיט זײַנע קאָרעספּאָנדענציעס", און מיין פּאַטראָן א. י. לאַנין האָט מיט היץ דערוויזן „אַז עס זענען נישטאָ אין דער וועלט קיין שום ערשיינונגען, וואָס זאָלן זײַן פרעמד דעם קונסטלער".

ווי באַקאַנט איז רכילות די פּשוטסטע זאַך, דעריבער האָבן גייסטיק אָרימע מענטשן מיט אַ פולער האַנט געזייט אַרום קאָראָלענקאָן אַלערליי רכילותן,

אין יענע פּאַרגליווערטע יאָרן האָט זיך דאָס לעבן געדרייט לאַנגזאַם, אויפגייענדיק איבער אַן אומגעזעענער געדרייטער ליניע צו זײַן אומבאַוווסטן ציל, אין דער דאָזיקער באַוועגונג איז אַלץ בולטער אַרויסגעטראָטן די געזונטע פיגור פון דעם מענטשן, וואָס האָט אויסגעזען, ווי אַ לאָצמאַן, אין געריכט ווערט באַטראַכט דער פּראָצעס פון די סקאָפּצעס, — ו. ג. זיצט צווישן דעם עולם און צייכנט אין ביכעלע די האַלב-טויטע פּנימער פון די פאַנאַטיקער, מען זעט אים אין זאַל פון די דאָרפישע פאַרזאַמלונגען, הינטער דער קרייץ פּראָצעסיע, אומעטום; ס'איז נישטאָ קיין איין וויכטיקע געשעעניש, וואָס זאָל נישט צוציען קאָראָלענקאָס רויקע אויפמערקזאַמקייט.

אַרום אים האָט זיך פעסט פאַראייניקט אַ היפשער קרייז פון פאַרשידענע חשובע לייט: נ. פ. אַנענסקי, אַ מענטש מיט אַ שאַרפן און לעבעדיקן שכל; ס. יאַ. עלפּאַטיעווסקי, אַ דאָקטער און אַ בעלעטריסט, וואָס האָט פאַרמאָגט אַן אומאויסשעפּלעכן קוואַל פון מענטשן-ליבע, אַ גוטמוטיקער און אַ פריילעכער, אַנגעל י. באָגדאַנאָוויטש, דער ערנסטער און בייסיקער; „דער פריץ פון דער רעוואָליוציע" א. י. איוואַנטשין — פּיסאַרעוו; א. א. סאַוועליעוו, דער פאָרזיצער פון דער דאָרפישער פאַר־וואַלטונג: אַ פאָלאָן קאַרעלין, דער מחבר פון דער קורצסטער און וויציגסטער פראָקלאַמאַציע, וואָס מיר איז ווען אויסגעקומען צו זען, נאָך דעם ערשטן מערץ פון 81-טן יאָר האָט ער פאַנאַנ־דערגעקלעבט איבער די פּלויטן פון ניזשני אַ פּאַפּירל בלויז מיט צוויי ווערטער „פאָדערט אַ קאָנסטיטוציע".

קאָראָלענקאָס קרייזל האָט זיך אין שפּאַס אָנגערופן „די געזעלשאַפט פון ניכטערע פילאָסאָפן"; צייטנווייז פלעגן די מיטגלידער פון דעם קרייזל לייענען אינטערעסאַנטע רעפעראַטן; איך געדענק אַן אויסגעצייכנטן רעפעראַט פון קאַרעלינען וועגן סען זשוסטע און יעלפּאַטיעווסקיס, וועגן דער „נייער פּאָעזיע", פאַר אַזעלכע האָט מען געהאַלטן אין יענער צייט די פּאָעזיע פון פּאָפּאַנאָוון, פּרוגן, קאָרינפסקען, מעדוועדסקען, מינסקען, מערעזשקאָווסקען, צו די „ניכטערע" פילאָסאָפן זענען אויך צו־געשטאַנען די דאָרפישע סטאַטיסטן י. י. דראַגין, קיסלייקאָוו, מ. א. פּלאָטניקאָוו, קאָנסטאַנטינאָוו, שמיד, און נאָך עטלעכע אַזעלכע ערנסטע פאָרשער פון דאָרף; — יעדער פון זיי האָט איבערגעלאָזן אַ טיפן שפּור אין דער אויספאָרשונג-אַרבעט פון דעם פאַרפלאָנטערטן פויערשן לעבן. און יעדער איז געווען דער צענטר פון אַ קליינעם קרייז מענטשן, וועלכע דאָס געהיימניספולע לעבן האָט שטאַרק אינטערעסירט, ביי איטלעכן פון זיי האָט מען זיך עפּעס געקאָנט אויסלערנען, פאַר מיר פערזענלעך איז געווען נוציק די ערנסטע, נישט באַפּוצטע, באַציונג צום דאָרף, און אַזוי האָט זיך שטאַרק פאַרשפּרייט די השפּעה פון קאָראָלענקאָס קרייזל, אַריינדרינגענדיק אַפילו אין ספערן, וואָס זענען כמעט נישט פעיק צו קולטורע השפּעות.

כ׳האָב געהאַט אַ פריינט, אַ סטרוזש ביי אַ גרויסן קאַספּישן פיש־סוחר מאַרקאָוון, פימען וולאַסיעוו, – אַ פשוטער געווינלעכער, רוסישער פויער מיט אַ פאַרריסענער נאָז. איינמאָל, בעת האָט מיר דערציילט וועגן עפעס פאַרבאָטענע כוונות פון זיין באַלע־באָס, האָט ער, מיט אַ שטילן געהיימניספולן קול, מיר מודיע געווען:

ער – וואָלט דעם דאָזיקן ענין, געוויס דורכגעפירט – נאָר – ער האָט מורא פאַר קאָראָלענקאָן! דו ווייסט, מ׳האָט אַהער צוגעשיקט פון פעטערבורג אַ געהיימען מענטשן, מ׳רופט אים קאָראָלענקאָ, אַ פלומעניק פון אַן אויסלענדישן קייסער, אין אויסלאַנד האָט מען אים געדונגען, אַז ער, הייסט עס, זאָל אַכטונג געבן אויף אַלע ענינים, – אויפן גובערנאַטאָר קען מען זיך נישט פאַרלאָזן. דער דאָזיקער קאָראָלענקאָ האָט שוין געשמיסן די פריצים האָסט געהערט? *)

פימען איז געווען אַן אַנאַלפאַבעט און אַ גרויסער טרוימער; ער האָט געטראָגן אָן זיך עפעס אַ מאָדנע פריידיקע אמונה אין גאָט, און האָט פעסט געגלויבט, אַז גאָר אינגיכן וועט קומען אַ סוף צו „יעדן שקר".

– דו, פריינט־לעבן, זיי נישט אומעטיק, ס׳איז נאָהענט דער סוף, פון דער פאַלשקייט. זי באַגראָבט זיך אַליין, זי פרעסט זיך אַליין אויף!

בשעת ער פלעגט דאָס זאָגן, פלעגן זיינע טריבע גרויע אויגן מאָדנע בלוי ווערן, פלעגן אויפלייכטן און ברענען מיט

---

*) דער ליטעראַטאָר ס. עלעאָנסקי האָט זיך ארויסגעזאָגט אין דער פרעסע, אַז די לעגענדע וועגן וו. ג. קאָראָלענקאָן, אַז ער איז געווען „אַן ענגלישער פרינץ" איז „אַ נאָך אויסגעטראַכטע מעשה פון אינטעליגענטן" איך האָב אים דאַמאָלסט געשריבן, אַז ער איז נישט גערעכט. די לעגענדע איז אַנטשטאַנען אין ניזשני נאָוואָגראָד און פאַר איר שפּעטער האָלט איך פימען וולאַסאָוון. די דאָזיקע לעגענדע איז געווען שטאַרק פאַרשפּרייט אין ניזשעגאָראָדער קאַנט. אין 1903 האָב איך זי געהערט אין וולאַדיקאַווקאַז פון אַ באַלאַכינער סטאָליאַר.

אַ גרויסער פרייד, ס'האָט זיך געדוכט, אַז זיי וועלן זיך באַלד צעעפענען און אַרויספליסן מיט שטראָמען בלויע שטראַלן.

איינמאָל אין אַ שבת האָבן מיר ביידע זיך אויסגעוואַשן אין באָד און זענען אַוועק אין אַ שענק טרינקען טיי. פלוצלינג האָט פימען געזאָגט, קוקנדיק אויף מיר מיט ליבע אויגן:

— וואָרט נאָר?

די האַנט מיט וועלכער ער האָט געהאַלטן אַ טעצעלע טיי, האָט אָנגעהויבן ציטערן, ער האָט אַוועקגעשטעלט דאָס טעצעלע אויפן טיש און, צוהאָרכנדיק זיך צו עפּעס, האָט ער זיך איבער־געצלמט.

— וואָס איז מיט דיר פימען?

— זעסטו, פריינט־לעבן, — אין דער רגע האָט אַ געטלעכער געדאַנק באַרירט מיין נשמה, — אַ פּנים גאָט וועט מיך באַלד אַ רוף טון צו זיין אַרבעט...

— הער אויף, די ביזט דאָך אַזאַ געזונטער!

— מאַך אַ שוויג! — האָט ער געזאָגט וויכטיק און פרייליך, — רעד נישט — כ'ווייס!

דאָנערשטאָג האָט אים דערהאַרגעט אַ פערד

... אָן אַ גוזמא קען מען זאָגן, אַז דער צענדליק יאָר פון 86-96 איז געווען פאַר ניזשני, די „עפּאָכע פון קאָראָלענקאָן“ אגב איז דאָס שוין נישט איינמאָל אַרויסגעזאָגט געוואָרן אין דער פּרעסע.

איינער פון די שטאָט־אָרגינאַלן, אַן אייגנטימער פון אַ בראַנפן־ברויז א. א. זאַרובין „אַן אומפאָרזיכטיקער“ אָנזעצער און צום סוף — אַן איבערצייגטער טאָלסטאָוועץ און אַ פריידיקער געגן שכרות, האָט מיר געזאָגט אין 1901 יאָר:

— נאָך אין די צייטן פון קאָראָלענקאָן האָב איך פאַר־שטאַנען, אַז איך לעב גישט ווי עס באַדאַרף צו זיין...

ער האָט אַביסל צו שפּעט איבערגעאַנדערשט זיין לעבן; „אין קאָראָלענקאָס צייטן“ איז ער שוין אַלט געווען איבער פופ־ציק, נאָר פונדעסטוועגן האָט עד עס איבערגעבויט, אָדער ריכ־

טיקער ער האָט עס, אויפן רוסישער שטייגער, אינגאַנצן חרוב געמאַכט.
— כ׳בין קראַנק געווען, ליג איך, האָט ער דערציילט, — קומט דער פּלימעניק סעמיאָן, דער — ווייסטו ? — וואָס איז געווען פּאַרשיקט, וועלכער איז געווען דאַן אַ סטודענט. „איר ווילט איך זאָל אייך איבערליינען אַ ביכל ?" און, דאָ ברודערקע, האָט ער מיר איבערגעלייענט „מאַקאַרס חלום", ס׳איז אַזוי גוט געווען, אַז כ׳האָב זיך אַפילו פאַנאַנדערגעוויינט ! אָט ווי אַ מענטש אויף אַ מענטשן קען דאָס רחמנות האָבן ! פון דער רגע אָן בין איך אַן אַנדערער געוואָרן. כ׳האָב גערופן מיינעם אַ גוטן ברודער און זאָג אים, נעם הינטיש נפש — לייען דאָס דורך ! יענער האָט דאָס איבערגעלייענט. ס׳איז אַ גאָטס-לעסטערונג, זאָגט ער. בין איך אויפגערעגט געוואָרן און געזאָגט אים, דעם מנוול, דעם גאַנצן אמת, האָבן מיר זיך צעקריגט אויף אייביק, און ער האָט געהאַט מיינע וועקסעלן האָט ער מיך צוגעדריקט, נאָר מיר איז שוין געווען אַלץ איינס, מיינע געשעפטן האָב איך פאַרלאָזן, זיי זענען מיר נישט געווען צום האַרצן. כ׳האָב באַנקראָטירט און דריי יאָר בין איך אָבגעזעסן אין תפיסה, זיץ איך און טראַכט : גענוג זיך באַנאַרעשט ! ווי מ׳האָט מיך אַרויסגעלאָזן פון תפיסה, בין איך תיכף אַוועק צו קאָראָלענקאָן, — לערן ! איז ער אין שטאָט נישט געווען, נו, בין איך אַוועק צו אונזער לעוו, צו טאָלסטויען, „אַזוי און אַזוי" — זאָג איך, „זייער שיין" זאָגט ער „גאַנץ ריכטיק !" אַזוי איז דאָס, ברודער ! און פון וואַנען איז גאָרינאָוו געקומען צום שכל ? אויך דורך קאָראָלענקאָן ; און נאָך אַ סך קען איך, וואָס האָבן געלעבט מיט זיין נשמה. כאָטש מיר זענען סוחרים און וווינען הינטער הויכע פּלויטן, דערגייט דער אמת אויך צו אונז !
איך שעץ זייער הויך אַזעלכע דערציילונגען, זיי דערקלערן אונז, מיט וואָס פאַר אַ וועגן עס דרינגט אָפּט אַריין דער גייסט פון דער קולטור אין לעבן און אין די זיטן פון די ווילדע פעלקער.
זאַרובין איז געווען אַ שווער וואָגיקער אַלטער מאַן, מיט אַ גרויער באָרד און קליינע מוטנע אויגן אויף זיין פולן ראָזן

פנים; די שוואַרץ אַפּלען – טונקעלע און האָבן אויסגעזען מאָדנע בולטע, ווי גלעזלעך. עפּעס עקשנותדיקס איז געווען אין זיינע אויגן. ער האָט געקראָגן אַ שם פּאַרן „באַשיצער פון גערעכטי־קייט" צוליב אַ קאָפּיקע, פון איינעם, אַן איינוווינער האָט די פּאָליציי נישט ריכטיק אויפגעמאָנט אַ קאָפּיקע. זאַרובין האָט אָנגעקלאָגט די פּאָליציי; אין צוויי אינסטאַנצן האָט מען די תּביעה אָפּגעוואָרפן. דאַן איז דער אַלטער אַוועקגעפאָרן קיין פּע־טערבורג, צום סענאַט, האָט געפּועלט מ׳זאָל פאַרבאָטן צו אויפ־מאָנען ביי די איינוווינער די קאָפּיקע, מלא שמחה איז ער צוריק־געקומען קיין ניזשני און געבראַכט די פאַראָרדנונג אין רע־דאַקציע פון „ניזשעגאָראָדער בלעטל", און געבעטן מ׳זאָל עס אָבדרוקן. נאָר לויטן באַפעל פון גובערנאַטאָר האָט דער צענזאָר אויסגעמעקט די פאַראָרדנונג, איז זאַרובין אַוועק צום גובער־נאַטאָר און האָט אים געפרעגט:

– דו, – ער האָט צו אַלעמען געזאָגט „דו" – דו, פריינט, אָנערקענסט גאָר נישט קיין געזעצן?

די פאַראָרדנונג האָט מען אָבגעדרוקט.

ער איז אַרומגעגאַנגען איבער די גאַסן פון שטאָט אין אַ לאַנגע שוואַרצע „פּאַדיאָווקע", אין אַן אומגעלומפּערטן הוט אויף די זילבערנע האָר, אין לעדערנע שטיול מיט סאַמעטענע כאָ־ליעוועס. ער האָט געשלעפּט אונטערן אָרעם אַ גראָבן פּאָרטפעל מיט די סטאַטוטן פון דער „געזעלשאַפט געגן שיכּרות", מיט אַ באַרג אָנקלאַגעס און ביטעס פון די איינוווינער פון שטאָט, האָט צוגערעדט די פורמאַנעס זיך נישט צו זידלען מיט מיאוסע ווערטער, פלעגט זיך אַריינמישן אין אַלע גאַסיקע סקאַנדאַלן, באַזונדערס, האָט ער אַכטונג געגעבן אויף דער אויפפירונג פון די פּאָליציאַנטן און האָט אָנגערופן זיין טעטיקייט: „די זוכעניש פון אמת".

קיין ניזשני איז געקומען דער באַוווּסטער גלח יאָאַן דער קראָנשטאַטער; ביי דעם אַרכירייִ־קלויסטער האָט זיך צוזאַמענגע־קליבן אַ גרויסער עולם פאַרערער פון דעם פאָטער יאָאַן, – זאַרובין איז צוגענאַנגען און האָט געפרעגט:

— וואָס איז געשען?
— מען וואַרט אויף יאַאַן דעם קראַנשטאַטער.
— דעם אַרטיסט פון די קעניגלעכע קלויסטער? טפשים...
מ׳האָט אים נישט באַליידיקט; איינער אַ פרומער בירגער האָט אים אָנגענומען פאַרן אַרבל, אָפּגעפירט אָן אַ זייט און באַטאָנענדיק געבעטן:
— גיי גיכער אַוועק, ווי גאָט איז דיר ליב, אַלעקסאַנדר אַלעקסאַנדראָוויטש!
די קליינע באַלעבאַטים האָבן זיך באַצויגן צו אים מיט דרך ארצדיקער נייגעריקייט, און, כאָטש אַנדערע האָבן אים גע־רופן „קונצנמאַכער״, האָט — דאָס רוב אָבער אים געהאַלטן פאַר זייער באַשיצער, האָבן דערוואַרט עפּעס נסים פון אים, וואָס פאַר נסים דאָס זאָלן נישט זיין, אַבי אומאַנגענעמע פאַר דער שטאָ־טישער מאַכט.
אין יאָר 1901 האָט מען מיך אַריינגעזעצט אין תפיסה, זאַרובין, וואָס איז נאָך דאַמאָלסט נישט באַקאַנט געווען מיט מיר, איז געקומען צום פּראָקוראָר און האָט געפאָדערט מ׳זאָל אים צולאָזן זען זיך מיט מיר.
— איר — זענט אַ קרוב פון דעם אַרעסטירטן? — האָט גע־פרעגט דער פּראָקוראָר.
— כ׳האָב אים אַפילו אין די אויגן קיינמאָל נישט געזען, כ׳ווייס נישט — ווי ער זעט אויס.
— איר האָט קיין רעכט נישט צו זען זיך.
— און — דאָס עוואַנגעליום האָסטו געלייענט? וואָס איז דאָרט געשריבן? ווי איז דאָס עפּעס, טייערער, איר באַלעבאַטעוועט איבער מענטשן, און קענט נישט דאָס עוואַנגעליום?
דער פּראָקוראָר אָבער האָט געהאַט זיין אייגן עוואַנגעליום און, שטיצנדיק זיך אויף דעם, האָט ער אַנטזאָגט דעם אַלטן און זיין מאָדנער בקשה.
עס פאַרשטייט זיך, זאַרובין איז געווען איינער פון יענע — נישט זעלטענע רוסישע מענטשן, וואָס ווערן צום סוף פון זייער טו־מעלדיק לעבן, ווען ס׳איז שוין נישטאָ וואָס צו פאַרלירן, טרייע

„אָנהענגער פון אמת" – אין דער אמתן אָבער זענען זיי נישט מער ווי שגעונים.

און געוויס, זענען אַ סך וואָגיקער געווען, לויט זייער זין – און לויט זייער רעזולטאַט – די רייד פון ניזשעגאָראָדער סוחר נ. א. בוגראָוו. ער איז געווען אַ מיליאָנער, אַ פילאַנטראָפּ, אַ סטאַראָבריאַדעץ, זייער אַ קלוגער מענטש. און האָט געשפּילט אין ניזשני די ראָל פון אַ פירשט. איינמאָל, אין אַ מינוט פון חשבון־הנפש האָט ער זיך באַקלאָגט:

– נישט קלוג, נישט שטאַרק, נישט איבערגעשפּיצט זענען מיר, דאָס פאָלק פון סוחרים! מיר האָבן נאָך נישט באַוויזן אַראָפּצוּוואַרפן פון זיך די פּריצים, ווי ס'האָבן זיך שוין אויף אונז אַרויפגעזעצט די „זעמצעס" איירע, די קאָראָלענקאָס — די טאַטעס! קאָראָלענקאָ – דאָס איז שוין איינמאָל אַן אומאַנגע־נעמער פּאַרשוין; אויסערלעך – גאָר אַ פּשוטער, און אומעטום קען מען אים, אומעטום קריכט ער אַריין...

די דאָזיקע מיינונג האָב איך נאָך געהערט אין פרילינג פון 93־טן יאָר, צוריקקומענדיק אין ניזשני נאָך אַ לאַנגן שפּאַציר איבער רוסלאַנד און קאַווקאַז, פאַר דער צייט — אין אַ משך פון דריי יאָר – איז די באַדייטונג פון קאָראָלענקאָן אַלס כּלל טוער און קינסטלער נאָך גרעסער געוואָרן. זיין אָנטייל אין קאַמף מיטן הונגער, זיין אויסגעהאַלטענע נצחונדיקע אַ פּאָזיציע אַנטקעגן דעם שגעונדיקן גובערנאַטאָר באַראַנאָווּן, די השפּעה אויף דער טעטיקייט פון דער „זעמסטוואָ", דאָס איז אַלץ געווען געגנוג באַוווּסט. דוכט זיך, ס'איז שוין דאַמאָלסט אַרויס זיין בוך: „דער הונגער־יאָר".

איך געדענק די מיינונג וועגן קאָראָלענקען פון איינעם אַ ניזשעגאָראָדער, זייער אַן אָרגינעלן מענטשן.

אָט דער גובערנסקער אָפּאָזיציאָנעלער אָנפירער געגן דער מאַכט, וואָלט אין אַ קולטורעלער מלוכה אָרגאַניזירט עפּעס לויט דער מוסטער פון דער „רעטונגס אַרמיי", אָדער „דעם רויטן קרייץ", – בכלל עפּעס וויכטיקעס אַלוועלטלעכעס און קולטורעלעס אין פולן זין פון דעם דאָזיקן באַגריף און, ביי די זיסע

באַדינגונגען פון רעם רוסישן לעבן, וועט ער זיכער פאַרטאַכ־לעווען זיין ענערגיע אויף קליי־ניקייטן. אַ שאָד, ס'איז פאַר אונז, קבצנים, אַ טייערע מתנה פון גאָט, אַ גוואַלדיק אָרגינעלע און גאַנץ נייע פיגור, איך זע נישט אין אונזער פאַרגאַנגענהייט אַזאַ ענלעכע, ריכטיקער געזאָגט — נישטאָ קיין גלייכן צו אים!

— און וואָס טראַכט איר וועגן זיין ליטעראַרישן טאַלענט?

— איך מיין, אַז ער איז נישט גאַנץ זיכער אין זיין איי־גענער קראַפט און — אומזיסט! ער — איז אַ טיפּישער רעפאָרמאַטאָר לויט אַלע זיינע מעלות פון שכל און געפיל, נאָר, דאָס טאַקע, דוכט זיך, שטערט אים ריכטיק אָפּצושאַצן זיך, אַלס קינסטלער, כאָטש גראָד די רעפאָרמאַטאָרישע מעלות זיינע צוזאַמען מיטן טאַלענט — האָבן אים געדאַרפט געבן מער זיכערקייט און דרייסט־קייט אין דער זעלבסט־אָפּשאַצונג. כ'האָב מורא, אַז ער וועט זיך האַלטן פאַרן ליטעראַט פון „אגב אורחא", און נישט פון „קודם כל".

דאָס האָט גערעדט איינער פון די העלדן פון באָבאָריקינס ראָמאַן „אין דער צייט פון ירידה", — אַ מענטש אַ צולאָזענער, אַ שיכור, אַ העכסט געבילדעטער און זייער אַ קלוגער, ער איז געווען אַ מיזאַנטראָפּ און האָט, לחלוטין, נישט געקאָנט רעדן וועגן מענטשן קיין גוטס, אָדער לכל הפחות, מיט חסד, — דעריבער האָט זיין מיינונג וועגן קאָראָלענקאָן געהאַט אין מיינע אויגן אַ סך אַ גרעסערן ווערט.

נאָר איך קער זיך אום צוריק צו די 90 — 89 יאָרן.

איך פלעג נישט אַריינגיין צו וולאַדימיר גאַלאַקטיאָנאָ־וויטשן, — ווייל, ווי כ'האָב שוין געזאָגט, האָב איך זיך לגמרי ענטזאַגט פון דעם קלענסטן פּרווו צו שרייבן. טרעפן פלעג איך אים נאָר זעלטן צופעליק אויף די גאַסן אָדער ביי בעקאַנטע אויף פאַרזאַמלונגען, ווו ער האָט זיך שווייגנדיק, רויק צוגעהערט צו די וויכוחים. זיין רויקייט האָט מיך אויפגערודערט. אונטער מיר האָט זיך אַלץ געוואַקלט, כ'האָב זייער גוט געזען, אַז אַרום מיר אירט עפּעס. אַלע האָבן זיך אויפגערעגט, געטאַמפּערט, — אויף וואָס

האַלט זיך דער דאָזיקער מענטש? כ'האָב אָבער נישט געוואַגט צוגיין צו אים און פרעגן:

– פאַרוואָס זענט איר רויק?

ביי מיינע בעקאַנטע האָבן זיך באַוויזן נייע ביכער: דיקע בענדער פון רעדקינען, טשעגלאָוונס נאָך אַ דיקערער באַנד: „די געשיכטע פון די סאָציאַלע סיסטעמען", „דער קאַפּיטאַל", ליאַכאַוויצקעס בוך וועגן קאָנסטיטוציעס, ליטאָגראַפירטע לעקציעס פון וו. אָ. קלאָטשעווסקען, קאָרקונאָוון, סערגייעוויטשן.

אַ טייל פון דער יוגנט האָבן זיך געקוויקט מיט דער אייזערנער לאָגיק פון מאַרקסן. דאָס רוב האָט מיט התלהבות געלייענט דעם ראָמאַן פון בורזשע „דער שילער", סינקעוויטשעס „אָן אַ דאָגמע", דעדלאָווס אַן ערצעלונג „סאַשענקאַ" און דערציילונגען וועגן „די מענטשן", – דאָס נייע אין די מענטשן איז געווען די שאַרף אויסגעדריקטע שטרעבונג צו אינדיווידואַליזם. אָט די שפּאָגל נייאינקע טענדענץ איז זייער געפעלן געווען, און די יוגנט האָט עס שנעל אָנגעהויבן פּראַקטיקירן אין לעבן, אויסלאַכנדיק און קריטיקירנדיק שאַרף: „די פליכטן פון דער אינטעליגענץ" צו ענטשיידן די פראַגן פון סאָציאַלן לעבן.

אייניקע פון די ניי-געבאַקענע אינדיווידואַליסטן האָבן געפונען פאַר זיך אַנאָנהאַלט אין דעם דעטערמיניזם פון מאַרקס סיסטעם.

דער יאַריאָסלאַוור סעמינאַריסט א. פּ. טראַאיצקע, דער שפּעטערדיקער דאָקטער אין פראַנקרייך און אָרלעאַן – אַ מענטש מיט אַ גלאַטער צונג און אַ היציקער בעל-וויכוח, האָט געזאָגט:

– די היסטאָרישע נויטווענדיקייט איז פּונקט אַזאַ מיסטיק ווי די קריסטלעכע לערע וועגן באַשערינג, פּונקט אַזאַ באַרגשווערער שטות, ווי דאָס גלויבן פון פאָלק אין מזל. דער מאַטעריאַליזם – איז דער באַנקראָט פון שכל, וואָס קאָן נישט אַרומנעמען די גאַנצע פאַרשידנאַרטיקייט פון די לעבנס-דערשיינונגען און דערפירט זיי אויף אַ פאַרקריפּלטן אופן צו איינער,

צו דער פשוטסטער סיבה, דער נאַטור איז פרעמד און פיינטלעך די פאַראיינפאַכונג, דער געזעץ פון איר אַנטוויקלונג גייט — פון געוויינלעכן צום פאַרוויקלטן און צום סאַמע פאַרוויקלטן. די באַדערפעניש אַלץ פשוט צו מאַכן — איז אונזערע אַ קינדער־קראַנקהייט, זי זאָגט נאָר עדות דערויף, אַז אונזער שכל איז אָנמעכטיק, קען נישט האַרמאָניזירן די גאַנצע סומע, דעם גאַנצן תּוהו ובוהו פון דערשיינונגען.

איינציגע האָבן זיך מיט הנאה געשטיצט אויף א. סמיטס דאָגמאַטיק פון עגאָאיזם. זי האָט זיי אינגאַנצן באַפרידיקט, און זיי זענען געוואָרן „מאַטעריאַליסטן" אין דעם וואָכעדיקן און גראָבן זין פון דעם דאָזיקן באַגריף. דאָס רוב פון זיי האָבן גע־טראַכט בערך, אַזוי פשוט:

— אויב עס עקזיסטירט אַ היסטאָרישע נויטווענדיקייט, וואָס איז בכוח צו פירן די מענטשהייט צום פראָגרעס, — הייסט עס: מ'וועט זיך שוין באַגיין אָן אונז!

און, די הענט אין די קעשענעס, פלעגן זיי זיך גלייכגילטיק אונטערפייפן. פאַרבלייבנדיק בלויז צושויער ביי די הייסע וויכּוחים, האָבן זיי, פונקט ווי קראָען, וואָס זיצן אויפן פלויט, זיך צוגעקוקט צו דער היציקער שלעגעריי פון די הענער. צייטנווייז — און וואָס ווייטער אַלץ עפטער — האָט די יוגנט גראָב אויסגעלאַכט די היטער פון די געבאָטן פון דער העלדעשער עפּאָכע. איך האָב גראָד סימפּאַטעזירט מיט די דאָזיקע „היטער", נאַרישעוואַטע, אָבער זעלטן ריינע מענטשן. זיי זענען מיר פאָרגעקומען כּמעט ווי הייליקע מיט זייער התפּעלות פאַרן „פאָלק" — דער אָביעקט פון זייער ליבע, פון זייערע זאָרגן און העלדישע מעשים. כ'האָב אין זיי געזען עפּעס הערָאיש־קאָמישעס, נאָר עס האָט מיך געצויגן זייער ראָמאַנטיזם, ריכטיקער — דער סאָציאַלער אידעאַליזם. כ'האָב געזען אַז זיי באַמאָלן „דאָס פאָלק" מיט צו צאַרטע פאַרבן, כ'האָב געוווּסט אַז אַזאַ „פאָלק", וועגן וועלכן זיי רעדן — איז אויף דער וועלט נישטאָ; עס לעבט זיך געדולדיק אויף דער וועלט אַ קורזיכטיק־כיטרע, גייציק פויערל, וואָס קוקט מיט חשד און שנאה אויף אַלץ, וואָס איז נישט נוגע

זיינע אינטערעסן; עס לעבט אַ טעמפּער גנבהשער באַלעבאָס, וואָס איז אָנגעשטאָפּט מיט גיפטיקע אָבערגלויבנס און שטותע-רייען, וואָס זענען נאָך גיפטיקער פאַר די אָבערגלויבנס פון די פויערים, עס אַרבעט אויף דער וועלט אַ האָריקער, געזונטער סוחר, וואָס לעבט זיך פּאַוואָליע זיין זאַטן געזעצלעך-חיהשען לעבן.

צוקוקנדיק זיך צו דעם מיש מאַש פון די סתירותדיקע פיינדלעכע מיינונגען, צו דעם קאַמף פון דעם געפיל מיטן שכל, צו די רייסעניש פון וואַנען, דער אמת, דוכט זיך מיר, האָט געדאַרפט אין גרויס אימפּעט אַנטלויפן אָדער דערווייטערן זיך אַ צעקאַלעטשעטער – אין דעם גאַנצן קאָכעדיקן קעסל פון אידעען האָב איך קיין זאַך נישט געפונען פאַר זיך, וואָס זאָל מיר זיין „צום האַרצן".

נאָך אַזעלכע שטורעמס פלעג איך, אומקערנדיק זיך אַ היים, פאַרצייכענען געדאַנקען און אַפאָריזמען, וואָס האָבן מיך באַזונ-דערס פאַרחידושט מיט זייער פאָרם אָדער מיט זייער אינהאַלט, דערמאָנענדיק זיך דערביי די מינעס און די פּאָזעס פון די רעד-נער, די אויסדרוקן פון זייערע פּנימער, דער גלאַנץ פון די אויגן און, שטענדיק איז מיר אַביסל קאָמיש געווען און ס'האָט מיך באַאומרויקט די שמחה פון יעדן איינעם, ווען ס'האָט זיך אים איינגעגעבן אַריינצוזאָגן זיין אָפּאָנענט אַ שאַרף ווערטל און דערלאַנגען אים אין דער זיבעטער ריפּ, ס'איז געווען מאָדנע צו צוקוקן ווי מען רעדט וועגן גוטסקייט, שיינהייט, הומאַניזם און יושר מיט דער הילף פון דער כיטרער עריסטיק, נישט שאַנעווענדיק איינער דעם צווייטנס אַמביציע, אָפט מיט אַ בולטן פאַר-לאַנג צו באַליידיקן מיט אַ גראָבער צערייצטקייט און בייז-קייט.

כ'האָב נישט פאַרמאָגט יענע דיסציפּלין אָדער, ריכטיקער, די טעכניק פון דענקען, וואָס עס גיט אַ שול, כ'האָב אָנגעזאַמלט אַ סך מאַטעריאַל, וואָט האָט געפאָדערט אַן ערנסטע באַאַרבעטונג, און דערצו איז נויטיק געווען פיל צייט, וואָס מיר האָט גראָד געפעלט. ס'האָבן מיך געפּייניקט די סתירות אין די ביכער, אין

וועלכע כ'האָב פעסט געגלויבט און אין דעם לעבן, וואָס כ'האָב שוין גאַנץ גוט געקענט, כ'האָב פאַרשטאַנען, אַז איך ווער קלייגער, כ'האָב אָבער געפילט אַז גראָד דאָס פאַרדאַרבט מיך מיט עפּעס; ווי אַ שיף, וואָס ווערט אָנגעלאָדן אָן אָרדענונג, האָב איך זיך גענומען בויגן אויף איין זייט, כדי נישט צו שטערן די האַרמאָניע פון כאָר, האָב איך, פאַרמאָגנדק אַ פריילעכן טענאָר, זיך באַמיט — ווי דאָט רוב — צו רעדן אויף אַ גראָבן באַס; דאָס איז געווען שווער און ס'האָט מיך געשטעלט אין דער פאַלשער פּאָזיציע פון אַ מענטשן, וואָס וויל זיך באַציען צו אַלע אַרומיקע אָפּגעהיט און ליבלעך — און באַציט זיך נישט אויפריכטיק צו זיך אַליין.

פּונקט, ווי אין קאַזאַן, באָריסאָגלעבסק, צאַריצין, האָב איך דאָ אויך געשטוינט און זיך באַאומרויקט, צוקוקנדיק צום לעבן פון דער אינטעליגענץ, זייער פיל געבילדעטע מענטשן האָבן געלעבט אַ שווער, האַלב־הונגעריק שענדלעך לעבן, האָבן געפּטרט זייערע בעסטע כחות פאַר אַ פּראָסט שטיקל ברויט, און — דאָס לעבן אַרום איז אַזוי אימהדיק אָרעם אין שכל. דאָס האָט מיך באַזונדערס באַאומרויקט. כ'האָב געזען, אַז די אַלע פאַרשידנאַרטיקע גוטע מענטשן — זענען פרעמדע אין זייער אייגן לאַנד, זיי זענען אַרומגערינגלט מיט אַ פיינטלעכע סביבה וואָס באַציט זיך צו זיי מיט חשד און חוזק, און די זעלבע סביבה האָט געפוילט אין אַ קלעפּיקער בלאָטע פון פאַרשאָלטענע „אידיאָטישע" קלייניקייטן פון לעבן.

און ווידער אַמאָל איז מיר געווען אומקלאָר! פאַרוואָס די אינטעליגענץ שטרענגט זיך נישט אָן ענערגיש אַריינצודרינגען אין דער מאַסע מענטשן, וואָס זייער פּוסט לעבן איז מיר פאַרגעקומען לחלוטין אומנוצלעך, וואָס האָבן מיך אויפגעבראַכט מיט זייער גייסטיקער אָרעמקייט, משונהדיקער לאַנגווייליקייט, און איבערהויפּט — מיט זייער גלייכגילטיק־אכזריותדיקער באַציונג איינער צום צווייטן.

כ'האָב פלייסיק געקליבן די קליינע זעלטענע ברעקלעך פון אַלץ, וואָס מ'קען אָנרופן אומגעוויינלעך — גוט, אומאייגנ

נוציק, שיין — ביז היינטיקן טאָג פלאַקערן אויף אין מיין זכּרון ליכטיק די פונקען פון גליק ביים אָנקוקן אַ מענטשן, וואָס איז אַ מענטש, — נאָר פונדעסטוועגן איז מיין נשמה געווען אויסגעהונגערט און דער פאַרשיכּורנדיקער גיפט פון די ביכער האָט מיך שוין נישט געזעטיקט. מיר האָט זיך געוואָלט עפּעס אַ קלוגע אַרבעט, העלדישע מעשים, אויפרודערונג און, צייטנווייז, האָב איך געשריען:

— פאַרנעם זיך ברייטער!

— מאַך דיר אַ ברייטע קעשענע! — האָט מיר איראָניש געענטפערט נ. פ. אַנענסקי, וואָס האָט ביי זיך שטענדיק געהאַט גרייט אַ שאַרף ווערטל.

צו יענער צייט נעהערט אַ שמועס, וואָס איך האָב געהאַט מיט וו. ג. קאָראָלענקא און וואָס איז מיר עפּעס פאַרבליבן אין זכּרון.

אין אַ זומערדיקער נאַכט בין איך געזעסן אויף אַהויכן שפּועדיקן ברעג פון דער וואָלגע, פונוואַנען ס'האָבן זיך דייטלעך געזען די וויסטע לאָנקעס פון זאַוואָלאָזשיע און דורך די צווייגן פון די בוימער — דער טייך. אומבאַמערקט און שטיל איז נעבן מיר אויף דער באַנק אויסגעוואַקסן וו. ג. כ'האָב אים דערפילט ערשט דאַן, ווער ער האָט מיך אַ שטויס געטון מיט זיין פּלייצע, זאָגנדיק.

— נו, איר האָט זיך נישקשהדיק פאַרטראַכט, כ'האָב געוואָלט אַראָפּנעמען פון אייך דעם הוט, נאָר, כ'האָב אַ טראַכט געטון — כ'וועל אייך איבערשרעקן.

ער האָט געוווינט ווייט, אויפן צווייטן עק שטאָט. ס'איז שוין געווען נאָך צוויי אַזייגער ביי נאַכט. ער איז, קענטיק, געווען מיד, ער איז געזעסן מיט אַן אָבגעדעקטן געקרויזטן קאָפּ און געווישט דאָס פּנים מיט אַ טיכל.

— שפּעט שפּאַצירט איר אַרום, — האָט ער געזאָגט.

— און איר אויך.

— יאָ. מ'האָט געדאַרפט זאָגן: מיר שפּאַצירן! ווי לעבט

איר, וואָס טוט איר ? נאָך עטלעכע נישט וויכטיקע פראַגן, האָט ער געפרעגט.

— איר, זאָגט מען, לערנט זיך אין סקוואָרצאָווס קרייזל ? וואָס איז דאָס פאַר אַ מענטש ?

פּ. נ. סקוואָרצאָוו איז געווען אין יענער צייט איינער פון די גרעסטע קענער פון מאַרקס טעאָריע, ער האָט נישט געלעזן קיין שום ביכער, אַ חוץ דעם „קאַפּיטאַל״ און האָט שטאָלצירט דערמיט. מיט אַ פּאָר יאָר פריער פאַר דער ערשיינונג פון פּ. וו. סטרוועס „קריטישע אָנמערקונגען״, האָט ער אין טשעגלאָווס גאַסט צימער געלייענט אַן אַרטיקל, וווּ די גרונד יסודות זענען געווען דיזעלבע, ווי ביי סטרוווען, איך געדענק אָבער — איך געדענק — זיי זענען געווען שאַרפער לויט זייער פאָרם. אין דעם דאָזיקן אַרטיקל האָט זיך סקוואָ־צאָוו אַרויסגעשטעלט פאַר אַן אַפּיקורס, וואָס ס'האָט אים פונדעסטוועגן נישט געשטערט צו גרופּירן אַרום זיך אַ קרייזל פון דער יוגנט ; שפּעטער האָבן אַ סך מיטגלידער פון דעם דאָזיקן קרייזל, געשפּילט אַ וויכטיקע ראָל אין דער אויפבויאונג פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי. ער איז באמת געווען אַ מענטש „נישט פון דער וועלט״. ער איז געווען אַן אַסקעט און האָט סיי ווינטער, סיי זומער גע־שפּאַצירט אין אַ לייַכטן מאַנטל, אין צעריסענע שיך, אַ האַלב הינגעריקער און, דערביי, נאָך געזאָרגט ווי צו „באַשרענקען די הצטרכותן״ — ער האָט זיך דערנערט אין משך פון עטלעכע וואָכן בלויז מיט צוקער, אויפעסנדיק טעגלעך צו דריי אַכטל פונט, — נישט מער, נישט ווייניקער. אַזאַ פּרווו פון „ראַציאָנעלער דערנערונג״ האָט אַרויסגערופן ביי אים אַן אַלגעמיינע ערשעפּונג פון קערפּער און אַן ערנסטע נירן־קראַנקהייט.

ער איז געווען אַקליין־געוויקסיקער, און עפּעס אינגאַנצן אַ גרויער, און זיינע העל בלויע אויגן האָבן געשמייכלט מיט אַ שמייכל פון אַ גליקלעכן, וואָס האָט דערקענט דעם אמת, ווי קיינער נישט, אַ חוץ אים. צו אַלע אַנדערש־גלויביקע האָט ער זיך באַצויגן מיט אַ לייכטן רחמנותדיקן ביטול, וואָס האָט אָבער קיינעם נישט פּוגע בכבוד געווען. ער האָט גערויכערט

דיקע פּאַפּיראָסן פון ביליגן טאַבאַק. אַריינשטעלנדיק זיי אין אַ לאַנגן צען־ווערשקאָוון ציגאַרנשפּיץ פון באַמבוק־האָלץ. ער האָט אים געטראָגן הינטערן גאַרטל פון די הויזן, פּונקט ווי אַ קינזשאַל.

כ'האָב זיך צוגעקוקט צו פּאַוול ניקאָלייעוויטשן צווישן אַ כאַליאַסטרע סטודענטן, וואָס האָבן זיך אַלע געדרייט אַרום אַ נישט היגער פריילן, אַ זעלטענע שענהייט. סקוואָרצאָוו איז אויך נישט אָפּגעשטאַנען פון די יונגע פראַנטן, האָט זיך אויך אַרומגעדרייט אַרום דעם פריילן און ער איז געווען הערלעך־אומגעלומפּערט מיט זיין ציגאַרנשפּיץ, אַ גרויער, אין אַ וואָלקן שטיקנדיקן גרויען רויך. שטייענדיק אין ווינקל, דייטלעך בולט אויף דעם ווייסן פאָן פון דעם קאַכלנעם אויוון, האָט ער מעטאָדיש רויק, מיט אַ קול פון אַן אַלט־גלויביקן קלויסטער־פּריידיקער, אין שווערע ווערטער געלייקנט אין דער נוצלעכקייט פון מוזיק, טעאַטער, טענץ און אָן אויפהער געגרויכערט אין פּנים אַריין דער בילד־שיינער מיידל.

— סאָקראַט האָט שוין געזאָגט, אַז פאַרוויילונגען — זענען שעדלעך! — האָט ער פעסט דערוויזן.

די עלעגאַנטע שאַטינקע אין אַן ווייסע זעפירענער בלוזקע, האָט זיך צוגעהערט צו זיינע רייד און קאָקעטיש וויגנדיק מיט איר קליין פיסל; האָט זי אָנגעצויגן־ליב געקוקט אויפן געלערנטן מיט טונקעלע הערלעכע אויגן, — זיכער, מיט דעם זעלבן בליק, מיט וועלכן די אַטענער שיינהייטן האָבן געקוקט אויף דעם סאָקראַטאַסן מיט דער פאַרריסענער נאָז; דער דאָזיקער בליק האָט שטום און דייטלעך געפרעגט:

— ווערסט שוין ענדלעך אַמאָל אויפהערן, ווערסט באַלד אַוועקגיין?

ער האָט איר אויפגעוויזן, אַז קאָראָלענקאָ איז דער שעדלעכסטער אידעאַליסט און אַ מעטאַפיזיקער, אַז די גאַנצע ליטעראַטור — ער האָט זי נישט געלעזן — „מאַטערט זיך צו גאַלוואַניזירן דעם פוילן בר־מינן פון פאָלקיזם" ער האָט דערוויזן, און צום סוף, אַריינרוקנדיק דעם ציגאַרנשפּיץ הינטערן גאַרטל, איז ער

פייערליך אַוועק, און דאָס פריילן, האָט נאָכדעם, ווי זי האָט אים באַגלייט, האָט זיך אַ פאַרמאַטערטע און, פאַרשטייט זיך, זייער שיין אַ וואָרף געטון אויף דער סאָפע, אויסריפנדיג טרויעריק:

— גאָט מיינער, דאָס איז דאָך גאָר נישט קיין מענטש, נאָר — אַ שלעכט וועטער!

ו. ג. האָט לאַכנדיק אויסגעהערט מיין מעשה, איז אַנטשוויגן געוואָרן, האָט אַ קוק געטון אויפן טייך, פאַרזשמורנדיק די אויגן און האָט שטיל און פריינטלעך אָנגעהויבן רעדן.

— איילט זיך נישט אויסצוקלויבן קיין גלויבן, איך זאָג — אויסקלויבן, ווייל, מיר דוכט זיך, אַז דעם גלויבן אַרבעט מען זיך איצט נישט אויס, נאָר פשוט — מען קלויבט אויס. אָט, גייט שנעל אַריין אין מאָדע דער מאַטעריאַליזם, פאַרלאָקנדיק מיט זיין פשטות. ער איז צו ציענד באַזונדערס פאַר די, וואָס פוילן זיך זעלבסשטענדיק צו דענקען. גערן נעמען אים אָן די פראַנטן, וועמען עס געפעלט יעדע נייס, כאָטש עס זאָל נישט זיין צוגעפּאַסט צו זיינע כאַראַקטערן, צו זייערע געשמאַקן, צו זייערע שטרעבונגען...

גערעדט האָט ער פאַרטראַכט, פונקט, ווי ער וואָלט געשמועסט מיט זיך אַליין, צייטנווייז איבערגעריסן דעם שמועס, און זיך צוגעהערט, ווי ערגעץ אונטן, אויפן ברעג, בלאָזט זיך אָפּ מיט גערויש דער פאַרע-אָפּלייטער, ווי עס פייפן די סיגינאַלן אויפן טייך.

ער האָט גערעדט וועגן דעם, אַז יעדער שכלדיקער פּרוּוו אויפצוקלערן די לעבנס דערשיינונגען, פאַרדינען אויפמערקזאַמקייט און אַכטונג, נאָר מען דאַרף געדענקען, אַז „דאָס לעבן, לעגט זיך צענויף פון אַ מאַסע, משונהדיק פאַרפּלאָנטערטע קרומע ליניעס" און אַז „עס איז מאָדנע שווער עס אַריינצופּרעסן אין קוואַדראַטן פון לאָגישן דענקען".

— עס איז שווער אפילו צו ברענגען אין אַ רעלאַציוון סדר די דאָזיקע קרומע, זיך דורכקרייצנדיקע ליניעס פון די מענטשלעכע מעשים און באַציונגען, — האָט ער אָפּזיפצנדיק אַ זאָג געטון, פאָכנדיק זיך אין פּנים מיטן הוט

מיר איז געפעלן געווען די פשוטקייט פון זיינע רייד און דער ווייכער אַריינגעטראַכטער טאָן. נאָר, אין פליג, איז אַלץ וואָס ער האָט גערעדט וועגן מאַרקסיזם – און אַנדערע ווערטער – מיר שוין באַקאַנט געווען. בשעת ער האָט איבערגעריסן דעם געשפּרעך, האָב איך אים אייליק אַ פרעג געטון: פאַרוואָס איז ער אַזאַ רויקער?

ער האָט אָנגעטון דעם הוט, האָט מיר אַריינגעקוקט אין פּנים און, שמייכלענדיק, געענטפערט:

– איך ווייס, וואָס איך דאַרף טון, און איך בין זיכער אין דער נויטיקייט פון דעם, וואָס איך טו. נאָר – פאַרוואָס האָט איר געפרעגט וועגן דעם?

דאַן האָב איך אים אָנגעהויבן דערציילן וועגן מיינע ספקות און זאָרגן. ער האָט זיך אָפּגערוקט פון מיר, האָט זיך אָנגעבויגן – אַזוי איז אים בעקוועמער געווען אַריינצוקוקן מיר אין פּנים אַריין – און שווייגנדיק האָט ער זיך אויפמערקזאַם צוגעהערט צו מיינע רייד.

שפּעטער האָט ער שטיל געזאָגט:

– ס'איז אין דעם פאַראַן נישט ווייניק אמת! איר באַמערקט גוט... און – האָט אַ שמייכל געטון, אַרויפלייגנדיק מיר די האַנט אויפן אַקסל.

– כ'האָב נישט דערוואַרט, אַז אייך באַאומרויקן די דאָזיקע פראַגן. מיר האָט מען דערציילט וועגן אייך, ווי וועגן אַ מענטשן מיט אַן אַנדער נאַטור... ווי וועגן אַ פּריילעכן, פאַרגרעבטן און אַ שונא פון דער אינטעליגענץ...

און האָט עפּעס באַזונדערס שטאַרק אָנגעהויבן צו רעדן וועגן דער אינטעליגענץ: זי איז שטענדיק אומעטום געווען אָפּגעריסן פון פאָלק, דאָס איז אָבער דערפאַר, וואָס זי גייט פאָר-אויס, דאָס איז איר היסטאָרישע באַשטימונג.

– דאָס – איז דער הייוון פון יעדער פאָלקס-אירונק און דער ערשטער גרונט-שטיין פון יעדער נייער אויפבויונג. סאָקראַט, דזשאָרדאַנאָ ברונאָ, גאַליליי, ראָבעספּיער, אונזערע דעקאַבריסטן, פּעראָווסקאַיאַ און זשעליאַבאָוו, די אַלע וואָס הונגערן ערשט

אין די ווייטע ערטער, ווו זיי זענען פֿאַרשיקט, די, וואָס זיצן אין הייינטיקער נאַכט ביי אַ בוך, צוגרייטנדיק זיך צום קאַמף פֿאַר יושר, — קודם כּל, געוויינלעך, צו דער תּפֿיסה; — דאָס אַלץ — איז דער לעבעדיקסטער כּוח פֿון לעבן, זיין פיינסטער און שאַרפסטער כּלי־זין.

ער האָט זיך אַנאויפגערעקטער אויפגעשטעלט און שפּרייזנדיק הין און צוריק ביי דער באַנק, גערעדט ווייטער:

— די מענטשהייט האָט אָנגעהויבן שאַפן איר געשיכטע פֿון דעם טאָג אָן, ווען אויף דער וועלט האָט זיך באַוויזן דער ערשטער אינטעליגענט; די לעגענדע וועגן פּראָמעטייאוס — דאָס איז אַ געשיכטע וועגן אַ מענטשן, וואָס האָט באַקומען אַ מיטל אַרויסצוקריגן פייער און דערמיט האָט ער גלייך אָפּגעטיילט די מענטשן פֿון די חיות. איר האָט ריכטיק באַמערקט די חסרונות פֿון דער אינטעליגענץ, די אָבגעריסנקייט פֿון לעבן, דאָס אָנ־הענגען זיך אויפן בוך, — נאָר, ס׳איז נאָך אַ פֿראַגע: צו זענען דאָס חסרונות? אַמאָל, כּדי בעסער צו זען, מוז מען זיך גראָד דערווייטערן, און נישט דערנענטערן, און דערהויפּט, עצה איך אייך, ווי אַ גוטער פריינט, אַלס מער דערפֿאַרענער פֿאַר אייך, — קוקט זיך אויפמערקזאַמער צו צו די מעלות! ציילן די חסרונות האָבן מיר אַלע חשק, — ס׳איז אַ גאַנץ פּשוטער און נישט קיין שלעכטער געשעפט פֿאַר יעדן. אָבער — וואָלטער, נישט קוקנדיק אויף זיין גאונות, איז געווען אַ שלעכטער מענטש, נאָר פונדעסטוועגן, האָט ער אויפ־געטון אַ גרויסע זאַך, אַרויסטרעטנדיק אַלס פֿאַרטיידיקער פֿון אַן אומשולדיק פֿאַרמשפּטן. איך רעד נישט וועגן דעם, וויפיל פּינ־סטערע שטותערייען עס זענען צושטערט געוואָרן דורך אים, נאָר די דאָזיקע עקשנותדיקע פֿאַרטיידיקונג פֿון, דאַכט זיך, אַ האָפענונגסלאָזע זאַך, — איז אַ גרויסע העלדעשקייט. ער האָט פֿאַרשטאַנען, אַז אַ מענטש דאַרף קודם כּל זיין אַ הומאַניטאַרער מענטש, ס׳איז נויטיק — יושר, בשעת עס וועט ביסלעכוויז פֿון די קליינע פינקעלעך יושר ווערן אַ גרויסער פלאַם, וועט ער

פאַרברענען די גאַנצע פאַלשקייט און דעם גאַנצן שמוץ פון דער ערד און ערשט דאַן וועט דאָס לעבן ענדערן זיינע שווערע פינסטערע פאָרמען. עקשנותדיק נישט געשאַנעוועט זיך, קיינעם נישט און קיין זאַך נישט, טראָגט אַריין אין לעבן יושר, — אָט דאָס איז מיין געדאַנק.

ער, איז קענטיק פאַרמאַטערט געוואָרן, — ער האָט גערעדט זייער לאַנג, — האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ באַנק, נאָר אַ קוק־טוענדיק אויפן הימל, האָט ער געזאָגט:

— און, ס'איז שוין שפעט אָדער — פרי, ס'איז ליכטיק! און, דוכט זיך, ס'וועט רעגענען, ס'איז צייט צו גיין אַהיים!

איך האָב געווינט אַ פּאָר טריט פונדאַנען, ער — אַ וויאָרסט צוויי, איך האָב זיך אַרויסגערופן אים צו באַגלייטן און מיר זענען אַוועק איבער די גאַסן פון דער שלאָפעדיקער שטאָט, אונטערן פינסטערן פאַרוואָלקנטן הימל.

— נו וואָס — שרייבט איר עפּעס?

— ניין.

— פאַרוואָס?

— ס'איז נישטאָ קיין צייט.

— ס'איז אַ שאָד און אומזיסט טוט איר אַזוי. ווען איר וואָלט וועלן, וואָלט זיך שוין געפונען צייט. איך — כ'מיין ערנסט — איר האָט, דוכט זיך, פעיקייטן. איר זענט, מיין הער, שלעכט געשטימט...

ער האָט אָנגעהויבן דערציילן וועגן דעם אומרויקן גלעב אוספּענסקען, נאָר — פלוצלינג האָט אַ גאָס געטון אַ שטאַרקער, זומערדיקער רעגן, אייננהילנדיק די שטאָט אין אַ גראָער נעץ. מיר זענען אָפּגעשטאַנען אין טויער עטלעכע מינוט, און, זעענדיק אַז דער רעגן פאַרנעמט זיך אויף לאַנג — זענען מיר זיך פונאַנ־דערגעגאַנגען...

---

# וועגן דער שעדלעכקייט פון דער פילאָזאָפיע.

... כ׳האָב שוין לאַנג געפילט אַ נויטווענדיקייט צו פאַרשטיין — ווי אַזוי ס׳איז אַנטשטאַנען די וועלט, אויף וועלכער איך לעב און ווי אַזוי איך באַגרייף זי? אומבאַמערקט איז דער דאָזיקער נאַטירלעכער און — אין גרינט באַשיידענער פאַרלאַנג אויסגעוואַקסן אין אַ שטאַרקער נויטווענדיקייט און, מיט דער גאַנצער יוגנטלעכער ענערגיע, האָב איך אָנגעהויבן צושטיין צו די באַקאַנטע מיט „קינדערשע" פראַגן. אַנדערע האָבן מיך אויפריכטיק נישט פאַרשטאַנען, פאָרלייגנדיק מיר צו לייענען די ביכער פון לייעלן און לעבאָקן, די צווייטע ווידער האָבן מיך גראָב אויסגעלאַכט און געפונען, אַז איך פאַרנעם זיך מיט „שטותעריי"; עמיץ האָט מיר געגעבן לאָאיסעס „געשיכטע פון דער פילאָזאָפיע", דאָס בוך איז מיר פאָרגעקומען צו זיין לאַנגווייליק, כ׳האָב עס נישט אָנגעהויבן צו לייענען.

צווישן מיינע בעקאַנטע האָט זיך באַוויזן אַ סטודענט מיט אַן אויסטערלישן אויסזען אין אַן אָפגעטראָגענעם סטודענטן-מאַנטל, אין אַ קורצער בלויער רובאַשקע, וואָס ער האָט געמוזט אָפט אַרונטערציען פון הינטן, כדי צו באַהאַלטן אַ קליינעם בלויז אין דעם אונטערשטן טייל פון זיין אַנצוג. ער איז געווען אַ קורצזיכטיקער אין ברילן, מיט אַ קליין צעשפאַלטן בערדל, און האָט געטראָגן לאַנגע האָר מעשה „ניגיליסט"; זיינע מאָדנע געדיכטע געלבלעכע האָר זענען אים אַרונטערגעהאָנגען ביז צו די אַקסלען אין גלייכע, האַרטע פאַסמעס. זיין פנים האָט פאַרמאָגט עפעס ענלעכעס מיט דער איקאָנע פון „געטלעכן ספאַס" באַוועגט האָט ער זיך געלאַסן, אָן חשק, ווי געגן זיין ווילן; אויף פראַגן פלעגט ער ענטפערן קורץ, האַלב אָנגעברוגזט, האַלב — שפאָטיש, מ׳האָט זיך באַציגן צו אים פיינטלעך.

כ׳האָב זיך מיט אים באַקענט, און, חגם ער איז געווען מיט אַ יאָר פיר עלטער פאַר מיר; האָבן מיר זיך שנעל באַפריינדעט. גע-רופן האָט מען אים ניקאָליי זאַכאַראָוויטש וואַסיליעוו, לויט זיין ספּע-ציאַליטעט איז ער געווען אַ כעמיקער.

ער איז געווען אַ זעלטענער, העכסט געבילדעטער מענטש און, ווי כמעט אַלע טאַלענטירטע רוסישע מענטשן, האָט ער אין זיך געהאַט שגעונות! ער האָט געגעסן לוסטעס שוואַרץ-ברויט, באַשיטנדיק דיק מיט כינין, האָט זיך באַטעמט דערמיט און האָט מיך איינגערעדט, אַז כינין – איז זייער אַ געשמאַקע נאַשערײַ. און, דער עיקר, נויטיק: עס האָלט איין די ווילדקייט פון „געשלעכטלעכן אינסטינקט”. בכלל פלעגט ער מאַכן איבער זיך עפּעס נישט גאָר קיין אומשעדלעכע פּרוּוון: ער פלעגט איינ-נעמען בראָם-קאַלי און נאָכדעם רויכערן אָפּיום, פון וואָס ער איז שיר נישט געשטאָרבן אין קאָנוואולסיעס; ער האָט אויך איינגע-נומען אַ שטאַרק געמישעכץ פון עפּעס אַ מעטאַל זאַלץ און איז אויך באַלד שיר נישט אומגעקומען. דער דאָקטער, אַ בייזער זקן, וואָס האָט אויסגעפּאָרשט די רעשטלעך פון דעם געמישעכץ, האָט געזאָגט:

– אַ פערד וואָלט פון דעם געפּגרט. מעגלעך, אַז אַפילו אַ פּאָר פערד! אייך וועט דאָס דאָזיקע שפּיל אויך נישט גלאַט אַראָפּ, זייט זיכער.

מיט די דאָזיקע פּרוּוון האָט זיך ניקאָליי צעשעדיקט אַלע ציין, זיי זענען ביי אים גרין געוואָרן און האָבן זיך אויסגע-ברעקלט. געענדיקט האָט ער דערמיט, וואָס – מיט אַ כיוון אָדער אומגערן – ער האָט אין 1901 יאָר, זייענדיק אין קיעוו, זיך פאַר-סמט, אַרבעטנדיק מיט אינדיגאָאיד, אַלס אַסיסטענט פון פּראָפעסאָר קאָנאָוואַלאָוו.

אין די יאָרן 89-90 איז ער געווען אַ געזונטער קרעפּטיקער מענטש, אַ שגעון-וויצלינק און אַ ליסטיקער, זייענדיק מיט מיר אַליין, און צווישן לייט אַביסל בייסיק-כיטרע.

איך געדענק מיר האָבן אָנגענומען אין דער זעמסקער פאַרוואַלטונג עפּעס אַ רעכענונגס-אַרבעט, וואָס האָט זיך באַצאָלט

מיט אַ רובל אַ טאָג. און דאָ דערמאָן איך זיך, ווי ניקאָליי זיצט אָנגעבויגן איבערן טיש און זינגט מיט אַ געמאַכט-ניוואַלדיק טענאָרל מיט דער מעלאָדיע פון: „קוקט אַהער, קוקט אַהין",

— הונדערט דריי און צוואָנציק
און צוויי און צוואָנציק —
הונדערט פינף און פערציק
הונדערט פינף און פערציק!

ער זינגט צען מינוט, אַ האַלבע שעה, זינגט ווייטער, — דער טענאָרל זיינס קלינגט אַלץ מאוסער. צום סוף — בעט איך:

— הער אויף!

ער קוקט אויפן וואַנט-זייגער און — זאָגט:

— דו האָסט גאַנץ געזונטע נערוון, נישט יעדער וואָלט אויסגעהאַלטן אַזאַ מין נסיון אין פאַרלויף פון זיבן און פערציק מינוט. כ'האָב איינעם אַ באַקאַנטן מעדיקער געזונגען „הללויה", האָט ער שוין אויף דער דרייצענטער מינוט אַ וואָרף געטון אויף מיר אַ טשוגונענע אַש-כּלי און ער האָט געשטודירט אויף פּסיכיאַטאָר.

ניקאָליי האָט שטענדיק געלייענט דייטשע פילאָזאָפישע ביכער און ער האָט זיך געקליבן שרייבן אַן אָפּהאַנדלונג אויף דער טעמע „געגעל און סווערענבאָרג". „געגעלס פענאָמענאָלאָגיע פון גייסט" האָט ער אָנגענומען עפּעס הומאָריסטיש; ליגנדיק אויף דער זאָפע, וואָס מיר האָבן אַ נאָמען געגעבן דער „קאַווקאַזער באַרג-רוקן". האָט ער זיך געקלאַפּט מיטן בוך איבערן בויך, געדריגעט מיט די פיס און געקייכט פון געלעכטער כּמעט ביז טרערן.

בשעת כ'האָב אים אַ פרעג געטון: פון וואָס ער לאַכט! — האָט ניקאָליי מיט פאַרדרוס געענטפערט:

— איך קען נישט ברודער, כ'וועל דאָס דיר נישט קענען דערקלערן, ס'איז אַ גוואַלדיק שכלדיק ער שפּיל! דו — ווייסט עס נישט פאַרשטיין! נאָר, ווייסט, — אַ העכסט אינטערעסאַנטע געשיכטע!

נאָכדעם, ווי כ׳האָב אים שטאַרק געבעטן, האָט ער מיר מיט התפעלות לאַנג גערעדט וועגן דער „מיסטיק פון דאָס קלוגע״, כ׳האָב אין דער אמתן גאָר נישט פאַרשטאַנען, כ׳האָב קיין זאַך נישט פאַרשטאַנען און דאָס האָט מיך שטאַרק פאַרדראָסן.

וועגן זיין אינטערעס פאַר דער פילאָזאָפיע פלעגט ער זאָגן:

— דאָס, ברודערל, איז פונקט אַזוי אינטערעסאַנט, ווי קנאַקן קערלעך און, כמעט, פונקט אַזוי נוצלעך!

ווען כ׳בין געקומען צופאָרן פון מאָסקווע אויף פעריען, האָב איך זיך, געוויינלעך, געווענדט צו אים מיט „קינדערשע״ פראַגן און האָב אים דערמיט שטאַרק דערפרייט.

— אַהאַ, מ׳נויטיקט זיך אין דער פילאָזאָפיע? אויסגעצייכנט! דאָס האָב איך ליב. די דאָזיקע גייסטיקע שפייז וועט דיר געגעבן ווערן וויפיל דו באַדאַרפסט.

ער האָט מיר פאָרגעלייגט איבערצולייענען פאַר מיר עטלעכע לעקציעס.

— דאָס וועט זיין לייכטער און, איך האָף, עס וועט דיר אָנגענעמער זיין, ווי צו זויגן ליוואיסין!

אין עטלעכע טעג אַרום, בין איך, שפעט ביינאַכט, געזעסן אין אַ האַלב חרובעןביידל פון אַ פאַרוואָרפענעם סאַד. די עפּלבוימער און קאַרשן-בוימער זענען געווען באַוואַקסן מיט מאָך, די קוסטעס פון מאַלינעס, סמאָראָדינעס און אַגרעסן האָבן זיך געדיכט פאַנאַנדערגעוואַקסן, באַדעקנדיק די סטעזשקעס מיט טויזנטער שטעכיקע צווייגן, איבער די סטעזשקעס האָט הוסטענדיק און ברומענדיק, אין אַ גראָען כאַלאַט, אַרומגעבלאָנקעט ניקאָלייס פאָטער, אַ בעאַמטער פון דער גייסטלעכער קאָנסיסטאָריע, וואָס איז געווען עובר-בטל פון אַלטקייט.

פון אַלע זייטן האָבן זיך דערהויבן ווענט פון שייערן, דער סאַד איז געלעגן פונקט ווי אויפן דעק פון אַ פירקאַנטיקער פינסטערער גרוב, און וואָס נענטער עס פלעגט זיך אָנרוקן די נאַכט, אַלץ טיפער פלעגט ווערן די גרוב. ס׳איז געווען שטיקנדיק הייס, פון הויף האָט זיך געטראָגן אַ שווערער גערוך פון

שמוציקן וואַסער, וואָס איז פאַרן טאָג שטאַרק דורכגעוואַרימט געוואָרן פון דער הייסער תמוזדיקער זון.

— מיר וועלן פילאָזאָפירן, — האָט געזאָגט ניקאָליי, באַטעמענדיק און לעקענדיק די ווערטער. ער איז געזעסן אין ווינקל פון ביידל, אָנגעשפּאַרט אויף אַ טיש, וואָס איז געווען איינגעגראָבן אין דער ערד. דאָס פייערל פון פּאַפּיראָס, האָט, אויפפלאַמענדיק, באַלויכטן זיין אויסטערליש פּנים, און אָבגעשפּיגלט זיך אין די גלעזלעך פון די ברילן. ניקאָליי האָט געהאַט פיבער, ער האָט פרירנדיק זיך געקוטעט אין אַן אַלטינקן מאַנטל, געשאַרט מיט די פיס איבער דער ערדיקער פּאָדלאָגע פון ביידל, דער טיש האָט בייז געסקריפּעט.

אָנגעשטרענגט האָב איך זיך צוגעהערט צו דעם חברס איינגעהאַלטענעם קול, ער האָט מיר אינטערעסאַנט און פאַרשטענדלעך דערקלערט דעמאָקריטס סיסטעם, ער האָט מיר דערציילט וועגן דער טעאָריע פון די אַטאָמען, ווי זי איז אָנגענומען אין דער וויסנשאַפט, דערנאָך, האָט ער פּלוצלינג געזאָגט:

— וואַרט! — און האָט לאַנג געשוויגן, רויכערנדיק איין פּאַפּיראָס נאָך דעם צווייטן.

ס'האָט זיך שוין אָנגערוקט די נאַכט, אַ נאַכט אָן אַ לבנה און אָן שטערן, דער הימל איז געהאָנגען שוואַרץ איבערן סאָד, די שטיקנדיקע היץ האָט זיך פאַרשטאַרקט. אין דעם שכנותדיקן הויז פון דעם פּסיכיאַטאָר קאַשטשענקאָ האָט רירנד געשפּילט אַ וויאָלין. פון אָפענעם בוידעם-פענסטער האָט זיך געהערט אַן עלטערליך הוסטן.

— אָט וואָס, ברודער — האָט ניקאָליי אָנגעהויבן רעדן, שטאַרק רויכערנדיק און — נאָך שטילער, ווי פריער — דו דאַרפסט זיך באַציען צו די אַלע מעשׂיות מיט גרויס פאָרזיכט! איינער, — כ'האָב גערעדט פערגעסן ווער — האָט גאַנץ קלוג געזאָגט, — אַז די איבערצייגונגען פון די געבילדעטע מענטשן זענען פּונקט אַזוי קאָנסערוואַטיוו, ווי די רגילותן פון געדאַנק ביי דער אומוויסנדער אָבערגלויביקער פאָלקס-מאַסע. דאָס — איז אַן אַפּיקורסישער געדאַנק, נאָר דאָ איז באַהאַלטן, אַ ביטערער אמת. און, — לויט

מיין מיינונג, איז דער דאָזיקער רעיון אַרויסגעזאָגט געוואָרן נאָך צו מילד. דו נעם דיר אַריין דעם דאָזיקן געדאַנק שטאַרק אין קאָפּ אַריין.

איך געדענק זייער גוט יענע ווערטער, דאָס איז געווען, דוכט זיך, איינע פון די בעסטע, פריינטלעכסטע און אויפריכטיגסטע עצות, וואָס מען האָט מיר ווען עס איז געגעבן. די דאָזיקע ווערטער האָבן מיך אויפגערודערט, האָבן אָבגעהילכט אין מיין נשמה און נאָך מיר אָנגעשפּאַנט מיין אויפמערקזאַמקייט.

— דו ביסט — אַ מענטש, וועלכן איך וואָלט וועלן זען אַזא ביז צום סוף פון זיין לעבן. געדענק דאָס, וואָס דו פילסט שוין איצט: די פרייהייט פון געדאַנק איז די איינציקע און טייערסטע פרייהייט, וואָס איז צוטרעטלעך פאַרן מענטשן, אָט די דאָזיקע פרייהייט פאַרמאָגט בלויז יענער, וואָס גלויבט נישט קיין זאַך אויפן וואָרט נאָר פאָרשט אַלץ אויס, יענער, וואָס האָט גוט פאַרשטאַנען די אומאויפהערלעכע אַנטוויקלונג פון לעבן, זיין אומאויפהערלעכע באַוועגונג, די כסדרדיקע ענדערונג פון די ערשיינונגען פון דער ווירקלעכקייט.

ער איז אויפגעשטאַנען, האָט זיך אַרומגעדרייט אַרום דעם טיש און האָט זיך צוגעזעצט צו מיר.

— אַלץ, וואָס כ׳האָב דיר געזאָגט — קען מען אויסדריקן אין אַ פּאָר ווערטער: לעב מיט דיין אייגענעם שכל! אָט, איך וויל נישט אַריינקלאַפּן מיינע מיינונגען אין דיין קאָפּ. בכלל, קען איך קיינעם נישט און גאָרנישט לערנען, אַ חוץ, איבעריקס, מאַטעמאַטיק. באַזונדערס וועל איך אָבער דיך נישט לערנען, פאַרשטייסט? איך — דערצייל. און מאַכן ווען עס איז ענלעך צו זיך, דאָס איז, ברודער, נאָך מיין מיינונג, אַ שווייגעריי. כ׳וויל איבערהויפּט נישט, אַז דו זאָלסט דענקען, אַזוי ווי איך, דאָס טויג דיר לחלוטין נישט, ווייל איך, ברודער, דענק שלעכט.

ער האָט אַ וואָרף געטון דעם פּאַפּיראָס אויף דער ערד, צוטרעטנדיק אים אַ פּאָר מאָל צו פעסט מיטן פוס. נאָר תיכף האָט ער פאַרויכערט אַן אַנדער פּאַפּיראָס און אָנוואַרעמענדיק אויף דער שוועבעלע דעם נאָגל פון גרויסן פינגער,

האָט ער גערעדט ווייטער, שמייכלענדיק נישט־פרייליך.

– אָט, איך, למשל, קלער אַז די מענטשהייט וועט ביז דעם סוף פון איר עקזיסטענץ, באַשרייבן פאַקטן און וועט שאַפן פון די דאָזיקע באַשרייבונגען מער אָדער ווייניקער אומגעלונגענע השערות וועגן דעם תוך פון אמת אָדער, זי וועט, נישט־רעכענענדיק זיך מיט די פאַקטן, שאַפן פאַנטאַזיעס. אין דער זייט פון דעם – אָדער איבער דעם, אונטער דעם – גאָט, נאָר גאָט — קאָן איך נישט תופס זיין. מעגליך, עס איז אויך דאָ אַ גאָט, נאָר – איך וויל אים נישט, זעסטו, – ווי שלעכט איך דענק? יאָ, ברודער! עס זענען דאָ מענטשן, וואָס האַלטן דעם אידעאַליזם און דעם מאַטעריאַליזם, ביידע גלייך פאַר אַ פאַר־פירעניש. זיי זענען געגליכן, צו די שדים, וועלכע עס האָט דערעסן דער שמוציקער גיהנום, נאָר – עס ציט זיי אויך נישט צו דער נודנער האַרמאָניע פון גן עדן.

ער האָט אַ זיפץ געטון, און צוגעהערט זיך צום שפילן פון דער וויאָלינע.

– קלוגע מענטשן זאָגן, אַז מיר ווייסן נאָר דאָס, וואָס מיר טראַכטן וועגן זאַכן וואָס אונזער אויג זעט, – מיר ווייסן בלויז נישט צו איז דאָס טאַקי אַזוי און צו טראַכטן מיר ריכטיק? און דו – זאָלסט דערין אויך נישט גלויבן. זוך אַליין...

זיינע רייד האָבן מיך גוואַלדיק אויפגערידערט, איך האָב פון די רייד פאַרשטאַנען נאָר אַזוי פיל, וויפיל ס'איז נויטיק צו דערפילן דעם ווייטאָג פון ניקאָלייס האַרץ. אָננעמענדיק זיך ביי די הענט, זענען מיר אַ רגע געשטאַנען שווייגנדיק. אַ טייערע מינוט, מסתמא איינע פון די בעסטע מינוטן פון גליק, וואָס מיר איז אַמאָל אויסגעקומען איבערצולעבן – דאָס דאָזיקע לעבן, וואָס איז געווען אַזוי פאַרשיידנאַרטיק, האָט מיר געמעגט עפּטערס שענקען אַזעלכע מינוטן. אגב — איז דער מענטש גיריק. דאָס איז איינע פון דעם מענטשנס מעלות, נאָר – על פי טעות, אָדער ריכטיקער צוליב חניפה – האַלט מען דאָס פאַר אַ חסרון.

מיר זענען אַרויס אויפן גאַס און האָבן זיך אָבגעשטעלט ביים טויער, צוהאָרכנדיק צו אַ ווייטן דונער. איבער די שוואַרצע

וואָלקנס זענען דורכגעפלויגן אָבשיינען פון בליצן און אין מזרח־זייט האָבן די וואָלקנס שוין געברענט און צעגאַנגען אין דעם פייער פון דער אויפגייענדיקער זון.

– אַ דאַנק, ניקאָלאַ!

– נאַרישקייטן...

כ׳בין אַוועק.

– הער נאָר, – האָט פריילעך און דייטלעך אָבגעקלונגען ניקאָלאַיס קול, אין מאָסקווע וווינט דער נעטשאַיעוועץ אָרלאָוו, אַ וווּנדערלעכער זקן. און ער זאָגט: „אמת – איז נאָר דער גע־דאַנק וועגן אמת". נו, גיי! ביז מאָרגן...

אָבגייענדיק עטלעכע טריט, האָב איך זיך אַרומגעקוקט, ניקאָליי איז געשטאַנען אָנגעשפאַרט אָן לאַמטערן־סלופּ און געקוקט אין הימל אַריין, צו מזרח זייט. בלויע רויך־זיילן האָבן זיך גע־הויבן איבער זיינע גרעדיכטע האָר. איך בין אַוועק פון אים אין אַ זעלטן־גוטער לירישער שטימונג, – אָט עפענען זיך פאַר מיר „די טויערן פון די גרויסע געהיימניסן".

נאָר אויף מאָרגן האָט ניקאָליי פאַנאַנדערגעוויקלט פאַר מיר אַ שרעקלעך בילד פון דער וועלט, ווי ס׳האָט עס פאָר־געשטעלט עמפּעדאָקל, די דאָזיקע מאָדנע וועלט איז קענטיק שטאַרק געפעלן געוועזן דעם לעקטאָר. ניקאָליי האָט מיר זי פאָרגעשטעלט מיט התלהבות, וויצעק, בולט און, עפּטערס ווי אַלע מאָל, האָט ער זיך געשמאַק באַטעמט.

פונקט אַזוי ווי נעכטן, איז שוין געווען שפּעט אין אָוונט, און בייטאָג האָט געגאָסן אַ שלאַגס־רעגן, אין סאָד איז געווען פייכט, ס׳האָט געזיפּצט דער ווינט, שאָטנס האָבן געבלאָנדזשעט, איבערן הימל זענען געשווומען האַסטיק לויפנדיקע שטיקער וואָלקנס, אויפדעקנדיק בלויע אָפגרינטן און שטערן.

איך האָב געזען פאַר מיינע אויגן אַ שרעקלעך בילד, וואָס לאָזט זיך נישט באַשרייבן. כ׳האָב געזען ווי אין אַן אומגעהויערן גרויסן טיפן בעכער, וואָס איז געלעגן אומגעקערט אויף אַ זייט, שווימען אַרום אויערן, אויגן, הענט מיט פאַנאַנדערגעשפּרייטע פינגער, קוילערן זיך קעפּ אָן פּנימער, עס גייען מענטשלעכע

פוס, יעדער באַזונדער פון צווייטן, עס שפּרינגט אַרום עפּעס אַן אומגעלומפּערט, האָריק פאַרזעעניש, ענלעך צו אָבער, עס באַוועגן זיך די וואָרצלען פון בוימער, פונקט ווי גרויסע שפּינען, און די צווייגן און בלעטער לעבן אָבגעטיילט פון זיי; עס פליען אַלערליי פאַרביקע פליגלען און שטום קוקן מיך אָן מאָרדעס פון ריזיקע אָקסן אָן אויגן, און זייערע קיילעכדיקע אויגן שפּרינגען צע־שראָקן איבער זיי; אָט לויפט אַ געפליגלטער פוס פון אַ קעמל, און נאָך אים לויפט געשווינד אַ געהאָרנטער קאָפּ פון אַ סאָווע, — דאָס גאַנצע אינעווייניקסטע פון בעכער איז אָנגעפולט מיט שטור־מיקע באַוועגונגען פון באַזונדערע גלידער, טיילן, שטיקער, וואָס זענען אַמאָל איראָניש העסלעך פאַראייניגט.

אין דעם דאָזיקן מישמאַש פון פינסטערער צעריסנקייט, אין שטימען וויכער פון צעריסענע קערפּערס, באַוועגן זיך מאַיעסטעטיש, שטרייטנדיק צווישן זיך, די שנאה און די ליבע, וואָס לאָזן זיך נישט אונטערשיידן איינס פון דער צווייטער, צוליב זייער ענלעכקייט. פון זיי פליסט אַרויס אַ לויטערע, בלוילעכע שיין, וואָס דערמאַנט אָן אַ ווינטערדיקן הימל אין אַ זוניקן טאָג און באַלייכט דאָס אַלץ, וואָס באַוועגט זיך, מיט אַ טויט — אייני־טאָניק ליכט.

כ׳האָב זיך נישט צוגעהערט צו ניקאָלייס רייד, פאַרכאַפּט פון דער וויזיע און פונקט, ווי כ׳וואָלט זיך אויך לאַנגזאַם גע־דרייט אין דער דאָזיקער וועלט, וואָס איז צעבראָקלט אין שטיקער, אַזוי, ווי זי וואָלט געווען אויפגעריסן אינעווייניק און פאַלט ספּיראַליש אין אַ תהום פון בלויער, קאַלטער שיין, כ׳בין געווען אַזוי דערשלאָגן פון דעם, וואָס כ׳האָב געזען, אַז פון פאַרגליווערונג, האָב איך נישט געקאָנט תיכף ענטפערן אויף ניקאָלייס פראַגן:

— ביסט איינגעשלאָפן? דו הערסט נישט?

— כ׳קען נישט מער.

— פאַרוואָס?

כ׳האָב דערקלערט.

— ביי דיר, ברודער, איז צו שטאַרק צעשפּילט די

פאַנטאַזיע, האָט ער געזאָגט, פאַרויכערנדיק אַ פּאַפּיראָס, — דאָס איז נישט קיין גרויסער שבח. וואָס, אפשר גייען מיר שפּאַצירן?

מיר זענען אַוועק צום שפּועדיקן ברעג פון טייך מיטן גאָס. גלאַנציקע לוזשעס האָבן זיך איבער איר גאַנצער לענג אַ ווײַלע באַוויזן און באַלד ווידער פאַרשוווּנדן. אייליק זענען געקראָכן די שאָטנס איבער די דעכער פון די הײַזער און איבער דער ערד.

ניקאָליי האָט געזאָגט, אַז די שמאַטעס אין די פּאַפּיר־פאַבריקן דאַרף מען ווײַסן מיט כלאָרישן נאַטראָס, — דאָס איז בעסער און ביליגער. דערנאָך האָט ער דערציילט וועגן דער אַרבעט פון אַ פּראָפעסער, וואָס זוכט אַ מיטל, ווי צו פאַרלענגערן די בוים פעדים.

און פאַר מײַנע אויגן זענען כסדר געשווּמען אָבגעריסענע הענט, עמיצנס אומעטיקע אויגן.

אין אַ טאָג אַרום האָט מען ניקאָלייען אַרויסגערופן דורך אַ דעפּעשע קיין מאָסקווע, אין אוניווערסיטעט. און ער איז אַוועקגעפאָרן, ראַטנדיק מיר, אַז ביז זײַן צוריקקערן, זאָל איך זיך נישט פאַרנעמען מיט פילאָזאָפיע.

כ׳בין איבערגעבליבן מיט אַן אומרויִקן מישמאַש אין קאָפּ, מיט אַן אויפגעבראַכטער נשמה, און אין עטלעכע טעג אַרום האָב איך דערפילט, אַז מײַן מוח צעשמעלצט זיך און קאָכט, שאַפנדיק מאָדנע געדאַנקען, פאַנטאַסטישע זעאונגען און בילדער. ס׳האָט מיך אַרומגענומען אַ געפיל פון אומעט, וואָס זויגט אויס דאָס חיות, און כ׳האָב זיך אָנגעהויבן שרעקן פאַר משוגעת. נאָר איך בין געווען דרייסט און האָב באַשלאָסן צו דערגייען ביז צו סאַמע סוף פון דער שרעק, און, קענטיק, אַז גראָד דאָס האָט מיך געראַטעוועט.

אימהדיקע נעכט האָב איך איבערגעלעבט. ס׳טרעפט, דו זיצסט זיך אַזוי אויפן „אָטקאָס״ (שפּוע), קוקנדיק אין דער טריבער ווײַטקייט פון די וואָלגער ברעגן, צום דעם הימל, וואָס איז באַשאָטן מיט אַ גאָלדענעם שטויב פון שטערן און — פלוצלינג

הויבסטו אָן וואַרטן, אַז אָט באַלד, וועט זיך אין דער נאַכטיקער בלויקייט פון הימל באַווייזן אַ רונדער שוואַרצער פלעק, ווי דער מויל פון אַ טיפן אָבגרונטיקן ברונים, און פון דאָרטן וועט זיך אַרויסרוקן אַ פייערדיקער פינגער, און וועט מיר דראָען.

אָדער: אַראָפּשלײדערנדיק און לעשנדיק די שטערן, וועט איבערן הימל דורכקריכן אַ דיקער גרויער וואָרים מיט אײזיקע שופּן און וועט אויף אײביק איבערלאָזן נאָך זיך אַ נישט דורכדרינגלעכע שטײנערנע פינסטערניש און שטילקײט. ס׳האָט זיך געדוכט ווי אַ מעגליכע זאַך, אַז אַלע שטערן פון דעם מילך-וועג זאָלן זיך האָבן צוזאַמענגעגאָסן אין אַ פייערדיקן טײך, און אָט — באַלד וועט דער טײך אַ פליוך טון אויף דער ערד.

פלוצלינג האָט אויפן אָרט פון דער וואָלגע, אַן אָבגרונטיקער שפּאַלט צעעפנט אַ גרויען תהום, און צו אים זענען, שפּילענדיק, פון אומעטום זיך צוזאַמענגעלאָפן שטראָמען מיט קינדער, ס׳האָבן זיך געצויגן אומענדלעכע רייען זעלנער מיט מוזיק אָרקעסטערן פון פאָרנט; ווי אין קרײץ-צוג זענען געפלאָסן די מאַסן פון המון מיט אַ סך גלחים, מיט פאָנעס הײליקע בילדער, עס זענען געפאָרן אומצײליקע פורן, עס זענען געגאַנגען מיליאָנען פויערים מיט שטעקנס אין די הענט, מיט די קלמיקעס אויף די פלײצעס, אַלע אויף איין שטײגער; דאָרט אין יענעם שפּאַלט האָבן זיך אַרײנגעצויגן די וואָלקנס, האָט זיך אַרײנגעצויגן דער הימל, האָט זיך ווי אַראָד געדרייט אַ צעבראָכענע לבנה, און, ווי אַ שטורעם-ווינט האָבן זיך געשאָטן די שטערן, פונקט, ווי מעשענע שנײעלעך.

כ׳האָב געוואָרט, אַז דער ברייטער שטח פון די לאָנקעס, וועט זיך אָנהויבן צוזאַמענוויקלען, ווי אַ מגילה. די דאָזיקע מגילה וועט זיך אַוועקקײקלען איבערן טײך, אַרײנזויגן דאָס וואַסער, נאָכדעם וועט זיך אויך דער הויכער ברעג פון טײך, צוזאַמענוויקלען פונקט ווי קאָרע, אָדער אַ שטיק לעדער אויפן פייער, און, ווען אַלץ, וואָס מיר זעען וועט אויסזען ווי אַ שוואַרצע מגילה, — וועט עמיצנס אַ שנײ-ווײסע האַנט דאָס אַלץ

נעמען און אַוועקטראָגן, און איך וועל בלייבן אַליין, בלייבנדיק אומבאַוועגלעך הענגען אין דער פאַרגליווערטער שטילקייט.

פון דעם באַרג, אויף וועלכן איך בין געזעסן האָבן געקאָנט אַרויסגיין גרויסע שוואַרצע מענטשן מיט מעשענע קעפּ. אָט גייען זיי אין געדיכטע מאַסן, זיי גייען אין דער לופט און פילן אָן די וועלט מיט אַ באַטובנדיקער קלינגערײַ, און פון דער קלינגערײַ פאַלן, ווי אונטערגעזעגטע דורך אַנאומגעזעענער זעג, בוימער, טורעמס, עס ווערן חרוב הייזער און אָט — איז פון אַלץ, וואָס אויף דער ערד געוואָרן איין סלופּ פון גרינלעך-ברענענדיקן שטויב, ס׳איז איבערגעבליבן בלויז איין רונדער גלאַטער מדבר און, אינמיטן, נאָר איך איינער אַליין אויף אַלע פיר אייביקייטן, דווקא — אויף פיר, כ׳האָב זיי געזען די דאָזיקע אייביקייטן אומגעהויער גרויסע, טונקל גרויע קרייזן פון נעבל אָדער רויך, זיי דרייען זיך לאַנגזאַם אין דער אומדורכדרינגלעכער פינסטערניש כמעט נישט-אונטערשיידנדיק זיך פון איר מיט זייער געשפּענסטיקן קאָליר.

כ׳האָט געזאָגט גאָט — דעם האַר צבאות, פונקט אַזוי, ווי מען מאָלט אים אויס אויף די איקאָנעס און אויף די בילדער: אַן אָנגעזעענער, מיט אַ גראָער באָרד, מיט גלייכגילטיקע אויגן, זיצנדיק איינזאַם אויף זײַן גרויסן, שווערן טראָן, נייט ער מיט אַ גאָלדענער נאָדל און מיט אַ בלאָען פאָדים אַ משונהדיק לאַנג ווייס העמד, וואָס פאַלט אַרונטער אויף דער ערד ווי אַ דורכזיכטיקער וואָלקן. אַרום גאָט — איז אַ פוסטקייט און מען קען אין איר נישט אַרײַנקוקן אָן אימה, ווײַל זי פאַרברייטערט זיך און פאַרטיפט זיך אָן אויפהער און אָן אַ גרעניץ.

הינטערן טייך, אויף דער פינסטערער פלאַך וואַקסט אויס, כמעט ביזן הימל, אַ מענטשלעכער אויער, אַ געווײַנלעך אויער, מיט דיקע האָר אין אויער לעפל, ער וואַקסט אויס און — האָרכט אונטער אַלע מײַנע געדאַנקען.

מיט אַ לאַנגער צוויי-הענטלדיקער שווערד פון אַ מיטל-אַלטערלעכן תּלין, וואָס איז בויגעוודיק, ווי אַ בייטש, האָב איך

דערהרגעט אָן אַ צאָל מענטשן, זיי זענען געקומען צו מיר פון רעכטס און פון לינקס, מענער און פרויען, אַלע — נאַקעטע, זיי זענען געגאַנגען שווייגעדיקע, מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ, הכנעהדיק אויסציענדיק די העלדזער. הינטער מיר איז געשטאַנען אַן אומבאַקאַנט באַשעפעניש, און דאָס האָב איך מיט זיין רצון דערהרגעט, און דאָס באַשעפעניש האָט מיר געאָטעמט אין מיין מאַרך מיט קאַלטע נאָדלען.

צו מיר איז צוגעגאַנגען אַ נאַקעטע פרוי אויף פויגלשע לאַפּקעס אַנשטאָט פוס, פון אירע ברוסט האָבן זיך געצויגן גאָלדענע שטראַלן, אָט האָט זי אַ גאָס געטון אויף מיין קאָפּ הויפנס זודיקן פעטס, און אויפפלאַקערנדיק, ווי אַ שטיק וואַטע, בין איך פאַרשוווּנדן.

דער נאַכט וועכטער איבראַהים גובײדולין האָט מיך עטלעכע מאָל אויפגעהויבן אויף דער אויבערשטער אַלע פון „אָטקאָס", מיך אָבגעפירט אַהיים און פריינטלעך צוגערעדט:

— פאַרוואָס שפּאַצירסטו אַרום אַ קראַנקער? אַ קראַנקער — מוז ליגן אין דער היים...

אָפּטמאָל, פלעג איך אַן אויסגעמאַטערטער פון מיינע היץ־פאַנטאַזיעס, לויפן צום טייך אויסבאָדן, — דאָס פלעגט מיר אַביסל העלפן.

און אין דער היים האָבן מיך אָבגעוואַרט צוויי היימיש צוגעוווינטע מייז, זיי האָבן געוווינט הינטער באַשלאָגענע ברעטלעך פון אַ וואַנט; זיי האָבן אין דער הויך פון אַ טיש, אויסגעביסן אַ שפּאַלט אין דעם ווענטל, פלעגן אַרויפקריכן גלייך אויפן טיש, בשעת איך פלעג אָנהויבן קלאַפּן מיט די טעלער וואָס די באַלעבאָסטע האָט אָנגעגרייט פאַר מיר צום אָוונטברויט.

און דאָ האָב איך געזען: פון די קאָמישע חיהלעך פלעגן ווערן קליינע גרויע שדימלעך און, זיצנדיק אויף דער טאַבאַקפושקע, פלעגן זיי מאַכן מיט זייערע האָריקע פיסלעך, אָנקוקנדיק מיך וויכטיק, אין דער צייט, ווען עמיצנס אַן אומעטיקע שטים האָט געשושקעט, פונקט ווי אַ שטילער גערויש פון אַ רעגן.

— דער געמיינזאַמער ציל פון אַלע שדים איז — צו העלפן די מענטשן אין זייער זוכעניש נאָך אומגליקן.

— דאָס — איז שקר! האָב איך געשריען אין צאָרן, קיינער זוכט נישט קיין אומגליקן...

נאָכדעם פלעגט דערשיינען דער „קיינער". כ'האָב געהערט, ווי ער קלינגט מיט דער קליאַמקע פון דער פאָרטקע, עפנט אויף די טיר פון גאַניק, פון פאָדער צימער און — אָט איז ער ביי מיר אין צימער. ער — איז קילעכדיק, ווי אַ זייפן-בלאָז, אָן הענט, אַנשטאָט אַ פנים — האָט ער אַ ציפערבלאַט פון אַ זייגער, און די ווייזערס — זענען פון מערן; איך פיל דערצו פון קינדווייז אָן אַן עקל. איך ווייס, אַז דאָס איז דער מאַן פון דער פרוי, וואָס איך ליב, ער האָט זיך נאָר איבערגעטון, כדי איך זאָל אים נישט דערקענען, אָט ווערט ער אַ ממשותדיקער מענטש, אַ דיקינקער, מיט אַ שאטען-באָרד, מיט אַ ווייכן קוק פון גוטע אויגן. ער רעדט מיר אויס אַלדאָס שלעכטס און נישט פיינס, וואָס איך טראַכט וועגן זיין פרוי און, וואָס קיינער, אויסער מיך, ווייס דערפון נישט.

— אַרויס! — שריי איך צו אים.

דאַן דערהער איך הינטער זיך אַ קלאַפּ אין וואַנט, — דאָס קלאַפּט די באַלעבאָסטע, די ליבע און קלוגע פעליצאַטע טי-כאָמיכאָווע, איר קלאַפּ קערט מיך צוריק צו דער רעאַלער וועלט, איך גיס אָב דעם קאָפּ מיט קאַלטן וואַסער און, כדי נישט צו קלאַפּן מיט די טירן און נישט שטערן די שלאָפּעדיקע, שפרונג איך אַרויס דורכן פענסטער אַרויס אין סאַד, — דאָ זיך איך ביז אין דער פרי.

אין דער פרי ביים טיי טרינקען זאָגט די באַלע-באָסטע:

— און איר האָט ווידער געשריען ביינאַכט...

ס'איז מיר אַ ביטערע חרפה, איך האַס זיך אַליין.

... אין יענער צייט האָב איך געאַרבעט אַלס שרייבער ביים אַדוואָקאַט א. י. לאַנין, אַ טייערער מענטש, וועלכן איך האָב זייער פיל צו פאַרדאַנקען. ווען איך בין איינמאָל געקומען

צו אים, האָט ער מיך איבערגענומען, פּאָכענדיק ווילד מיט עפּעס פּאַפּירן און שרייענדיק:

— איר זענט פון זינען אַראָפּ? וואָס האָט איר, ליבער, אָנגעשריבן אין אַ פּעליאַצע־פּראָטאָקאָל? זייט אַזוי מוחל און שרייבט תּיכּף איבער, — היינט איז דער לעצטער טערמין דאָס אָנצוגעבן. מערקווירדיק! אויב דאָס איז — אַ שפּאַס, איז דאָס זייער אַ מאוסער שפּאַס, קען איך אייך זאָגן!

איך האָב אַרויסגענומען פון זיין האַנט דעם פּראָטאָקאָל און האָב איבערגעלייענט אין טעקסט דאָס דייטלעך אָנגעשריבענע געדיכטל:

— ס'ציט זיך די נאַכט אָן אַן ענד...
קיין מאָס איז נישטאָ צו מיין פּיין!
אָ, ווען איך וואָלט אַ תּפילה געקענט
ווען איך וואָלט אַ גלויביקער זיין!

פאַר מיר איז דאָס געדיכט געווען פּונקט אַזוי אומדער־וואַרט, ווי פאַר מיין באַלעבאָס און איך האָב געקוקט אויף דעם און נישט געגלויבט, אַז איך האָב עס אָנגעשריבן.

— זייט מיר מוחל, וואָס כ'האָב אָנגעשריען אויף אייך! נאָר, פאַרשטייט איר, — אַזאַ פאַל... וואָס איז מיט אייך? די לעצטע צייט זעט איר זייער שלעכט אויס און זענט שטאַרק אָפּגעמאָגערט.

— שלאָפלאָזיקייט — האָב איך געזאָגט.

— מען דאַרף זיך היילן.

יאָ, מ'האָט געדאַרפט עפּעס טון. ס'איז אומבאַדינגט נויטיק געווען זיך צו באַפרייען פון די דאָזיקע האַלוצינאַציעס און נאַכט־שמועסן מיט פאַרשידענע פּערזאָנען וואָס איך ווייס נישט, ווי אַזוי זיי פלעגן זיך באַווייזן פאַר מיר און אומבאַמערקט פאַרשווינדן, ווי נאָר דאָס באַוווסטזיין פון דערווירקלעכקייט פלעגט זיך צו מיר אומקערן, פון דעם דאָזיקן צו אינטערעסאַנטן לעבן אויף דער שוועל פון שגעון. — כ'האָב שוין דערגרייכט אַזאַ מין צושטאַנד, אַז בייטאָג אַפילו, ווען די זון האָט געשיינט, האָב

איך אָנגעשטרענגט געוואַרט אויף ווונדערלעכע געשעענישן.

עס וואָלט מיר זיכער נישט פאַרווונדערט, ווען אַ וואַסער נישט איז הויז פון שטאָט וואָלט פּלוצלינג איבער מיר איבער־געשפּרינגען. לויט מיין מיינונג, האָט קיין זאַך נישט געשטערט דעם פּורמאַנס פערד זיך צושטעלן אויף די הינטערשטע פיס און אויסרופן מיט אַ טיפן באַס:

— פאַרפלוכט!

אָדער — אָט אויפן באַנק פון בולוואַר, ביי דער וואַנט פון קרעמעל, זיצט אַ פרוי אין אַ שטרויענעם הוט און אין געלע הענטשיקעס. אויב איך וועל צוגיין צו איר און וועל איר זאָגן:

— קיין גאָט איז נישטאָ!

וועט זי מאָדנע באַליידיקט אויסשרייען!

— ווי אַזוי? און — איך? — און תּיכּף וועט זי זיך פאַרוואַנדלען אַ געפליגלטער באַשעפעניש און וועט אַוועקפליען. נאָכדעם וועט די גאַנצע ערד באַלד באַוואַקסן ווערן מיט דיקע בוימער אָן בלעטער, און פון די צווייגן און פון די שטאַמען וועט טריפן אַ פעטער בלויער שליים, און מיך וועט מען, ווי אַ גזלן, פאַר־משפּטן צו זיין דריי און צוואָנציק יאָר אַ זשאַבע און איך זאָל די גאַנצע צייט, טאָג און נאַכט, קלינגען אין דעם גרויסן הילכיקן גלאָק פון וואָזנעסענסקן קלויסטער.

אַזוי, ווי איך האָב גרויס חשק צו זאָגן דער דאַמע — אַז קיין גאָט איז נישטאָ, נאָר איך זע אָבער איין קלאָר די רעזול־טאַטן פון מיין אויפריכטיקייט, — טרעט איך אָפּ וואָס גיכער אָן אַ זייט און טראָג זיך אָפּ, כּמעט לויפנדיק.

אַלץ — איז מעגלעך. און ס'איז אויך מעגלעך, אַז ס'איז קיין זאַך נישטאָ, דערפאַר דאַרף איך מיטן האַנט אָנטאַפּן די פלויטן, ווענט, בוימער, דאָס באַרויקט מיך אַביסל, איבערהויפּט ווען מען זאָל לאַנג זעצן מיטן פויסט אויף אַ האַרטער זאַך, דאַן איבערצייגסטו זיך, אַז עס עקזיסטירט.

די ערד — איז זייער פאַלש, דו גייסט אויף איר פונקט אַזוי זיכער, ווי אַלע מענטשן, נאָר פּלוצלינג פאַרשווינדט איר פעסטקייט

אונטער די פיס. די ערד ווערט פּונקט אַזוי דורכזיכטיק, ווי די לופט, — בלייבנדיק טונקל — און די נשמה פֿאַלט מיט אימפּעט אין דער דאָזיקער פינסטערניש אויף אַן אומענדלעכער לאַנגער צייט, דאָס ציט זיך סעקונדן.

אויפֿן הימל — אויף אים קען מען זיך אויך נישט פֿאַרלאָזן; ער קען צו יעדער ווײַלע בײַטן זײַן פֿאָרם אויף דער פֿאָרם פֿון אַ פּיראַמידע מיטן שפּיץ אַרונטער, דער שפּיץ וועט זיך אָנשפּאַרן אָן מײַן מוח, און איך וועל מוזן אומבאַוועגלעך שטיין אויף איין פּונקט, ביז עס וועלן נישט דורכראָסטן די אײַזערנע שטערן, מיט וועלכע דער הימל איז באַפֿעסטיקט, דאַן וועט ער זיך צעשיטן אין אַ גרעלן שטויב און מיך באַגראָבן אונטער זיך.

אַלץ איז מעגלעך, נאָר לעבן איז אוממעגלעך אין אַ וועלט פֿון אַזעלכע מעגלעכקייטן.

מײַן נשמה האָט שטאַרק געווייטאָגט. און, ווען איך וואָלט זיך מיט צוויי יאָר צוריק נישט איבערצײַגט פּערזענלעך, ווי נישטיק און נאַריש ס׳איז דער זעלבסטמאָרד, וואָלט איך זיך, אָנווענדן דעם דאָזיקן מיטל צו היילן מײַן קראַנקע נשמה.

... אַ קלייגער, שוואַרצער, הויקערדיקער פּסיכיאַטאָר, אַ מענטש אָן עלנדער, אַ פּקח און אַ סקעפּטיק האָט מיך אַ פּאָר שעה נאָכאַנאַנד פֿאַנאַנדערגעפֿרעגט, ווי איך לעב, דערנאָך האָט ער מיר אַ פּאַטש געטון איבערן קני מיט אַ מאָדנע ווײַסער האַנט און געזאָגט:

— קודם כּל, מײַן פּריינט, דאַרפֿט איר אַוועקשיקן צו אַלע רוחות די ביכלעך און בכלל דאָס גאַנצע פּלוידערײַ, מיט וועלכע איר לעבט! לויט אײַער קאָמפּלעקציע, זענט איר אַ געזונטער מענטש און — ס׳איז אַ חרפּה זיך אַזוי פֿאַנאַנדערצולאָזן. פֿאַר אײַך איז נויטיק פֿיזישע אַרבעט, און מכּוח פֿרויען — ווי האַלט דאָס? נו! דאָס טויג אויך נישט! פּרישות לאָזט פֿאַר אַנדערע, און איר פֿאַרשאַפֿט זיך אַ ווײַבעלע, וואָס זאָל מיט לײַב און זעל זײַן איבערגעגעבן דער ליבע, — דאָס וועט זײַן נוצלעך!

ער האָט מיר געגעבן נאָר אַ פּאָר עצות, פּונקט אַזעלכע נישט אַנגענעמע און נישט צוגעפּאַסטע פֿאַר מיר, האָט מיר

אָנגעשריבן אַ פּאָר רעצעפּטן, און דערנאָך מיר געזאָגט אַ פּאָר פראַזן, וואָס זענען מיר געבליבן אין זכרון,

— כ'האָב אַביסל געהערט וועגן אייך און — זייט מיר מוחל, אויב דאָס וועט אייך נישט געפעלן! — איר זעט מיר אויס, צו זיין אַ מענטש פון די פּרימיטיווע צייטן. און ביי די פּרימיטיווע מענטשן אַרבעט אַלע מאָל די פאַנטאַזיע מער פאַרן לאָגישן שכל. אַלץ, וואָס איר האָט געליטן, געזען, — האָט אויפגערייצט ביי אייך נאָר די פאַנטאַזיע, און די פאַנטאַזיע קען נישט שלום מאַכן מיט דערווירקלעכקייט, וואָס איז אַפילו אויך פאַנטאַסטיש, נאָר — אויף אַן אַנדער אופן. ווייטער: איינער אַן אַמאָליקער פּקח האָט געזאָגט: „ווער עס האָט ליב שטענדיק אָפּצופרעגן, דער איז נישט פעיק זיך עפּעס אויסצולערנען". געזאָגט — איז גוט! צוערשט דאַרף מען די זאַך לערנען, דערנאָך ערשט אָפּפרעגן, אַזוי דאַרף זיין!

באַגלייטנדיק, האָט ער מיר ווידער איבערגעחזרט, מיט שמייכל פון אַ פריילעכן שד!

— און — אַ ווייבעלע וואָלט זייער נוצליך געווען פאַר אייך!

אין עטלעכע טעג אַרום בין איך אַוועק פון ניזשני אין דער סימבירער קאָלאָניע פון די טאָלסטאָווצעס און, קומענדיק אַהין, האָב איך זיך דערוווּסט פון די פויערים די טראַגיש-קאָמישע געשיכטע פון איר חורבן.

---

# וועגן דער ערשטער ליבע.

... דאַמאָלסט טאַקע האָט מיין גורל, צוליבן צוועק פון מיין ערציונג, מיך געצוווּנגען צו איבערלעבן די טראַגי־קאָמישע אויפרעגונגען פון דער ערשטער ליבע.

אַ חברה באַקאַנטע האָט זיך געגרייט צו פאָרן אין לאָדקע. איבער דער אָקע, מיר האָט מען איבערגעגעבן צו פאַרבעטן אויף דעם שפּאַציר דאָס פּאָר פּאָלק. — זיי זענען נישט לאַנג געקומען צו־פאָרן פון פראַנקריין, נאָר איך בין נאָך נישט געווען באַקאַנט מיט זיי. כ׳בין אַוועק צו זיי אין אָוונט.

געוווינט האָבן זיי אין אַ קעלער פון אַן אַלטן הויז, אַנט־קעגן דעם הויז איז איבער דער גאַנצער ברייט פון דער גאַס געשטאַנען אַ גרויסע שמוציקע לוזשע, וואָס האָט נישט אויסגע־טריקנט דעם גאַנצן פרילינג און כמעט אַ גאַנצן זומער; קראָען און הינט האָבן זי גענוצט פאַר אַ שפּיגל, חזירים האָבן זיך געבאָדן אין איר.

זייענדיק אַביסל פאַרחלומט, בין איך, ווי אַ שטיין וואָס קייקלט זיך אַראָפּ פון אַ גורען, אַריינגעפאַלן אין דער דירה פון די אומבאַקאַנטע מענטשן און — האָב זיי מאָדנע צעטומלט פון שרעק.

צומאַכנדיק די טיר פון אַ דערבייאיקן צימער, איז ברוגזדיק אויסגעוואַקסן פאַר מיר אַ פולינקער, מיטעל וווקסיקער מענטש מיט אַ ברייטער בלאָנדער באָרד און מיט אַ גוטן קוק פון בלאָע אויגן.

פאַריכטנדיק זיין אַנצוג, האָט ער אומפריינטלעך אַ פרעג געטון:

— וואָס דאַרפט איר?

און באַלערנדיק צוגעגעבן:

— איידער מען גייט אַריין, — דאַרף מען אָנקלאַפּן אין טיר!

הינטער זיין פּלייצע האָט אין דער פינסטער עפּעס

אַזוינס, וואָס איז ענלעך צו אַ גרויסן ווייסן פויגל, געפּלאָטערט און געציטערט, און ס'האָט זיך דערהערט אַ לויטערע, פריילעכע שטים:

— באַזונדערס — אויב איר גייט אַריין צו פאַרהייראַטע מענטשן.

כ'האָב ביז אַ פרעג געטון: צו זענען זיי די, וועלכע איך זוך, און ווען דער, וואָס איז ענלעך געווען צו אַ צופרידענעם קרעמער, האָט געענטפערט יאָ, — האָב איך אים דערקלערט נאָך וואָס איך בין געקומען.

— אייך האָט געשיקט אַהער קלאַרק, זאָגט איר? — האָט חשוב און פאַרטראַכט גלעטנדיק די באָרד, זיך ערקונדיקט דער מאַנסביל, — און אין דער זעלביקער רגע האָט ער אויפגעציטערט, זיך איבערגעדרייט, ווי אַ דריידל, און אויסגעשריען מיט אַ ווייטאָגדיקער מינע:

— אוי, אָלגע!

לויט דער ציקנדיקער באַוועגונג פון זיין האַנט, האָט זיך מיר געדוכט, אַז מען האָט אים אַ קניפּ געטון אין יענעם חלק פון קערפּער, וועגן וועלכן מ'רעדט נישט צווישן לייט — מסתמא דערפאַר, ווייל עס געפינט זיך עטוואָס נידעריקער פאַרן קרייץ.

אָנהאַלטנדיק זיך אָן די ביישטידלען, האָט זיך אויף זיין אָרט באַוויזן אַ שלאַנק מיידל און שמייכלענדיק מיך באַקוקט מיט אירע בלויע אויגן:

— איר — ווער זענט? אַ פּאָליציאַנט?

— ניין, דאָס זענען נאָר הויזן, — האָב איך העפלעך געענט-פערט, און זי האָט זיך פאַנאַנדערגעלאַכט.

זי האָט מיך נישט באַליידיקט, ווייל אין אירע אויגן האָט געלויכטן גראָד דער שמייכל, וועלכן איך האָב שוין לאַנג געזוכט. אַ פּנים, דעם געלעכטער האָט אַרויסגערופן מיין הילוך; איך בין געווען אָנגעטון אין בלויע הויזן פון אַ פּאָליציאַנט, און אַנשטאָט אַ העמד האָב איך געטראָגן אַ ווייס רעקל פון אַ קוכער; דאָס איז זייער אַ פּראַקטישע זאַך; עס פאַרבייט אַ מאַרינאַרקע און,

זייענדיק צוגעקנעפּלט אויף העקעלעך ביזן האַלז, פֿאָדערט עס אויך קיין קראַגן נישט. אַ פּאָר פֿרעמדע שטיול פֿון אַ יעגער און אַ ברייטער איטאַליענישער הוט פֿון אַ באַנדיט האָבן זעלטן האַרמאָנירט מיט מיין גאַנצער קליידונג.

זי האָט מיך אַ שלעפּ געטון פֿאַרן האַנט אין צימער אַריין, האָט מיך אַ שטויס געטון צו אַ שטול, און שטייענדיק אַנט-קעגן מיר, אַ פֿרעג געטון:

– פֿאַרוואָס זענט איר אַזוי קאָמיש אָנגעטון?

– פֿאַרוואָס — קאָמיש?

– זייט נישט בייז, — האָט זי מיך פֿריינטלעך געראָטן. זייער אַ מאָדנע מיידל, — ווער קען זיין בייז אויף איר?

אַ מאַנסביל מיט אַ באָרד האָט, זיצנדיק אויפֿן בעט, געזוויקלט אַ פּאַפּיראָס. כ׳האָב געפֿרעגט, אָנווייזנדיק מיט די אויגן אויף אים:

– דער - איז אַ טאַטע אָדער אַ ברודער?

– אַ מאַן! - האָט ער זיכער געענטפֿערט.

– וואָס דען? - האָט זי לאַכנדיק געפֿרעגט.

אַ קלער טוענדיק, באַקוקנדיק זי, האָב איך געזאָגט:

– אַנטשולדיקט!

אין אַזאַ לאַקאָנישן טאָן האָט דער שמועס געדויערט אַ מינוט פֿינף, נאָר איך האָב דערפֿילט, אַז איך בין פֿעיק צו זיצן אין דעם קעלער פֿינף שעה, טעג, יאָרן, קוקנדיק אויפֿן שמאָלן, אָוואַלן פּנימל פֿון דער דאַמע און אין אירע פֿריינטלעכע אויגן. די אונטערשטע ליפּ פֿון איר קליינעם מיילעכל איז געווען אַביסל דיקער פֿאַר דער אויבערשטער, פּונקט, ווי אָנגעשוואָלן; די געדיכטע קאַשטאַנען-האָר זענען געווען אָפּגעשוירן, און זענען געלעגן אויפֿן קאָפּ, ווי אַ פּרעכטיגער הוט, באַדעקנדיק מיט לאָקן די ראָזע אויערן און די צאַרט-רויטע מיידלשע באַקן. זייער שיין זענען געווען אירע הענט, ווען זי איז געשטאַנען אין דער טיר, אָנהאַלטנדיק זיך אָן די ביישטידלען, כ׳האָב געזען די באַקעטקייט פֿון אירע אָרעמס ביז צו די אַקסלען. אָנגעטון איז זי געווען עפּעס מאָדנע פּשוט אין אַ ווייסער בלוזקע מיט ברייטע

אַרבל אין שפּיצן און אויך אין אַ ווייסן פּיין-אויפגענייטן קלייד. נאָר דאָס שענסטע ביי איר זענען אירע בלוילעכע אויגן; זיי שטראַלן אַזוי פריילעך, ליבלעך און מיט אַזאַ פריינטלעכער נייגעריקייט. און — דאָס איז זיכער! — זי שמייכלט טאַקי מיט יענעם שמייכל, וואָס איז פּונקט נויטיק פאַר אַ האַרץ פון אַ צוואַנציק יעריקן, אַ האַרץ, וואָס איז באַליידיקט פון דער גראָבקייט פון לעבן.

— ס'וועט באַלד אַ גאָס טון אַ רעגן, האָט אָנגעזאָגט איר מאַן, באַרויכערנדיק זיין באָרד מיטן רויך פון פּאַפּיראָס.

כ'האָב אַ בליק געטון אין פענסטער: אויפן לוטערן הימל האָבן זיך צעפלאַקערט די שטערן, דאַן האָב איך פאַרשטאַנען, אַז איך שטער דעם מענטשן, און בין אַוועק אין אַ שטימונג פון שטילער פרייד, ווי נאָך אַ באַגעגעניש מיט דעם, וואָס איך האָב שוין לאַנג און באַהאַלטן פון זיך אַליין, געזוכט.

אַ גאַנצע נאַכט בין איך געגאַנגען איבערן פעלד, אָנקווענדיק אָפּגעהיט פון דער גלעטנדיקער שיין פון די בלוילעכע אויגן און, צו באַגינען, בין איך געווען זיכער, אַז די דאָזיקע קליינע דאַמע — איז גאָרנישט קיין פּאַסיקע פרוי פאַר דעם אָפּגעלאָזענעם בערדיקן מיט די גוטע אויגן פון אַ זאַטן קאָטער. ס'האָט מיר אַפילו אָנגעכאַפּט אַ רחמנות אויף איר — נעבעך! לעבן מיט אַ מענטשן, וואָס אין זיין באָרד בלייבן שטעקן ברעקלעך ברויט...

און צומאָרגנס האָבן מיר זיך געשיפט איבער דער טריבער אָקע, אונטער דעם שפּועדיקן ברעג פון ברייטע שיכטן, אַלערליי קאָלירטע מערגעלן. דער טאָג איז געווען דער שענסטער זינט די וועלט איז אַ וועלט, וואונדערלעך האָט געפינקלט די זון אויף דעם יום טובדיק-לויטערן הימל, איבערן טייך האָט געשמעקט מיטן ריח פון פרישע צייטיקע פּאָזעמקעס, אַלע מענטשן האָבן זיך דערמאָנט, אַז זיי זענען באמת אויסגעצייכנטע מענטשן און, דאָס האָט מיך פול געמאַכט מיט אַ פריילעכער ליבע צו זיי. אַפילו דער מאַן פון מיין געליבטער פרוי האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַן אויסגעצייכנטן מענטשן, — ער האָט זיך אַריינגעזעצט אין דער לאָדקע, וווּ ס'איז געזעסן זיין פרוי און וווּ איך בין געווען דער

רודערער. אַ גאַנצן טאָג האָט ער זיך געפירט אידעאַל קלוג, – פון אָנהויב דערציילט זייער פיל שרעקלעך אינטערעסאַנטעס וועגן דעם אַלטן גלאַדסטאָן, און דערנאָך האָט ער אויסגע־טרונקען אַ טעפּל אויסגעצייכנטע מילך, האָט זיך אַנידערגעלייגט אונטער אַ קוסט און אָפּגעשלאָפן ביזן סאַמע אָוונט, רויק, ווי אַ קינד.

עס פאַרשטייט זיך אַז אונזער לאָדקע איז געקומען די ערשטע אויפן אָרט פון פּיקניק! ווען איך האָב אויף די הענט אַרויסגעטראָגן מיין דאַמע פון דער לאָדקע, האָט זי געזאָגט:

– וואָס פאַר אַ גבור איר זענט.

כ'האָב געפילט, אַז איך בין פעיק איבערצוקערן אַ קלויס־טער אין שטאָט און איך האָב הויך געזאָגט דער דאַמע, אַז איך קען זי טראָגן אויף די הענט ביז צו דער שטאָט – זיבן וויאָרסט *). זי האָט זיך שטיל פאַנאַנדערגעלאַכט, גלעטנדיק מיך מיט איר בליק, אַ גאַנצן טאָג האָבן געלויכטן פאַר מיר אירע אויגן און, געוויס, האָב איך מיך איבערצייגט, אַז זיי לייכטן בלויז פאַר מיר.

ווייטער איז אַלץ געגאַנגען מיט שנעלקייט וועלכע איז גאַנץ נאַטירלעך פאַר אַ פרוי, וואָס האָט זיך דאָס ערשטע מאָל באַגעגנט מיט אַן אומבאַקאַנטער אינטערעסאַנטער חיה, און פאַר אַ געזונטן יונגן בחור, וואָס נויטיקט זיך אין די צערטלעכקייטן פון אַ פרוי.

אינגיכן האָב איך זיך דערוווּסט, אַז, נישט קוקנדיק, וואָס זי מאַכט אויסערלעך דעם איינדרוק פון אַ מיידל, איז זי עלטער פאַר מיר מיט צען יאָר, אַז זי האָט זיך ערצויגן אין ביאַלעס־טאָקער אינסטיטוט פאַר „איידעלע טעכטער", אַז זי איז געווען דעם קאָמענדאַנטס פון ווינטערדיקן שלאָס אַ כּלה, אַז זי האָט געוווינט אין פּאַריז, האָט זיך געלערנט מאָלן און איז געוואָרן אַ קושערין. שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אויך איר מוטער

*) מסתמא וואָלט איך זי נישט דערטראָגן.

איז געווען אַן אַ קושערין און, אַז זי איז מיין מוטערס אַ קושערין ביי מיין געבוירן, — אין דעם דאָזיקן פאַקט האָב איך געזען עפּעס אַ באַשערטע זאַך און האָב זיך גוואַלדיק דערפרייט.

די באַקאַנטשאַפט מיט דער באָהעמע און מיט די עמיגראַנטן, די פאַרבינדונג מיט איינעם פון זיי, דערצו דאָס האַלבוואַנדער, האַלב-הונגער לעבן אין די פאַריזשער, פעטערבורגער, ווינער קעלערן און בוידימער, — האָט געמאַכט פון דער אינסטיטוטקע קאָמיש צעטומלטען און זעלטן-אינטערעסאַנטן מענטשן. זי איז געווען אַ לייכטע, אַ פלונקע, ווי אַ פויגל, און האָט געקוקט אויפן לעבן און אויף מענטשן מיט דער שאַרפער נייגעריקייט פון אַ יונגן מיידל, האָט לוסטיק געזונגען פראַנצויזישע לידלעך, האָט שיין געגרויכערט פּאַפּיראָסן, האָט מיט געשמאַק געצייכנט, נישט שלעכט געשפּילט אויף דער סצענע, געקאָנט פיין נייען קליידער, מאַכן הוטן. מיט אַ קושער-אַרבעט האָט זי זיך נישט פאַרנומען.

— כ׳האָב געהאַט פיר געבורטן, נאָר — זיי האָבן געבראַכט פינף און זיבעציק פראָצענט טויט פאַלן, — האָט זי געזאָגט.

דאָס האָט זי אויף שטענדיק אָבגעשטויסן פון דער אומדירעקטער מיטהילף צו פאַרמערן די מענטשהייט, ווען איר דירעקטן אָנטייל אין דעם דאָזיקן חשובן ענין האָט עדות געזאָגט איר טאָכטער — אַ ליב און שיין קינד פון אַ יאָר פיר. ווען זיך האָט זי דערציילט אין אַ טאָן, אין וועלכן מ׳רעדט וועגן אַ מענטשן, וואָס מען קען שוין זייער גוט און וואָס האָט שוין גענוג דערעסן. נאָר צייטנווייז פלעגט זי זיך עפּעס אַזוי ווי וווּנדערן, ריידנדיק וועגן זיך, אירע אויגן פלעגן שיין טונקל ווערן און ס׳האָט געשיינט אין זיי — געשימערט — אַ לייכטער פאַרשעמטער שמייכל ; אַזוי שמייכלען פאַרשעמטע קינדער.

איך האָב גוט געפילט איר שאַרפן, נעגלדיקן שכל, כ׳האָב פאַרשטאַנען, אַז זי שטייט קולטורעל העכער פאַר מיר, כ׳האָב געזען איר גוטהאַרציקע געפעליקע באַציונג צו מענטשן ; זי איז

געווען נישט אין ערך אינטערעסאַנטער פון אַלע באַקאַנטע פּריילנס און דאַמען. ס'האָט מיר געחידושט דער נאַכלעסיקער טאָן פון אירע מעשיות און מיר האָט זיך געדוכט: דער דאָזיקער מענטש ווייס אַלץ, וואָס עס ווייסן מיינע רעוואָליוציאָנער-גע־שטימטע באַקאַנטע, און אַחוץ דעם, נאָך עפּעס וויכטיקערעס, נאָר — זי קוקט אויף אַלץ פון וויטן, פון דער זייט, צוקוקנדיק מיט אַ שמייכל פון אַ דערוואַקסענעם אויף זיינע איבערגעלעבטע שפּילערייען, הגם, אָפט געפערלעכע, קינדער-שפּילערייען.

דער קעלער, ווו זי האָט געוווינט האָט זיך געטיילט אין צוויי צימערן: איין קליין קיכל, וואָס איז געווען אויך דאָס פּאָר צימער, און אַ גרויס צימער מיט דריי פענסטער צו דער גאַס און צוויי צום הינטערשטן שמוציקן מיסט-הויף. דאָס איז געווען אַ באַקוועמע דירה פאַר אַ שוסטער, נאָר נישט פאַר אַן עלעגאַנטער פרוי, וואָס האָט געלעבט אין פּאַריז, אין דער היי־ליקער שטאָט פון דער גרויסער רעוואָליוציע, אין דער שטאָט פון מאָליער, באָמאַרשע, הוגאָ און אַנדערע ליכטיקע מענטשן. עס זענען געווען נאָך אַ סך סתירות צווישן בילד אָן ראַם, דאָס האָט מיך אַלץ מוראדיק גערייצט, אַרויסרופנדיק אויסער אַלע געפילן — רחמנות צו דער פרוי. נאָר זי אַליין האָט עפּעס ווי קיין זאַך נישט באַמערקט, וואָס האָט, לויט מיין מיינונג, זי געדאַרפט באַליידיקן.

פון פרי ביז אין אָוונט האָט זי געאַרבעט. אינדערפרי — אַלס קעכין און צימער-מיידעל, דערנאָך פלעגט זי זיך אַוועקזעצן ביי אַ גרויסן טיש הינטער די פענסטער, האָט אַ גאַנצן טאָג גע־צייכנט מיט אַ בלייפעדער פּאָרטרעטן פון פאָטאָגראַפיעס, פּאָר־טרעטן פון שטאָטישע בירגער, געצייכנט מאַפּעס, געמאָלט קאַר־טאָ גראַמען, געהאָלפן איר מאַן צוזאַמענשטעלן דאָרפישע זאַמ־לונגען איבער סטאַטיסטיק. דורכן אָפענעם פענסטער האָט זיך אויף איר קאָפּ און אויף די פּאַפּירן געשאָטן דער שטויב פון גאַס. איבער די פּאַפּירן האָבן זיך געגליטשט די גראָבע שאָטנס פון די פיס פון די דורכגייער. אַרבעטנדיק, האָט זי געזונגען, און מיד ווערנדיק פון זיצן — פלעגט זי זיך אַוועקלאָזן טאַנצן

מיט אַ שטול אָדער שפּילן מיטן מיידעלע און, נישט קוקנדיק דערויף, וואָס זי איז געווען פֿאַרוואָרפֿן מיט אַרבעט, איז זי שטענדיק געווען ציכטיק, ווי אַ קאַץ.

דער מאַן אירער איז געווען גוטמוטיק און פֿויל. ער האָט ליב געהאַט צו לעזן ליגנדיק אין בעט איבערזעצטע ראָמאַנען, איבערהויפּט — דעם פֿאָטער דיומאַ. — דאָס פֿרישט אָב די קעמערלעך פֿון מאַרך, — פֿלעגט ער זאָגן. אים פֿלעגט געפֿעלן צו באַטראַכטן דאָס לעבֿן פֿון „שטרענג וויסנשאַפֿטלעכן שטאַנדפּונקט״. דאָס מיטאָג עסן האָט ער גערופֿן דאָס „איינגעמען פֿון שפּייז״, און נאָך מיטאָג פֿלעגט ער זאָגן:

— כּדי דער מאָגן זאָל איבֿערליפֿערן די צעקאָכטע שפּייז אין די קעמערלעך פֿון קערפּער, נויטיקט זיך דער גוף אין אַבסאָליוטער רו.

און, פֿאַרגעסנדיק אָפּ צוטרייסלען פֿון באָרד די ברעקלעך ברויט, האָט ער זיך געלייגט אין בעט, עטלעכע מינוט געלייענט פֿאַרטיפֿט דיומאַן אָדער קסאַוויע דע-מאָנטעפּען, און, דערנאָך אַ שעה צוויי ליריש געפֿייפֿט מיט דער נאָז, זיינע העלע וויכע וואָנצן האָבן זיך שטיל באַוועגט, פּונקט ווי אין זיי וואָלט אַרומקריכן עפּעס אַן אומגעזעענע זאַך. אויפֿכאַפּנדיק זיך פֿלעגט ער לאַנג און פֿאַרטראַכט באַקוקן די שפּאַלטן פֿון באַלקן און — פֿלעגט פֿלוצלינג זיך דערמאָנען:

— האַ, קוזמע האָט דאָך נישט ריכטיק דערקלערט נעכטן פֿאַרנעלס געדאַנק!

און איז אַוועק דערווייזן קוזמען, זאָגנדיק צו דער פֿרוי:

— זיי אַזוי גוט און פֿאַרענדיק פֿאַר מיר דעם סך-הכּל פֿון די פּויערים אָן פֿערד פֿון מיידאַנער געגנט. איך — קום תּיכּף.

אומגעקערט האָט ער זיך אַרום האַלבע נאַכט אַמאָל — נאָך שפּעטער, זייער אַ צופֿרידענער.

— נו ווייסטו, כ׳בין היינט קוזמען דערגאַנגען די יאָרן! ביי אים, דעם שעלמע, איז שטאַרק אַנטוויקלט דער זכּרון אויף ציטאַטן, איך פֿאַל אָבער פֿאַר אים נישט אַראָפּ, אגב — ער הויבט

נישט אָן צו פאַרשטיין גלאַדסטאָנס מ׳רח-פּאָליטיק, אַ שגעון!

ער האָט שטענדיק גערעדט וועגן בינען, רושען און וועגן דער היגיענע פון מאַרך, און אין אַ שלעכטן וועטער, ווען ער פלעגט בלייבן אין דער היים, האָט ער זיך פאַרנומען מיט דער ערציִונג פון זיין ווייבס מיידעלע, — אַ קינד וואָס איז צופעליק געבוירן געוואָרן ערגעץ אויפן וועג צווישן צוויי ראָמאַנען.

— לעלאַ, — ווען מ׳עסט, דאַרף מען גוט צוקייען, דאָס פאַרלייכטערט די פאַרדייאונג פון מאָגן און העלפט אים צו איבעראַרבעטן די שפּייז-קאַשע אין אַ גוט-צוגעפּאַסטן קאָנגלאָמעראַט פון כעמישע שטאָפן.

נאָך מיטאָג, ביי „זיין אַבסאָליוטער רו" פלעגט ער אַריינלייגן דאָס קינד אין בעט און אים דערציילן:

— הייסט עס, — ווען דער בלוט דורשטיקער, כבוד-גייציקער באָנאַפּאַרט האָט פאַרכאַפּט די מאַכט...

זיין פרוי האָט זיך ביז טרערן געקייכט פון געלעכטער, צוהערנדיק די דאָזיקע לעקציעס, נאָר ער איז נישט ביז געווען אויף איר, נישט האָבנדיק דערצו קיין צייט, ווייל ער פלעגט תּיכּף איינשלאָפן. דאָס מיידעלע, אָנשפּילנדיק זיך אַביסל מיט זיין זיידענער באָרד, פלעגט אויך איינשלאָפן צופרידן, ווי אַ קנויל. איך האָב זיך שטאַרק באַפריינדעט מיטן קינד, עס האָט זיך צוגעהערט צו מיינע מעשיות מיט אַ גרעסערן אינטערעס, ווי צו באָלעסלאַווס לעקציעס וועגן דעם בלוט דורשטיקן אוזורפּאַטאָר. און וועגן זשאָזעפינס באַגאַרנעס טרויעריקער ליבע צו אים; דאָס האָט אַרויסגערופן ביי באָלעסלאַוון אַ קאָמיש געפיל פון אייפערזוכט.

— איך — פּראָטעסטיר, פּיעשקאָוו! צוערשט דאַרף מען דאָס קינד באַקענען מיט די גרונט-פּרינציפּין פון דער באַציִונג צו דער ווירקלעכקייט און דאַן נישט באַקאַנט מאַכן מיט דער ווירקלעכקייט גופא. ווען איר וואָלט געקאָנט ענגלעש און קענען איבערלייענען די „היגיענע פון דעם קינדס נשמה".

ער האָט געקאָנט אויף ענגליש, דוכט זיך, נאָר צוויי ווערטער: גוד ביי.

ער איז געווען צוויי מאָל אַזוי אַלט, ווי איך, ער איז אָבער געווען נייגעריק, ווי אַ יונגער פודעל, האָט ליב געהאַט צו באַריידן און זיך אַרויסווייזן פאַר אַ מענטשן, וואָס קען זייער גוט אַלע סודות נישט בלויז פון די רוסישע, נאָר אויך פון די אויסלענדישע רעוואָלוציאָנערע קרייזן. אגב, ס'איז גאַנץ מעגלעך, אַז ער האָט באמת געוווסט, צו אים פלעגן נישט זעלטן אַריינקומען געהיימניספולע מענטשן, זיי האָבן זיך אַלע געהאַלטן ווי אַקטיאָרן טראַגיקער, וועלכע עס איז צופעליק אויסגעקומען צו שפּילן די ראָל פון פּראָסטאַקעס. ביי אים האָב איך געזען דעם אומלעגאַלן סאָבונאַיעוון אין אַ געלען שלעכט צוגעפּאַסטן פּאַרוק, אין אַ בונטן אָנצוג, וואָס איז געווען לעכערלעך שמאָל און קורץ אויף אים.

און איינמאָל האָב איך, קומענדיק צו באָלעסלאַוון, דערזען ביי אים אַ רירעוודיקן מענטשן מיט אַ קליין קעפּל, וואָס האָט אויסגעזען, ווי אַפּריזירער, ער איז געווען אָנגעטון אין קעסטעלדיקע הויזן, אין אַ גרויע מאַרינאַרקע און אין סקריפּעדיקע שוך. אַרויסשטופּנדיק מיך אין קיך, האָט באָלעסלאַוו געזאָגט:

— דאָס — איז אַ מענטש פון פּאַריז, מיט אַ וויכטיקע שליחות, ער מוז זען קאָראָלענקאָן, — אָרדנעט דאָס איין...

איך בין אַוועק — ס'האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז וו. ג. האָט מען שוין אויף דעם געקומענעם אָנגעוויזן אין גאַס און קאָראָלענקאָ האָט מיט אַ דורכדרינגלעכן בליק געזאָגט:

— ניין, איך בעט אייך באַקאַנט מיר נישט מיט דעם פּראָנטל!

באָלעסלאַוו האָט זיך באַליידיקט פאַר דעם פּאַריזשער און פאַר דער „רעוואָליוציאָנערער זאַך", ער האָט צוויי טעג פּאַרפּאַסט אַ בריוו צו קאָראָלענקאָן, האָט אויסגעפּרובירט אַלע סטילן, פון אַ שטרענג בייזן ביז אַ פריינטלעך-שטראָפעדיקן און דערנאָך האָט ער פאַרברענט די מוסטערן פון דער ליטעראַטור און פאָרם פון בריוו אין אויוון. אינגיכן האָבן זיך אָנגעהויבן אַרעסטן אין מאָסקווע אין ניזשני, אין וולאַדימיר און ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן,

אַז דער מאַן אין די קעסטלדיקע הויזן, איז דער שפּעטער באַוווּסט געוואָרענער לאַנדזעצן-גאַרטינג, דער ערשטער – נאָכן סדר — פּראָוואָקאַטאָר — וואָס איך האָב געזען.

און נאָך אַלעמען איז דער מאַן פון מיין געליבטער געווען אַ גוטער ליבער מענטש, אַביסל אַ סענטימענטאַלער און אַ קאָמיש אָנגעלאָדאָנער מיט „וויסנשאַפטלעכן באַגאַזש". ער האָט טאַקי אַזוי געזאָגט:

– דער זין פון דעם אינטעליגענטס לעבן – איז די אומ-אויפהערלעכע אָנזאַמלונג פון וויסנשאַפטלעכן באַגאַזש, כדי צו פאַרטיילן עס אָן נוצן צווישן די געדיכטע פאָלקס-שיכטן...

---

מיין ליבע איז טיפער געוואָרן, און האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ פּיין. איך בין געזעסן אין קעלער, צוקוקנדיק זיך ווי עס זיצט איינגעבויגן ביים טיש די „דאַמע פון מיין הארצן" און אַרבעט, און איך בין אויסגעגאַנגען פון פאַרלאַנג צו נעמען זי אויף די הענט, און אַוועקטראָגן זי ערגעץ ווו פון דעם פאַר-שאָלטענעם קעלער, מיט דעם דאָפּל-בעט, מיט דער אַלטמאָדישער שווערישער קאַנאַפּע, ווו ס'האָט געשלאָפן דאָס מיידעלע, מיט די טישן, אויף וועלכע זענען געווען אָנגעלייגט פּעק מיט שטויביקע ביכער און פּאַפּירן, פאַרביי די פענסטער לויפן אומגעלומפּערט דורך עמיצנס פיס, אָפּטמאָל פלעגט אין פענסטער אַריינקוקן די מאָרדע פון אַ היימלאָזן הונט; פון גאַס טראָגט זיך דער גערוך פון אָנגעוואַרמטן שמוץ. דאָס קליינע מיידלשע פיגורל זיצט און קריצט מיט אַ בלייפעדער אָדער מיט אַ פעדער, זינגענדיק שטי-לערהייט, עס שמייכלען צו מיר ליבע קאָרנבלויע אויגן, איך בין קראַנק, איך בין משוגע פון ליבע צו דער דאָזיקער פרוי און פון אַ בייזען נאָגנדיקן רחמנות אויף איר.

– דערציילט נאָך עפּעס וועגן זיך, – לייגט זי פאָר.

איך דערצייל, נאָר אין עטלעכע מינוט אַרום זאָגט זי:

– דאָס רעדט איר נישט וועגן זיך!

איך אַליין פאַרשטיי אויך, אַז אַלץ, וועגן וואָס איך האָב גערעדט, איז דערוויל – נאָך נישט איך, נאָר עפּעס אַזוינס, אין וואָס איך האָב זיך אַליין בלינד פאַרפלאָנטערט. איך מוז זיך

ערשט געפֿינען אין דעם בונטן פֿלאָנטער פֿון מיינע איבערגעלעבטע איינדרוקן און געשעענישן, נאָר איך האָב עס נישט געקאָנט און האָב עס מורא געהאַט צו טון. ווער און וואָס — בין איך? מיך האָט שטאַרק באַאומרויקט די דאָזיקע פֿראַגע. איך בין בייז געווען אויפֿן לעבן, וואָס האָט אויף מיר שוין משפּיע געווען צו באַגיין דעם נידעריקן שטות פֿון זעלבסטמאָרד. איך האָב נישט פֿאַרשטאַנען די מענטשן, זייער לעבן איז מיר פֿאָרגעקומען אומבאַרעכטיקט, נאַריש און שמוציק. אין מיר האָט געאיירט אַן איבערגעפֿילטע נייגעריקייט פֿון אַ מענטשן, וואָס מוז צוליב עפּעס אַריינקוקן אין אַלע פֿינסטערע ווינקעלעך פֿון לעבן, אין די טיפֿענישן פֿון אַלע סודות פֿון לעבן און, צייטנווייז, בין מסוגל צו באַגיין אַ פֿאַרברעך צוליב נייגעריקייט — איך בין גרייט געווען צו דערהרגענען, נאָר כּדי צו וויסן, וואָס וועט עס זיין מיט מיר נאָכדעם?

מיר האָט זיך געדוכט, אַז אויב איך וועל זיך געפֿינען, — וועט זיך פֿאַר דער דאַמע פֿון מיין האַרצן אַנטפּלעקט ווערן אַן עקלדיקער מענטש, וואָס איז פֿאַרפּלאָנטערט אין אַ געדיכטער, פֿעסטער נעץ פֿון עפּעס משונהדיקע געפֿילן און געדאַנקען; אַ מענטש מיט היץ אין קאָפּ, פֿול מיט קאָשמאַרן — וועט ער זי דערשרעקן און אָבשטויסן. מיר איז נויטיק געווען צו טון עפּעס מיט זיך. איך בין געווען זיכער, אַז פּונקט די דאָזיקע פֿרוי איז פֿעיק מיר צו העלפֿן נישט בלויז צו דערפֿילן מיין אמתן איך, נאָר אַז זי קען אָבטון עפּעס אַ כּישוף, וואָס וועט מיך תּיכּף באַפֿרייען פֿון דעם קלעם פֿון די פֿינסטערע איינדרוקן פֿון לעבן, איך וועל עפּעס־וואָס אויף אייביק אַרויסוואַרפֿן פֿון מיין נשמה און זי וועט אויפֿפֿלאַקערן מיט אַ פֿייער פֿון גרויסער קראַפֿט, גרויסער פֿרייד.

און דער נאָכלעסיקער טאָן, מיט וועלכן זי האָט גערעדט וועגן זיך, און איר געפֿעליקע באַציונג צו מענטשן האָט מיר אַריינגעגעבן די זיכערקייט, אַז דער דאָזיקער מענטש ווייס עפּעס אויסערגעוויינלעכעס. זי האָט איר שליסל צו אַלע רעטענישן פֿון לעבן, פֿון דעם איז זי שטענדיק פֿריילעך, שטענדיק זיכער אי-

זיך. אפשר האָב איך זי ליב געהאַט שטאַרקער פאַר אַלץ צוליב דעם, וואָס כ'האָב נישט פאַרשטאַנען אין איר, נאָר כ'האָב זי ליב געהאַט מיט דער גאַנצער יוגנלעכער קראַפט און ליידנשאַפט. מיר איז פיינלעך שווער געווען איינצוהאַלטן די דאָזיקע ליידנשאַפט, זי האָט מיך בלויז פיזיש פאַרברענט און אויסגעמאַטערט. פאַר מיר וואָלט שוין געווען בעסער, ווען איך וואָלט געווען פשוטער און גרעבער, נאָר — כ'האָב געגלויבט, אַז די באַציונגען צו אַ פרוי באַגרענעצן זיך נישט מיט דעם אַקט פון פיזיאָלאָגישער פאַראייניגונג, וואָס איך האָב געקענט אין זיין בעטלעריש־גראָבער, חיהש־פשוטער פאָרם, דער אַקט האָט ביי מיר אַרויס־גערופן כמעט אַן עקל, נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס איך בין געווען אַ גאַנץ שטאַרקער, געזונט תאווהדיק בחור און האָב פאַר־מאָגט אַ לייכט אויפרעגנדיקע פאַנטאַזיע.

איך פאַרשטיי נישט, ווי אַזוי ס'האָט זיך געקאָנט צוזאַמענ־לייגן און לעבן אין מיר דער דאָזיקער ראָמאַנטישער חלום, נאָר איך בין געווען פעסט זיכער, אַז הינטער דעם, וואָס מיר איז באַוווסט, איז דאָ עפעס אומבאַוווסטעס און אין אים איז באַהאַלטן דער הויכער און סודותדיקער זין פון דער געמיינ־שאַפט מיט דער פרוי, אַז עפעס גרויסעס, פריילעכעס און אַפילו שרעקלעכעס איז באַהאַלטן הינטער דער ערשטער אומאַר־מונג, — דער מענטש פאַרזיכט פון דער דאָזיקער פרייד, ווערט ער אינגאַנצן געענדערט.

מיר דוכט זיך, אַז איך האָב גענומען די דאָזיקע פאַנ־טאַזיעס נישט פון די דורכגעלייענטע ראָמאַנען, נאָר איך האָב זיי אויסגעהאָדעוועט און אַנטוויקלט פון דעם סתירותדיקן געפיל צו דערווירקלעכקייט. ווייל:

„ווייל איך בין אין דער וועלט געקומען, אום נישט מסכים צו זיין".

אַ חוץ דעם האָב איך געהאַט עפעס אַ מאָדנע אומקלאָרע ערינערונג: ערגעץ ווו, הינטער די גרעניצן פון דער ווירקלעכקייט און, אַמאָל אין די ערשטע קינדער יאָרן, האָב איך איבערגעלעבט עפעס אַ שטאַרקן נשמה־איפרייס, אַ זיסן ציטער פון אַן עמפינדונג,

ריכטיקער, אַ פּאַרגעפיל — פון האַרמאָניע, כ׳האָב איבערגעלעבט אַ פרייד, וואָס איז ליכטיקער פאַר דער מאָרגן-זון,ביים אויפגיין. אפשר איז דאָס נאָך געווען אין יענע טעג, ווען איך בין געווען אין דער מוטערס לייב און דער גליקלעכער אויפרייס פון איר נערוון-ענערגיע האָט זיך מיר איבערגעגעבן ווי אַ זודיקער שטויס, וואָס האָט געשאַפן מיין נשמה, און האָט צום ערשטן מאָל אָנגעצונדן אין איר דאָס לעבן, אפשר האָט זיך דער דאָזיקער אויפטרייסלענדיקער מאָמענט פון מיין מוטערס גליק אָבגעשפּיגלט אין מיר אויף מיין גאַנצן לעבן מיט אַ ציטערדיקער דערוואַרטונג אויף עפּעס אומגעוויינלעכעס פון דער פרוי.

ווען מ׳ווייס נישט — טראַכט מען אויס. און דאָס קלוגסטע צו וואָס דער מענטש איז דערגאַנגען, איז — צו קענען ליבן די פרוי, פאַרגעטערן איר שיינקייט; פון ליבע צו דער פרוי איז געשאַפן געוואָרן אַל דאָס שענסטע אויף דער וועלט.

---

איינמאָל, באָדנדיק זיך, בין איך אַראָפּגעשפּרונגען פון דעם הינטער-טייל פון לאַסט שיף אין וואַסער, האָב זיך אָפּגעקלאַפּט מיט דער ברוסט אָן אַנקער-אייזן, זיך פאַרטשעפּעט מיטן פוס אין די שטריק, בין הענגען געבליבן אין וואַסער מיטן קאָפּ אַראָפּ און האָב זיך אָנגעהויבן טרינקען. אַ פורמאַן האָט מיך אַרויסגעשלעפּט, מען האָט מיך געטרייסלט, געמינטערט, צערייסנדיק דערביי מיין גאַנצע הויט, ס׳האָט ביי מיר אָנגעהויבן פליסן בלוט פון האַלז, און איך האָב זיך געמוזט לייגן אין בעט און שלינגען אייז.

מיין דאַמע איז געקומען צו מיר, האָט זיך אַנידערגעזעצט אויפן בעט און, פאַנאַנדערפרעגנדיק, ווי אַזוי דאָס איז מיט מיר געשען, האָט זי מיט אַ לייכטער, ליבער האַנט מיך געגלעט דעם קאָפּ, און די אויגן אירע, וואָס זענען טונקל געוואָרן האָבן געקוקט פאַרדאַגהט.

איך האָב איר געפרעגט: צו ווייס זי, אַז איך האָב זי ליב?

— יאָ, — האָט זי געזאָגט, שמייכלענדיק פאַרזיכטיק, —

איך זע און דאָס איז זייער שלעכט, הגם איך האָב אייך אויך ליב געקראָגן.

עס פאַרשטייט זיך, אַז נאָך אירע ווערטער האָט די גאַנ-צע ערד אויפגעציטערט און די בוימער אין וואַלד האָבן זיך אָנגעהויבן דרייען אין אַ פריילעכן קאַראַהאָד, איך בין פאַרשטומט געוואָרן פון אומגעריכטקייט, פון חידושים און התפעלות, האָב אַ לייג געטון אויף אירע קני, און ווען איך וואָלט זי נישט פעסט אַרומגענומען, וואָלט איך זיכער, ווי אַ זייפן-בלאָז, דורכגע-פלויגן דורכן פענסטער.

— רירט זיך נישט, דאָס איז פאַר אייך שעדלעך! — האָט זי שטרענג באַמערקט, פרובירנדיק איבערצולייגן מיין קאָפּ אויפן קישן. און — רעגט זיך נישט אויף, אַ נישט — גיי איך אַוועק! איר זענט, בכלל, אַ משוגענער פאַרשוין, כ'האָב גאָרנישט געטראַכט, אַז עס טרעפן זיך אַזעלכע, ווי איר. וועגן אונזערע געפילן און וועגן אונזערע באַציונגען וועלן מיר זיך דורכרעדן, ווען איר וועט זיך שטעלן אויף די פיס.

דאָס אַלץ האָט זי גערעדט זייער רויק און נישט-אויסדריקונק-פריינטלעך געשמייכלט מיט די פאַרטונקלטע אויגן, זי איז באַלד אַוועק, איבערלאָזנדיק מיך אין אַ רעגנבויגנדיקן פייער פון האָפ-בונגען, אין אַ גליקלעכער זיכערקייט, אַז איצט, מיט איר גוטער הילף, וועל איך אַ באַפליגלטער זיך אויפהויבן אין אַ וועלט פון אַנדערע געפילן און געדאַנקען.

אין עטלעכע טעג אַרום בין איך געזעסן אין פעלד ביים ראַנד פון אַ גראָבן, אונטן אין די קוסטעס האָט געשאַרכעט דער ווינט, דער גרויער הימל האָט געדראָט מיט רעגן. געשעפּטלעך, מיט גרויע ווערטער האָט די פרוי גערעדט וועגן דעם אונטער-שייד אין אונזערע יאָרן, וועגן דעם, אַז איך מוז זיך לערנען און, אַז ס'איז נאָך פאַר מיר צו פרי אַרויפצונעמען אויף זיך אַ יאָך פון אַ פרוי מיט אַ קינד. דאָס איז אַלץ געווען באַדריקנ-דיק ריכטיק און די רייד זענען געזאָגט געוואָרן מיט אַ טאָן פון אַ מאַמען און האָט נאָך שטאַרקער געוועקט אין מיר ליבע און אַכטונג צו דער האַרציקער פרוי. מיר איז געווען אומעטיק

און זיס צו הערן איר קול, אירע צערטלעכע ווערטער, — צום ערשטן מאָל האָט מען גערעדט מיט מיר אַזוי.

איך האָב געקוקט אַראָפּ אין דעם תהום פון דעם גראָבן, ווו די קוסטעס, באַוועגטע דורכן ווינט, זענען געפלאָסן ווי אַ גרינער טייך און האָב זיך אַ נדר געטון פאַר אירע צערטלעכקייטן צו באַצאָלן איר מיט דער גאַנצער קראַפט פון מיין נשמה.

— איידער מיר נעמען אָן וואָסער נישט איז באַשלוס — מוזן מיר זיך גוט פאַרטראַכטן — האָב איך געהערט אַ שטילע שטים. זי האָט זיך געשמיסן איבער די קני מיט אַן אָפּגעריסע־נעם צווייג פון אַ ניסבוימל, קוקנדיק אין דער זייט פון דער שטאָט, וואָס איז געלעגן באַהאַלטן אין די גרינע בערגלעך פון די סעדער.

— און, זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז איך מוז דורכרעדן מיט באָלעסלאַוון, ער פילט שוין עפּעס און איז שטאַרק נערוועאיש. אוי איך האָב פיינט דראַמעס.

אַלץ איז געווען זייער טרויעריק און זייער פיין, נאָר — ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז עס איז נויטיק עפּעס שפּלדיקס און קאָמישעס.

מיינע שאַראָוואַרן (ברייטע הויזן), זענען געווען ברייט ביים גאַרטל און איך פלעג צושפּילן דעם גאַרטל מיט אַ גרויסער מעשענער שפּילקע, אַ דריי צאָל די לענג, — איצט זענען אַזעלכע שפּילקעס נישטאָ, צום גליק פון די פאַרליבטע קבצנים. דער שאַרפער שפּיץ פון דער פאַרפלוכטער שפּילקע האָט די גאַנצע צייט דעליקאַט געדראַפּעט מיין הויט, — אַן אומפּאָר־זיכטעקער און די גאַנצע שפּילקע האָט זיך מיר אַריינגעשטאָכן אין זייט. כ'האָב זי אומבאַמערקט אויסגעצויגן און — האָב דערפילט מיט שרעק, אַז פון דעם טיפן ראַנץ האָט שטאַרק אָנגע־הויבן פליסן בלוט, דורכנעצנדיק די הויזן. קיין אונטערשטע וועש האָב איך נישט געהאַט, און די קוכער־מאַרינאַרקעלע איז געווען קורץ — איבערן גאַרטל. ווי זאָל איך אויפשטיין און גיין אין נאַסע שאַראָוואַרן, וואָס זענען צוגעקלעפּט צום קערפּער?

פילנדיק די לעכערלעכקייט פון דעם צופאַל, אַ טיף אויפ־געבראַכטער פון דעם באַליידיקן אופן, האָב איך, אין ווילדער אויפרעגונג, אָנגעהויבן רעדן מיט אַן אומנאַטיר־לעכן קול פון אַ שוישפּילער, וואָס האָט פאַרגעסן זיין ראָל.

אויסהערנדיק זיך עטלעכע מינוט מיינע רייד, צוערשט — אויפמערקזאַם, דערנאָך — גאַנץ פאַרחידושט, האָט זי גע־זאָגט:

— וואָס פאַר אַ הויך־מליצהדיקע ווערטער! גאָר נישט צו גלויבן, אַז דאָס זענט איר.

דאָס האָט מיך שוין אינגאַנצן איבערראַשט און איך בין אַנטשוויגן געוואָרן, ווי אַ דערשטיקטער.

— צייט צו גיין, עס קלויבט זיך אַ רעגן!

— איך — בלייב דאָ.

— פאַרוואָס?

וואָס האָב איך איר געקענט ענטפערן?

— איר זענט בייז געוואָרן אויף מיר? — האָט זי געפרעגט, אַריינקוקנדיק מיר פריינטלעך אין פּנים.

— אָ ניין! אויף זיך.

— מ׳דאַרף אויף זיך אויך נישט בייז זיין — האָט געראָטן די פרוי, זיך אויפשטייענדיק.

נאָר איך — האָב נישט געקאָנט אויפשטיין, זיצנדיק אין אַ וואַרימער לווּשע, מיר האָט זיך געדוכט, אַז מיין בלוט, פליסנ־דיק פון זייט, רוישט, ווי אַ קוואַל, אין אַ ווילדע אַרום ווען די פרוי דערהערן דאָס גערויש און אַ פרעג טון:

— וואָס איז דאָס?

— גיי אַוועק! — האָב איך זיך אין געדאַנק געבעטן ביי איר.

זי האָט מיט גנאָד מיר געשאָנקען נאָך עטלעכע פריינט־לעכע ווערטער און איז אַוועק לענג אויס דעם גראָבן, ביים ראַנד, וויגנדיק זיך ליבליך אויף די שלאַנקע פיסלעך. איך האָב נאָכגעקוקט, ווי איר בויגעוודיקע פיגור דערווייטערט זיך און

ווערט אַלץ קלענער און דערנאָך האָב איך מיך געלייגט אויף דער ערד, געשטויסן פון דער דערקענטעניש, אַז מייז ערשטע ליבע וועט זיין אומגליקלעך.

אַודאי, אַזוי איז טאַקע: איר מאַן האָט אויסגעגאָסן אַברייטן שטראָם טרערן, סענטימענטאַלע שלינע, נעבעכדיקע ווערטער און זי האָט זיך נישט אַנטשלאָסן אַריבערצושווימען אויף מיין זייט דורך דעם דאָזיקן קלעפּיקן שטראָם.

— ער איז אַזאַ אומבאַהאָלפענער, און איר — זענט אַ שטאַר-קער! — האָט זי געזאָגט מיט טרערן אין די אויגן. — ער זאָגט: אויב די וועסט אַוועקגיין פון מיר, — וועל איך פאַרדאַרבן, ווי אַ בלום אָן זון...

איך האָב זיך צעלאַכט, דערמאָנענדיק זיך אָן די קורצע פיסלעך, ווייבערשע קלעמבעס, אין דעם קיילעכדיקן בויך פון דער בלום. אין זיין באָרד האָבן געוווינט פליגן, — דאָרט איז שטענדיק געווען שפּייז פאַר זיי.

שמייכלענדיק, האָט זי צוגעגעבן:

— יאָ, דאָס איז קאָמיש געזאָגט — אָבער פונדעסטוועגן טוט עס אים שטאַרק וויי.

— מיר — אויך.

— אָ, איר זענט אַ יונגער, איר זענט אַ קרעפטיקער...

אין דעם מאָמענט, האָב איך, דוכט זיך, דאָס ערשטע מאָל דערפילט, אַז איך בין אַ שונא פון שוואַכע. שפּעטער און ערנס-טערע פאַלן איז מיר גאַנץ אָפט אויסגעקומען צו באַמערקן, ווי טראַגיש אומבאַהאָלפן עס זענען די שטאַרקע, וואָס זענען אַרומ-גערינגלט מיט די שוואַכע, וויפיל בעסטע כחות פון האַרץ און מוח עס ווערן אַוועקגעלייגט, כדי דערהאַלטן די אומפּרוכט-באַרע עקזיסטענץ פון די, וואָס זענען פאַראורטיילט צום אונ-טערגאַנג.

שיר נישט משוגע און האַלב קראַנק בין איך אינגיכן אַוועק פון דער שטאָט און האָב כמעט צוויי יאָר געוואָגלט איבער די וועגן פון רוסלאַנד, ווי אַ נע-ונדניק. איך בין דורכגעגאַנגען די פּאָוואָלזשיע, דעם דאָן, די אוקראַאינע, די קרים, דעם קאַווקאַז, האָב דורכגעלעבט

אומגעהייער פיל איינדרוקן, געשעענישן, בין פאַרגרעבט געוואָרן, באָכמער פאַרביטערט ווי פריער, נאָר פונדעסטוועגן האָב איך אייביק אָפּגעהיט אין האַרצן דעם ליבן בילד פון דער דאָזיקער פרוי, הגם כ'האָב געזען שענערע און קלוגערע פאַר איר.

און, בשעת נאָך איבער צוויי יאָר, אין הערבסט, מ'האָט מיר אין טיפליס דערציילט, אַז זי איז צוריקגעקומען פון פאַריז, און זי האָט זיך דערפרייט, דערוויסנדיק זיך אַז איך וווין אין איין שטאָט מיט איר — בין איך, אַ פעסטער יונג פון דריי און צוואַנציק יאָר, דאָס ערשטע מאָל אין לעבן געפאַלן אין חלשות.

כ'האָב זיך נישט דערוועגט צו גיין צו איר, נאָר איני־גיכן האָט זי אַליין, דורך אַ באַקאַנטן, מיך פאַרבעטן צו זיך.

מיר האָט זיך געדוכט, אַז זי איז נאָך שענער און ליבליכער געוואָרן, נאָך אַלץ די זעלבע מיידלשע פיגור, די זעלבע צאַרטע ראָזקייט פון די באַקן און די גלעטנדיקע אויסשטאַמלונג פון אירע קאָרנבלויע אויגן. איר מאַן איז געבליבן אין פראַנקרייך, מיט איר איז געווען בלויז איר טאָכטער, אַ לעבעדיקע און גראַציעזע, ווי אַ יונג ציגעלע.

בשעת איך בין געקומען צו איר, — האָט זיך איבער דער שטאָט דורכגעטראָגן אַ געוויטער מיט דונערן און בליצן, ס'האָט אַ פלייץ געטון אַ שלאַקס־רעגן, איבערן גאַס, פונם באַרג פון דעם הייליקן דוד, האָט מיט אימפעט זיך געקאָלערט אַ שטאַרקער טייך, אויסרייסנדיק שטיינער פון בריק. דאָס וואָיען פון ווינט, דער בייזער פלושק פונם וואַסער, אַ קראַך פון עפּעס, וואָס פאַלט איין האָט אויפגעטרייסלט דאָס הויז, ס'האָבן געציטערט די שויבן פון די פענסטער, דאָס צימער האָט זיך אָנגעגאָסן מיט אַ בלוי־פייער און פונקט, ווי אַלץ אַרום וואָלט געפאַלן אין אַ נאַסן אָפּגרונט.

דאָס איבערגעשראָקענע מיידעלע האָט זיך איינגעגראָבן אין בעט, און מיר, זענען געשטאַנען ביים פענסטער, פאַרבלענדט

פון די אויפרייסן אין הימל און האָבן גערעדט — איך פאַרשטיי נישט פאַרוואָס, שטילערהייט.

— דאָס ערשטע מאָל זע איך אַזאַ געוויטער — האָט סודותדיק גערעדט נעבן מיר די ליבע פּרוי.

און פּלוצלינג האָט זי אַ פרעג געטון:

— נו, וואָס, — האָט איר זיך אויסגעהיילט פון אייער ליבע צו מיר?

— ניין.

זי האָט זיך קענטיק פאַרוואונדערט און האָט אַלץ שטילערהייט געזאָגט:

— גאָט מיינער, ווי איר האָט זיך געענדערט! אינגאַנצן אַן אַנדער מענטש.

זי האָט זיך געלאָסן אַראָפּגעלאָזט אויפן פּאָטעל ביים פענסטער, האָט אויפגעציטערט — פאַרזשמורעט די אויגן, אַ פאַרבלענדעטע פון דעם אימהדיקן בליאַסק פון אַ בליץ און האָט געסודעט.

— מ׳רעדט דאָ וועגן אייך אַ סך. צוליב וואָס זענט איר געקומען אַהער? דערציילט מיר, ווי ס׳האָט זיך אייך געלעבט?

גאָט, ווי קליין און שיין זי איז אינגאַנצן!

ביז אין האַלבע נאַכט אַריין האָב איך איר דערציילט. ווי איך וואָלט זיך פאַר איר מתודה געווען, שרעקלעכע נאַטור דערשיינונגען ווירקן אויף מיר שטענדיק אויפרעגנדיק, פילן מיך אָן מיט ווילדער פרייד. קענטיק כ׳האָב דערציילט גוט — דערין האָט מיך איבערצייגט איר אויפמערקזאַמקייט און דער אָנגעשטרענגטער קוק פון אירע ברייט צעעפנטע אויגן, בלויז צייטנווייז האָט זי געשעפּטשעט:

— דאָס איז שרעקלעך.

אַוועקגייענדיק, האָב איך באַמערקט, אַז זי האָט זיך געזעגנט מיט מיר אָן דעם אַפּטרופּסישן שמייכל פון אַן עלטערן, וואָס פלעגט מיך — אַמאָל — שטענדיק עטוואָס באַליידיקן. איך בין געגאַנגען איבער די גאַסע גאַסן, צוקוקנדיק, ווי דער שאַרפער

סערפּ פון דער לבנה שניידט די צעריסענע וואָלקנס, און דער קאָפּ האָט זיך מיר געדרייט פון פּ־ייד. צומאָרגנס האָב איך איר צוגעשיקט דורך דער פּאָסט לידער, — שפּעטער האָט זי זיי אָפּט דעקלאַמירט און זיי האָבן זיך איינגעקריצט אין מיין זכרון.

האַרענטע!

פּאַר אַ גוט וואָרט, פּאַר אַ צאַרטן בליק
גייט אין שקלאַפעריי אַ פלינקער קונצנמאַכער,
וועלכן עס איז גוט באַקאַנט
די לוסטיקע קונסט
צו שאַפן קליינע פריידן
פון נאַרישקייטן, פון גאָרנישט!

נעמט דעם פריילעכן שקלאַף!
אפשר וועט ער פון די קליינע פריידן
באַשאַפן אַ גרויס גליק, —
האָט דען נישט עמיצער די גאַנצע וועלט
באַשאַפן פון נישטיקע שטויבעלעך?

אָ, יאָ! די וועלט איז נישט פריילעך באַשאַפן:
אירע פריידן זענען קאַרג און נעבעכדיק!
נאָר פונדעסטוועגן האָט זי נאָך אַ סך לוסטיגעס
למשל: מיך אייער אונטערטעניקן קנעכט
און — זי פאַרמאָגט נאָך עפּעס הערליכעס —
דאָס מיין איך אייך!

איר!

נאָר — מ׳מוז שווייגן!
וואָס פּאַר אַווערט האָבן די האַרטע ווערטער־טשעוועקעס
אין פאַרגלייך מיט אייער האַרץ,
וואָס איז די שענסטע בלום
פון דער בלומען־אָרימער ערד?

געוויס זענען דאָס קנאַפּע לידער, נאָר דאָס איז געווען געמאַכט מיט אַ פריילעכער אויפריכטיקייט.

אַט זיץ איך ווידער אַנטקעגן אַ מענטשן, וואָס שיינט מיר פּאַר דעם בעסטער אין דער גאַנצער וועלט און דעריבער — איז ער מיר נויטיק. זי טראָגט אַ הימל־בלויעס קלייד, וואָס פאַר־שטעלט נישט די פיינע קאָנטורן פון איר פיגור. עס האָט זי איינגעהילט און אַ ווייכן, שמעקעדיקן וואָלקן. שפּילנדיק מיט די פרענז פון איר גורט רעדט זי צו מיר זעלטענע ווערטער. איך באַטראַכט די באַוועגונגען פון אירע קליינע פינגער מיט די ראָזע נעגל און פיל זיך ווי אַ פידל, וואָס ווערט מיט ליבע אָנ־געשטעלט פון אַ פעיקן קינסטלער. מיר ווילט זיך שטאַרבן, מיר ווילט זיך עפּעס איינאָטעמען אין דער נשמה די דאָזיקע פרוי, אַז זי זאָל דאָרט אויף אייביק ביי מיר בלייבן. מיין גוף זינגט אין באַנגער אָנשטרענגונג, און, מיר דוכט זיך, אַז באַלד וועט ביי מיר פּלאַצן דאָס האַרץ.

כ׳האָב איר איבערגעלייענט מיין ערשטע אָקאָרשט אָבגע־דרוקטע דערציילונג, נאָר איך געדענק נישט, ווי אַזוי זי האָט זי אָבגעשאַצט, דוכט זיך, זי האָט זיך פאַרווונדערט:

— אַזוי גאָר, איר האָט אָנגעהויבן שרייבן פּראָזע!

ווי אין חלום, הער איך ערגעץ פון וויטן.

— כ׳האָב אַ סך געטראַכט וועגן אייך די אַלע יאָרן. צו דען איז אייך טאַקע צוליב מיר אויסגעקומען אַזוי פיל איבער־צולײדן?

איך רעד צו איר עפּעס אַזוינס וועגן דעם, אַז אויף דער וועלט, ווו זי לעבט, — איז קיין זאַך נישט שווער און נישט שרעקלעך.

— וואָס פאַר אַ ליבער איר זענט...

איך ווער משוגע פון פאַרלאַנג זי אַרומצונעמען, נאָר איך האָב אַזוינע אידיאָטיש לאַנגע, אומגעלומפּערט־שווערע הענט, איך וואַג נישט אָנצורירן איר קערפּער, כ׳האָב מורא כ׳וועל איר ווייטון, איך שטיי אַנטקעגן איר, און וואַקלענדיק פון דער ווילדער קלאַפּעריי אין האַרצן, מורמל איך:

— לעבט מיט מיר! איך בעט אייך, לעבט מיט מיר!

זי לאַכט שטיל און — פאַרשעמט? בלענדנדיק לייכטן

אירע ליבע אויגן, זי גייט אַוועק אין ווינקל פון צימער און רעדט פון דאָרטן.

— לאָמיר עס מאַכן אַזוי: איר פאָרט אַוועק אין ניזשני, און איך בלייב דאָ, איך וועל באַטראַכטן און וועל אייך אָנ־שרייבן...

איך פאַרנייג זיך מיט דרך ארץ פאַר איר, ווי דאָס האָט געטון איינער אַ העלד פון עפּעס אַ ראָמאַן, וואָס איך האָב איבערגעלייענט, און איך גיי אַוועק. אין דער לופטן.

---

ווינטער איז זי מיט איר טאָכטער געקומען צופאָרן צו מיר קיין ניזשני. „פּאַר אַ קבצן חתונה צו האָבן — איז אַפילו די נאַכט צו קורץ״ זאָגט חוזקדיק־טרויעריק דאָס פאָלקס ווערטל. איך האָב פון דער אייגענער ערפאַרונג דערפילט דעם טיפן אמת פון דעם דאָזיקן שפּריכוואָרט.

מיר האָבן געדונגען פאַר צוויי רובל אַ חודש אַ באַזונדער הייזל — אַן אַלטע באָד אין גלחס גאָרטן. איך בין געבליבן וווינען אין דעם פאָדערצימער, ווו מען טוט זיך אויס, און מיין פרוי אין דער באָד גופא, וואָס האָט געדינט אויך אַלס גאַסט־צימער. די דירה איז געווען נישט שטאַרק צוגעפּאַסט פאַר אַ פאַמיליען לעבן. זי פלעגט פאַרפרירן אין די ווינקלען און אין די שפּאַרעס. ביינאַכט, ווען איך פלעג אַרבעטן, פלעג איך זיך איינדעקן מיט אַלע מלבושים, וואָס כ׳האָב נאָר פאַרמאָגט און פון אויבן — מיט אַ טעפּיך, און פון דעסטוועגן האָב איך געכאַפּט זייער אַן ערנסטן רעמאַטעס. דאָס איז געווען כמעט איבערנאַטירלעך ביי מיין געזונט און פאַרליטנקייט, וואָס איך האָב דאַמאָלסט פאַרמאָגט און זיך געריימט.

אין באָד איז געווען וואַרימער. נאָר ווען איך פלעג הייצן דעם אויוון פלעגט אונזער גאַנצע דירה פול ווערן מיט אַ שטי־קעדיקן גערוך פון פוילקייט, זייף און געפּאַרעטע בעזימער. דאָס מיידעלע, אַ פּראַכטפולע, פאָרצעלייענע ליאַלקע, מיט וווּנדערלעכע אויגן, איז געוואָרן נערוועאיש, געליטן אויף קאָפּ־ווייטאָג.

און אין פרילינג האָבן זיך אין באָד פאַרפירט זייער פיל

שפּינען און ווערים, — די מאַמע און די טאָכטער האָבן געציטערט פאַר זיי, און איך האָב געמוזט טויטן די קריכעדיקע מיט אַ גומענער קאַלאָש. די קליינע פענסטערלעך זענען געווען פאַרוואַקסן מיט האָלונדער און ווילדע מאַלינעס, אין צימער איז שטענדיק געווען טונקל, און דער שכּורער, קאַפּריזער גלח האָט מיר נישט דערלויבט אויסצוואָרלען אָדער כאָטש — אונטערצושניידן די קוסטעס.

עס פאַרשטייט זיך, מען האָט געקאָנט קריגן אַ באַקוועמערע דירה, נאָר מיר זענען געווען פאַרשולדיקט ביים גלח, און איך בין אים זייער געפעלן געווען, ער האָט אונז נישט אַרויסגעלאָזט.

— איר וועט זיך צוגעוווינען! — האָט ער געזאָגט. — און אויב נישט, באַצאָלט אייערע חובות און פאָרט אַוועק כאָטש צו די ענגלענדער.

ער האָט נישט ליב געהאַט די ענגלענדער, פאַרזיכרנדיק:

— דאָס איז אַ פויל פאָלק, זיי האָבן גאָרנישט אויסגעטראַכט, אויסער פאַסיאַנס און זיי קענען נישט פירן קיין קריג.

געווען איז ער אַ ריזיקער מענטש מיט אַ רונד רויט פּנים, און אַ ברייטער געלער באָרד, געשכּורט האָט ער אַזוי, אַז ער האָט שוין נישט געקאָנט מער טון זיין עבודה אין קלויסטער — איז פאַרבליבּן געווען ביז טרערן — אין אַ קליינער שפּיץ-נעזיקער שוואַרצער שניידערין, וואָס האָט אויסגעזען, ווי אַ סאָראָקע.

דערציילנדיק וועגן אירע בייזע פאַלשקייטן, האָט ער מיטן האַנט געווישט די טרערן פון דער באָרד און געזאָגט:

— איך פאַרשטיי, — אַז זי איז אַן אויסוווּרף, נאָר זי דערמאָנט מיר אָן די גרויסע מאַרטירערי פּימיאַמע און דערייבער — האָב איך זי ליב.

כ'האָב גוט דורכגעקוקט דעם קלויסטער-קאַלענדאַר, — אַזאַ הייליקע האָב איך דאָרטן נישט געפונען.

אַן אויפגערעגטער פון איין אויסגעלאַסנקייט, האָט ער אויפגעטרייסלט מיין נשמה מיט אַזוינע ראיות לטובת דער אמונה:

איר, זונעלע — גוט אַ קוק אויף דעם פּראַקטיש: אפּיקורסים זענען דאָ צענדליקער, און פרומע — מיליאָנען! און — פאַרוואָס? ווייל, אַזוי ווי דער פיש קען נישט לעבן אָן וואַסער, אַזוי קען די נשמה נישט לעבן אָן דעם קלויסטער. ריכטיק? דעריבער — לאָמיר טרינקען לחיים!

— איך טרינק נישט, איך לייד אויף ראַמאַטעס.

אַריינשטעכנדיק דעם גאָפּל אין אַ שטיק הערינג, האָט ער עס דראָענדיק אויפגעהויבן אין דער הויך און געזאָגט:

— און דאָס — איז אויך פון אַפּיקורסות.

איך פלעג נישט קענען איינשלאָפן פון פיין און חרפּה פאַר דער פרוי צוליב דער דאָזיקער באָד, צוליב דער אוממעג-לעכקייט אָפּט צו קויפן אַ שטיקל פלייש אויף מיטאָג, אַ צאַצקע פאַר דעם מיידעלע, צוליב דער גאַנצער פאַרשאָלטענער איראָ-נישער אָרימקייט. אָרימקייט איז אַ פעלער, וואָס האָט מיך פער-זענלעך נישט באַאומרויקט און נישט געפייניקט, נאָר פאַר דער קליינינקער עלעגאַנטער אינסטיטוטקע און, דערהויפּט, פאַר איר טאָכטער, איז אַזאַ מין לעבן געווען דערנידעריגט און אכזריותדיק.

אין די נעכט, זיצנדיק ביי מיין טיש אין ווינקל, איבערשרייבנדיק ביטעס, אַפּעליאַציעס און קאַסאַציעס, דערציילונ-גען, האָב איך געקריצט מיט די ציין און פאַרשאָלטן זיך, די מענטשן, דעם גורל און די ליבע.

די פרוי האָט זיך געהאַלטן גרויסמוטיק ווי אַ מאַמע, ווען זי וויל נישט, אַז איר זון זאָל באַמערקן, ווי שווער איר איז. קיין איין טענה האָט זי נישט געלאָזט פאַלן פון אירע ליפּן אויף דעם דאָזיקן שענדלעכן לעבן: וואָס שווערער עס זענען געווען די באַדינגונגען, — אַלץ מוטיקער האָט געקלונגען איר קול, אַלץ — פריילעכער איר געלעכטער. פון פרי ביז אָוונט האָט זי געצייכנט פאָרטרעטן פון גלחים, פון זייערע פאַרשטאָרבענע פרויען, זי האָט געצייכנט מאַפּעס פון אויעזדן, פאַר די דאָזיקע מאַפּעס האָט די דאָרפישע פאַרוואַלטונג באַקומען אויף איינער אַן אויסשטעלונג אַ גאָלדן מעדאַל, און ווען ס'האָבן זיך

אויסגעלאָזן די באַשטעלונגען אויף די פּאָרטרעטן, האָט זי אָנגעהויבן מאַכן פון שטיקלעך פאַרשיידענע שטאָפן, שטרוי און דראָט די מאָדערנסטע פאַריזשער היט פאַר די מיידלעך און פאַר די דאַמען פון אונזער גאַס. איך האָב גאָרנישט פאַרשטאַנען אין דאַמען-היט, נאָר, קענטיק, אַז זיי זענען געווען העכסט קאָמיש, — ווען די מייסטערין פלעגט אָנפּאַסן אַנטקעגן שפּיגל איר פאַנטאַסטישע קאָפּ-באַפּוצינג פלעגט זי זיך שטיקן פון געלעכטער. נאָר איך האָב באַמערקט, אַז די דאָזיקע היט האָבן אויסטערליש געווירקט אויף די קלייעזטקעס, נאָכדעם, ווי זיי האָבן באַפּוצט די קעפּ מיט קאָלירטע נעסטן פאַר היגער, פלעגן זיי גיין איבערן גאַס עפּעס מאָדנע גאוהדיק אויסגעשטעלט די בייכער.

איך האָב געאַרבעט ביי אַן אַדוואָקאַט און האָב געשריבן אין אַן אָרטיקער צייטונג צו צוויי קאָפּיקעס אַ שורה. אין די אָוונטן, ביים טיי טרינקען, אויב עס פלעגן נישט זיין ביי אונז קיין געסט, פלעגט מיר מיין פרוי אינטערעסאַנט דערציילן וועגן דעם, ווי אַלעקסאַנדער דער II האָט באַזוכט דעם ביאַלעסטאָקער אינסטיטוט, פלעגט באַטיילן די איידעלע מיידלעך מיט קאָנפעטן, אויף אַ וואונדערלעכן אופן פלעגן פון די דאָזיקע קאָנפעטן מאַנכע מיידלעך אָנהויבן שוואַנגערן, און נישט זעלטן פלעגט דאָס אָדער יענס שיין מיידל נעלם ווערן, אַוועקפאָרן מיטן קייסער אויף געיעג אין די ביאַליוועזשער געדיכטע וועלדער, און דערנאָך פלעגט זי חתונה האָבן אין פּעטערבורג.

מיין דאַמע האָט מיר שפּאַנענד דערציילט וועגן פאַריזש. איך בין שוין באַקאַנט געווען מיט פאַריזש פון ביכער, דערהויפּט פון דער סאָלידער אַרבעט פון מאַקסים דיו-קאַן. זי האָט זיך באַקענט מיט פאַריזש אין די שענקלעך פון מאָנטמאַרטר און אין דעם טומלדיקן לעבן פון דעם לאַטיינער קוואַרטאַל. אָט די מעשיות פלעגן מיך אויפרעגן שטאַרקער ווי ווייען, און איך האָב פאַרפאַסט עפּעס אַזעלכע ליב-געזאַנגען צו דער פרוי, פילנדיק אָט אויסדריקלעך, אַז מיטן כוח פון דער ליבע צו איר איז באַשאַפן געוואָרן די גאַנצע שיינקייט פון לעבן.

מער ווי אַלץ זענען מיר געפעלן געוועזן און האָבן מיך גערייצט די געשיכטעס וועגן די ראָמאַנען, וואָס זי אַליין האָט איבערגעלעבט; זי האָט גערעדט וועגן דעם ווונדערלעך אינטערעסאַנט, מיט אַן אָפנהאַרציקייט, וואָס האָט מיך צייטנווייז באַאומרויִקט. לאַכנדיק, מיט לייכטע ווערטער, פונקט ווי שטריכן פון אַ דין געשפּיצטן בלייפעדער, האָט זי אָנגעצייכנט די קאָמישע פיגור פון אַ גענעראַל, אירער אַ חתן, וואָס האָט אויסגעשאָסן אין אַ זובער פריער פאַרן קייסער, האָט אויסגעשריען צום פאַרווונדעטן אָקס:

— זענט מיר מוחל, אייער קייסערלעכע מאַיעסטעט!

דערציילט האָט זי וועגן רוסישע עמיגראַנטן, און תמיד האָב איך געפילט אין אירע ווערטער אַ באַהאַלטענעם שמייכל פון גנאָד פאַר מענטשן. צייטנווייז, איז איר אויפריכטיקייט דערגאַנגען ביז תמימותדיקן ציניזם, זי האָט געשמאַק אָבגעלעקט די ליפּן מיט אַ שאַרף, ראָז צינגל פון אַ קאַץ, און די אויגן האָבן עפּעס מאָדנע געבלישטשעט. אַ מאָל פלעגט זיך מיר דוכטן, אַז אין אירע אויגן ברענט אַ פייערל פון עקל. נאָר עפטערס האָב איך זי געזען מיטן מיידעלע וואָס איז אינגאַנצן געווען אַריינגעטון אין דעם שפּיל מיט ליאַלקעס.

איינמאָל האָט זי געזאָגט:

— אַ פאַרליבטער רוס רעדט שטענדיק אַביסל איבער זער מאָס און איז שווער, און נישט זעלטן — איז ער דערווידער מיט זיין מליצה. שיין ליבן קענען נאָר די פראַנצויזן, פאַר זיי איז די ליבע כמעט אַן אַ מונה.

נאָך די דאָזיקע רייד האָב איך נישט-ווילנדיק אָנגעהויבן זיך באַציען צו איר אַביסל איינגעהאַלטענער און אָפּגעהיטער.

וועגן די פראַנצויזישע פרויען האָט זי געזאָגט:

— ביי זיי טרעפסטו נישט שטענדיק אַ הייסע האַרציקע צערטלעכקייט, נאָר זיי פאַרבייטן דאָס זייער גוט מיט אַ פרייַלעכער פיין אויסגעאַרבעטער ליידנשאַפט, — פאַר זיי איז די ליבע קונסט.

דאָס אַלץ האָט זי גערעדט זייער ערנסט, מיט אַ באַלערנ־דיקן טאָן, דאָס איז לחלוטין נישט געווען די קענטניש, אין וועלכע איך האָב זיך געניטיקט, נאָר — פונדעסטוועגן זענען דאָס געווען קענטענישן און איך האָב זיי גיריק אויסגע־הערט.

— צווישן רוסישע און פראַנצויזישע פרויען, איז, זיכער, פונקט אַזאַ היפוך, ווי צווישן פרוכט און פרוכט־צוקערלעך, — האָט זי געזאָגט איינמאָל אין אַ לבנה נאַכט, זיצנדיק, אין ביידל פון סאָד.

זי אַליין איז געווען אַ צוקערל. עס האָט איר שרעקלעך פאַרוואונדערט, ווען, אין די ערשטע טעג נאָך אונזער זיווג, האָב איך, איר פאַרשטייט מיך, מיט באַגייסטערונג איבערגעגעבן מיינע ראָמאַנטישע אָנשווינגען אויף די באַציונגען צווישן מאַן און ווייב.

— איר — רעדט דאָס ערנסט? איר מיינט טאַקי באמת אַזוי? — האָט זי געפרעגט, ליגנדיק ביי מיר אויף די הענט אין דער בלוילעכער שיין פון דער לבנה.

איר ראָזער קערפּער האָט אויסגעזען ווי דורכזיכטיק, עס האָט געשמעקט פון אים מיט אַ שאַרפן, ביטערלעכן ריח פון מאַנדלען. אירע דינינקע פינגערלעך האָבן זיך פאַרטראַכט געשפּילט מיט מיין גריווע האָר. זי האָט מיר אַריינגעקוקט אין פּנים מיט צעטראָגענע ברייט־פאַנאַנדערגעעפנטע אויגן און געשמייכלט אָן צוטרוי.

— אוי, גאָט מיינער! — האָט זי אויסגעשריען, אַראָפּ־שפּרינגענדיק אויף דער פּאָדלאָגע און האָט פאַרטראַכט אָנגעהויבן שפּרייזן פון שיין אין שאָטן, לייכטנדיק אַנטקעגן דער לבנה מיט איר אַטלעסענער הויט, שטיל באַרירנדיק די פּאָדלאָגע מיט די באָרוויסע פיס, און, צוגייענדיק ווידער צו מיר, גלעטנדיק מיט די הענט מיינע באַקן, האָט זי געזאָגט מיט אַ טאָן פון אַ מאַמען:

— איר האָט געדאַרפט אָנהויבן אייער לעבן מיט אַ מיידל, — יאָ, יאָ! און נישט מיט מיר

און ווען כ'האָב זי געגומען אויף די הענט, האָט זי זיך שטיל פאַנאַנדערגעוויינט זאָגנדיק:

— פילט איר, ווי ליב איך האָב אייך, יאָ? מיר איז קיינמאָל נישט אויסגעקומען צו געניסן אַזוי פיל פרייד, וויפיל איך געניס מיט אייך, — דאָס איז אמת, גלויבט מיר! כ'האָב נאָך קיינמאָל נישט ליב געהאַט אַזוי צערטלעך און פריינטלעך און מיט אַזאַ לייכט הארץ. מיר איז װוּנדערלעך גוט מיט אייך, נאָר פונדעסטוועגן, — זאָג איך: מיר האָבן אַ טעות געהאַט, — איך בין נישט דאָס, וואָס איר דאַרפט, נישט דאָס! דאָס האָב איך אַ טעות געהאַט. נישט פאַרשטייענדיק זי, בין איך געווען דערשראָקן פון אירע רייד און האָב איילנדיק איינגעלאָשן איר געפאַלענע שטימונג מיט דער פרייד פון צערטלעכקייטן. נאָר פונדעסטוועגן זענען די מאָדנע ווערטער מיר פאַרבליבן אין זכרון. און אין עטלעכע טעג אַרום, האָט זי, וויינענדיק פון פרייד, ווידער אומעטיק איבערגעחזרט די דאָזיקע ווערטער:

— אָ, ווען איך וואָלט געווען אַ מיידל...

איך געדענק אין דער דאָזיקער נאַכט האָט אין סאָד געבושעוועט אַ שטורעם, אין די שויבן פון די פענסטער האָבן געקלאַפט די צווייגן פון האָלונדער, אין קוימען האָט ווי אַ וואָלף געוואָיעט דער ווינט, אין צימער איז ביי אונז געווען פינסטער, קאַלט און עס האָבן געשורשעט די אָפּגעקלעפּטע טאַפּעטן.

---

ווי נאָר מיר האָבן פאַרדינט עטלעכע רובל, פלעגן מיר פאַרבעטן באַקאַנטע און איינאָרדנען גרויסאַרטיקע אָוונט מאָלצייטן: געגעסן פלייש, געטרונקען בראָנפן און ביר, געגעסן טשאַסטקעס און בכלל — געלעבט אַ טאָג. מיין פּאַריזשערין, וואָס האָט געהאַט אַן אויסגעצייכנטן אַפּעטיט, האָט ליב געהאַט רוסישע מאכלים: „מאָגן-וווּרשט" — קוי-מאָגן אָנגעפילט מיט גריקענע קאַשע און געגזנענע שמאַלץ, פּיראָגעס מיט פיש-פּעטס און קאַרטאָפל זופּ מיט שעפּסן-פלייש.

זי האָט אָרגאַניזירט אַן אָרדען פון „הונגעריקע בייכלעך", —

דאָס זענען געווען אַ צענדליק מענטשן, וואָס האָבן ליב געהאַט פּשוט אָפּצועסן און אויסצוטרונקען און האָבן געהאַט אַן עסטעטיש־פיינע ידיעה דערין, נישט מיד ווערנדיק צו רעדן מליצהדיק וועגן די געשמאַקע סודות פון דער קיך. איך אָבער האָב זיך אינטערע־סירט מיט גאָר אַנדערע סודות, איך האָב געגעסן ווייניק און דער פראָצעס פון אָנזעטיקן זיך האָט מיך נישט געלאָקט, בלייבנדיק אויסער דער גרעניץ פון מיינע עסטעטישע באַדער־פענישן.

— דאָס — זענען פוסטע מענטשן! — האָב איך געזאָגט וועגן די „הונגעריקע בייכלעך".

— ווי יעדער, וועלכן מען זאָל גוט דורכטרייסלען, — פלעגט זי ענטפערן. — היינע האָט געזאָגט: „אַלע גייען מיר נאַקעט אונטער אונזערע בגדים".

זי האָט געוווּסט זייער פיל סקעפּטישע ציטאַטן, נאָר מיר האָט זיך געדוכט, אַז נישט שטענדיק האָט זי זיי ריכטיק און אויפן אָרט צוגעפּאַסט.

איר פלעגט זייער געפעלן זיין „אויפצוטרייסלען" אונזערע באַקאַנטע פון די מאַנסבילען און זי האָט דאָס געטון זייער לייכט. זי איז געווען אַן אומרויק־פרייליכע, אַ שאַרפזיניקע, אַ בויגעוודיקע, ווי אַ שלאַנג, און האָט שנעל אַרויסגערופן אַ לע־בעדיקן טומל אַרום זיך, אויפוועקנדיק ביי די מענער נישט גאָר קיין דערהויבענע עמאָציעס. עס איז גענוג געווען פאַר אַ מענטשן צו שמועסן מיט איר עטלעכע מינוט — און זיינע אויערן פלעגן ווערן פריער רויט נאָכדעם לילע, זיינע אויגן פלעגן מאַט־פייכט ווערן און האָבן געקוקט אויף איר ווי אַ באָק אויף קרויט.

— אַ מאַגנעטישע פרוי! — האָט גערעדט מיט התפעלות איינער אַ פאַרטרעטער פון אַ נאָטאַריוס, אַ שלימזל־אַ פריץ, מיט בראָדעווו־קעס פון דימיטרי סאַמאָזוואַנעץ און מיט אַ קיילעכדיקן בויך ,ווי אַ קופאָל פון אַ קלויסטער.

אַ העל בלאָנדער יאַראָסלאַווער ליצייאיסט האָט לכבוד איר פאַרפאַסט לידער און שטענדיק אין דאָקטילן, מיר זענען זיי פאָר־געקומען עקלדיק, זי — האָט געלאַכט פון זיי ביז טרערן.

— צוליב וואָס רעגסטו זיי אויף? — האָב איך געפרעגט?

— דאָס איז פונקט אַזוי אינטערעסאַנט, ווי פּאַנקעןאָקונעס. דאָס רופט מען — קאָקעטעריי, ס׳איז נישטאָ קיין איין פרוי, וואָס זאָל זיך אַכטן און זאָל נישט ליב האָבן צו קאָקעטירן.

אָפטמאָל פלעגט זי, שמייכלענדיק מיר אַריינקוקן אין די אויגן און פרעגן: — ביזט אייפערזיכטיק?

ניין, איך בין נישט געווען אייפערזיכטיק, נאָר דאָס אַלץ פלעגט מיר אַביסל שטערן דאָס לעבן, כ׳האָב נישט ליב געהאַט קיין שפּלע מענטשן. איך בין בטבע אַ פריילעכער מענטש און איך האָב געוווסט, אַז דאָס לאַכן — איז די שענסטע מעלה ביים מענטשן. איך האָב געהאַלטן די צירק-קלאָאונעס, די הומאָריסטן פון די אָפענע סצענעס און די טעאַטער-קאָמיקער — פאַר טאַלאַנטלאָזע מענטשן, פילנדיק זיכער, אַז איך אַליין וואָלט געקענט פריילעך מאַכן בעסער פאַר זיי. און נישט זעלטן פלעג איך מאַכן אַז מיינע געסט פלעגן זיך האַלטן פאַר די זייטן פון געלעכטער.

— גאָט מיינער! — פלעגט זי נתפעל ווערן. וואָס פאַר אַ ווונדערלעכער קאָמיקער דו וואָלסט געווען! גיי אויף דער סצענע, גיי!

זי אַליין האָט מיר ערפאָלג געשפּילט אויף ליבהאָבער ספּעקטאַקלען, ערנסטע אַנטרעפּרענערן פלעגן זי איינלאַדן שפּילן.

— כ׳האָב ליב די סצענע, נאָר — מיך שרעקן די קוליסן, — פלעגט זי זאָגן.

זי איז געווען אויפריכטיק אין אירע פאַרלאַנגען, געדאַנקען און אין אירע ווערטער.

— דו — פילאָזאָפירסט צו פיל, — האָט זי מיך באַלערנט — דאָס לעבן אין דער ווירקלעכקייט, איז פשוט און גראָב; מען דאַרף דאָס לעבן נישט פאַרוויקלען, זוכנדיק אין אים עפּעס אַ באַזונדערן זין, מען דאַרף זיך נאָר אויסלערנען וויכער מאַכן זיין גראָבקייט. מער — קענסטו גאָרנישט אויפטון.

אין איר פילאָזאָפיע האָב איך געפילט צופיל גינעקעלאָגיע און מיר האָט זיך געדוכט, אַז איר הייליקע תורה איז דער „אַקושער-קורס". זי אַליין האָט מיר דערציילט ווי איבעראַשט ס'האָט זי עפּעס אַ וויסנשאַפטלעך בוך, דאָס ערשטע בוך, וואָס זי האָט איבערגעלייענט נאָכן אינסטיטוט.

איך בין געווען אַ נאַאיווו מיידל, און דאָס האָט מיר דערלאַנגט ווי מיט אַ ציגל אין קאָפּ; מיר איז פּאָרגעקומען, אַז איך בין אַראָפּגעפאַלן פון הימל אין שמוץ, כ'האָב געוויינט פון פאַרדרוס, וואָס איך קען שוין נישט גלויבן אין דעם, וואָס איך האָב געגלויבט, נאָר באַלד האָב איך דערפילט אונטער זיך כאָטש אַ האַרטן, אָבער — אַ פעסטן באָדן. מער, ווי אַלץ איז מיר אַ שאָד געווען גאָט, כ'האָב אים אַזוי גוט און נאָענט געפילט, און פלוצלינג האָט ער זיך צעשטרייט, ווי אַ רויך פון אַ פּאַפּיראָס און צוזאַמען מיט אים איז פאַרשוווּנדן דער חלום וועגן הימלעשער פריידן פון ליבע. און אין אינסטיטוט האָבן מיר אַלע אַזוי פיל געטראַכט און אַזוי שיין גערעדט וועגן ליבע!

שלעכט האָט געווירקט אויף מיר איר אינסטיטוטיש פאַריזער ניהיליזם. ביינאַכט פלעגט טרעפן, אַז איך פלעג אויפשטיין פון טיש און גיין קוקן אויף איר, אין בעט האָט זי אויסגעזען נאָך קלענער, צאַרטער און שענער, — כ'האָב געקוקט און מיט גרויס ווייטאָג געטראַכט וועגן איר צעבראָכענער נשמה, וועגן איר פאַרפלאָנטערטן לעבן. און דאָס רחמנות צו איר האָט נאָך פאַרשטאַרקט מיין ליבע.

אונזערע ליטעראַרישע געשמאַקן זענען זיך שטאַרט פאַנאַנדערגעגאַנגען: איך האָב מיט אַנטציקונג געלייענט באַלזאַקן, פלאָבערן, איר זענען מער געפעלן געווען פאָל פעוואַל, אָקטאַוו פעיליע, פאָל דע-קאָק און, דערהויפּט „דאָס מיידל זשיראָ, מיין פרוי", דאָס דאָזיקע בוך האָט זי געהאַלטן פאַר דאָס שאַרפזיניקסטע און פאַר מיר איז עס געווען פונקט אַזוי לאַנגווייליק ווי די „שטראָף געזעצן". נישט קוקנדיק אויף דעם זענען אונזערע באַציונגען געווען זייער גוטע, מיר האָבן נישט פאַרלאָרן דעם אינטערעס איינער צום אַנדערן און ס'איז נישט אויסגעלאָשן

געוואָרן אונזער ליידנשאַפֿט. נאָר אויף דעם דריטן יאָר פֿון אונזער צוזאַמענלעבן האָב איך אָנגעהויבן שפּירן, אַז ביי מיר אין האַרצן סקריפּעט עפּעס אונטער, ווי אַ בייזע בשורה און — וואָס ווייטער אַלץ הילכיקער און קענטיקער. איך האָב אָן אויפהער געלייענט און געלערנט מיט התמדה און האָב אָנגעהויבן ערנסט אַריינצוציען אין ליטעראַרישער אַרבעט; עס האָבן מיר אַלץ מער געשטערט די געסט, מענטשן ווייניק אינטערעסאַנטע, זייער צאָל איז אַלץ געוואַקסן, ווייל איך און מיין פֿרוי האָבן אָנגעהויבן פֿאַר דינען מער און מיר האָבן עפּטער געקאָנט מאַכן מיטאָגן און אָוונט מאָלצייטן.

אין אירע אויגן האָט דאָס לעבן אויסגעזען, ווי אַ מין פּאַנאָפּטיקום, און אַזוי, ווי אויף די מענער איז נישט געווען אויפגעשריבן קיין אזהרה: „מען בעט נישט אָנרירן מיט די הענט", פֿלעגט זי אַמאָל צוגיין צו זיי צו אומפּאָרזיכטיק, און זיי האָבן איר בייגעריקייט אָפּגעשאַצט, צופֿיל פֿאַר זייער אייגענער טובה וועגן און אויף דעם באָדן פֿלעגן אַרויסקומען מיספֿאַרשטענדענישן, וואָס איך האָב געמוזט אויפקלערן. כ'האָב עס צייטנווייז געמאַכט נישט גענוג איינגעהאַלטן און, ווייזט אויס, שטענדיק זייער אומגעלומפּערט; יענער, וועמען איך פֿלעג אָנדרייען פֿאַרן אויער, פֿלעגט זיך באַקלאָגן אויף מיר:

— נו, גוט, איך בין זיך מודה, איך בין שולדיק! אָבער — אָנדרייען די אויערן, — וואָס בין איך עפּעס אַ קליין יונגל? איך בין כמעט צוויי מאָל אַזוי אַלט פֿאַר דעם פֿרא אדם, און ער — דרייט מיר פֿאַר די אויערן! נו, וואָלט זי כאָטש אַ פּאַטש געטון — פֿאָרט אַביסל אַנשטענדיקער!

קענטיק, — איך האָב נישט פֿאַרמאָגט די קונסט צו קענען שטראָפֿן דעם נאָענטן, לויט זיין אייגענער ווערדע.

צו מיינע דערציילונגען, האָט זיך מיין פֿרוי באַצויגן גאַנץ גלייכגילטיק, נאָר דאָס האָט ביז אַ געוויסער צייט מיר נישט אָנגעהויבן צו אַרן: איך האָב נאָך אַליין דאַן נישט געגלויבט, אַז איך קען ווערן אַן ערנסטער שרייבער און האָב געקוקט אויף מיין צייטונגס אַרבעט ווי אויף אַ מיטל צום לעבן, כאָטש נישט זעלטן

האָב איך שוין געפילט ווי עס פליסן הייסע כוואַליעס פון עפּעס אַן אויסטערלישער זעלבספאַרגעסנקייט. נאָר, איינמאָל, אינדערפרי, ווען איך האָב געלייענט די דערציילונג: „די אַלטע איזערגיל", וואָס כ'האָב אָנגעשריבן אין דער נאַכט, איז זי פּעסט איינגעשלאָפן. אין דער ערשטער רגע האָט עס מיך נישט באַליידיקט, איך האָב נאָר אויפגעהערט צו לייענען און האָב זיך פאַרטראַכט, קוקנדיק אויף איר.

איר ליבן קאָפּ אָנגעלענט צום ווענטל פון אַ חרובער זאַפּע, מיט אַן אָפענעם מויל, האָט זי שטיל און רויק געאָטעמט, ווי אַ קינד, דורך די צווייגן פון האָלונדער האָט אין פענסטער אַריינגעקוקט די פרימאָרגן-זון, גאָלדערנע פלעקן האָבן זיך, פונקט ווי לופט-בלומען געלייגט אויף דער ברוסט און אויף די קני פון דער פרוי.

איך בין אויפגעשטאַנען און שטיל אַרויסגעגאַנגען אין סאָד, פילנדיק אַ טיפן ווייטאָג פון באַליידיקונג, אַ דערשלאָגענער פון קווענקלעניש אין מיינע כּוחות.

אין משך פון מיין גאַנצן לעבן האָב איך געזען פרויען נאָר אין שווערער נעכטישע פּראַצע, אין שמוץ, אין אויסגעלאַסנקייט, אין אָרעמקייט, אָדער אין האַלב-טויטער זעלבסט-צופרידענער, שפּלער זאַטקייט. כ'האָב געהאַט איין הערלעכן איינדרוק פון די קינדער-יאָרן — „די קעניגין מאַרגאָ", נאָר פון דעם האָט מיך אָפּגעטיילט אַ גאַנצע באַרג-קייט פון אַנדערע איינדרוקן: מיר איז פאָרגעקומען, אַז די געשיכטע פון איזערגילס לעבן דאַרף געפעלן ווערן פרויען, איז בכּוח אויפצוּוועקן אין זיי אַ דורשט נאָך פרייהייט אין שיינהייט, און — אָט, מיין נאָענטסטע איז נישט גערירט פון מיין דערציילונג, — זי שלאָפט!

פאַר וואָס? נישט געניג הילכיק איז דער גלאָק, וואָס דאָס לעבן האָט אָפּגעגאָסן אין מיין האַרצן?

די דאָזיקע פרוי איז געווען טייער פאַר מיין האַרצן, ווי אַ מאַמע. איך האָב געוואַרט און געהאָפט, אַז זי איז בכּוח מיך אָנצוטרינקען מיט שכּורן האָניק, וואָס רעגט אָן די שאַפונגס

כּחות, כ׳האָבּ געוואַרט אַז אונטער ווירקונג וועט ווייכער ווערן די גראָבקייט, וואָס דאָס לעבּן האָט אין מיר איינגעפלאַנצט.

דאָס איז געווען מיט דרייסיק יאָר צוריק און איך דערמאָן זיך אָן דעם מיט אַ שמייכל אין האַרצן, נאָר אין יענער צייט האָט דאָס אומבּאַשטרייטלעכע מענטשלעכע רעכט צו שלאָפן, ווען עס גלוסט זיך אים, — מיך שטאַרק פאַרדראָסן.

---

איך האָבּ געגלויבּט: ווען מ׳זאָל וועגן דאָס טרויעריקע רעדן פריילעך, מוז דער טרויער פאַרשווינדן.

און איך האָבּ געהאַט אַ חשד, אַז מיט דער וועלט רעגירט ביטרע-קלוג איינער אַזאַ, וואָס האָט הנאה פון די מענטשלעכע ליידן; מיר איז פאָרגעקומען, אַז עס עקזיסטירט עפּעס אַ מין גייסט, וואָס שאַפט די וועלטלעכע דראַמעס און צעשעדיקט בּריהש דאָס לעבּן. איך האָבּ געהאַלטן דעם אומגעזעענעם דראַמאַטורג פאַר מיינעם אַ פּערזענלעכן שונא און האָבּ זיך בּאַמיט נישט אַריינצופאַלן אין זיין נעץ.

איך געדענק, — ווען איך האָבּ איבּערגעלייענט אין אָלדענבּורגס בּוך: „בּודע, זיין לעבּן, זיין לערע און זיין עדה": „דער תוך פון יעדער עקזיסטענץ — איז דאָס ליידן" — האָט דאָס מיך שרעקלעך אויפגערעגט, איך האָבּ נישט איבּערגעלעבּט קיין צופיל פרייד אין לעבּן, נאָר די בּיטערע יסורים פון לעבּן זענען פאַר מיר געווען אַ צופעליקייט, און נישט קיין געזעץ. דורכלייענדיק אויפמערקזאַם דאָס ערנסטע ווערק פון אַרכיעפּיסקופ כריסאַנף „די מזרח רעליגיאָנען", האָבּ איך נאָך מער אויפגעבּראַכט דערפילט, אַז די לערע וועגן דער וועלט, וואָס שטיצט זיך אויף מורא, מרה-שחורה, ליידן, — איז פאַר מיר לחלוטין נישט אָנצונעמען. און נאָכדעם, ווי איך האָבּ איבּערגעלעבּט שווער די שטימונג פון רעליגיעזן עקסטאַז, בּין איך געווען בּאַליידיקט פון דער אומפּרוכטבּאַרקייט פון דער דאָזיקער שטימונג. דער עקל צום ליידן האָט בּיי מיר אַרויסגערופן אַן אָרגאַנישע שנאה צו אַלערליי דראַמעס און כ׳האָבּ מיך נישט שלעכט אויסגעלערנט זיי צו פאַרוואַנדלען אין קאָמישע וואָדעווילן.

געוויס – מ׳האָט געמעגט וועגן דעם אַלעם גאָרנישט רעדן כדי אויסצופירן, אַז צווישן מיר מיט דער פרוי האָט אָנגעהויבן צייטיק ווערן אַ „פאַמיליען דראַמע״, נאָר מיר ביידע צוזאַמען האָבן זיך אַנטקעגן געשטעלט דער אַנטוויקלונג פון דער דראַמע, איך האָב אַ ביסל פילאָזאָפירט, מחמת מיר האָט זיך געוויילט אַביסל דערמאָנען אָן די קאָמישע, געדרייטע וועגן, מיט וועלכע איך בין געגאַנגען, זוכנדיק זיך אַליין.

מיין פרויענצימער איז, לויט איר פריילעכער נאַטור, אויך נישט פעיק געוועו צו אַ דראַמאַטיש שפּיל אין דער היים, — צו אַ שפּיל, וואָס לאָקט אַזוי שטאַרק צו זיך די „פּסיכאָלאָגישע״ רוסישע מענטשן פון ביידע געשלעכטער.

אָבער — די מרה־שחורהדיקע דאַקטילן פון דעם העל־בלאָנדן ליצייער האָבן פונדעסטוועגן געווירקט אויף איר, ווי אַ הערבסט רעגן. מיט אַ קיילעכדיקער, שיינער האַנט שריפט האָט ער פלייסיק פאַרשריבן בויגעלעך פּאָסט־פּאַפּיר און האָט זיי אומעטום געהיים אַריינגערוקט – אין די ביכער, און הוט, אין צוקער־פושקע. געפינענדיק די פונקטלעך צענויפגעלייגטע בויגעלעך, פלעג איך זיי דערלאַנגען דער פרוי, זאָגנדיק:

– נעמט אָן די דאָזיקע אומאויפהערליכע פרוון צו פאַר־וונדן אייער האַרץ!

פון אָנפאַנג האָבן דעס קופּידאָנס פּאַפּירענע פיילן נישט געווירקט אויף איר, זי האָט מיר פאָרגעלייענט די לאַנגע לידער און מיר האָבן אינאיינעם געלאַכט, אָנטרעפנדיק אומפאַר־געסענע שורות:

„ביי טאָג און ביי נאַכט – מיר זיצן ביינאַנד,
אַלץ שפּיגלט זיך אָפּ פון דיר אין מיין האַרץ:
אַ נייג פון דיין קאָפּ, אַ ריר פון דיין האַנט.
דו וואָרקעסט זיך שטיל, ווי אַ טייבל אַ צאַרטס
און איך – ווי אַ שפּאַרבער שוועב איבער דיר״.

נאָר איינמאָל; דורכלייענדיק אַזאַ באַריכט פון דעם ליצייער, האָט זי פאַרטראַכט געזאָגט:

— און מיר איז אַ רחמנות אויף אים!

איך געדענק — אַז כ'האָב רחמנות געהאַט נישט אויף אים. און זי האָט פון יענער צייט אָן אויפגעהערט צו לייענען אויפן קול די דאַקטילן.

דער דיכטער, אַ שטאַמיקער בחור, וואָס איז עלטער געווען פאַר מיר מיט אַ יאָר פיר, איז געווען אַ שווייגעוודיקער, האָט שטאַרק ליב געהאַט שאַרפע משקאות און איז געווען אויסערגעוויינלעך זיך-פּייאיק. קומענדיק אין חגא-טעג צום מיטאָג צווי אַ זייגער ביי טאָג, האָט ער געקאָנט אומבאַוועגלעך און שווייגעדיק אָבזיצן ביז צווי אַ זייגער ביי נאַכט. אַזוי ווי איך, איז ער אויך געווען אַ שרייבער ביי אַן אַדוואָקאַט. ער האָט שטאַרק פאַרוווּנדערט זיין גוטמוטיקן שעף מיט זיין צושטרייטקייט. צו דער אַרבעט האָט ער זיך באַצויגן אָן חשק און האָט אָפט, מיט אַ הייזעריק-לעכן באַס געזאָגט:

— בכלל — איז דאָס אַלץ גאָרנישט מיט גאָרנישט!

— און וואָס זשע איז נישט גאָרנישט?

— ווי זאָל איך זאָגן? – האָט ער געפרעגט פאַרטראַכט, אויפהויבנדיק צום באַלקן זיינע גראָע, לאַנגווייליקע אויגן, און — האָט ווייטער גאָרנישט געזאָגט. ער איז געווען עפּעס באַ-זונדערס שווער און אַזוי ווי ספּעליעט פאַר לייטן וועגן — אומע-טיק, דאָס האָט מיך מער, ווי אַלץ אויפגערעגט. אָנשיכורן פלעגט ער זיך פּאַוואָליע; זייענדיק שיכור, האָט ער איראָניש אָפּגע-בלאָזן פון זיך מיט דער נאָז, — אַ חוץ דעם האָב איך קיין באַ-זונדערע זאַכן נישט באַמערקט אין אים, ווייל — ס'איז שוין אַ חוק אַזאַ, אַז ביים מאַן אין די אויגן איז דער ליבהאָבער פון זיין פרוי, שטענדיק אַ שלעכטער מענטש.

ערגעץ פון אוקראַאינע האָט אַ רייכער קרוב געשיקט דעם ליצייער פּופּציק רובל אַ חדש; אַ היפּשע סומע אין יענער צייט. אויף די חגאות פלעגט דער ליצייער ברענגען מיין פרוי צוקער-קעס, און צו איר געבורטסטאָג האָט ער איר געשאָנקען אַ זייגער — אַ וועקער, אַ בראָנזענער שטאַם, און פון אויבן אויף אים שטייט אַ סאָווע און צערייסט אַ שלאַנג.

די דאָזיקע מיאוסע מאַשין האָט מיך שטענדיק געוועקט אויף אַ שעה מיט זיבן מינוט פריער, ווי איך דאַרף.

נאָכדעם ווי מיין ווייב האָט אויפגעהערט קאָקעטירן מיטן ליצייער, האָט זי זיך אָנגעהויבן באַציען צו אים מיט די צערטלעכקייטן פון אַ פרוי, וואָס פילט זיך שולדיק אין דער צושטערטער גייסטיקער רו פונם מאַן. איך האָב זי געפרעגט מיט וואָס, לויט איר מיינונג, דאַרף זיך ענדיקן די דאָזיקע טרויעריקע געשיכטע?

– איך ווייס נישט — האָט זי געענטפערט, — איך האָב נישט קיין באַשטימט געפיל צו אים, נאָר – מיר ווילט זיך אים אויפטרייסלען, אין אים איז עפּעס איינגעשלאָפן און, דוכט זיך, איך וואָלט אים געקענט אויפוועקן.

איך האָב געוווּסט, אַז זי זאָגט אמת – זי האָט חשק געהאַט אַלעמען און איטלעכן „אויפצוּוועקן“, און דאָס פלעגט זיך איר זייער לייכט איינגעבן: זי האָט אויפגעוועקט דעם נאָענטן – און אין אים האָט זיך אויפגעכאַפּט די בהמה. איך פלעג איר דערמאָנען וועגן צירצייע, נאָר דאָס האָט נישט איינגעהאַלטן איר שטרעבונג „אויפצוטרייסלען“ די מענער און איך האָב געזען, ווי אַרום מיר וואַקסט זיך פאַנאַנדער ביסלעכווייז די סטאַדע באַראַנעס, אָקסן און חזירים.

באַקאַנטע פלעגן מיר גרויסמוטיק דערציילן שווידערליכע פינסטערע לעגענדעס וועגן מיין פאַמיליען לעבן, און איך בין געוועזן אָפּן, גראָב און האָב געוואָרנט די שעפער פון דער לעגענדע:

– איך וועל אייך שלאָגן!

אַנדערע – האָבן זיך פאַלש פאַרענטפערט; באַליידיקט האָבן זיך ווייניקע און נישט איבעריק. און די פרוי פלעגט מיר זאָגן:

– גלויב מיר, מיט גראָבקייט וועסטו גאָר נישט פועלן, מען וועט נאָך ערגער אָנהויבן רעדן! דו – ביזט דאָך נישט אייפערזיכטיק?

יאָ, איך בין געוועזן צו יונג און צופיל זיכער אין זיך,

כּדי צו זיין אייפערזיכטיק, נאָר — עס זענען דאָ געפילן, גע־דאַנקען און אַנונגען, וועלכע דו זאָגסט אַרויס בלויז פאַר דער געליבטער פרוי און פאַר קיינעם, קיין אַנדערן, וועסטו עס נישט זאָגן. עס איז דאָ אַזאַ מאָמענט פון נאָענטקייט מיט דער פרוי, ווען דו ווערסט זיך אַליין פרעמד און דו ביזט זיך מתודה פאַר איר, ווי אַ פרומער פאַר זיין גאָט. ווען איך האָב מיר פאָרגעשטעלט, אַז דאָס אַלץ, וואָס איז נאָר מיינס — קען זי אין אַן אינטימע מינוט דערציילן וועמען עס איז אַנאַנדערן; פלעגט מיר ווערן שווער, כ׳האָב געהאַט א געפיל, אַז אַרום קען פאָר־קומען עפּעס אַזוינס, וואָס איז זייער ענלעך צו פערראַט. אפשר איז אין דער דאָזיקער מורא געלעגן דער וואָרצל פון אייפער־זוכט?

כ׳האָב געפילט אַז אַזאַ לעבן קען מיך אַראָפּפירן פון דעם וועג, מיט וועלכן איך גיי. כ׳האָב שוין אָנגעהויבן צו טראַכטן, אַז קיין אַנדער אָרט אין לעבן, אויסער דער ליטעראַטור, — איז פאַר מיר נישטאָ. און אין די באַדינגונגען איז אוממעגלעך געווען צו אַרבעטן.

פון גרויסע סקאַנדאַלן האָט מיך אָפּגעהאַלטן דאָס, וואָס אין גאַנג פון לעבן, האָב איך זיך אויסגעלערנט צו באַציען צו מענטשן מיט סבלנות, נישט פאַרלירנדיק פונדעסטוועגן דערביי נישט דעם גייסטיקן אינטערעס, נישט די אַכטונג צו זיי. כ׳האָב שוין דאַמאָלסט געזען, אַז אַלע מענטשן זינדיקן קעגן דעם אומ־באַוווסטן גאָט פון ריינעם אמת, און קעגן דעם מענטשן זינדיקן דערהויפּט די אָנגענומענע צדיקים. די צדיקים — דאָס זענען די ממזרים, וואָס קומען אַרויס פון דער באַהעפטונג פון דער עברה מיט דער מצוה און די דאָזיקע באַהעפטונג איז נישט קיין פאַרגוואַל־טיקונג פון דער עברה איבער דער מצוה — אָדער פאַרקערט — נאָר אַ נאַטירלעכער פועל יוצא פון זייער געזעצלעכן זיווג, ביי וועלכער די ראָל פון גלח שפּילט די איראָנישע נויטווענדיקייט. דער אַקט פון חתונה האָבן איז אַ געהיימניש, וואָס פאַראייניקט מיט איר קראַפט צוויי שאַרפע הפוכים, - פון וועלכע עס ווערט, כמעט שטענדיק, געבוירן אַ לאַנגווייליקע מיטלמעסיקייט. אין

יענער צייט האָב איך ליב געהאַט פּאַראַדאָקסן, — ווי איינגל איינ־קרעם, זייער שאַרפקייט האָט מיך אויפגערעגט ווי גוטער ווייַן. דער פּאַראַדאָקסאַליזם פון די ווערטער האָט שטענדיק פּאַרגלעט די גראָבע, באַליידיקנדע פּאַראַדאָקסן פון פאַקטן.

— מיר דוכט זיך, אַז ס'וועט בעסער זיין, ווען איך זאָל אַוועקפאָרן, — האָב איך געזאָגט צו דער פרוי.

זי האָט זיך אַביסל פאַרטראַכט און מסכים געווען:

— יאָ, דו ביזט גערעכט! אַזאַ לעבן, — פאַסט נישט פאַר דיר, איך פאַרשטיי!

מיר האָבן ביידע אַביסל און שווייגעדיק אָפּגעטרויערט, פעסט אַרומנעמענדיק איינע די אַנדערע, איך בין אָפּגעפאָרן פון שטאָט, און אינגיכן איז זי אויך אָפּגעפאָרן און אַוועק אויף דער בינע. אַזוי האָט זיך פאַרענדיקט די געשיכטע פון מיין ער־שטער ליבע, — אַ שיינע געשיכטע, נישט קוקנדיק אויף איר ביטערן סוף.

דאָ נישט לאַנג איז מיין ערשטע פרוי געשטאָרבן.

צו איר שבח מוז איך זאָגן, אַז זי איז געווען אַן עכטע פרוי! זי האָט געקאָנט לעבן מיט דעם, וואָס ס'איז פאַראַן, נאָר יעדער טאָג איז ביי איר געווען אַן ערב יום טוב, זי האָט שטענדיק געוואַרט, אַז מאָרגן וועלן אויף דער ערד אויפבליען נייע, אויסערגעוויינלעכע בלומען, עס וועלן פון ערגעץ אַראָפּקומען וווּנדערלעכע, אינטערעסאַנטע מענטשן, עס וועלן זיך אָפּשפּילן מערקווירדיקע געשעענישן.

באַציענדיק זיך צו די זאָרגן פון לעבן מיט שפּאָט, און אַביסל מיט האַס, האָט זי זיך אָבגעטרייסלט פון זיי, ווי פון קאָמאַרן, און שטענדיק האָט איר נשמה געפלאַטערט, אַ גרייטע פרייליך צו באַוווּנדערן די וועלט. נאָר — דאָס איז שוין נישט געווען קיין נאַאיווע התפעלות פון אַן אינסטיטוטקע, נאָר אַ געזונטע פרייד פון אַ מענטשן, וועלכן עס געפעלט דער בונטער הבל־הבלים פון לעבן, די טראַגיש־קאָמישע פערפלאָנטערטע פאַר־בינדונגען פון די מענטשן, דער שטראָם פון קליינינקע געשעענישן, וואָס שימערירן, ווי שטויבעלעך אין אַ זונען־שטראַל.

מ׳קען נישט זאָגן, אַז זי האָט ליב געהאַט די נאָענטע, ביין, נאָר איר איז געפעלן געווען זיי צו באַקוקן. אַמאָל פלעגט זי פאַרוויקלען אָדער צוויילן די אַנטוויקלונג פון די וואָכעדיקע דראַמעס צווישן מאַן און ווייב אָדער צווישן פאַרליבטע, ביי די האָט זי אַרויסגערופן די אייפערזוכט, די צווייטע האָט זי מיט־געהאָלפן צו דערנענטערן זיך, דאָס דאָזיקע, נישט אומגעפערלעכע שפיל, האָט זי זייער פאַרכאַפּט.

— „ליבע און הונגער רעגירן מיט דער וועלט", און די פילאָזאָפיע — דאָס איז זייער אומגליק, — פלעגט זי זאָגן. מ׳לעבט - צוליב ליבע — דאָס איז די וויכטיקסטע זאַך פון לעבן.

צווישן אונזערע באַקאַנטע איז געווען אַ באַאַמטער פון מלוכה באַנק, אַ לאַנגער, אַ מאָגערער ; ער האָט געהאַט אַ גאַנג פון אַ באָטשאַן, פּאַוואָליע און חשוב ביי זיך, האָט זיך זויבער אָנגעטון און, אַרומקוקנדיק זיך אויפמערקזאַם האָט ער מיט זיינע טרוקענע, געלע פינגער אָפּגעשנעלט די שטויבעלעך פון אָנצוג, וואָס קיין אויג, אויסער זיינס האָט זיי נישט באַמערקט. אַן אָריגינעלן געדאַנק, אַ ברענענדיק וואָרט האָט ער פיינט געהאַט, פונקט ווי זיין שווערע, גלאַטע פינקטלעכע שפּראַך וואָלט זיך געמיאוסט דער־מיט. גערעדט האָט ער סאָליד מיט איינפלוס און, איידער ער האָט אַרויסגערעדט עפּעס, וואָס איז שטענדיק געווען קודש קדשים, פלעגט ער מיט זיינע קאַלטע פינגער פריער אויסגלייכן זיינע געלע שיטערע וואָנצן.

— מיט דער צייט באַקומט די כעמי אַלץ אַ גרעסערע באַ־דייטונג אין אינדוסטרי, וואָס פאַרנעמט זיך מיט דער אויסאַרבע־טונג פון רוי שטאָף. וועגן פרויען זאָגט מען גאַנץ ריכטיק, אַז זיי זענען קאַפּריז. צווישן אַ פרוי און אַ געליבטער איז נישטאָ קיין פיזיאָלאָגישער אונטערשייד, נאָר בלויז אַ יורידישער.

כ׳האָב ערנסט געפרעגט מיין פרוי :

— צו ביסטו אומשטאַנד צו פאַרזיכערן מיר, אַז אַלע נאַטאַרן האָבן פליגלען ?

שולדיק און טרויעריק פלעגט זי ענטפערן :

— אוי, ניין, איך בין דאָס נישט בכוח, נאָר — איך פאַרזיכער דיר: ס'איז לעכערלעך צו שפּייזן העלפאַנטן מיט ווייכע אייער!

אויסהערנדיק אַ פּאָר מינוט דעם דאָזיקן דיאַלאָג, פלעגט אונזער פריינט מיט אַ שאַרפן בליק ערקלערן:

— מיר דוכט זיך, אַז איר רעדט דאָס אַלץ גאָרנישט אין ערנסט.

איינמאָל, נאָכדעם, ווי ער האָט שטאַרק צעקלאַפּט די קני אָן פיסל פון טיש, האָט ער זיך פאַרקרימט און מיט דער גאַנצער איבערצייגונג, געזאָגט:

— פעסטקייט — איז אַן אייגנשאַפט פון דעם שטאָף, וואָס לאָזט זיך נישט אָפּלייקענען..

עס פלעגט טרעפן, — באַגלייטנדיק אים, פלעגט מיין פרוי אַן אָנגעגעם אויפגערעגטע, אַ צעוואַרעמטע, אַ לייכטע, זאָגן האַלב ליגנדיק ביי מיר אויף די קני:

— דו קוק זיך נאָר צו, וואָס פאַר אַ פולשטענדיקער אַלזייטיקער נאַר ער איז, נאַריש אין אַלץ, — אַפילו זיין הלוך, די זשעסטן, — אַלץ איז נאַריש. ער געפעלט מיר, ווי אַ מוסטערהאַפטע זאַך, גיב אַ גלעט אַביסל מיינע באַקן!

זי האָט ליב געהאַט, אַז בשעת איך פלעג קוים אָנרירן מיט די פינגער די הויט פון איר פּנים, פלעג איך פאַרגלעטן די קליינע קנייטשעלעך אונטער אירע ליבע אויגן. פאַרזשמורענדיק זיך, צונויפגעקנוילט, ווי אַ קאַץ, האָט זי געמורמלט:

— ווי וווּנדערלעך אינטערעסאַנט די מענטשן זענען, אַפילו, ווען אַ מענטש איז נישט אינטערעסאַנט פאַר אַלעמען, — רעגט ער מיך אויף. מיר ווילט זיך אַריינקוקן אין אים, ווי אין אַ קעסטעלע — אפשר איז דאָרט עפּעס באַהאַלטן אַזוינס, וואָס קיינער באַמערקט נישט, וואָס איז פאַר קיינעם נישט קענטיק, נאָר איך אַליין וועל דאָס די ערשטע דערזען.

אין אירע זוכענישן נאָך „דאָס אומבאַמערקטע פון קיינעם" איז נישט קענטיק געווען קיין אָנשטרענגונג, זי האָט געזוכט מיט הנאה, מיט דער נייגעריקייט פון אַ קינד, וואָס איז דאָס ערשטע

מאָל אַריין אין אַן אומבאַקאַנט צימער, און, צייטנווייז, פלעגט זי ווירקלעך אין די אויסגעלאָשענע אויגן פון דעם האָפנונגסלאָז־לאַנגווייליקן מענטשן, אָנצינדן אַ שאַרפן בליאַסק פון אַן אָנגע־שטרענגטן געדאַנק, נאָר — עפּטער ווי אַלץ פלעגט זי אַרויסרופן אַן עקשנותדיקן פאַרלאַנג זי צו באַהערשן.

זי האָט ליב געהאַט איר קערפּער, און, שטייענדיק אַ נאַ־קעטע אַנטקעגן שפּיגל, פלעגט זי זיך אַנטציקן:

— ווי פיין זי איז געמאַכט, די פרויענצימער! ווי האַר־מאָניש ס'איז אַלץ אין איר!

זי האָט געזאָגט:

— ווען איך בין שיין אָנגעטון, פיל איך זיך אַ סך געזינטער, שטאַרקער און קלוגער!

אַזוי איז טאַקי געווען: אַן אויסגעפּוצטע, פלעגט זי ווערן פריילעכער, שאַרפזיניקער, אירע אויגן האָבן געפינקלט מיט נצחון. זי האָט געקענט שיין נייען פאַר זיך קליידער פון ציץ און האָט זיי געטראָגן, ווי זייד און ווי סאַמעט, און שטענדיק אָנגעטון זייער פשוט, פלעגט זי מיר פאָרקומען פּרעכטיק אָנגע־טון. פרויען פלעגן נתפּעל ווערן פון איר פוץ; געוויינלעך, — נישט אַלעמאָל אויפריכטיק, נאָר אַלע מאָל אופן קול, זיי האָבן איר מקנא געווען, און, איך געדענק, אַז איינע פון זיי האָט איר טרויעריק געזאָגט:

— מיין קלייד קאָסט דריי מאָל אַזוי פיל און איז צען מאָל ערגער, — ס'איז מיר אַפילו אַ ווייטאָג און אַ באַליידיקונג צו קוקן אויף אייך!

אַוודאי האָבן זי די פרויען נישט ליב געהאַט, האָבן פאַר־שפּרייט רכילותן וועגן אונז. אַ באַקאַנטע פעלדשערין, זייער אַ שיינע, נאָר נאָך אַ גרעסערער נאַר — האָט מיך גרויסמוטיק גע־וואָרנט:

— די דאָזיקע פרוי וועט אויסזויגן פון אייך דאָס גאַנצע בלוט!

אַ סך האָב איך זיך אויסגעלערנט נעבן מיין ערשטער דאַמע. נאָר פונדעסטוועגן האָט אין מיר שטענדיק געברענט די־

פאַרצווייפלונג פון דעם גוואַלדיקן קאָנטראַסט צווישן אונז

פאַר מיר איז דאָס לעבן געווען אַן ערנסטע אויפגאַבע, כ'האָב צופיל געזען, געטראַכט, כ'האָב געלעבט אין שטענדיקער אומרויקייט. אין מיין נשמה האָבן, אין אַן אונהאַרמאָנישן כאָר געשריען פראַגן, וואָס זענען פרעמד געווען דעם גייסט פון דער ווילער פרוי.

איינמאָל, האָט אויפן מאַרק אַ פּאָליציאַנט צעשלאָגן אַן אָנגעזועענעם אַלטן אידן, אויף איין אויג, צוליב דעם, וואָס דער איד האָט כלומרשט צוגעגנבעט ביים הענדלער אַ פּעקל כריין. איך האָב געטראָפן דעם אַלטן אין גאַס, אַן אויסגעוואַלגערטן אין שטויב, ער איז געגאַנגען פּאַוואָליע, עפּעס מיט אַ בילדלעכער יום-טובדיקייט, זיין גרויס שוואַרץ אויג האָט שטרענג געקוקט אין פוסטן ברענענדיקן הימל, און פון זיין צעמזיקטן מויל איז אין דינע שטראָמעלעך געפלאָסן דאָס בלוט איבער זיין לאַנגער ווייסער באָרד, באַפאַרבנדיק פּורפּור-רויט די זילבערנע האָר.

מיט דרייסיק יאָר צוריק איז דאָס געווען און איצט נאָך זע איך ווי לעבעדיק דעם געווענדטן בליק צום הימל, מיט אַ שטימען פאָרוואורף, איך זע, ווי עס ציטערן אויפן אַלטנס פּנים די זילבערנע נאָדלען פון די ברעמען. עס פאַרגעסן זיך נישט באַליידיקונגען, וואָס טוט אָן אַ מענטשן, און — זיי זאָלן אויך נישט פאַרגעסן ווערן!

איך בין געקומען אַהיים איינגאַנצן אַ דערשלאָגענער, אַ צובראָכענער פון צער און פון צאָרן. אַזוינע איינדרוקן פלעגן מיך אַרויסשליידערן פון לעבן, איך פלעג ווערן אַ פרעמדער ביי אים, אַ מענטש, וועמען מען טוט בכיוון צו להכעיס, ווייזנדיק אים דעם גאַנצן שמוץ, דאָס נאַרישע און שרעקלעכע, וואָס ס'איז דאָ אויף דער וועלט, אַלץ, וואָס קען באַליידיקן די נשמה, און אָט אין די דאָזיקע שעהן, אין די דאָזיקע טעג, האָב איך באַזונדערס בולט געזען, ווי ווייט ס'איז פון מיר מיין נאָענסטער מענטש.

ווען איך האָב איר דערציילט וועגן דעם צעמזיקטן אידן, האָט זי זיך זייער פאַרוווּנדערט.

— און — פון דעם גייסטו פון זינען אראָב ? אוי, וואָס פאַר אַ שלעכטע נערוון דו האָסט!

דערנאָך האָט זי געפרעגט:

— דו זאָגסט — אַ פיינער זקן ? נאַר, — ווי קען ער זיין פיין, אויב ער איז — אויף איין אויג ?

יעדער אַרט פון ליידן האָט זי פיינט געהאַט, זי האָט נישט ליב געהאַט צו הערן מעשיות וועגן אומגליקן, לירישע לידער האָבן זי כמעט נישט גערירט, רחמנות האָט זעלטן אויפגעפלאַקערט אין דעם קליינעם פריילעכן האַרצן. אירע באַליבטע פּאָעטן זענען געווען בעראַנזשע און היינע, אַ מענטש, וואָס האָט געליטן — לאַכנדיק.

אין איר באַציונג צום לעבן איז געווען עפּעס ענליכעס צום גלויבן פון אַ קינד און דער אומבאַגרעניצטער פלינקייט פון אַ קינצנמאַכער. אַלע געוויזענע קונצן זענען אינטערעסאַנט, נאָר דער אינטערעסאַנטעסטער קומט נאָך. דעם דאָזיקן קונץ וועט מען ווייזן אין אַ שעה אַרום, אפשר — מאָרגן, נאָר מען וועט אים ווייזן!

איך מיין, אַז אַפילו אין די מינוט פון איר גסיסה האָט זי נאָך אַלץ געהאָפט צו דערזען דעם דאָזיקן לעצטן, לחלוטין אומפאַרשטענדלעכן, ווונדערלעך פלינקן קונץ.

---

# וו. ג. קאָראָלענקאָ.

ווען איך בין צוריקגעקומען פון טיפליס קיין ניזשני, — איז וו. ג. קאָראָלענקאָ געווען אין פעטערבורג.

נישט האָבנדיק קיין אַרבעט, האָב איך אָנגעשריבן עטלעכע קליינע דערציילונגען און אָפּגעשיקט זיי אין ריינהאַרטס „וואָלגער וועסטניק", אַ צייטונג וואָס האָט געהאַט די גרעסטע השפעה אין פּאָוואָלזשייער קאַנט, אַ דאַנק דער שטענדיקער מיטאַרבעט פון וו. ג.

די דערציילונגען זענען געווען אונטערגעשריבן מ. ג., אָדער ג—קי, מען האָט זיי תיכף אָפּגעדרוקט, ריינהאַרט האָט מיר צוגעשיקט אַ בריוו מיט שבחים און אַ גאַנצן באַרג געלט, אַרום דרייסיק רובל. צוליב געוויסע טעמים, וועלכע איך האָב שוין איצט פאַרגעסן, האָב איך פאַרביסן באַהאַלטן מיין שרייבעריי אַפילו פון מיינע גאַנץ נאָענטע מענטשן, פון ג. ז. וואַסיליעוון און א. י. לאַנינען. נישט נעמענדיק ערנסט אין אַכט די דאָזיקע דערציילונגען מיינע, האָב איך נישט געגלויבט, אַז זיי וועלן באַשטימען מיין גורל. נאָר ריינהאַרט האָט מודיע געווען קאָראָלענקאָן מיין פאַמיליע און ווען וו. ג. האָט זיך אומגעקערט פון פעטערבורג, האָט מען מיר געזאָגט, אַז ער וויל מיך זען.

ער האָט נאָך אַלץ געוווינט אין דעם זעלביקן הילצערנעם הויז פון אַרכיטעקטאָר לעמקע אין עק שטאָט. איך האָב אים געטראָפן ביי טיי טרינקען אין אַ קליין צימערל מיט די פענסטער צום גאַס און בלומען אויף די פענסטער-ברעטלעך און אין די ווינקלעך אָן אַ צאָל ביכער און צייטונגען.

די פרוי און די קינדער, האָבן נאָכן טיי זיך געקליבן אויפן שפּאַציר. ער האָט מיר אויסגעוויזן נאָך פעסטער, זיכערער און געקרויזטער.

— און מיר והאָבן דאָ־ערשט געלייענט אייער דערציילונג „וועגן טשיזש״ — נו, איר האָט זיך שוין אָנגעהויבן דרוקן, מזל טוב! ווייזט זיך אַרויס, איר זענט אַן עקשן, איר שרייבט כסדר אַלעגאָריעס. נו איז וואָס, — אַן אַלעגאָריע קען אויך זיין שיין, אויב זי איז שאַרפזיניק, און עקשנות איז נישט קיין מיאוסע מידה.

ער האָט געזאָגט נאָך עטלעכע גוטע ווערטער, אָנקוקנדיק מיך מיט פאַרזשמורעטע אויגן. דער שטערן און דער האַלדז זענען געווען אָבגעברענט פון דער זון, די באָרד — אָפּגעבליאַקעוועט. אָנגעטון אין אַ סאַרפינקענער בלויער רובאַשקע, אונטערגעגאַרטלט מיט אַ לעדערנעם רימען, אין שוואַרצע הויזן, אַריינגעלאָזן אין די שטיוול, האָט ער אויסגעזען, ווי ער וואָלט ערשט געקומען פון אַ ווייטן וועג און גייט באַלד ווידער אַוועק. זיינע רויקע קלוגע אויגן האָבן געלויכטן מונטער און פריילעך.

איך האָב געזאָגט, אַז איך האָב נאָך עטלעכע דערציילונגען און איינער איז אָפּגעדרוקט אין דער צייטונג „קאַווקאַז״.

— איר האָט גאָרנישט מיט געבראַכט מיט זיך? אַ שאָד. איר שרייבט זייער אייגנאַרטיק. נישט גלאַטיק קומט ביי אייך אַרויס, שאָרשקע, נאָר — אינטערעסאַנט. מען זאָגט — איר זענט פיל אַרומגעגאַנגען צו פוס? איך האָב אויך כמעט אַ גאַנצן זומער אַרומגעשפּאַצירט הינטער דער וואָלגע, איבער דעם קערזשענעץ, איבער דער וועטלוגע. און ווו זענט איר געווען?

ווען איך האָב אים קורץ אָנגעצייכנט מיין מאַרשריט, האָט ער צופרידן אויסגערופן:

— אָהאָ? אַ היפּשער וועג! אָט, פאַרוואָס איר זענט אַזוי אויסגעוואַקסן פאַר די דריי יאָר, כמעט? און כוחות אָנגעקליבן, זיכער, אַ סך?

איך האָב ערשט נישט־לאַנג איבערגעלייענט זיין דערציילונג: „דער טייך שפּילט״, וואָס איז מיר זייער געפעלן געוואָרן הן מיט זיין פאָרכן, ווי מיטן אינהאַלט, כ'האָב געפילט אַ דאַנקבאַרקייט

צום מחבר און האָב אָנגעהויבן מיט התפעלות צו רעדן וועגן דער דערציילונג.

און דער פּערזאָן פון דעם פּאַראָם־פירער טיולין האָט, נאָך מיין מיינונג, קאַראַלענקאָ ווונדערלעך־ריכטיק פאַרשטאַנען און קונצעק געצייכנט דעם טיפּ פון אַ פויער, „אַ העלד אויף אַ רגע", אַזאַ מענטש קען, פאַרגעסנדיק אָן זיך, אָפּטון פּשוט אַ גרויסמוטיקע טאַט, און אין אַ ווײַלע אַרום צעמזיקן ביז טויט זיין ווייב, פּלעטן מיט אַ פּלאָקן זיין שכן דעם קאָפּ. ער קען אייך פאַרכישופן מיט גוטמוטיקע שמייכלען, מיט הונדערטער האַרציקע ווערטער, העלע, ווי בלומען, און, פּלוצלינג, אָן שום סיבה, אַריינקריכן אייך מיט זיינע שמוציקע שטיוול אין פּנים אַריין, אַזוי ווי קאָזמאַ מינין איז ער פעיק צו אָרגאַניזירן אַ פאָלקס־באַוועגונג, און דערנאָך — פאַרזונקען אין שיכּרות, „לאָזן זיך אויספּרעסן פון לייז".

וו. ג. האָט אויסגעהערט מיין פאַרפלאָנטערטע רעדע, נישט איבעררייסנדיק, אויפמערקזאַם צוקוקנדיק צו מיר, דאָס האָט מיך זייער פאַרשעמט. צייטנווייז האָט ער, צומאַכנדיק די אויגן, גע־קלאַפּט איבערן טיש, און דערנאָך האָט ער זיך אויפגעשטעלט פון שטול, אָנגעשפּאַרט זיך מיטן פּלייצע צו דער וואַנט און געזאָגט, שמייכלענדיק גוטמוטיק.

— איר האָט מגזם געווען, לאָמיר זאָגן פּשוטער: די דער־ציילונג איז אַ געלונגענע. דאָס איז גענוג. איך וויל נישט באַ־האַלטן — זי געפעלט מיר אַליין אויך. נו, צו איז אָבער דער פויער אַזאַ, ווי טיולין — דאָס ווייס איך נישט, און איר רעדט פיין, בולט, קלאָר, מיט אַ פעסטער שפּראַך, — אָט האָט איר דעם לוין פאַר אייער ליבע! און עס פילט זיך, אַז איר האָט אַ סך געזען, נישט ווייניק געטראַכט. דערמיט גראַטוליר איך אייך פון האַרצן. פון האַרצן!

ער האָט מיר דערלאַנגט אַ האַנט מיט מאָזאָלעס אויף דער דלאָניע, קענטיק פון רודערן אָדער פון אַ האַק, ער האָט ליב געהאַט צו האַקן האָלץ און בכלל פיזישע אַרבעט

— נו, דערציילט, וואָס איר האָט געזען?

דערציילנדיק האָב איך דערמאָנט וועגן מיינע באַגעגענישן מיט פאַרשיידענע אמת-זוכער — אין די הונדערטער גייען זיי פון שטאָט צו שטאָט, פון מאָנאַסטיר צו מאָנאַסטיר איבער די פאַרפלאָנטערטע רוסלענדישע וועגן.

קוקנדיק, דורכן פענסטער, אויפן גאַס, האָט קאָראָלענקע געזאָגט:

— עפּטער ווי אַלץ — זענען דאָס ליידיק-גייער. שלימזלדיקע העלדן, וואָס זענען דערווידערלעך פאַרליבט אין זיך. איר האָט באַמערקט, אַז אַלע זענען זיי כמעט שלעכטע מענטשן? דאָס רוב פון זיי זוכט גאָרנישט דעם „הייליקן אמת" נאָר אַ לייכט שטיקל ברויט און — ביי ווענען אַוועקצוזעצן זיך אויפן קאַרק?

די דאָזיקע רויק אַרויסגעזאָגטע ווערטער, האָבן מיך גלייך איבערראַשט, אַנטדעקנדיק פאַר מיר אַן אמת, וואָס איך האָב אומדייטלעך געפילט.

— גוטע דערציילער זענען פאַראַן צווישן זיי, — האָט צוגע-געבן קאָראָלענקע. — מענטשן מיט אַ רייכער שפּראַך. עס טרעפט איינער פון זיי רעדט, איז פּונקט ווי ער וואָלט אויסגענייט מיט זייד.

„די זוכער פון אמת" „די שטאָט מאָנער" דאָס זענען גע-ווען די באַליבטע העלדן פון דער אַלטעגלעכער פאָלקס-ליטעראַ-טור, און אָט קאָראָלענקע קרויט זיי מיטן נאָמען ליידיקגייער און דערצו נאָך שלעכטע! דאָס האָט געקלונגען כמעט, ווי אַ לעסטערונג, נאָר אין וו. ג.'ס מויל דורכגעטראַכט און באַשלאָסן. און קאָראָלענקאָס ווערטער האָבן אין מיר פאַרשטאַרקט דאָס געפיל פון זיין גייסטיקער אומאָפּהענגיקייט.

אין וואָלין אין פּאָדאָליע — זענט איר נישט געוועז? דאָרט — איז שיין!

כ'האָב אים דערציילט וועגן מיין געצוווּנגענעם שמועס מיט יאָאַן דעם קראָנשטאַטער, — ער האָט לעבעדיק אויסגעשריען:

— וואָס זשע קלערט איר וועגן אים? וואָס איז דאָס פאַר אַ מענטש.

אַ מענטש, אַן אמתער מאַמין, ווי אַנדערע נישט איבעריק קלוגע דאָרפישע גלחימלעך, מיט אַ גוט, אָרנטלעך האַרץ. מיר דוכט זיך, אַז זיין פּאָפּוליאַריטעט שרעקט אים, זי איז פאַר אים שווער, נישט נאָך זיינע כּוחות, עפּעס פילט זיך אין אים אַ צוּ-פעליקייט, אַזוי ווי ער וואָלט האַנדלען נישט לויט זיין איי-גענעם ווילן די גאַנצע צייט האָלט ער אין איין פרעגן ביי זיין גאָט: איז גוט אַזוי, גאָטעניו? און האָט תּמיד מורא: ס'איז נישט אַזוי!

— מאָדנע איז דאָס צו הערן, — האָט פאַרטראַכט גע-זאָגט וו. ג.

דערנאָך האָט ער אַליין אָנגעהויבן דערציילן וועגן זיינע שמועסן מיט די לוקאַיאַנאָווער פּויערים, מיט די קערזשענצער סעקטאַנטן, אונטערשטרייכנדיק הערלעך, מיט אַ פיינעם, שאַרפן הומאָר, די אינטערעסאַנטע פאַראייניקונג פון עם הארצות מיט כיטרעקייט אין די שמועסן פון זיינע דערציילער, און אונטער-צייכענענדיק פלינק דעם געזונטן שכל פון פּויער און זיין פאַר-זיכטיקע אומצוטרוי צום פרעמדן מענטשן.

— איך טראַכט אַמאָל, אַז אין ערגעץ אויף דער וועלט איז נישטאָ אַזאַ פאַרשיידנאַרטיק גייסטיק לעבן, ווי ביי אונז אין רוסלאַנד. און אויב דאָס איז אַפילו נישט אַזוי, זענען, אויף יעדן פאַל, די כאַראַקטערן פון די דענקענדע און גלויבנדיקע מענטשן ביי אונז אומענדלעך פאַרשיידנאַרטיק און נישט צו פאַראייניקן.

ער האָט אָנגעהויבן וואָגיק צו רעדן, וועגן דער נויט-ווענדיקייט אויסצופאָרשן אויפמערקזאַם דאָס גייסטיקע לעבן פון דאָרף.

— די עטנאָגראַפיע קען דאָס נישט אַרויסשעפּן, מ'דאַרף צוגיין עפּעס אַנדערש, נענטער, טיפער. דער דאָרף — איז דער באָדן, אויף וועלכן מיר וואַקסן אַלע און דאָרט איז דאָ זייער פיל דערנער און אומנוצלעכע טרוקענע גרעזער. זייען אויף דעם באָדן „שכלדיקס, גוטס און אייביקס" דאַרף מען פונקט אַזוי פאָרזיכטיק, ווי ענערגיש. אָט האָב איך זומער געשמועסט מיט אַ יונגנמאַן,

גאָרנישט קיין נאַר, נאָר – ער האָט מיך ערנסט פֿאַרזיכערט, אַז דער פֿויערשער קולאַק איז אַ פּראָגרעסיווע דערשיינונג, ווייל, פֿאַרשטייט איר מיך, די קולאַקעס פֿאַרמערן דעם קאַפּיטאַל, און רוסלאַנד מוז ווערן אַ קאַפּיטאַליסטיש לאַנד, אויב אַזאַ פּראָפּאַגאַנדיסט זאָל אַריינפֿאַלן אין דאָרף...

ער האָט זיך צעלאַכט.

באַגלייטנדיק מיך, האָט ער מיר ווידער געווונשן ערפֿאָלג.

– מיינט איר – אַז איך קען שרייבן? האָב איך געפֿרעגט.

– געוויס! – האָט ער אויסגעשריען אַביסל פֿאַרוווּנדערט. איר שרייבט דאָך שוין, און דרוקט זיך, – וואָס נאָך? אויב איר וועט זיך וועלן באַראַטן – ברענגט מאַנוסקריפּטן, וועלן מיר זיך דורכשמועסן...

איך בין אַרויסגעגאַנגען פֿון אים אין אַ מונטערער שטימונג, ווי איינער, וואָס האָט נאָך אַ הייסן זומער-טאָג און שרעקלעך אַמידער, זיך אויסגעבאָדן אין אַ קילן וואַלד-טייכל.

וו. ג. קאָראָלענקאָ האָט ביי מיר אַרויסגערופֿן גרויס דרך ארץ, נאָר, איך ווייס עפּעס נישט פֿאַרוואָס, כ'האָב נישט געשפּירט קיין סימפּאַטיע צום שרייבער און דאָס האָט מיר פֿאַרדראָסן. מסתמא, איז דאָס געשען צוליב דעם, ווייל צו יענער צייט זענען מיר שוין די לערער און די ערציהער געווען צו לאַסט, מיר האָט זיך זייער געוואָלט אָפּרוען פֿון זיי, דורכרעדן זיך מיט אַ גוטן מענטשן, פּשוט, פֿריינטלעך וועגן דעם, וואָס האָט מיך אָן רחמנות אויפֿגערידערט. און ווען איך פֿלעג ברענגען דעם מאַטעריאַל פֿון מיינע איינדרוקן צו מיינע לערער, פֿלעגן זיי אים צושניידן און צוזאַמענניייען לויט דער מאָדע און דער טראַדיציע פֿון זייערע פּאָליטיש-פֿילאָזאָפֿישע פֿירמעס, פֿון וועלכע זיי אַליין זענען געווען די צושניידער און די שניידער. כ'האָב געפֿילט אַז זיי קענען באמת נישט צושניידן און נישט נייען אַנדערש, נאָר כ'האָב געזען, אַז זיי פֿטרן מיין שטאָף.

אין אַ פּאָר וואָכן אַרום, האָב איך געבראַכט צו קאָראָלענקאָן

די מאַנוסקריפּטן פון דער לעגענדע „וועגן דעם פישער און דער פּעע" און פון דער דערציילונג: „די אַלטע איזערגיל", וואָס כ'האָב ערשט אָנגעשריבן. וו. ג. איז נישט געווען אין דער היים, כ'האָב איבערגעלאָזן די מאַנוסקריפּטען און צומאָרגנס האָב איך באַקומען אַ צעטעלע: „קומט אין אָוונט זיך דורכריידן" וול. קאָר.

ער האָט מיך באַגעגנט אויף די טרעפּ מיט אַ האַק אין דער האַנט.

– מיינט נישט, אַז דאָס איז מיין געווער צו קריטירן, – האָט ער געזאָגט, פאָכנדיק מיט דער האַק, — ניין, דאָס האָב איך נאָר געמאַכט פאָליצעס אין קעמערל, נאָר – אַ קליינער קלאַפּ אין קאָפּ, דערוואַרט אייך...

זיין פּנים האָט גוטמוטיק געשיינט, די אויגן האָבן פריילעך געלאַכט און, ווי פון אַ גוטער געזונטער רוסישער באַלע־באָסטע, האָט פון אים געשמעקט מיט פריש אויסגעבאַקענעם ברויט.

– אַ גאַנצע נאַכט געשריבן, אין נאָך מיטאָג איינגעשלאָפן; כ'האָב זיך אויפגעכאַפּט – פיל איך מ'דאַרף זיך אַביסל פּאָרען.

ער איז נישט געווען ענלעך צו דעם מענטשן, וואָס איך האָב געזען מיט צוויי וואָכן צוריק; כ'האָב לחלוטין נישט גע־פילט אין אים דעם לערער און ערציער; כ'האָב געזען פאַר זיך אַ גוטן מענטשן, וואָס איז געווען אויפגעלייגט פריינטלעך צו דער גאַנצער וועלט.

– נו, — האָט ער אָנגעהויבן, געמענדיק אין האַנט מיינע מאַנוסקריפּטן פון טיש און קלאַפּנדיק מיט זיי איבער זיין קני, — כ'האָב איבערגעלייענט אייער מעשהלע. ווען דאָס וואָלט געהאַט אָנגעשריבן אַ פריילן, וואָס האָט זיך צופיל אָנגעלייענט מיט מיוסעס לידער; און נאָך אין דער איבערזעצונג פון אונזער ליבער אַלטער מייסאָווסקאַסקע, — וואָלט איך דעם פריילן גע־זאָגט: — ס'איז נישט שלעכט נאָר, פונדעסטוועגן, מעגט איר חתונה האָבן! אָבער שרייבן לידער פאַר אַזאַ בייזן בחורעץ,

איז כמעט מיאוס, יעדנפאַלס אַ פאַרברעך. ווען האָט איר זיך אַזוי צעפלאָסן ?

— נאָך אין טיפליס...

— אַזוי גאָר ! דאָ שמעקט ביי אייך מיט פעסימיזם. זייט וויסן : די פעסימיסטישע באַציונג צו דער ליבע, איז אַ קראַנקהייט פון דער יוגנט. די דאָזיקע טעאָריע שטייט, אין פאַרגלייך, מיט די איבעריקע טעאָריעס, אין דער גרעסטער סתירה צו דער פראַקטיק. מיר קענען אייך פעסימיסטן, מיר האָבן עפּעס געהערט וועגן אייך.

ער האָט מיר שעלמיש צוגעווונקען, האָט זיך צעלאַכט און גערעדט ווייטער ערנסט

— פון דעם דאָזיקן „יזכור” קען מען אָפּדרוקן די לידער, זיי זענען אָריגינעל, דאָס וועל איך אייך אָפּדרוקן. „די אַלטע” איז אָנגעשריבן בעסער, ערנסטער, אָבער — פונדעסטוועגן ווידער־אַמאָל — אַן אַלעגאָריע. זיי וועלן אייך קיין גוטס נישט ברענגען, אין טורמע זענט איר געזעסן ? נו, און איר וועט נאָך ווידער זיצן !

ער האָט זיך פאַרטראַכט, בלעטערנדיק דעם מאַנוסקריפּט.

עפּעס אַ מאָדנע זאַך איז דאָס, דאָס איז ראָמאַנטיזם, און ער איז שוין לאַנג אָפּגעשטאָרבן. כ׳בין שטאַרק אין ספק, צו דער אליעזר איז ווערט ער זאָל אויפשטיין תחיית המתים. מיר דוכט זיך, אַז איר זינגט נישט מיט אייער קול, איר זענט אַ רעאַליסט און נישט קיין ראָמאַנטיקער, אַ רעאַליסט ! בפרט, איז דאָרטן דאָ איין אָרט וועגן אַ פוילישן, דאָס איז מיר פאָרגעקומען שטאַרק פערזענלעך, — ניין, נישט אמת ?

— ס׳איז מעגלעך.

— אַהאַ, זעט איר ! איך — זאָג דאָך : מיר ווייסן אַביסל וועגן אייך. נאָר — דאָס איז נישט דערלאָזלעך, דאָס פערזענלעכע — טרייבט אַרויס ! כ׳מיין — דאָס אויסדריקלעך פערזענלעכע.

ער האָט גערעדט גערן, פריילעך, זיינע אויגן האָבן וווּנדערלעך געלויכטן, — כ׳האָב געקוקט אויף אים אַלץ מיט אַ גרעסערער

פאַרווונדערונג, ווי אויף אַ מענטשן, וואָס מען דערזעט דאָס ערשטע מאָל. ער האָט אַ וואָרף געטון דעם מאַנוסקריפּט אויפן טיש, האָט זיך צוגערוקט צו מיר און אַוועקגעלייגט די האַנט אויף מיין קני.

— הערט זיך איין, — קען מען ריידן מיט אייך פּשוט ? קענען — קען איך אייך ווייניק, הערן וועגן אייך — הער איך אַ סך, און עפּעס־וואָס זע איך אַליין אויך. איר לעבט שלעכט. איר וועט נישט אַריינגעפּאַלן ווו מ׳דאַרף, לויט מיין מיינונג דאַרפט איר אַוועקפאָרן פינדאַנען אָדער חתונה האָבן מיט אַ פיין נישט־נאַריש מיידל.

— כ׳בין אָבער שוין אַ חתונה־געהאַטער.

— אָט דאָס איז טאַקי שלעכט !

כ׳האָב אים געזאָגט, אַז וועגן דעם קען איך נישט רעדן.

— נו, אַנטשולדיקט.

ער האָט זיך אָנגעהויבן וויצלען, דערנאָך האָט ער פּלוצלינג אַ פאַזאָרגטער געפרעגט :

— יאָ ! האָט איר געהערט, אַז ראָמאַס איז אַרעסטירט ? שוין לאַנג ? אַזוי גאָר. איך האָב זיך ערשט נעכטן דערוווּסט, ווו ? אין סמאָלענסק. וואָס זשע האָט ער דאָרט געטון ?

ביים ראָמאַסן אין דירה האָט מען אַרעסטירט די טי־פּאָגראַפיע פון די „נאַראָדאָפּראַוועצעס", וואָס ער האָט אָרגאַ־ניזירט.

— אַן אומרו אַ מענטש, — האָט פאַרטראַכט געזאָגט וו. ג. — איצט וועט מען אים ווידעראַמאָל ערגעץ פאַרשיקן. וואָס — ער איז געזונט ? אַ גוואַלדיק געזונטער פּויער געווען ?...

ער האָט אַ זיפץ געטון, אַ מאַך געטון מיט די פּלייצעס.

— ניין, דאָס אַלץ — איז נישט דאָס ! מיט דעם וועג וועט איר גאָרנישט דערגרייכן. דער אַסטירעווער ענין — איז אַ גוטע לעקציע, וואָס זאָגט אונז : נעמט זיך צו דער שוואַרצער לעגאַלער אַרבעט, פאַר דער וואָכעדיקער קולטורעלער אַרבעט. די זעלבס־הערשונג — איז אַ קראַנקער, נאָר אַ שטאַרקער צאָן, זיין וואָרצל איז אַ פאַרצווייגטער און טיף אַריינגעוואַקסן, אונזער דור וועט

דעם צאָן נישט אַרויסרייסן, — מיר דאַרפן אים צוערשט פאַנאַנדער־שאָקלען און דאָס פאָדערט נישט איין צענדליק יאָר פון לעגאַלע אַרבעט.

– ער האָט אַ צייט גערעדט אויף דער טעמע און געפילט האָט זיך, אַז ער רעדט וועגן זיין לעבעדיקן גלויבן.

עס איז אָנגעקומען אַוודאָטיע סעמיאָנאָוונאַ, די קינדער האָבן אָנגעהויבן טומלען און איך האָב זיך אָפּגעזעגנט און בין אַוועק מיט אַ לייכט האַרץ.

ס'איז באַוווּסט, אַז אין פּראָווינץ לעבט מען ווי אונטער אַ גלעזערנער קולבע, – אַלע ווייסן וועגן דיר, מען ווייס וועגן וואָס דו האָסט געטראַכט מיטוואָך אַרום צוויי בייטאָג און שבת פאַר דער אָוונט־תּפֿילה, זיי ווייסן אַלע דיינע באַהאַלטענע כּוונות און זיי זענען שטאַרק אָפּגעבראַכט אויב דו באַרעכטיגסט נישט זייערע נביאות און השערות.

עס פאַרשטייט זיך, אַז די גאַנצע שטאָט האָט זיך דער־וווּסט, אַז איך האָב ביי קאָראָלענקאָן נושא חן געווען, איך האָב געמוזט אויסהערן זייער פיל אַזעלכע עצות:

– היט זיך, זיי וועלן אייך צוטומלען דעם מוח, די דאָזיקע „קלוג־געוואָרענע" חברה־לייט!

געמיינט האָט מען פּ. ד. באָבאָריקינס פּאָפּולערע דערציילונג „קלוג געוואָרן", – וועגן אַ רעוואָליוציאָנער, וואָס האָט אָנגענומען אַ לעגאַלע אַרבעט אין דער „זעמסטוואָ", גלייך נאָכדעם פאַרלאָרן זיין רעגן־שירם און דאָס ווייב האָט אים אַוועק־געוואָרפן.

– איר – זענט אַ דעמאָקראַט, איר האָט זיך נישט וואָס צו לערנען ביי די גענעראַלן, איר – זענט אַ זון פון פאָלק! – פלעגט מען מיר איינרעדן.

נאָר איך האָב זיך שוין לאַנג געפילט, ווי אַ שטיף־זון ביים פאָלק, דאָס דאָזיקע געפיל האָט זיך וואָס ווייטער אַלץ מער פאַרשטאַרקט און, ווי איך האָב שוין געזאָגט, זענען מיר די פאָלקס פאַרערער אַליין אויך פאָרגעקומען, פּונקט אַזעלכע

שטיפקינדער, ווי איך. ווען איך האָב אָנגעוויזן דערויף, — האָט מען צו מיר געשריען:

— אָט זעט איר, — איר האָט זיך שוין אָנגעשטעקט!

אַ גרופּע סטודענטן פון יאַראָסלאַווער ליציי האָט מיך איינגעלאַדן צו אַ סעודה, כ'האָב פאַר זיי עפּעס פאָרגעלייענט, זיי האָבן כּסדר צוגעגאָסן אין מיין גלאָז ביר, בראָנפן, באַמיענדיק זיך, אַז איך זאָל דאָס נישט באַמערקן. כ'האָב געזען זייערע קליינע כיטרעקייטן, כ'האָב פאַרשטאַנען אַז זיי ווילן מיך „טויט אָנשיכּורן", נאָר כ'האָב נישט געקאָנט פאַרשטיין — צוליב וואָס זיי דאַרפן דאָס? איינער פון זיי אַ פאַרליבטער אין זיך און אַ ליגנער-קראַנקער, האָט מיר איבערצייגט:

— דער עיקר — שיקט אַוועק צו אַלדע רוחות די אידעען, די אידעאַלן און די גאַנצע שטותעריי! שרייבט — פּשוט! בידער מיט די אידעען...

די דאָזיקע אַלע עצות האָבן מיר שרעקלעך דערעסן.

וו. ג. קאָראָלענקע, ווי יעדער קענטיקער מענטש, האָט זיך געמוזט אונטערגעבן אונטער פאַרשידענע באַלעבאַטישע השפּעות. אַ טייל, שעצנדיק אויפריכטיק, אויפמערקזאַמע באַציונג צו מענטשן, האָבן זיך באַמיט אַריינצוציען אים אין זייערע פּערזענלעכע קליינלעכע סכסוכים, אַנדערע ווידער, האָבן אים אויסגעקליבן פאַר אַן אָביעקט, אויספּרובירנדיק אים מיט לייכטע רכילותן. מיינע באַקאַנטע זענען זיינע דערציילונגען נישט זייער געפעלן געווען.

— אייער קאָראָלענקע, דוכט זיך, גלויבט אַפילו אין גאָט, — פלעגט מען מיר זאָגן.

עפּעס איז זיי שטאַרק נישט געפעלן געוואָרן די דערציילונג: „פאַרן הייליקן בילד", מען האָט געהאַלטן אַז דאָס איז „עטנאָגראַפיע", נישט מער.

אַזוי האָט נאָך געשריבן פאַוועל יאַקושקין.

מען האָט פאַרזיכערט, אַז דער כאַראַקטער פון דעם העלד — דעם שוסטער, — איז גענומען ביי ג. אוספּענסקען, פון די „זייטן פון דער ראַסטעראַיעווער גאַס". בכלל האָבן די קריטיקער מיר

דערמאָנט איינעם אַ וואָראָנעזשער יערמאָנאַך, וואָס האָט אויס־הערנדיק אַ גענויע דערציילונג וועגן דער רייזע פון מיקלוכע — מאַקלאַי, פאַרוווּנדערט און בייז אַ פרעג געטון:

— זייט אַזוי גוט! איר האָט געזאָגט: ער האָט געבראַכט קיין רוסלאַנד אַ פאַפואַס. נאָר פאַרוואָס דווקא אַ פאַפואַס? און־פאַרוואָס נאָר איינעם?

---

גאַנץ פרי האָב איך זיך אומגעקערט פון פעלד, ווו איך האָב שפאַצירט ביינאַכט, און האָב געטראָפן וו. ג. ביים גאַניק פון זיין דירה.

— פון וואַנען? — האָט ער פאַרוווּנדערט געפרעגט, — און איך גיי שפאַצירן, אַ הערלעכער פרימאָרגן! פיליכט גייען מיר זיך דורך?

ער האָט, קענטיק, אויך נישט געשלאָפן די נאַכט: די אויגן זענען ביי אים רויט און טרוקן, קוקן מיד, די באָרד צעפלאָנטערט, די קליידער אָפּגעלאָזט

— כ'האָב איבערגעלייענט אין „וואָלגאַר" אייער „זיידע אַרכיפ", — ס'איז נישט קיין שלעכטע זאַך, מ'האָט זי אויך געקענט אָפּדרוקן אין אַ זשורנאַל. פאַרוואָס האָט איר מיר נישט געוויזן די דערציילונג, איידער איר האָט אָפּגעדרוקט? און פאַרוואָס גייט איר נישט אַריין צו מיר?

כ'האָב געזאָגט, אַז ער האָט מיר אָנגעשטויסן מיט דער באַוועגונג, מיט וועלכער ער האָט מיר געלייען די דריי רובל, ער האָט מיר דערלאַנגט דאָס געלט שווייגענדיק, שטייענדיק צו מיר מיטן רוקן, מיך האָט דאָס באַליידיקט. באָרגן געלט איז אַזוי שווער, איך פלעג דאָס טון, בלויז ווען ס'איז שוין קיין אַנדער אויסוועג נישט געווען.

ער האָט זיך פאַרקלערט, אָנגעברוגזט:

— איך געדענק נישט! יעדענפאַלס, איז מסתמא אַזוי געווען, אויב איר זאָגט, אַז ס'איז געווען. נאָר איר דאַרפט מיר מוחל זיין מיין אָפּגעלאָזנקייט. קענטיק, אַז כ'בין נישט געווען ביי זיך, דאָס טרעפט ביי מיר אָפט די לעצטע צייט, פלוצלינג,

פאַרטראַכט איך זיך, גלייך איך וואָלט אין אַ ברונים אַריינגעפאַלן. איך זע גאָרנישט, איך הער גאָרנישט, נאָר איך האָרך זיך צו עפּעס זייער אָנגעשטרענגט.

ער האָט מיך געגומען אונטערן אָרעם און אַריינגעקוקט אין די אויגן

— פאַרגעסט דאָס. איר האָט זיך נישט אויף וואָס צו באַליידיקן, איך האָב צו אייך אַ גוט געפיל, נאָר דאָס, וואָס איר האָט זיך באַליידיקט, דאָס איז בכלל — נישט שלעכט. מיר באַליידיקן זיך נישט שטאַרק, אָט דאָס איז שלעכט! נו, לאָמיר פאַרגעסן, אָט וואָס איך וויל אייך זאָגן, איר שרייבט פיל, איילּיק, נישט זעלטן זעט מען אין אייערע דערציילונגען אַ נישט דעראַרבעטקייט און נישט קלאָרקייט. אין אייער „אַרכיפּ״, ווו ס'איז באַשריבן דער רעגן, — איז האַלב דיכטונג, האַלב ריטמישע פּראָזע. דאָס איז נישט גוט.

ער האָט פיל און געגוי גערעדט וועגן די איבעריקע דערציילונגען, ס'איז געווען קענטיק, אַז ער לייענט אַלץ, וואָס איך דרוק מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט. עס פאַרשטייט זיך — אַז דאָס האָט מיך זייער גערירט.

— מען דאַרף העלפן איינער דעם אַנדערן, — האָט ער געזאָגט, ענטפערנדיק אויף מיין דאַנקבאַרקייט — מיר — זענען נישט פיל! און אונדז אַלעמען — איז שווער.

נאָכדעם האָט ער שטילערהייט ביי מיר געפרעגט:

— האָט איר נישט געהערט, — איז אמת, אַז אין דעם ענין פון ראָמאַסן און די איבעריקע, האָט זיך אַריינגעפּלאָנטערט איינע אַ מיידל איסטאָמינאַ?

כ'האָב געקענט דאָס מיידל, כ'האָב זיך באַקענט מיט איר, נאָכדעם, ווי כ'האָב זי אַרויסגעשלעפּט פון דער וואָלגע, ווהין זי האָט זיך אַריינגעוואָרפן מיטן קאָפּ אַראָפּ פון הינטערשטן טייל פון אַ פּלאַך־שיפל. ס'איז געווען לייכט זי אַרויסצושלעפּן, זי האָט זיך פּרובירט דערטרינקען אין אַ גאַנץ פּלאַכן אָרט. דאָס איז געווען אַ פאַרבלאָזע נישט קיין קלוגע בריאה מיט אַ נייגונג צו היסטעריע און אַ קרענקלעכער ליבע צו ליגן. שפּעטער, איז זי,

דוכט זיך, געווען אַ גוווערנאַנטין ביי סטאָליפינען אין סאַראַטאָוו און איז דערהרגעט געוואָרן צווישן די איבעריקע פון דער באָמבע, מיט וועלכער די מאַקסימאַליסטן האָבן אויפגעריסן דעם מיניסטערס זומער-וווינונג אויף דעם אַפּטייקערשן אינזל.

נאָכדעם ווי וו. ג. האָט אויסגעהערט מיין געשיכטע האָט ער, כמעט מיט כעס געזאָגט:

— ס'איז אַ פאַרברעך, אַריינצושלעפּן אַזעלכע קינדער אין אַ ריזיקאַלישער זאַך, מיט אַ יאָר פיר צוריק אָדער מער. האָב איך געטראָפן דאָס מיידל. מיר האָט זי נישט אויסגעזען אַזוי, ווי איר האָט זי אויסגעמאָלט. פשוט — אַ ליב מיידעלע, אַ צעטומולטע פון דעם בולטן שקר פון לעבן, פון איר וואָלט זיך געקאָנט אויסאַרבעטן אַ גוטע דאָרפס לערערין. מ'זאָגט, — זי האָט געפלוידערט אויף די אויספאָרשונגען ? נו, און וואָס האָט זי דען געקאָנט וויסן ? ניין, איך קען נישט באַרעכטיקן די קרבנות פון קינדער פאַר דעם בעל פון פּאָליטיק...

ער האָט אָנגעהויבן גיין שנעלער, נאָר מיר האָבן וויי געטון די פיס, איך האָב זיך געפּלאָנטערט און בין אָבגעשטאַנען:

— וואָס איז מיט אייך ?

— רעוומאַטיזם.

— ס'איז נאָך צו פרי! וועגן דעם מיידל האָט איר, נאָך מיין מיינונג, גערעדט גאָרנישט ריכטיק. אָט וואָס, — פּרובירט עפּעס אָנשרייבן אַ גרעסערע זאַך, פאַר אַ זשורנאַל. שוין צייט דאָס צו טון. מען וועט אייך אָפּדרוקן אין זשורנאַל און, איך האָף, איר וועט זיך אָנהויבן באַציען צו זיך אַביסל ערנסטער.

איך געדענק נישט, אַז ער זאָל האָבן גערעדט מיט מיר ווען עס איז אַזוי מחיהדיק, ווי אין יענעם שיינעם פרימאָרגן, נאָך צוויי טעג כסדרדיקן רעגן, צווישן די אָפּגעפרישטע פעלדער.

מיר זענען אַ לענגערע צייט געזעסן אויפן ראַנד פון גראָבן,ביים יידישן בית עולם, אַנטציקנדיק זיך פון די ברילי‌אַנטן טוי אויף די בלעטער פון די בוימער און אויף די גרעזער, ער האָט דערציילט וועגן דעם טראַגיש-קאָמישן לעבן פון „די אידן אין

תחום״ און אונטער זיינע אויגן זענען כסדר געוואַקסן די שאָטנס פון מידקייט.

ס׳איז שוין געווען אַ זייגער ניין אינדערפרי, בעת מיר האָבן זיך צוריקגעקערט אין שטאָט. געזעגנדיק זיך מיט מיר, האָט ער מיר דערמאָנט:

— הייסט עס — איר פּרובירט אָנשרייבן אַ גרויסע דערציילונג, אָפּגעמאַכט?

איך בין געקומען אַהיים און תּיכּף אָנגעהויבן שרייבן: „טשעלקאַש״, — אַ מעשה וועגן אַן אָדעסער בעטלער, מיינער אַ בעט-שכן פון ניקאָלאַיעווער שפּיטאָל; כ׳האָב עס אָנגעשריבן אין צוויי טעג און דעם ערשטן שוואַרצן מאַנוסקריפּט צוגעשיקט צו וו. ג.

אין עטלעכע טעג אַרום האָט ער געבראַכט צו מיין שעף עטלעכע פון עמיצן באַליידיקטע פויערים און האַרציק, ווי ער האָט נאָר געקענט, מיר אָפּגעגעבן מזל טוב.

— איר האָט אָנגעשריבן גאָרנישט קיין שלעכטע זאַך. אַפילו פשוט אַ גוטע דערציילונג! ווי אַ גאַנצע שטיק אויסגעגאָסן...

כ׳בין געווען זייער פאַרשעמט פון זיינע שבחים.

אין אָוונט, זיצנדיק אין זיין קאַבינעטל און, רייטנדיק אויף אַ שטול, האָט ער לעבהאַפט גערעדט:

— ס׳איז גאָר נישט שלעכט! איר קענט שאַפן כאַראַקטערן, די מענטשן רעדן און האַנדלען ביי אייך פון זיך אַליין, פון זייער אייגענעם איך, איר קענט נישט אַריינמישן זיך אין זייער געדאַנקען גאַנג, אין שפּיל פון זייערע געפילן, דאָס גוט זיך נישט איטלעכן איין! און דאָס בעסטע דערין איז, וואָס איר שעצט דעם מענטשן, אַזוי, ווי ער איז. כ׳האָב דאָך אייך געזאָגט, אַז איר זענט אַ רעאַליסט!

נאָר, אַ טראַכט טוענדיק האָט ער מיט אַ שמייכל צוגעגעבן:

— אָבער, גלייכצייטיק — אַ ראָמאַנטיקער! און, אָט וואָס, איר זיצט דאָ נישט מער, ווי אַ פערטל שעה, און איר רויכערט שוין דעם פערטן פּאַפּיראָס...

— איך בין זייער אויפגערעגט...

— נישט כדאי, איר זענט שטענדיק עפּעס אַנאויפגערעגטער, דעריבער, קענטיק, רעדט מען וועגן אייך, אַז איר טרינקט פיל. ביינער האָט איר אַ סך, פלייש — ווייניק, איר רויכערט — מען דאַרף נישט, אָן פאַרגעניגן, — וואָס איז דאָס מיט אייך?

— כ׳ווייס נישט.

— און — איר טרינקט אַ סך, — זאָגט מען?

— מ׳זאָגט ליגן.

— און עפּעס אָרגיעס מאַכט איר דאָרט...

אָנקוקנדיק מיך פאַרשנדיק, האָט ער לאַכנדיק מיר דער־ציילט עטלעכע נישט שלעכט צוזאַמענגעשטעלטע רכילותן וועגן מיר.

דערנאָך, געדענק איך, האָט ער געזאָגט:

— אַז עמיץ רוקט זיך אַ ביסל אַרויס, קלאַפּט מען אים — אויף יעדן פאַל — איבערן קאָפּ, — דאָס איז אַ ווערטל פון איינעם אַ סטודענט פּעטראָוו. נו, נאַרישקייטן — אין אַ זייט, ווי ליב זיי זאָלן אייך נישט זיין. „טשעלקאַשן" וועלן מיר אָפּדרוקן אין דער „רוסקאָיע באָגאַטסטוואָ" און דערצו אויפן ערשטן אָרט, דאָס איז אַ קליינע אויסצייכנונג און אַ כבוד. איר האָט דאָרט אין מאַנוסקריפּט אַ פּאָר סכסוכים מיט דער גראַמאַטיק, כ׳האָב דאָס פאַרריכט. מער האָב איך גאָרנישט אָנגערירט, — איר ווילט אַ קוק טון?

איך האָב זיך, געוויינלעך אַנטזאָגט.

שפּרייזנדיק איבערן ענגן צימער און, רייבנדיק די הענט, האָט ער געזאָגט:

— מיך פרייט אייער הצלחה.

איך האָב געפילט די מחיהדיקע אויפריכטיקייט פון דער דאָזיקער פרייד און איך האָב אָנגעקוואָלן פון דעם מענטשן, וואָס רעדט וועגן ליטעראַטור, ווי וועגן זיינער אַ געליבטער פרוי, מיט אַ רויקער, שטאַרקער ליבע, — אויף אייביק. אומפאַרגעסלעך, גוט איז מיר געווען אין יענער שעה מיט דעם דאָזיקן לאָצמאַן. שוויגעדיק האָב איך באַטראַכט זיינע אויגן, — אין זיי האָט גע־לויכטן אַזוי פיל ליבע פרייד פאַרן מענטשן.

פרייד פאַרן מענטשן — דאָס פילן אַזוי זעלטן די מענטשן,

און דאָס איז דאָך די גרעסטע פרייד אויף דער וועלט.

קאָראָלענקאָ האָט זיך אַוועקגעשטעלט אַנטקעגן מיר, האָט אַרויפגעלייגט זיינע שווערע הענט אויף מיינע אַקסלען:

— הערט, — אפשר וואָלט איר אַוועקגעפאָרן פינדאַנען? אין סאַמאַרע למשל. דאָרט האָב איך אַ באַקאַנטן אין „סאַמאַרער צייטונג" אירווילט, וועל איך אים אָנשרייבן, ער זאָל אייך געבן אַרבעט? שרייבן?

— איך שטער דאָ עמיצן?

— אייך שטערט מען.

ס'איז געווען קענטיק, אַז ער גלויבט אין די מעשות וועגן מיין שיכּרות, וועגן די „אָרגיעס אין באָד" און בכלל וועגן מיין זינדיקן לעבן, — וואָס זיין גרעסטע זינד איז געווען די אָרעמקייט וו. ג. די צודרינגלעכע עצות וועגן מיין אַוועקפאָרן, האָבן מיך אַביסל באַליידיקט, נאָר זיין פאַרלאַנג אַרויסצורייסן מיך פון די „טיפענישן פון דער שאַנדע" האָט מיך געריררט ביים האַרצן.

אַן אויפגערעגטער, האָב איך אים דערציילט, ווי איך לעב, ער האָט מיך שווייגעדיק אויסגעהערט, האָט זיך אָנגעבלאָזן און אַ קוועטש געטון מיט די פּלייצעס:

— נאָר איר מוזט דאָך אַליין איינזען, אַז דאָס איז אינגאַנצן אוממעגלעך און — איר זענט דאָ אַ פרעמדער אין דער גאַנצער פאַנטאַסטיק! ניין, איר הערט מיך אויס. — איר מוזט אַוועקפאָרן, ענדערן אייער לעבן...

ער האָט מיר אַריינגערעדט איך זאָל דאָס טון.

---

שפּעטער, ווען איך האָב געשריבן אין דעם „סאַמאַרער צייטונג" שלעכטע טעגלעכע פעליעטאָנען, אונטערשרייבנדיק מיט אַ פיינעם פסעוודאָנים „יהודה כלאַמידע", האָט מיר קאָראָלענקאָ געשריבן בריוו, קריטיקירנדיק מיין פאַרשאָלטענע אַרבעט מיט חיזוק, מיט איינפלוס, שטרענג, אָבער — שטענדיק פריינטלעך.

באַזונדערס גוט געדענק איך אַזאַ מין פאַל: מיר האָט שרעקלעך דערעסן איינער אַ דיכטער מיט זיין שלימזלדיקן נאָמען — סקוקין. ער פלעגט צושיקן זיינע לידער אין רעדאַקציע

קלאַפּטער ווייז, זיי זענען געווען שרעקלעך עם-האַרציש און מער שענדלעכע. מען האָט זיי נישט געקענט אָפּדרוקן. דער שטאַרקער פאַרלאַנג נאָך כּבֿוד האָט אים אַרויפגעבראַכט אויף אַן אָריגינעלן איינפאַל: ער האָט אָפּגעדרוקט זיינע לידער אויף באַזונדערע בלעטלעך ראָזן פּאַפּיר און האָט זיי פאַנאַנדערגעטיילט אין שטאָט איבער די שפּייז געשעפטן, די אָנגעשטעלטע פלעגן איינוויקלען אין דעם פּאַפּיר פּעקלעך טיי, שאַכטלעך קאָנפעקטן, קאָנסערוון, ווורשט און, אַזוי, פלעגט דער קונה אַלס פּרעמיע באַקומען אַ האַלב אַרשין לידער, ווו עס איז געווען פייערלעך באַזונגען די שטאָטישע מאַכט, דער פירער פון די פּריצים, דער גובערנאַטאָר, דער אַרכיערײ.

די אַלע לייט האָבן זיך אויסגעצייכנט איטלעכער אויף זיין אופן און האָבן באמת פאַרדינט די אויפמערקזאַמקייט, נאָר — דער אַרכיערײ איז געווען אַ באַזונדערס קענטיקע פיגור: ער האָט מיט גוואַלד אָפּגעטויפט אַ טאָטערשע מיידל, דערמיט האָט ער שיר נישט אַרויסגערופן אַן אויפשטאַנד צווישן די טאָטערן פון דעם גאַנצן דאָרף. ער האָט פאַרפירט אַן אידיאָטעשן פּראָצעס פון די כליסטן, אין דעם פּראָצעס זענען פאַרמשפּט געוואָרן גאַנץ אומשולדיקע מענטשן, דאָס האָב איך זייער גוט געוווּסט. באַזונדערס איז באַרימט געוואָרן אַזאַ מין העלדישקייט זיינע: אַרומפאָרנדיק איבער זיין געגנט אין אַ שלעכטן טאָג, האָט זיך ביי אַ קליין, פאַרוואָרפן דערפל צעבראָכן זיין וואָגן, און ער האָט געמוזט אַריינגיין אין אַ פויערישן הייזל. דאָרטן האָט ער אויף אַ פּאָליצע, נעבן דעם יעזוס בילד, האָט ער באַמערקט אַ גיפּסענעם קאָפּ פון צעאוס, עס פאַרשטייט זיך, אַז דאָס האָט אים פאַרווּנדערט. פאַנאַנדערפרעגנדיק און באַקוקנדיק די איבעריקע הייזער, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז, דאָס בילד פון דעם אָלימפּייאישן הערשער און די סטאַטוע פון דער געטין ווענערע, זענען פאַראַן ביי נאָך עטלעכע פויערים, נאָר קיינער פון זיי האָט נישט געוואָלט זאָגן פונוואַנען זיי האָבן גענומען די אָפּגעטער.

דאָס איז געווען גענוג, כּדי צו פאַרפירן אַ פּראָצעס קעגן

די סאַמאַרער געצנדינער, וואָס דינען צו די געטער פון אַמאָליקן רוים, די געצנדינער האָט מען אַריינגעזעצט אין תפיסה, ווו זיי זענען אָפּגעזעסן ביז די אויספאָרשונג האָט פעסטגעשטעלט, אַז זיי האָבן דערהרגעט און באַרויבט איינעם אַ סוחר מיט גיפּס אויסאַרבעטונגען פון דער סאָלדאַטסקער פאָרשטאָט אין וויאַטקע; נאָכדעם ווי זיי האָבן דערהרגעט דעם הענדלער, האָבן זיי חבריש פאַרטיילט זיין סחורה צווישן זיך און — נישט מער.

בקצור: איך בין געווען אומצופרידן מיטן גובערנאַטאָר מיטן אַרכיעריי, מיט דער שטאָט, מיט דער וועלט, מיט זיך אַליין און מיט נאָך אַ סך זאַכן, דעריבער האָב איך, אין אויפ-רעגונג, באַליידיקט דעם דיכטער, וואָס האָט באַזינגען דאָס פאַר-האַסטע פאַר מיר, צושרייבנדיק צו זיין פאַמיליע - סקוקין, - דאָס וואָרט — זון. *)

וו. ג. האָט מיר גלייך צוגעשיקט אַ לאַנגן בריוו ווו ער האָט גערעדט מיט איינפלוס אויף דער טעמע: אויב עס קומט אַפילו עמיצן אָנזידלען, דאַרף מען אויך נישט איבערכאַפּן די מאָס. דאָס איז געווען אַ גוטער בריוו, נאָר בעת אַ רעוויזיע האָבן אים די זשאַנדאַרמען צוגענומען ביי מיר מיט קאָראָלענקאָס איבעריקע בריוו.

אגב — וועגן די זשאַנדאַרמען.

אָנהויב פרילינג פון דעם 97 — 16 יאָר האָט מען מיך אַרעס-טירט אין ניזשני און, נישט גאָר העפלעך, מיך אָבגעפירט קיין טיפליס. דאָרטן, אין דעם מעטעכאָווער שלאָס, האָט דער ראָטמיסטער קָניסקי, שפּעטער דער אָנפירער פון דער פעטער-בורגער זשאַנדאַרמעריע-פאַרוואַלטונג, ביי מיין פאַרהער, אומעטיק געזאָגט:

— וואָס פאַר פיינע בריוו עס שרייבט אייך קאָראָלענקאָ, און ער איז דאָך איצט דער בעסטער שרייבער פון רוסלאַנד!

אַ מאָדנער מענטש איז ער געווען דער דאָזיקער ראָט-מיסטער: אַ קליינינקער, מיט ווייכע באַוועגונגען, אָפּגעהיטע,

---

*) אַ וואָרט-שפּיל, וואָס דערמאָנט דאָס וואָרט сукансынь דער איבערז.

עפּעס ווי אומזיכערע, די העסלעך־גרויסע נאָז טרויעריק אַראָפּ־געלאָזט, די לעבעדיקע אויגן פונקט ווי פרעמדע אין זיין פּנים, און די שוואַרצאַפּלען באַהאַלטן זיך קאָמיש ערגעץ הינטער דעם נאָז־זאָטל.

— איך — בין קאָראָלענקאָס אַ בן־עיר, אויך אַ וואָלינער, אַן אייניקל פון יענעם עפּיסקופּ קאָניסקי, וועלכער — איר געדענקט? — האָט געהאַלטן די באַוווּסטע רעדע פאַר יעקאַטערינע דער צווייטער: „לאָמיר פאַרלאָזן די זון" א. ז. וו. איך שטאָלציר דערמיט!

איך האָב זיך העפלעך ערקונדיקט — מיט וועמען ער שטאָלצירט מער — מיט דעם זיידן, אָדער מיט דעם לאַנדסמאַן?

— אי מיט דעם אי מיט יענעם, געוויס, אי מיט דעם אי מיט יענעם!

ער האָט אַריינגערוקט די שוואַרצאַפּלען אין נאָז זאָטל, נאָר תיכּף האָט ער הויך אַ שנאָרך געטון מיט דער נאָז און די שוואַרצאַפּלען זענען צוריק אַוועק אויף זייערע ערטער. זייענדיק קראַנק און דעריבער בייז, האָב איך אים געמאַכט אַ באַמערקונג, אַז איך פאַרשטיי גאָרנישט דאָס שטאָלצירן מיט אַ מענטשן, וועמען די צו ליבלעכע אויפמערקזאַמקייט פון די זשאַנדאַרמען האָט אַזוי פיל געשטערט און שטערט עד היום צו לעבן, קאָניסקי האָט פרום געענטפערט:

— יעדער פון אונדז פירט אויס דעם רצון פון דעם, וואָס האָט אים געשיקט, יעדערער און אַלע! לאָמיר גיין ווייטער, אַלזאָ — איר פאַרזיכערט... אָבער מיר ווייסן גראָד...

מיר זענען געזעסן אין אַ קליין צימערל, אונטער דעם טויער פון שלאָס. דאָס פענסטער איז געווען זייער הויך, אונטערן באַלקן, דורך דעם פענסטער איז געפאַלן אויפן טיש, וואָס איז געווען פאַרלייגט מיט פּאַפּירן, אַ שטראַל פון דער ברענענדיקער זון און, אגב, — צו מיין שאַנדע, — האָט ער באַלויכטן אַ שטיקל פּאַפּיר, ווו כ'האָב דייטלעך אָנגעשריבן

— שטראָפט נישט דעם לאַקס דערפאַר, וואָס דער לאַקס בייסט אַרום דעם ווערספּנבוים.

כ׳האָב געקוקט אויף דאָס פאַרפלוכטע שטיקל פּאַפּיר און געטראַכט:

— וואָס וועל איך ענטפערן דעם ראַטמיסטער, אויב ער וועט בײַ מיר פרעגן דעם זין פון דעם דאָזיקן שפּרוך-וואָרט?

* *

*

זעקס יאָר, — פון 95 ביז 901 יאָר, — האָב איך זיך מיט וולאַדימער גאַלאַקטיאָנאָוויטשן נישט באַגעגנט, נאָר פון צייט צו צייט זיך דורכגעשריבן מיט אים.

אין יאָר 901 בין איך צום ערשטן מאָל געקומען קיין פּעטערבורג, אַ שטאָט פון גלײַכע ליניעס און אומבאַשטימטע מענטשן. איך בין געווען „אין דער מאָדע״, מײַן „רום״ האָט מיך פאַרכאַפּט, שטערנדיק מיר גרינדלעך צו לעבן. מײַן פּאָפּולערקייט איז טיף אַרײַנגעדרונגען: איך געדענק, איך בין געגאַנגען בײַנאַכט איבער אַניטשקאָווער בריק, האָבן מיך אָנגעיאָגט צוויי פאַרשוין, אַ פּנים, פּריזירער, און איינער פון זיי האָט, אַרײַנקוקנדיק מיר אין פּנים צעשראָקן, שטילערהייט אַ זאָג געטון צו זײַן חבר:

— זע — גאָרקי!

יענער האָט זיך אָפּגעשטעלט, מיך באַקוקט פון קאָפּ ביז די פיס און, דורכלאָזנדיק מיך פאָראויס, האָט ער געזאָגט מיט התפעלות:

— אוי, טײַוול, — אין גומענע קאַלאָשן גייט ער!

צווישן אַ סך אַנדערע פאַרגעניגנס האָב איך זיך אַרומגעטערגעמען בײַ אַ פאָטאָגראַף מיט אַ גרופּע מיטגלידער פון דער רעדאַקציע פון זשורנאַל „נאַטשאַלאָ״, — צווישן זיי איז געווען אַ פּראָוואָקאַטאָר און אַן אַגענט פון דער אָכראַנע מ. גוראָוויטש.

עס פאַרשטייט זיך, אַז מיר איז געווען זייער אָנגענעם אָנצוקוקן די וואַרעמע שמייכלען פון די פרויען, און כמעט פאַרגעטערנדיקע בליקן פון די מיידלעך און, מסתמא, ווי אַלע יונגע

לייט, וואָס זענען אָקאָרשט צעטומלט געוואָרן פון זייער רום, — האָב איך,אויסגעזען, ווי אַ אינדיק.

נאָר, עס פלעגט טרעפן אין די נעכט, מיט זיך אַליין, פלעג איך זיך פלוצלינג דערפילן אין דער לאַגע פון אַ נישט-געכאַפּטן פאַרברעכער; ער איז אַרומגערינגלט פון שפּיאָנען, אויספאָרשער, פּראָקוראָרן, זיי אַלע האַלטן זיך אַזוי ווי זיי וואָלטן געהאַלטן דאָס פאַרברעכן פאַר אַן אומגליק, פאַר אַ טרויעריקן „יוגנט-פעלער" און — זיי זיך נאָר מודה! — זיי וועלן דיר גרויס-מוטיק מוחל זיין. אָבער — טיף אין האַרצן האָט איטלעכער פון זיי גרויס חשק צו פּאַקן דעם פאַרברעכער און טריאומפירנדיק אַ געשריי טון אים אין פּנים אַריין:

— אַ-האַ-אַ!

נישט זעלטן פלעגט אויסקומען צו זיין אין דער ראָל פון אַ שילער, וואָס טרעט אַרויס אויף אַן עפנטלעכן עקזאַמען אויף אַלע געביטן פון דער וויסנשאַפט.

— און וואָס גלויבסטו? — האָבן מיך געפאָרשט די פירער פון סעקטעס אין די גלחים פון די טעמפלען.

זייענדיק אַ העפלעכער מענטש האָב איך זיך געלאָזט עקזאַמענירן, אַרויסווייזנדיק אַזאַ געדולד, וואָס האָט מיך אַליין פאַרוווּנדערט, נאָר נאָך דעם דאָזיקן מאַרטער, האָט זיך מיר שטאַרק פאַרגלוסט דורכצושטערן דעם איסאַקיעווער סאָבאָר מיט אַן אַדמיראַלטייאישער נאָדל, אָדער אָבטון אַן אַנדער סקאַנ-דאַליעז שטיקל.

ערגעץ הינטער דער גוטמוטיקייט, וואָס איז כּמעט שטענדיק אַביסל איינגעשפּילט, באַהאַלטן די רוסן עפּעס אַזוינס, וואָס דער-מאָנט גראָבקייט. דאָס איז אַ מעלה — און, אפשר אַן אויספאָרשונגס-מעטאָד? — דאָס דריקט זיך אויס זייער פאַרשידנאַרטיק — דער-הויפּט אין דער שטרעבונג צו מאַכן אַ באַזוך אין דעם צווייטנס נשמה, ווי אין אַ באַלאַגאַן אויף אַ יריד, אַריינקוקן אין איר, וואָס פאַר אַ קונצן עס ווערן דאָרט געוויזן, אָנוואַרפן, אָנטרעטן, מאַכן אַ מושב אין דער פרעמדער נשמה, און אָפטמאָל — דאָרט עפּעס איבערקערן, און לויט פּאָמינס ביישפּיל, גראַבלען מיט די פינגער

אין די ווונדן, מיינענדיק אַ פּנים, אַז דער סקעפּטיציזם פון אַ פּאָסטאַל איז פּונקט אַזוי פיל ווערט, ווי די נייגעריקייט פון די מאַלפּעס.

*

*

וו. ג. קאָראָלענקאָ האָט אַפילו אין דעם שטיינערנעם פּעטערבורג געפונען פאַר זיך אַ אַלט הילצערן פּראָווינציעל גע- מיטליך הייזל, מיט געפּאַרבטער פּאָדלאָגע, מיט אַ פריינטלעכן ריח פון אַלטקייט.

וו. ג. איז פאַר די לעצטע יאָרן גרוי געוואָרן, די רונגען גרויע האָר אויף די שלייפן זענען געווען כמעט ווייס, אונטער די אויגן האָבן זיך געלייגט קנייטשן, דער קוק — אַ צושטרייטער, אַ מידער. כ'האָב תּיכּף דערפילט, אַז זיין רויקייט, וואָס איז מיר פריער אַזוי טייער געווען, האָט זיך פאַרביטן אין אַ נערוועאישקייט פון אַ מענטשן, וואָס לעבט אין דער גרעסטער אָנשטרענגונג פון אַלע זיינע כּוחות. קענטיק, אַז דער מוליטאַנער עסק האָט נישט ווייניק געקאָסט און אויך דאָס אַלץ, וואָס ער האָט, ווי איבער גע- דרייט אין די שווערע יאָרן.

— מיין שלאָפלאָזיקייט דאַקוטשעט מיר שרעקלעך. און איר, נישט רעכענענדיק זיך מיט דער טובערקולאָזע. רויכערט אַלץ אַזוי פיל? וואָס מאַכן אייערע לינגען? איך קלייב זיך צום שוואַרצן ים, — לאָמיר פאָרן צוזאַמען?

ער האָט זיך געזעצט ביים טיש אַנטקעגן מיר און, אַרויסקוקנדיק פון הינטערן סאַמאָוואַר, האָט ער אָנגעהויבן צו רעדן וועגן מיין אַרבעט.

— אַזוינע זאַכן, ווי „וואַרענקע אָלעסאָווע“ גיט זיך אייך איין בעסער, ווי „פּאַמאַ גאָרדייעוו“ דעם ראָמאַן — איז שווער צו לייענען, שטאָף איז דאָרט פיל, אָבער עס פעלט סדר און קיין האַרמאָניע איז נישטאָ.

ער האָט אויסגעגלייכט דעם רוקן אַזוי, אַז די רוקן-ביינדלעך האָבן אַ קנאַק געטון און האָט אַ פרעג געטון:

– זענט איר גאָר געוואָרן אַ מאַרקסיסט ?

ווען איך האָב געזאָגט, אַז – איך שטיי נאָענט צו דעם, האָט ער נישט פריילעך אַ שמייכל געטון, באַמערקנדיק :

– נישט קלאָר איז דאָס פאַר מיר. דער סאָציאַליזם אָן אידעאַליזם איז פאַר מיר – אומפאַרשטענדלעך ! איך גלויב נישט, אַז אויף דעם באַוווסטזיין פון געמיינזאַמע מאַטעריעלע אינטערעסן זאָל מען קענען בויען אַן עטיק, און אָן אַן עטיק – וועלן מיר זיך נישט באַגיין.

און, זופנדיק טיי, האָט ער געפרעגט :

– נו, ווי געפעלט אייך פעטערבורג ?

– די שטאָט – איז אינטערעסאַנטער, ווי די מענטשן.

– די מענטשן זענען דאָ...

ער האָט אויפגעהויבן די ברעמען און פעסט דורכגעריבן מיט די פינגער די מידע אויגן.

– די מענטשן זענען דאָ מער אייראָפּייער, ווי די מאָסקווער און אונזערע וואָלגער. מען זאָגט : מאָסקווע איז אייגנאַרטיקייט – איך ווייס נישט לויט מיין בליק – איז איר אייגנאַרטיקייט עפּעס אַן אומגעלומפּערטער טעמפּער קאָנסערוואַטיזם. דאָרט – די סלאַוויאַנאָפילן, קאַטקאָוו וכדומה. אין דעם אייגענעם גייסט, דאָ – די דעקאַבריסטן, פּעטראַשעווצעס טשערנישעווסקי...

פּאָבעדאָנאָסצעוו – האָב איך צוגעגעבן.

– מאַרקסיסטן האָט וו. ג. צוגעגעבן, שמייכלענדיק, – און יעדער אַנדערע פאַרשאַרפונג פון פּראָגרעסיוון ד. ה. פון רעוואָלוציאָנערן געדאַנק. און, פּאָבעדאָנאָסצעוו איז אַ טאַלאַנט, זאָגט אייך, וואָס איר ווילט ! איר האָט געלייענט זיין „מאָסקווער זשורנאַל״ ? זעט איר – מאָסקווער פונדעסטוועגן !

ער איז תיכּף געוואָרן נערוועאיש אויפגעלעבט און אָנגעהויבן הומאָריסטיש צו דערציילן וועגן דעם קאַמף פון די ליטעראַטן-קרייזלעך, וועגן די מחלוקתן צווישן די נאַציאָנאַליסטן און צווישן די מאַרקסיסטן.

איך ווייס שוין אַביסל וועגן דעם, צומאָרגנס נאָך מיין קומען קיין פעטערבורג בין איך אַריינגעצויגן געוואָרן אין

אַ „געשיכטע" וועגן וועלכער ס'איז אַפּילו הײַנט אומאַנגענעם צו דערמאָנען. איך בין געקומען צו וו. ג. כּדי אגב, דורכצורעדן זיך וועגן דעם.

די געשיכטע פון דעם איז אַזאַ: דער רעדאַקטער פון דעם זשורנאַל: „דאָס לעבן". וו. א. פּאָסע האָט אָרגאַניזירט אַ ליטע־ראַטן אָוונט צום אָנדענק פון י. ג. טשערנישעווסקין, פאַרבעטנדיק אַלס אָנטייל נעמער וו. ג. קאָראָלענקאָן, נ. ק. מיכאַילאָווסקען, פּ. פ. מעלשינען, פּ. ב. סטרואַווען, מ. י. טוגאַן – באַראַנאָווסקען און נאָך עטלעכע מאַרקסיסטן און נאַציאָנאַליסטן. די ליטעראַטן האָבן געגעבן זייער הסכמה, די פּאָליצײַ – זייערע.

צומאָרגנס נאָך מײַן אָנקומען קיין פּעטערבורג, זענען צו מיר אַרײַן צוויי אויסגעפּראַכטעוועטע סטודענטן מיט אַ קאָקעטיש פרײַלן און האָבן מיר מודיע געווען, אַז זיי קענען נישט דער־לאָזן פּאָסעס אָנטיילנעמונג אין טשערנישעווסקיס פייערונג, ווײַל: „פּאָסע קען נישט אָנגענומען ווערן בײַ אונזער שטודירנדער יוגנט. ער עקספּלואַטירט די אַרויסגעבער פון דעם זשורנאַל „דאָס לעבן". איך האָב שוין מער ווי אַ יאָר געקענט פּאָסען און, כאָטש איך האָב אים געהאַלטן פאַר אַן אָריגינעלן טאַלאַנטירטן מענטשן, פונדעסטוועגן – נישט אין אַזאַ מדרגה, אַז ער זאָל קענען עקספּלואַטירן די אַרויסגעבער. כ'האָב געוווּסט, אַז זײַנע באַ־ציונגען צו זיי זענען געווען חברישע, און אַז ער האָט גע־אַרבעט, ווי אַ פערד און, באַקומענדיק אַ נישטיקן געהאַלט, גע־לעבט מיט זײַן גרויסער משפּחה אין דחקות. ווען איך האָב דאָס דערציילט די יונגע לײַט, האָבן זיי אָנגעהויבן רעדן וועגן פּאָסעס אומקלאָרער שטעלונג צווישן די נאַציאָנאַליסטן און מאַרקסיסטן, נאָר – ער אַליין האָט פאַרשטאַנען די דאָזיקע אומקלאָרקייט און האָט זײַנע אַרטיקלען אונטערגעשריבן מיטן פּסעוודאָנים ווילדע. די משגיחים פון מאָראַל און גערעכטיקייט זענען בייז געוואָרן אויף מיר און אַוועקגעגאַנגען, מודיע זייענדיק, אַז זיי וועלן גיין צו אַלע אָנטיילנעמער און וועלן זיי צורעדן אַז זיי זאָלן זיך אָפּזאָגן אַרויסצוטרעטן.

שפּעטער דאָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער „אינצידענט אין

זיין תּוך" איז נישט געווען צו באַטראַכטן אַלס ספּעציעלער אַרויסטריט קעגן פּאָסען, נאָר אַלס „אַ קאַמף צווישן צוויי ריכטונגען פון פּאָליטישן געדאַנק". — די יונגע מאַרקסיסטן האָבן געהאַלטן, אַז פאַר די פאָרשטייער פון זייער שול פּאַסט נישט אַרויסצוטרעטן פאַר דער עפנטלעכקייט מיט די פאָרשטייער פון די „אָפּגעניצטע און אָפּגעלעבטע" נאַציאָנאַליסטן. די גאַנצע איבערגעשפּיצטע חכמה איז געווען איבערגעגעבן אין אַ בריוו, לאַנג, ווי אַ באַריכט און אָנגעשריבן מיט אַזאַ שפּראַך, אַז לייענענדיק דעם בריוו, האָב איך זיך געפילט, ווי אַן אויסלענדער. נאָך דעם בריוו פון די אומבאַקאַנטע מענטשן, האָב איך דערהאַלטן אַ צעטעלע פון פּ.ב. סטרואַווע, — ער האָט מיר מודיע געווען, אַז ער זאָגט זיך אָפּ אַרויסצוטרעטן אויפן אָוונט, און אין עטלעכע שעה אַרום, מיט אַ צווייט צעטעלע אָנגעזאָגט, אַז ער רופט אָפּ זיין ערשטן אָפּזאָג. באַר — אויף מאָרגן האָט זיך אָפּגעזאָגט מ. י. טוגאַן-באַראַנאָווסקי, און סטרוווע האָט צוגעשיקט אַ דריט צעטעלע, דאָס מאָל שוין מיט אַן ענדגילטיקן אָפּזאָג און, ווי אין די ערשטע צוויי, נישט מאָטיווירנדיק, פאַרוואָס.

וו. ג. האָט שמייכלענדיק, אויסגעהערט די געשיכטע וועגן דער דאָזיקער פאַרשלעפּעניש און האָט אומעטיק געזאָגט:

— יאָ, — מ'פאַרבעט דיך פאָרצולייענען, און אַז דו וועסט אַרויס אויף דער עסטראַדע — וועט מען דיך אָנכאַפּן, אַראָפּציען פון דיר די הויזן און — אָפּשמייסן!

שפּרייזנדיק איבערן צימער, די הענט פאַרלייגט אויף הינטן, האָט ער פאַרטראַכט און נישט-הויך גערעדט ווייטער:

— אַ שווערע צייט! עס וואַקסט עפּעס אַזוינס, וואָס צערייסט די מענטשן. די שטימונג פון דער יוגנט איז איר שווער צו פאַרשטיין, מיר דוכט זיך, אַז צווישן זיי לעבט אויף דער ניהיליזם און ס'האָבן זיך געוויזן עפּעס קאַריעריסטן-סאָציאַליסטן. די זעלבסטהערשונג מאַכט אַ תּל פון רוסלאַנד און די כּוחות, וואָס זאָלן פאַרנעמען איר פּלאַץ, — זעט מען נישט!

דאָס ערשטע מאָל האָב איך באַמערקט קאָראָלענקען אַזוי באַזאָרגט און אַזוי מיד, ס'איז געווען זייער טרויעריק.

צו אים זענען געקומען עפּעס זעמצעס פון דער פּראָווינץ, און איך בין אַוועק. אין אַ צוויי דריי טעג אַרום איז ער אַוועק־געפאָרן ערגעץ אַפּרוען און איך געדענק נישט, צו איך האָב זיך געטראָפן מיט אים נאָך דער דאָזיגער באַגעגעניש.

מיינע באַגעגענישן מיט אים זענען געווען זעלטן.

קיינמאָל, אַפילו אין משך פון אַ קורצער צייט, האָב איך אים נישט באַטראַכט כסדר, טאָג איין טאָג אויס.

נאָר יעדער שמועס מיט קאָראָלענקען האָט אין מיר באַ־פעסטיקט די פאָרשטעלונג וועגן אים, ווי פון אַ גרויסן הומאַניסט, צווישן די קולטורעלע רוסישע מענטשן האָב איך נישט גע־טראָפן קיין איינציקן מענטשן מיט אַזאַ אונערמידלעכער דורשט נאָך „אמתער גערעכטיקייט", אַ מענטשן, וואָס זאָל זיין אַזוי דורכ־געדרונגען מיט דעם געפיל פון נויטווענדיקייט צו פאַרקערפּערן דעם דאָזיקן אמת אין לעבן.

נאָכן טויט פון ל. נ. טאָלסטוי האָט ער מיר געשריבן:

„טאָלסטוי האָט דער ערשטער פאַרמערט די צאָל דענקנ־דיקע און גלויבנדיקע מענטשן. מיר דוכט זיך, אַז איר האָט אַ טעות, מיינענדיק, אַז די פאַרמערונג איז פאָרגעקומען אויפן חשבון פון טוער אָדער, וואָס זענען פעיק צו טון. דער מענטש־לעכער געדאַנק איז שטענדיק טעטיק, וועקט אים נאָר אויף און ער וועט שטרעבן צו אמת און צו גערעכטיקייט".

איך בין זיכער, אַז די קולטורעלע אַרבעט פון וו. ג. האָט אויפגעוועקט ביי אַ גרויסן טייל רוסישע מענטשן דאָס איינגע־שלאָפענע באַוווסטזיין פון גערעכטיקייט. ער האָט זיך אָפּגעגעבן דער גערעכטיקייט מיט אַזאַ זעלטענער גאַנצער אָנשטרענגונג, ביי וועלכער דאָס געפיל און דער שכל באַהעפטנדיק זיך האַר־מאָניש צוזאַמען, דערגרייכן צו אַ טיפער רעליגיעזער ליידנשאַפט. ער האָט דוכט זיך געזען און געשפּירט די גערעכטיקייט, ווי אַלע אַנדערע בעסטע חלומות, זי איז אַ רוח, באַשאַפן דורך דעם מענטשלעכן גייסט, אַ רוח וואָס זוכט זיך צו פאַרקערפּערן אין ממשותדיקע פאָרמען.

צום שאָדן פון זיין קינסטלערישן טאַלאַנט, ער נישט־

מיד־ווערנדיק אָפּגעגעבן זיין ענערגיע פֿאַר דעם אומאויפֿהערלעכן קאַמף מיט דער הונדערטקעפּיקער פֿאַרזעעניש, וואָס דאָס פֿאַנ־טאַסטישע רוסישע לעבן האָט אויסגעפּאַשעט.

די האַרבע פֿאָרמען פֿון דעם רעוואָלוציאָנערן געדאַנק, פֿון דער רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט, האָבן באַאומרויקט און גע־פּייניקט זיין האַרץ, דאָס האַרץ פֿון אַ מענטשן, וואָס האָט ליידנ־שאַפֿטלעך געליבט די שיינקייט — גערעכטיקייט, געזוכט צו־זאַמענצוגיסן עס אין איין איינהייט. נאָר ער האָט פֿעסט גע־גלויבט אין דעם באַלדיקן אויפֿגאַנג פֿון די שאַפֿנדיקע כּוחות פֿון לאַנד — און האָט פֿאָרגעפֿילט, אַז דער נס פֿון דעם פֿאָלקס תּחית־המתים וועט זיין אַ שרעקלעכער נס.

אין 908 יאָר האָט ער געשריבן:

„אַלץ וואָס ווערט איצט געטון, וועט זיך אין עטלעכע יאָר אָרום אָפּרופֿן מיט אַ וווּלקאַנישן אויפֿרייס, שרעקלעכע טעג וועלן דאָס זיין. נאָר ער וועט געשען, אויב די נשמה פֿון פֿאָלק איז לעבעדיק, און זיין נשמה לעבט".

אין 87 יאָר האָט ער פֿאַרענדיקט זיין דערציילונג „ערב דער פֿאַרפֿינסטערונג" מיט נ. בערגס פֿערזן.

„עס קרייען די הענער אין הייליקן רוסלאַנד,<br>
באַלד וועט שוין טאָגן אין הייליקן רוסלאַנד".

דעם גאַנצן לעבן איז ער מיט אַ שווערן וועג פֿון אַ העלד געגאַנגען אַנטקעגן דעם טאָג און עס איז נישט אויסצורעכענען, וואָס וו. ג. קאָראָלענקאָ האָט אויפֿגעטון, און אַלץ, כּדי צו צואיילן דעם באַגינען פֿון דעם דאָזיקן טאָג.

---